STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07182

ZAKHN TSUM LAKHN

Abe Hershkowitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאַכן צום לאַכן

זאגן צום לאגן

פון

אב. הערשקאוויץ

אַרויסגעגעבן פון

אַ גרופּע פרייַנט פון דער ניו־יאָרק דזשאָינט באָארד
אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס אָוו אַמעריקע

ניו־יאָרק, 1954

ZACHEN TZUM LACHEN

by

ABE HERSHKOWITZ

★

The Wit and Humor of the Jewish Labor Movement in America

★

Laughs From the Life of the Great Workmen's Circle

★

A Collection of the Biting Humor of the Russian People
About Their Existence in "Stalin's Paradise"

★

Examples of How the Jews in Israel Can Poke Fun
at Themselves While They Build a Nation

★

A Collection of Humorous Stories and Anecdotes
To Bring a Smile and Make a Point

Copyright 1954, by
Abe Hershkowitz
New York, N. Y.

Published by
A GROUP OF FRIENDS OF THE NEW YORK JOINT BOARD OF
THE AMALGAMATED CLOTHING WORKERS OF AMERICA

אילוסטריט פון לאָלאַ
שער־בלאַט געצייכנט פון שאול ראַסקין
געזעצט פון אביער פרעס

Printed in U.S.A., by
Trio Press, Inc., 37 East 18th Street, New York 3, N. Y. 266

געווידמעט מיינע אייניקלעך

סטעפאַניע — מערילין

באַבי — שעריל

קענעטה — לאַרי

Dedicated to my Grand-Children

Stephanie — Marilyn

Bobby — Cheryl

Kenneth — Larry

מיט טיפע דאנקבארקייט צו די פירער פון דער אמאלגאמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס און די אינטערנעשאָנאַל לײדיס גארמענט וואָירקערס, וואָס האָבן מיט זייער מאַטעריעלער הילף מעגלעך געמאַכט איך זאָל קאָנען ארויסגעבן דאָס בוך.

דזשעיקאָב ס. פּאָטאָפּסקי	דייוויד דובינסקי
לואיס האָלענדער	איזידאָר נאַגלער
אברהם מילער	טשאַרלס זימערמאַן
מאָרי וויינשטיין	לואיס נעלסאָן
דייוויד א. מאָנאַס	לואיס סטאָלבערג
דזשאָזעף דאָרפמאַן	איזראעל האָראָוויץ
דזשאָזעף גאָלד	הערי גרינבערג
מאָריס בלומענרייך	דזשאָזעף טאָווים
אב גאָלדשטיין	דזשאָזעף ברעסלאו
מאיר באָרענשטיין	דייוויד גינגאָלד
היימאַן בעקער	דזשאַרדזש רובין
נייטן אדעסט	טשאַרלס קריינדלער
דזשוליוס פרענקעל	מארטין ל. קאָהן
משאַרלס דעל-דזשאקאָ	דזשעק ספּיטצער

אינהאַלט

פאָרוואָרט ... 13
אַ וואָרט פונעם מחבר ... 15

טרעיד־יוניאָן מעשהלעך

אַמעריקאַנער „מאַרטירער" ... 19
די יידישע שפּראַך אין די יוניאָנס ... 30
וועלוול און זיין באָס ... 33
וואו איז אַהינגעקומען די קאָמיטע? ... 37
ער מאַכט זיך אַליין אַ „גענעראַל סטרייק" ... 39
יונה כאַפּער ... 42
ער האָט זיך ענדלעך איבערצייגט, אַז די פּיקעט קאָמיטע טוט גוטע אַרבעט ... 46
ווער איז מיסטער טאָטל? ... 49
דריי צי איינס ... 52
„מאַקסעלע דער טרוימער" ... 54
די קאָמיטע וואָס איז געקומען פאַרקויפן שערס פאַר בירא־בידזשאַן ... 58
אַ נאַסע טרעין ... 61
ווי אַזוי די קאָמוניסטן האָבן דורכגעפירט אַ „פאַראייניקטן פראָנט" ... 63
פאַרוואָס ער דאַרף שוין ניט די יוניאָן־הילף ... 66
יוניאָן עלעקשאָן־ליטעראַטור ... 68
אַמאָליקע פינאַנץ־באַריכטן אין די יוניאָנס ... 70
ווי אַזוי דער לאָקאַל איז נאָכגעקומען דעם באַשלוס פון זייער אינטערנעשאָנאַל ... 73
ער איז שוין גאָר נישט קיין ויזתא ... 75
אַ סורפּרייז באַנקעט ... 77
פאַר אַ יוניאָן־געריכט ... 79
וואָס וואָלט געווען ווען דער הונט כאַפּט שוין די באָן? ... 81
פאַרוואָס דער אורח איז נאָך געבליבן אויף שבת ... 83
אַ נערוועזער פאָליסמאַן ... 86
ווער איז אַ גרעסערער פּרעזידענט? ... 89
פאַרוואָס ער איז געווען געצוואונגען אָנצושטעלן די צוויי בעל־מלאכות ... 90
באַרימטע טשערלייט ... 92
אַ פּשוטע דערקלערונג פון אַ טשערמאַן וועגן „דריטן אינטער־נאַציאָנאַל" ... 93
אַן אויסטייטשונג פון אַ טשערמאַן ... 95
ווען אַ טשערמאַן דאַרף זאָגן „סאָבסטיטוט" ... 97
דער טשערמאַן וואָס האַלט ניט פון דאַרווינס טעאָריע ... 97
אַן איינפאַל פון אַ טשערמאַן ביי אַן „אָפּען־עיר" מיטינג ... 99
אַ באַריכט פון אַ טשערמאַן ... 100
וואָס איז קאָלעקטיוו באַרגענינג? ... 101
אַ משל פון אַ יוניאָן אָרגאַנייזער ... 103
אַ בריוו וואָס אַ דעלעגאַט צו אַן אַמאַלגאַמעיטעד קאָנווענשאָן שרייבט צו זיין יידענע ... 106
מיט עטלעכע יוניאָן־פירער אין אַ באַן נאָך וואַשינגטאָן ... 114
קומט זיי בענעפיט? ... 114
פאַרוואָס הויזן זיינען וויכטיקער ווי די אַנדערע קליידער ... 116
פאַרוואָס ער האָט נישט געשטימט פאַר די „רענק און פאַיל" קאַנדידאַטן ... 117

וואָס אַן אַמאַלגאַמעיטעד טועך דערציילט 118
פאַרוואָס ער טראָגט אַזאַ טייערן אָווערקאָוט 119
וואָס מיר האָבן געהערט וועגן ישראל פיינבערג 120
מאָרים אשפיז נעמט אויך דאָס וואָרט 121
ביי אַ קאָמוניסטישע פּיקעט־דעמאָנסטראַציע 122
פּאָלקלאָר ביי די מילינערי אַרבעטער 124
אַ מילינערי אַרבעטער וואָס מאַכט אַ לעבן פון ימים טובים 124
אין הוואווערס צייטן 125
אַ מילינערי אַרבעטער וואָס איילט זיך נישט מער 125
טשיקאַווע פּאַסירונגען אין די יוניאָנס 127
ווער מאַכט אָפּ די אַרבעט? 127
פאַרוואָס די צוויי אַרבעטער האָבן זיך צעשלאָגן? 128
ער שטייט „שמונה עשרה" 129
וואָס איז, איך בין נישט קיין ייד? 129
דער „האָלאַנד טונעל" 130
געהערט און געזען ביי אַ קאָמוניסטישע ערשטער־מאַי־
דעמאָנסטראַציע 131

פון דעם אַרבעטער רינג קוואַל

די פּאָליטישע פּלאַטפאָרמע פאַר קאַנדידאַטן צו דער נאַציאָנאַלער
עקזעקוטיווע פון אַרבעטער רינג 139
דער נייער ליטעראַטור־קריטיקער אויף דער יידישער גאַס 144
ווי אַזוי כאַנין האָט צוויי מאָל פאַרבלאָנדזשעט 148
ביי אַ פרעמדע לוויה 152
יאַנקעלע ראָבערטס 155
צוויי בריוו און אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג 164
אינטערוויוס מיט די אַרבעטער רינג פירער 172
מען שיקט מיך צו האָבן אַן אינטערוויו מיטן נייעם סעקרעטער פון
אַרבעטער רינג 177
הערץ גראָסבאַרד און דער „צעשיסער" 183
ווי אַזוי יודל בערנשטיין האָט מיך גענומען פאַר אַ „ראַיד" און
פאַרפירט צו סידאָר בעלאַרסקין אין הויז 187
אויפן באַן מיט די ניו־יאָרקער א. ר. דעלעגאַטן צו אַ קאָנווענשאָן
אין באָסטאָן 191
אַ בריוועלע צו אַ פריינט 194
אַן אָנשיקעניש אַזאַ 198
ווען איך בין ישורין... 203
חיים בער זוסמאַן 206
„בערעלע", כאַנינס יאַטל, באַגריסט זיין דעדי צו זיין זעכציקסטן
בוירטדעי 209
איך נאָמינירט אַ קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט 212
מיר געפעלט אַמעריקע 214
אַ באַגעגעניש מיט אַ שוואַרץ־הנעוודיק ווייבל 217
דער לעיק אין אַרבעטער רינג קעמפּ 220
ווי אַזוי דער „בעזים" ווערט רעדאַגירט 221
איך בין געוואָרן לענגער פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג ווי אַ פּראַים־
מיניסטער אין פראַנקרייך, — זאָגט עבעריל 224
איטיקאַ און יוטיקאַ, אַ מעשה פון צוויי שטעטלעך פון וועלכע מאַקס
גאָפּט האָט געהאַט געבערענטע צרות 228

אין סאָוועט־רוסלאַנד לאַכט מען אויך

ווי אזוי מ'האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד געפייערט פושקינס אַנדענק 233
טעמפּאָ 237
זיי האָבן זיך ענדלעך מודה געווען 239
אַן ענגלישע קאָמיסיע ביי לענינען 240
זעקס געבאָטן וואָס אַ סאָוועטישער בירגער מוז שטרענג אָפּהיטן 241
ראַטעווועט! 242
דעם יידן געפעלן נישט די בילדער 244
עס מוז זיין אַ טעות 245
טרומאַן און סטאַלין 246
יידישער געדולט 247
אַ ייד וואָס לעבט קוים 248
מאַקסים ליטווינאָווס באַזוך ביי אַ יידישן קאָלכאָז 249
וואָס אַן אַמעריקאַנער ייד האָט געזען אין סאָוועט רוסלאַנד 251
לעאָן טראָצקיס טאַטע באַזוכט זיין זון אין קרעמלין 253
ווי אזוי לענין האָט זיי באַפרייט פון די קייטן 255
רוסישע וואַלוטע 257
די עלטסטע פּראָפעסיע אין דער וועלט 259
וואָס אַ יידן קאָן איינפאַלן 260
אַ ייד וואָס האָט נישט קיין צוטרוי צו זיך 261
אַ רוסישער גאַסט אין לאָנדאָן 262
וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט אַלץ 264
אַ וואַזשנע קאָמיסיע ביי סטאַלינען 265
פון וואַנען אַ ייד אין רוסלאַנד מאַכט אַ לעבן 266
משווירטשיל אין סאָוועט־רוסלאַנד 267
אַ בערישע טובה 268
געדאַנקט גאָט 269
געהויבענע געסט צו אַ בר־מצוה פּאַרטי 270
דער גאָלדענער זייגער אויפן רויטן סקווער 271
סטאַלין און זיין זייגער 272
קאַרל ראַדעק און סטאַלין 273
וואָס אַ רוסיש־יידישער קאָמיסאַר שרייבט צו זיין קאָזין אין די בראָנקס 274
לאָמיר דאַווענען מנחה 275
ער לייענט ניט די „פּראַוודאַ" 276
ער האָט אַ סטעדי דזשאָב 277
טראָצקי און ראָזענבוים 278
אַ געשפּרעך צווישן אַן אַמעריקאַנער, ענגלישן און רוסישן סאָלדאַט 279
אין רוסלאַנד טאָר קיינער ניט זאָגן יאָ 280
דער ענטוישטער שול־אינספּעקטאָר 281
ווי אזוי אַ רוסישער קאָמיסאַר מאַטערט אַ יידן מיט פראַגן 282
אַלץ הייסט געלעבט 283
אין רוסלאַנד וועט יעדערער פאַרמאָגן אַן עראָפּלאַן 284

ווי אַזוי יידן אין ישראל וויצלען זיך

וואו געפינט זיך משה רבנוס שטעקן מיט וועלכע ער האָט געשפּאָלטן דעם ים? 287
אַ מיידל וואָס איז געקומען צו בן־גוריון נאָך אַן עצה 290

דער ענגלישער גענעראַל מאָנטגאָמערי ביים כותל מערבי 292
דעם רבינס עצה 293
פון דעם בלאָף איז טאַקע געוואָרן אַן אמת 294
די יידענע וואָס איז געצוואונגען צו ריידן העברעאיש 295
אַ געהויבענע מיינונג וועגן בן גוריונען 296
איר זייט מיט מיר ברוגז? 296
ווען די מאַמע וואָלט געוואוסט 297
דער ייד וואָס האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד 298
אַן אַמעריקאַנער טוריסט באַזוכט די „זו" אין תל אביב 299
דעם כותל מערבי וואָלט מען באַדאַרפט מופן... 300
פאַרוואָס ביי דעם ייד איז יום טוב 301
אַ גלייכער חשבון 302
אַזאַ אומגליק 302
פאַרוואָס דער ייד האָט אַ שוואַכע שטימע 303
דער ייד וואָס נויטיקט זיך אין פינף „פרידזשידעירס" 304
אין ישראל עסן הינער ציבעלעס 305
ווי אַזוי יידן גיבן עצות בן גוריונען 306
געראָטן אין זיידן 307

אַלגעמיינע שפּאַסן און וויצן

פאַרוואָס ער האָט עטלעכע מאָל געזען אַ מואווי 311
יידישער מיליטערישער דיסציפלין 314
דעם יידנס איינציקער פאַרלאַנג 315
„דאַנקבאַרקייט" 316
כאַפּט אַ גנב! 317
אַ ייד וואָס איז באַגייסטערט פאַר די דייטשן 319
פעטער, איר האָט שוין ווידער געזינדיקט? 321
ווען צוויי בלאָפערס באַגעגענען זיך 323
איר זון וואָס ווייסט זיין אָפּשטאַמונג 326
דער מגיד אין אַ ברוקלינער שול 327
אַמעריקאַנער יידישקייט 328
וואָס צוויי פוילישע יידן האָבן געגליכן אין פאַריז 330
וואָס קען נעבעך דער לענדלאָרד טאָן? 331
קלאַרענס דאַראָוס בייסענדע סאַטירע 332
ווי אַזוי וויל ראַדזשערס האָט געמאַכט לאַכן קולידזשן 334
וויל ראַדזשערס אין סאָוועט־רוסלאַנד 335
איך גיי אין די הייזער בעטן אַז מ'זאָל פאַר מיר שטימען פאַר אַ
פּאָליטישן אמט 337
זאָל זיין פון אַ טערק, אַבי צו לעבן 340
מען אַרעסטירט אַ יידן פאַר רויבערן אין סאָבווי 341
וואָס דער „פרינץ אָוו וועילס" ווייסט ניט וועגן אַמעריקע 342
וואָס די אַלמנה האָט געענטפערט דעם חזן 344
שופן בלאָזן 345
ער פאַרלאַנגט בלויז אַ קלייניקייט 346
דער באַשיידענער פּאָליטישן 348
אַ קאָמוניסט וואָס האָט נעבעך נישט געהאַט קיין מזל 349

אב. הערשקאָוויץ (אַווערמל)

פאָרוואָרט

דאָס ערשטע בוך פון אב. הערשקאָוויץ „אַזוי לאַכט אַ שניידער" האָט באַוויזן, אַז דער מחבר איז אַ פלייסיקער זאַמלער פון אַנעקדאָטן און הומאָריסטישע עפּיזאָדן פון אַ ספּעציעלער סביבה, טראָץ דעם וואָס ער איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער. דאָס איז געווען די סביבה פון יידישע שניידער, וועלכע וויסן ווי צו געפינען דערלייכטערונג אין אַ ביסל אַפּלאַכעריי פון אייגענע צרות.

די פאַרשפּרייטונג פון יענעם בוך האָט אים דערמוטיקט אויסצובריייטערן זיינע זאַמלונגען און אַרויסגעבן דאָס צווייטע בוך „זאַכן צום לאַכן". דאָס בוך שליסט שוין איין דעם הומאָר פון פינף פאַרשידענע סביבות — די יוניאָנס, דעם אַרבעטער רינג, סאָוועט רוסלאַנד, מדינת ישראל און שפּאַס פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

מיט זיין געזונטן חוש פאַר הומאָר און דעם חשק איבערצודערציילן אַ גוטן שפּאַס, האָט אים פאַר זיין ערשטן בוך רעקאָמענדירט דאָס וואָס ער איז יאָרן-לאַנג געווען אַן אַרבעטער אין שניידערשעפּער. זיינע איצטיקע זאַמלונגען זענען געבויט אויף זיין פלייסיקייט קיינמאָל נישט צו לאָזן אַ וויץ אַנטלויפן. און אַזוי ווי דער מחבר איז אַ טעטיקער מענטש אין פאַרשידענע קרייזן, האָבן מיר דאָ אַ היפּשע זאַמלונג פון שפּאַס און געלעכטער פון אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

עס איז איבעריק צו פאַרשפּרייטן זיך וועגן ליטעראַטור אויסצייכנונג דאָרט, וואו די ריכטקע מאָס דאַרף זיין די פאַרשפּרייטונג פון שפּאַס און געלעכטער. דאָס וועט דער לעזער געפינען אין הערשקאָוויצעס נייעם בוך אין אַ פולער מאָס.

מאַרק שווייד

זאַכן צום לאַכן

דאָס בוך וואָס איר האַלט אין האַנט האָב איך אַ נאָמען געגעבן „זאַכן צום לאַכן״. איך ווייס נישט צו דער דאָזיקער נאָמען איז אַ געלונגענער, און צי איר וועט לאַכן... איבערלייענען דאָס ביכל דאַרפט איר סיי ווי, איר וועט הנאה האָבן פון די דאָזיקע מעשהלעך, און איר וועט אפשר אויך לאַכן.

די מעשהלעך וואָס איר וועט געפינען אין דעם ביכל, האָב איך געזאַמלט אין דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע, צו ברענגען אייך אין דעם בוך די טיפּן, וואָס זיינען אייך גוט באַקאַנט...

אין דער זאַמלונג, וועט איר געפינען מעשהלעך, אינטערוויוס מיט באַקאַנטע מענטשן און אַנעקדאָטן, וואָס די מערסטע פון זיי זענען שוין געווען געדרוקט אין פאַרשידענע צייטונגען און צייט־שריפטן. דאָס זיינען מעשהלעך פון דער יידישער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, שפּאַסיקע פּעליעטאָנען און אינטערוויוס מיט די פירער פון דער גרויסער אַרבעטער רינג משפחה. איר וועט אויך הנאה האָבן פון די הומאָריסטישע זאַכן וואָס איך האָב געזאַמלט ווי דאָס רוסישע פאָלק לאַכט פון סטאַלינס מלוכה, און פון די וויצן וואָס יידן האָבן געשאַפן אין ישראל אויפן חשבון פון זייער ביטערער עקאָנאָמישער לאַגע.

דער גרעסטער טייל פון די מעשהלעך און שפּאַסן, זיינען שוין געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס״ און אין אַנדערע אויסגאַבן. אין דעם בוך גייען אויך אַריין עטלעכע זאַכן פון מיין בוך „אַט אַזוי לאַכט אַ שניידער״ וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1947.

נעמט אָן מיין ראַטה און שפּאַרט אָפּ אַביסל צייט און לייענט די מעשהלעך. טאָמער וועט איר נישט לאַכן, וועט דאָס נישט זיין די שולד פון מיין בוך נאָר עפּעס איז דער מער מיט אייך וואָס

זאכן צום לאכן

איר זייט נישט „מיט אלעמען” און איר מוזט גלייך זען א „סייקא־טריסט” (א פסיכיאטאר בלע”ז), וואס זאל אייך אונטערזוכן... טאמער וועט איר יא לאכן, מעגט איר דאס אננעמען פאר א סימן אז איר זייט א געזונטער מענטש און איר דארפט זיך נישט זארגן...

דער מחבר

טרעיד־יוניאָן מעשהלעך

יידישע אַרבעטער זיינען ניט נאָר געווען גוטע קעמפער,
זיי האָבן אויך געקאָנט לאַכן.

געזאַמלטע מעשהלעך, וויצן און פאָלקלאָר פון אונדזער
יידישער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג.

אַמעריקאַנער „מאַרטירער״

אַ מאָנאָלאָג פון אַ יוניאָן־טוער

א.

— „איר הערט!״ — שטעלט מיך אָפּ אין גאַס אַ באַקאַנטער יוניאָן־טוער און נעמט מיך טרייסלען ביים לאַץ פון ראָק — „כ׳האָב אייך צו דערציילן אַ מעשה וואָס איז ווערט איר זאָלט זי באַ־שרייבן אין די „פּייפּערס״. איך זאָג אייך אַזאַ מעשה קאָן נאָר טרעפן דאָ אין אַמעריקע, ווייל נאָר אויף דער אַמעריקאַנער ערד קאָנען אויסוואַקסן אַזעלכע פּירות, איך מיין, אַזעלכע העלדן און מאַרטירערס. נישקשה, איר מעגט הערן די מעשה, איר וועט הנאה האָבן, און ווען איר וועט עס באַשרייבן, וועלן מענטשן וואָס וועלן לייענען, קייכן פון געלעכטער״.

מיט אַזעלכע רייד איז דער דאָזיקער יוניאָן־טוער מיך באַפאַלן און ער איז באַשטאַנען אַז, נישט אַנדערש, איך מוז מיט אים אריינגיין אין אַ רעסטאָראַן און דאָרט אין רעסטאָראַן וועט ער מיר „פּאַדראָבנע״ דערציילן די מעשה וועגן דעם העלד און מאַר־טירער פון זיין יוניאָן, וואָס איז כדאי צו באַשרייבן אין די בלעטער.

אַז מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין רעסטאָראַן ביי אַ טיש האָט מיין פריינד גענומען דערציילן זיין מעשה:

— „איר זייט דאָך זיכער באַקאַנט״ — האָט ער אָנגעהויבן — „מיט דער געשיכטע פון אַרבעטער־מאַרטירערס אויף יענער זייט ים און אויך דאָ אין אַמעריקע. אַ מאַרטירער ווייסט איר, איז איינער וואָס האָט זיך מקריב געווען און זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך צו קעמפן פאַר זיינע פּרינציפּן. אָבער אַזאַ „מאַר־טירער״, וועגן וועמען איך וועל אייך איצט דערציילן, קאָן

געבוירן ווערן נאָר אין אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקע. הערט און וואונ־דערט זיך!"

***

— די מעשה האָט געטראָפן אין אַ קליין שטעטל, אין דזשווירזי, אַ שטעטל אַזוי ווי אַלע אַמעריקאַנער שטעטלעך. אין דעם דאָזיקן שטעטל האָבן געוואוינט עטלעכע טויזנט גויים און אַרום דריי הונדערט יידישע פאַמיליעס. די גויים און די יידן האָבן אין משך פון יאָרן געלעבט אין שלום צווישן זיך. די יידן האָבן געפירט געשעפטן, און די גויים האָבן זיך באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע מלאכות און אויך געאַרבעט אין די עטלעכע פאַבריקן פון שטעטל, פאַבריקן וואָס האָבן נישט באַלאַנגט צו די יידישע טריידס.

טרעפט זיך אַזאַ מעשה. איין מאָל, אין אַ פינצטערער נאַכט, זיינען צו די פאַבריקן צוגעפאָרן עטלעכע שווערע טראָקס, לאַסט־טרעגערס זיינען אַריין אינעווייניק, אַרויסגענומען אַלע מאַשינען — אַזוי אַז עס זיינען פאַרבליבען נאָר פיר ליידיקע ווענט — אַרויפ־געפאַקט די מאַשינען אויף די טראָקס און פאַרשוואונדן אין דער פינצטערער נאַכט אַריין. אין שטעטל זיינען פאַרבליבן די פאַבריקן מיט די פיר ליידיקע ווענט און עטלעכע הונדערט אַרבעטסלאָזע גויים מיט זייערע פאַמיליעס, זיינען געוואָרן ברויטלאָז. גיי שריי חי וקיים!

זיינען דאָך אָבער פאַראַן יידן וואָס מוזן שטעקן זייער נאָז אומעטום, אַפילו דאָרט וואו מען דאַרף זיי ניט און מען בעט זיי ניט. דאַכט זיך, וואָס איז דאָס זייער עסק וואָס עטלעכע הונדערט גויים זיינען געבליבן אַרבעטסלאָז? זאָלן זיי, די גויים, ברעכן זיך די קעפּ און זוכן מיטלען צו געפינען באַשעפטיקונג פאַר די, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע דזשאָבס.

מוזן דאָך אָבער די יידן ווייזן אַז זיי זיינען גאַנצע קנאַקערס, רופן זיי צונויף דאָס גאַנצע שטעטל צו אַ פּראָטעסט פאַרזאַמלונג קעגן די באַלעבאַטים וואָס האָבן אַרויסגעפירט די פאַבריקן. ווערט איר דאָך אוודאי מיינען אַז די דאָזיקע פּראָטעסטירערס האָבן עפּעס געטאָן קעגן די באַלעבאַטים וואָס זיינען אַנטלאָפן פון

שטעטל. מאַכט איר אַ טעות! די פאַרזאַמלונג האָט דערוויילט אַ קאָמיטע, ניט חלילה צו צווינגען די אַנטלאָפענע באַלעבאַטים צוריק צו ברענגען די פאַבריקן אין שטעטל, נאָר צו זען ברענגען אין שטעטל אַנדערע באַלעבאַטים פון אַנדערע טרעידס און עפענען נייע פאַבריקן.

ב.

צום שלים-מזל פון אונדזער יוניאָן האָט די קאָמיטע זיך געווענדט צו עטלעכע באַלעבאַטים פון אונדזער אינדוסטריע, זיי צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן און זיי באַוואוויגן זיך אַריינצוקלייבן מיט זייערע פאַבריקן אין שטעטל. די טשעמבער אָוו קאָמערס האָט זיי פאַרזיכערט אַז פאַר פינף יאָר צייט וועלן זיי ניט דאַרפן צאָלן קיין רענט. די שטאָט-רעגירונג האָט זיי פאַרזיכערט אַז מיילן ווייט פון די פאַבריקן וועט מען ניט צולאָזן קיין יוניאָן-אָרגאַנייזער, און זיי וועלען קאָנען טאָן וואָס זייער האַרץ גלוסט. ס'וועט זיי זיין גוט ווי גאָט אין אָדעס.

די פאַרהאַנדלונגען צווישן די פירערס פון שטעטל און די באַלעבאַטים פון אונדזער אינדוסטריע אין ניו-יאָרק זיינען נאַטיר־לעך פאָרגעקומען בסוד סודות. און אין איין שיינער נאַכט, פונקט ווי אין יענער פינצטערער נאַכט, פון וועלכער עס האָבן זיך אָנ־געהויבן אַלע צרות, זיינען אין שטעטל צו די פאַבריק-געביידעס צוגעפאָרן עטלעכע טראָקס פון ניו-יאָרק, אָבער דאָס מאָל ניט קיין ליידיקע, נאָר אָנגעלאָדענע מיט פאַרשיידענע מאַשינען. אויף גיך האָבן זיך די טראָקס אויסגעליידיקט פון אַלע מאַשינען און פאַרשוואונדן אין דער נאַכט.

צו מאָרגנס ווען אונדזערע יוניאָן-באַאַמטע זיינען ווי גע־וויינלעך געקומען אין אָפיס אין ניו-יאָרק, האָבן זיי צו זייער איבער־ראַשונג שוין דאָרטן געפונען אַ גרויסן עולם אַרבעטער. ס'האָט אויסגעזען פונקט ווי אין אַ טאָג פון אַ גענעראַל-סטרייק. מען האָט זיך באַלד דערוואוסט וואָס עס איז געשען, די אַרבעטער האָבן געוואָלדעוועט אַז ווען זיי זיינען געקומען אין דער פרי צו דער אַרבעט, האָבן זיי געפונען די שעפער אויסגעליידיקטע און

פארהאקטע. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע סומאַטאָכע און די גאַנצע יוניאָן איז געגאַנגען אויף רעדלעך.

די פירער פון דער יוניאָן און די אַרבעטער זיינען געווען שטאַרק דערשלאָגן. אין דעם טרעיד איז בכלל ניט געווען קיין צו פיל באַשעפטיקונג, די באַלעבאַטים וואָס זיינען איבערגעבליבן אין שטאָט זיינען וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ פרעכער. אין דער יוניאָן האָט געהערשט אַן אמתער תשעה-באב-שטימונג.

נאָך פיל באַראַטונגען האָט מען באַשלאָסן צו באַשטימען אַן אָרגאַנייזער וואָס זאָל ערשטנס, אויסגעפינען וואו די דאַזיקע באַלע־באַטים זיינען פאַרשוואונדן, און צווייטנס זאָל די יוניאָן ניט זשאַלעווען קיין געלט און מי כדי אַנצולערנען די דאַזיקע באַלע־באַטים און צוריקברענגען די פאַבריקן אין ניו-יאָרק.

פאַר דעם דזשאָב האָט די יוניאָן באַשטימט איינעם מאָטלען. מאָטל איז געווען אַ ייד אַ קאַלטבלוטיקער, וואָס ווערט קיין מאָל ניט אויפגערעגט, ווען ס׳זאָל אפילו ברענען אונטער די פיס. ווען אַלע אין דער יוניאָן זיינען אַרומגעגאַנגען ווי צעמישטע, האָט מאָטל רואיק געררייכערט זיין ליולקע אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט ניט פּאַסירט. אָט צו דעם דאַזיקן יידן האָט דאָס אונדזער יוניאָן איבערגעגעבן דעם דזשאָב צוריקצוברענגען די אַנטלאָפענע פאַב־ריקן.

ג.

ביז מאָטל האָט אויסגעפונען וואוהין די באַלעבאַטים זיינען אַנטלאָפן, האָבן זיי דערווייל באַוויזן זיך גוט איינצובירגערן אין דעם שטעטל. אַלע אַרבעטער אינעם שטעטל, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט ביי די פריערדיקע באַלעבאַטים, האָבן געאַרבעט ביי די נייע באַלעבאַטים. זיי האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעלערנט די מלאכה.

מאָטל האָט געהאַט פאַר זיך אַ שווערע אויפגאַבע. קומען צו די אַרבעטער אַז זיי זאָלן ניט אַרבעטן פאַר די דאַזיקע באַלע־באַטים, ווייל זיי נעמען אַוועק דעם ביסן ברויט ביי ניו-יאָרקער אַרבעטער, וועלן זיי אים הערן ווי אַ קאַץ. זאָל ער זיי אָרגאַניזירן

אין אַ יוניאַן און מיט דעם צושטימען אַז די פּאַבריקן זאָלן אין שטעטל פאַרבלייבן? וואָס וועלן זאָגן אויף דעם די אַרבעטער אין ניו־יאָרק? ס'איז מאָטלען ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. זיין לאַגע איז ניט געווען קיין זיסע. איין זאַך האָט אונדזער מאָטל געוואוסט אַז ער מוז גיך האַנדלען און עפּעס באַווייזן, אַז ניט איז זיין רעפּוטאַציע אין קאָן, און מאָטל האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אין אָנהייב איז מאָטלען צוגעגאַנגען זייער שווער, דער מעיאָר פון שטאָט און די פּאָליציי זיינען צו אים געווען זייער שטרענג, זיי האָבן אים געסטראַשעט אַז זיי וועלן אים פאַרטרייבן פון שטאָט. יעדער מאָל ווען ער האָט זיך באַוויזן אַרום די פּאַב־ריקן האָבן אים די פּאָליציי און סתם שטאַרקע פאַרטריבן און דערביי געשריען „גאָו בעק טו ניו־יאָרק".

מאָטל איז געווען אויף גרויסע צרות, צוריק קומען אין ניו־יאָרק און זאָגן זיינע ברידער־אַרבעטער אַז ער קאָן גאָרנישט ניט אויפטאָן איז אונדזער מאָטלען ניט אָנגעשטאַנען. איז וואָס זשע האָט ער פאַרט געטאָן? אָט הערט: אין איין שיינעם העלן טאָג האָט אונזער אָרגאַנייזער זיך באַוויזן אין ניו־יאָרק, געהאַט אַ מיטינג מיט די יוניאָן־באַאַמטע און זיי פאָרגעלייגט אַ פּלאַן אַז די יוניאָן זאָל דינגען עטלעכע גרויסע „באָסעס", אַרויפזעצן אויף זיי די אַרבעטער וואָס האָבן פאַרלוירן די באַשעפטיקונג ביי די אַנטלאָפענע באַלעבאַטים פון ניו־יאָרק, אַריינפאָרן מיט זיי אין שטעטל און מאַכן אַ סקאַנדאַל וואָס זאָל אויפטרייסלען די עפנט־לעכע מיינונג פון שטעטל און פון גאַנץ אַמעריקע. זאָל מען ווייזן אַז מען קאָן ניט, דיר ניט מיר ניט, אַוועקנעמען דאָס שטיקל ברויט ביי הונדערטער מענטשן און ס'זאָל זיין שאַ, שטיל.

און כך־הווה. אין אַ שיינעם ליכטיקן זומערדיקן נאָכמיטאָג זיינען אין שטעטל אַריינגעפאָרן עטלעכע באָסעס געפּאַקט מיט מענטשן. דער קאַראַוואַן איז צוגעפאָרן צו די פּאַבריקן און זיי גענומען שטורמען מיט געשרייען און געוואַלדן, אַז עס אַרבעטן אין זיי סקעבס. דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם, עס זיינען אָנגעקומען פּאָליציי מיטן מעיאָר בראש. עס זיינען פאָרגעקומען

עטלעכע צוזאַמענשטויסן צווישן די שטאַרקע וואָס די באַלעבאַטים האָבן אַרויסגעשיקט מיט די ניי אָנגעקומענע געסט. אַ סך האָט מען אַרעסטירט. צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען אונדזער מאָטל. אויף מאָטלען איז די קלאָגע געווען גאָר אַ שווערע, ער איז געמ־לעך באַשולדיקט געוואָרן אַז ער איז עס געווען דער גאַנצער פאַרשווערער פונעם פּלאַן צו ברענגען דעם עולם פון ניו־יאָרק און מען האָט אים פאַרהאַלטן אויף עטלעכע טויזנט דאָלער בעיל.

עס פאַרשטייט זיך אַז אונדזער אָרגאַנייזער איז לאַנג אין חד גדיא ניט געזעסן, די יוניאָן האָט גלייך געשאַפן די נייטיקע סומע און אים באַפרייט ביז דעם משפּט. דערביי האָבן אים די ריכטער אָנגעזאָגט, אַז זיין געביין טאָר זיך ניט באַווייזן אין שטעטל. מאָטל האָט אויסגעפאָלגט, אַ ברירה האָט ער געהאַט?

ד.

דערווייל איז מאָטל געוואָרן דער גרעסטער העלד אין אונדזער יוניאָן. נאָך דעם ווי די יוניאָן האָט אים אַרויסגענומען אויף בעיל איז ער פון ניו־יאָרק אין גאַנצן פאַרשוואונדן, קיינער האָט ניט געוואוסט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען, ווי אין וואַסער אַריין.

ערשט מיט אַ צייט שפּעטער איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס מיר האָבן מאָטלען פאַר אונדזערע אויגן ניט געזען אַזאַ לאַנגע צייט. הערט אָן איינפאַל פון אַ יידן:

דער ערגסטער שונא אונדזערער אינעם שטעטל איז געווען דער מעיאָר. עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער מעיאָר איז דאָס געווען דער גאַנצער פאַרשווערער פון דעם פּלאַן אַריבערצוברענגען די פאַבריקן אין זיין שטעטעלע. אחוץ דעם האָט דער מעיאָר געגעבן אַ פאַראָרדענונג צו דער פאָליציי צו זיין שטרענג קעגן אונדזער יוניאָן און אונדזער אָרגאַנייזער. עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דער מעיאָר וואָס האָט פאַראָאַצירט דעם געשלעג, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אַרום די פאַבריקן, ווען די „באָסעס" מיט די אַרבעטער זיינען אָנגעקומען אין שטעטל. עס איז טאַקע אויך געווען דער מעיאָר וואָס האָט

שטאַרק געווירקט אויף די ריכטערס צו שטעלן אונדזער אָרגאַ־ניזער אויף אַ הויכן בעיל.

אין דאָזיקן שטעטל האָט יענעם יאָר באַדאַרפט פּאַרקומען וואַלן פאַר אַ נייער שטאָט־אַדמיניסטראַציע, אונדזער אָרגאַנייזער האָט זיך דערוואוסט, אַז קעגן דעם מעיאָר לויפט אַ יונגער שגץ, וואָס איז ערשט אַרויס פון קאַלעדזש און וועלכער איז זייער גרין אין פּאָליטיק, און האָט בכלל ניט די נייטיקע דערפאַרונג צו זיין אַ קאַנדידאַט און אויך ניט די פינאַנציעלע מיטלען צו באַזיגן דער מעיאָר פון שטעטל. דאָ האָט אונדזער אָרגאַנייזער דערשפּירט אַז מ'טאָר ניט בלייבן גלייכגילטיק צו דער זאַך און „נעמען אַן אַנטייל" אין די וואַלן און אַזוי אַרום לערנען בלק מיטן מעיאָר.

מאַטל איז געקומען אויף אַ געהיימער מיסיע אין ניו־יאָרק אַזוי אַז קיינער אַחוץ עטלעכע הויכע באַאַמטע האָבן ניט געוואוסט פון זיין קומען. ער האָט פאַר די יוניאָן־באַאַמטע פאָרגעלייגט זיין פּלאַן צו נעמען אַ טיכטיקן אַנטייל אין די וואַלן און זען דער־ווילן דעם יונגן שגץ וואָס לויפט קעגן דעם איצטיקן מעיאָר. אויב דער נייער קאַנדידאַט וועט דערוויילט ווערן, וועט ער, מאַטל, זיכער קאָנען עפּעס אויפטאָן צו ברענגען צוריק די פאַבריקן אין ניו־יאָרק.

ווער האָט געקאָנט זיין קעגן אַזאַ וואונדערלעכן פּלאַן? מען האָט באַלד אויפן אָרט געשאַפן עטלעכע טויזנט דאָלער פאַר דעם דאָזיקן צוועק. מאַטל איז אָפּגעפאָרן אין אַ שכנהדיק שטעטל, זיך באַזעצט דאָרט אין אַ האָטעל, גערופן צו זיך אין געהיים עטלעכע פּאַרטרויטע מענטשן מיט דעם קאַנדידאַט בראש. ער האָט פאַר זיי פאָרגעלייגט אַ פּלאַן ווי אַזוי דער יונגער קאַנדידאַט קאָן דערוויילט ווערן און מען וועט פּטור ווערן פון דעם רעאַקציאָ־נערן מעיאָר.

אונדזער אָרגאַנייזער איז געווען טאָג און נאַכט באַשעפטיקט אין פּאָליטיק, די מעמבערס אין ניו־יאָרק האָט מען דערציילט אַז ער פינצטערט נעבעך אין די דערפער פון דזשורזי כדי צו ברענגען די פאַבריקן צוריק אין ניו־יאָרק, די מעמבערס האָבן זיך געלאָזן

קאַסטן שווערע געלטער כדי צו העלפן מאַטלען אין זיין וויכטיקער מיסיע.

ה.

אין דעם שטעטל האָט געפלאַקערט אַ קאַמפּיין וואָס ביז איצט האָט אַזאַ דאָרט נאָך קיין מאָל קיינער ניט געזען. עס האָבן זיך באַוויזן פּאָסטערס מיט אויפרופן קעגן דעם מעיאָר וואָס האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג ביי אַלע בירגער. אַלע האָבן געגאַפּט פון דעם ריזיקן קאַמפּיין וואָס דער יונגער שגץ פירט אָן קעגן דעם מעיאָר און זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן. היינט, די רעדעס וואָס דער יונגער קאַנדידאַט האַלט, אַזעלכע רעדעס האָט נאָך דאָס שטעטל פריער ניט געהערט! די אַלע פלענער און רעדעס זיינען נאַטירלעך פריער אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דעם האָטעל-צימער אין דעם שכנהדיקן שטעטל. און דער קאָפּ פון דעם אַלעם איז געווען אונדזער אָרגאַנייזער מאָטל.

אין דעם טאָג פון די וואַלן האָט דאָס גאַנצע שטעטל ניט געאַרבעט, די געשעפטן זיינען געווען פאַרמאַכט, מער פון אַלעמען זיינען געווען פאַרנומען די באַלעבאַטים אונדזערע וואָס זיינען אַנטלאָפן פון ניו-יאָרק. זיי האָבן געאַרבעט אויף אַלע כלים פאַר דעם אַלטן קאַנדידאַט. זיי האָבן פאַרמאַכט זייערע פאַבריקן, גע-צאָלט די אַרבעטער פאַרן טאָג, געגעבן גרויסע ביישטייערונגען פאַרן קאַמפּיין. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געהאָלפן. אין אָוונט ווען מען האָט איבערגעציילט די שטימען האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער נייער קאַנדידאַט איז דערוויילט געוואָרן מיט אַ ריזיקער מאַיאָריטעט.

אונדזער אָרגאַנייזער איז געווען מלא שמחה וואָס ס'איז אים געלונגען דורכצואוואַרפן דעם אַלטן קאַנדידאַט און דערוויילן זיין „אייגענעם" מעיאָר. ער האָט ניט געוואָלט אפילו טראַכטן וועגן דער נייער פּראָבלעם וואָס ס'שטייט איצט פאַר אים: ווי אַזוי וועט ער פאַרשלאָגן דעם נייעם מעיאָר, ווען ער וועט אין עטלעכע וואָכן אַרום איבערנעמען די שטאָט-פאַרוואַלטונג, אַרויסצונעמען די פאַבריקן פון שטאָט און זיי צוריקברענגען אין ניו-יאָרק? עס

איז גרינג צו רעדן. דער מעיאָר קומט דאָך אַליין פונעם שטעטעלע, ער דאַרף דאָך אויפּפּאַסן אַז די שטאָט זאָל האָבן ביזנעס און די אַרבעטער זאָלן זיין באַשעפטיקט צו קאָנען צאָלן טעקסעס. ווי אַזוי וועט ער דאָס מיט די אייגענע הענט העלפן פאַרטרייבן ביזנעס פון שטאָט? אָבער וועגן דעם האָט מאָטל צייט צו טראַכטן. דערווייל דאַרף מען פייערן דעם זיג פון דעם ניי דערוויילטן מעיאָר, וועלכער וועט זיכער זיין פריינדלעך צו זיינע אַמביציעס אָנצולערנען די באַלעבאַטים פאַרן אַנטלויפן פון ניו־יאָרק און מאַכן ברויטלאָז עטלעכע הונדערט פאַמיליעס.

עס האָט זיך דערנעענטערט די צייט ווען דער משפט פון אונדזער מאָטלען פאַר דעם ראַיאָט וואָס ער האָט פאַראורזאַכט אין דעם שטעטל האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן. אין דער יוניאָן איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, אַז מ'מוז פאַרטיידיקן אונדזער אָרגאַנייזער, וועלכער איז אין די אויגן פון אונדזערע מעמבערס שוין אויסגעוואַקסן אַלס אַ גרויסער מאַרטירער און העלד, ווען עס שטייט פאַר די געפאַר צו קריגן תפיסה. דער משפט האָט זיך געצויגן עטלעכע וואָכן און די דזשורי, וואָס איז באַשטאַנען אין איר מערהייט פון פאַרמערס, האָט אונדזער אָרגאַנייזער פאַרמשפט אויף זעקס חדשים טורמע.

ו.

מאָטל איז אַוועק אין דעם שטעטעלע אָפּזיצן דעם טערמין. די תפיסה פונעם שטעטעלע האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון סיטי־האָל. אַ העלפט פון דער געביידע איז געווען פאַרנומען מיט די אָפיסעס פונעם מעיאָר און פון דעם סיטי קאָונסיל, און אין דער צווייטער העלפט איז געווען די תפיסה און דער אָפיס פונעם שעריף.

צווישן די מעמבערס אין דער יוניאָן האָט מען אַלץ מער רחמנות געקראָגן אויף מאָטלען. עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קאָמיטעס אים באַזוכן אין טורמע. יעדער מאָל ווען מען האָט געשיקט אַזאַ קאָמיטע, האָט מען אויך מיטגעגעבן פאַרשיידענע מתנות. איינער האָט געבראַכט אַ באָקס סיגאַרן, אַ צווייטער —

אַ פלאַש קאָניאַק, אַ דריטער — אַ שלאָפראָק, און די צעל, וואו אונדזער מאַטל איז געזעסן, האָט אויסגעזען ווי אַ דעפּאַרטמענט-סטאָר. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק, הערט ווייטער...

יעדן טאָג, ווען דער מעיאָר האָט באַדאַרפט עסן מיטאָג, האָט ער אָנשטאָט גיין אַהיים עסן, אָדער אין אַ רעסטאָראַן, באַשטעלט זיין מיטאָג ביי זיך אין אָפיס. ווען מ'האָט געבראַכט



דער שעריף באַגעגנט מאָטלען מיט בלומען

דעם מיטאָג האָט ער זיך פאַרשלאָסן אין אָפּיס און אַריינגערופן צו זיך זיין פריינד מאָטלען און מען האָט צוזאַמען הנאה געהאַט פון די מאכלים... איין מאָל אין אַ פרימאָרגן איז געקומען אַ קאָמיטע פון ניו־יאָרק באַזוכן מאָטלען אינעם שטעטעלע און אים געפונען אַ שלעפעריקן, קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס. אַז מען האָט אים געפרעגט צי ער קאָן ניט שלאָפן ביי נאַכט, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַז די גאַנצע נאַכט האָט ער פאַרבראַכט אין אַ נייט־קלאָב און איז „אַהיים" געקומען פינף פאַרטאָג...

אַ צווייט מאָל האָט אונדזערע אַ קאָמיטע מאָטלען געטראָפן ביי אַ „בייז באַל גיים" אינעם שטעטל. עס האָבן געשפּילט די פּאָליציי קעגן די פייער־לעשערס. מאָטלען האָט מען געמאַכט פאַר דעם „רעפערי" פון דער גיים, און ווען די שטאָט האָט פאַר דעם טים וואָס האָט געוואונען דעם טשעמפּיאָנשיפּ, געמאַכט ביינאַכט אַ באַנקעט איז אונדזער מאָטל געווען דער טאָוסטמאַסטער...

אָט אַזוי האָט מאָטל „אָפּגעפינצטערט" זיינע זעקס חדשים אין תּפיסה. און וואָס איז געוואָרן מיט די שעפער, צוליב וועלכע מאָטל איז געוואָרן אַ העלד? די שעפער... האָט די יוניאָן אָרגאַ־ניזירט און זיי זיינען פאַרבליבן אין שטעטל. ווען מאָטל האָט זיך נאָך די „פינצטערע" זעקס חדשים אומגעקערט אין ניו־יאָרק, האָט די יוניאָן געמאַכט גאַנצע פאַראַדן פאַר אים און אַראַנזשירט צענד־ליקער באַנקעטן פאַר זיין מאַרטירערשאַפט צוליב דער יוניאָן. ביז דעם היינטיקן טאָג קאָן זיך די יוניאָן ניט אויסקויפן די „ליידן" וואָס מאָטל איז אויסגעשטאַנען אַלס מאַרטירער, ווען ער האָט זיך אונטערגענומען אָנצולערנען די באַלעבאַטים וואָס זיינען אַנטלאָפן פון ניו־יאָרק און געמאַכט ברויטלאָז עטלעכע הונדערט פאַמיליעס.

— „איך פרעג אייך? איז ניט אַמעריקע טאַקע אַ טשיקאַווע לאַנד? וואו נאָך קאָנען אויפקומען אַזעלכע „מאַרטירער" פאַרן אַרבעטער־קלאַס? וואָס זאָגט איר? הא!" — אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין טשיקאַווע מעשה מיין באַקאַנטער יוניאָן־טוער.

די יידישע שפּראַך אין די יוניאָנס

אין אָנפאַנג ביי דער אַנטוויקלונג פון אונדזער טרעיד יוניאָן־באַוועגונג איז יידיש געווען די הערשנדע שפּראַך און דאָס יידישע וואָרט איז געהערט געוואָרן ביי גרויסע פאַרזאַמלונגען, ביי יוניאָן־מיטינגען, אין גאַס ווי אויך אין די פאַבריקן.

די עלטערע מיטגלידער אין די יוניאָנס געדענקען נאָך די לידער וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין די סטרייק־האָלס, פון באָוושאָווער, מאָרים ראָזענפעלד, דוד עדלשטאַט און אַנדערע יידישע פּאָעטן וואָס האָבן געוועקט דעם יידישן אַרבעטער פאַר אַ שענערער וועלט קעגן דחקות און נויט.

דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע אַרבעטער זיינען שוין לאַנג ניטאָ אין די יידישע יוניאָנס. אַ טייל זיינען אויסגעשטאָרבן, אַ טייל זיינען שוין אַלט און לעבן איצט אויף פּענסיע, אַ סך זיינען געוואָרן געשעפטסלייט און ביי דעם היינטיקן עלעמענט אין די יידישע יוניאָנס הערט זיך איצט מער די ענגלישע שפּראַך ווי די יידישע, און אין די אַזוי גערופענע יידישע לאָקאַלס מוז מען היינט שוין פירן די פאַרזאַמלונגען אין דער ענגלישער שפּראַך.

אַז איר קומט היינט צו אַזאַ פאַרזאַמלונג, וועט איר נאָך הערן יידישע אַרבעטער רעדן יידיש, אָבער דאָס איז שוין נישט דער יידיש וואָס איר האָט געהערט מיט פערציק אָדער מיט פופציק יאָר צוריק. איר וועט מער ניט געפינען אין זייער לשון דעם דייטשמערישן אויסדרוק וואָס איר האָט געהערט אין יידישן טעאַטער מיט פערציק אָדער מיט פופציק יאָר צוריק. ווען איר הערט היינט אַ יידישן אַרבעטער רעדן יידיש איז זיין יידיש אַ געליטערטער, אַ ליטעראַרישער יידיש. מיט וועלכן אַ יידישער שרייבער וואָלט זיך ניט געדאַרפט שעמען.

עס זיינען אָבער פאַראַן יידישע אַרבעטער און אויך יידישע

פירער אין דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג, אַז ווען זיי האַלטן אַ יידישע רעדע מיינען זיי, אַז רעדן יידיש דאַרף מען דווקא רעדן ווי מען רעדט ביי דער „ייוואָ״ און אָפּטמאָל רופן אַזעלכע רעדעס אַרויס אַ היפּש ביסל שפּאַס וואו עס ווילט זיך אויסרופן „שוסטער! האַלט זיך ביי דיין דראַטווע!״ — רעד יידיש, מען זאָל דיך פאַרשטיין...

נישט לאַנג צוריק בין איך געווען ביי אַ פאַרזאַמלונג פון אַ יידישן לאָקאַל וואו דער פירער פון דער יוניאָן האָט גערעדט אויף יידיש און זיך געוואָלט אויסצייכענען פאַר די צוהערער אַז ער קאָן האַלטן אַ יידישע רעדע, און גערעדט האָט ער ווי אַ לערער פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואו די אַרבעטער וואָס זיינען געזעסן ביי דער פאַרזאַמלונג האָבן די דאָזיקע אויסדריקן געהערט צום ערשטן מאָל און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. לעבן מיר זיינען געזעסן צוויי אַרבעטער און איך הער זיך איין וואָס זיי רעדן וועגן זייער פירער און איינער רופט זיך אָפּ: „נישט קיין וואונדער וואָס מיר ליגן אַזוי טיף אין דער ערד און די יוניאָן טוט גאָר נישט פאַר אונדז... וואָלטן מיר געהאַט אַ פירער וואָס וואָלט געקומען פון אונדזער פאַך און פאַרשטאַנען אונדזערע פּראָבלעמען, וואָלטן מיר געקאָנט מאַכן אַ לעבן, דו זעסט דאָך, אַז אונדזער פירער רעדט ווי ער וואָלט געווען אַ פּראָפעסאָר... און ער רעדט געווים אַזוי צו אונדזערע באַלעבאַטים וואָס פאַרשטיין אים אַזוי ווי מיר פאַרשטיין אים... און דערפאַר זיינען מיר אַזוי אויף צרות״...

די זעלבע יוניאָן גיט אַרויס אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל פאַר אירע מיטגלידער וואָס ווערט געדרוקט אין יידיש און אין ענגליש. דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל וואָס איז אַ פאַנאַטישער יידישיסט וואָס שרייבט אין דעם זשורנאַל דעם זעלבן יידיש ווי מען שרייבט אין די „ייוואָ־בלעטער״, און די מיטגלידער פון דער יוניאָן נעמען עס נישט אין דער האַנט אַריין.

לעצטנס האָט די יוניאָן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנווענשאָן, און דער רעדאַקטאָר האָט איינגעלאַדן די באַאַמטע זיי זאָלן עפּעס אָנשרייבן פאַרן זשורנאַל. איינער פון די הויפּט־באַאַמטע איז אַן איטאַליענער ביי וועמען דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל האָט געבעטן, אַז ער זאָל

אין דער קאנוועגשאן-אויסגאבע אנשרייבן א באגריסונג צו די דעלע־גאטן. דער איטאליענישער באאמטער האט אנגעשריבן אן ארטיקל אונטער דעם קעפל, „וועלקאם דעלעגעיטס”, דער רעדאקטאר האט אפגעדרוקט דעם ארטיקל וואס ער האט איבערזעצט אויף יידיש און נים געענדערט קיין איין ווארט.

ווען דער זשורנאל איז דערשינען, איז אויף דעם ארטיקל — וואס איז געווען אפגעדרוקט אויך אין יידיש — געווען א קעפל וואס האט זיך געלייענט: „ברוכים הבאים שלוחים צו אונדזער כנסת”. פון אנטאני דזשעי. קאטאלאניע.

נו, פרעג איך ביי אייך, איז א וואונדער וואס ביי אונדזערע יוניאן-פארזאמלונגען פאדערן די מיטגלידער, אז מ'זאל רעדן ענגליש כדי די יוניאן-ברידער זאלן פארשטיין וואס מען רעדט.

וועלוול און זיין באָס

וועלוול איז אַ טיפּ וואָס געהערט צום אַלטן חדר, וואָס האָט נאָך נישט פאַרגעסן דעם קלאַסן־קאַמף ווי מען האָט אים געלערנט אין די ערשטע יאָרן ווען ער איז געוואָרן טעטיק אין דער אַר־בעטער באַוועגונג.

די נייע טענדענץ פון זיין יוניאָן צו לעבן בשלום מיט די בעלי־בתים, געפעלט ניט וועלוולען, כאָטש ער גיט צו, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער, — ווי אויך זיין אייגענער עקאָנאָמישער צושטאַנד, — האָט זיך פיל פאַרבעסערט, אפילו ווען די יוניאָן האָט נישט גערופן קיין סטרייקס און מען האָט פונדעסט־וועגן פיל געוואונען פון די אַרבעטס־געבער ביים פרידנס־טיש.

וועלוול איז באַקאַנט אין זיין יוניאָן אַלס שטענדיקער קעמפער, און ער ווייזט דאָס אַרוים ביי יעדן מיטינג. וועלוול פאַרמאָגט אַ סך טעמפּעראַמענט, און פאַלט אָן אויף די בעלי־בתים פאַר יעדע קלייניקייט, און איבערהויפּט, אויף זיין אייגענעם באַלעבאָס. און ווען וועלוול נעמט דאָס וואָרט ביים מיטינג, ווייסן שוין די אַרבע־טער, אַז זיין באַלעבאָס וועט זיין דאָס כפּרה־הינדל.

קיבעצט מען וועלוולען אין זיין יוניאָן, אַז ער איז געוואָרן באַרימט ווי אַלע גרויסע מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַלס זייער ציל־ברעט אַ צווייטן גרויסן מענטשן ווענען זיי האָבן שטענדיק אַרונטערגעריסן, און אַ דאַנק דעם אַרויפגעקראָכן אויפן לייטער פון דערפאָלג און זיך געשאַפן אַ גרויסן נאָמען.

האָט די יוניאָן איינמאָל געמאַכט אַ באַנקעט פאַר וועלוולען, און ביים דאַזיקן באַנקעט זיינען אַרויסגעטראָטן עטלעכע רעדנער וואָס האָבן אָפּגעשאַצט וועלוועלס פאַרדינסטן פאַר דער יוניאָן. יעדער רעדנער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן וועגן וועלוולען און אים געקיבעצט פאַר זיין שטענדיקן אָנפאַל אויף די באַלעבאַטים,

און איבערהויפּט אויף זיין אייגענעם באַלעבאָס, וואָס איז אויך געווען איינער פון די געסט ביים באַנקעט און טאַקע געהאַלטן אַ רעדע.

אין דער דאָזיקער רעדע, האָט זיך וועלוועלם באַלעבאָס אויסגעדריקט, אַז לענין האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין באַרימטקייט, וואָס ער האָט אַטאַקירט דעם רוסישן צאַר. עטלי איז געוואָרן באַרימט אין ענגלאַנד און איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער, דערפאַר וואָס ער האָט אַטאַקירט טשוירטשילן, אייזענהאַוער איז געוואָרן פּרעזידענט פון אַמעריקע, דערפאַר וואָס ער האָט שטאַרק אַנגעגריפן פּרעזידענט טרומאַנען. און וועלוול איז געוואָרן באַרימט אין דער יוניאָן דערפאַר, וואָס ער האַלט מיך אין איין אַטאַקירן...

— איך האָב איינמאָל געפרעגט ביי וועלוולען — זאָגט דער באַלעבאָס, — פאַרוואָס ער „רעטייערט" נישט, ווען ער איז שוין געוואָרן זיבעציק יאָר, און קאָן שוין מאַכן אַ לעבן פון די פּענסיע וואָס די רעגירונג און די יוניאָן וועט אים אויסצאָלן יעדן חודש. האָט אויף דעם וועלוול געענטפערט: — אַז דעם איינציקן פאַרגעניגן וואָס ער האָט נאָך און וואָס גיט אים מוט צו לעבן, איז וואָס ער האָט דעם פאַרגעניגן אָנצופאַלן אויף מיר...

אין דער יוניאָן איז אַ טראַדיציע, אַז ווען איינער איז דער פּרעזידענט פון זיין לאָקאַל און ס'ווערט פּלאַץ צו דערוויילן אַ ביזנעס אייגדזשענט, קלייבט מען אויס דעם פּרעזידענט. מיט אַ צייט צוריק האָט זיך געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט, און וועלוול — וואָס איז שוין דער פּרעזידענט פון זיין לאָקאַל אַ סך יאָרן — האָט זיך ענטזאָגט אָנצונעמען דעם אַמט און מען האָט אויסגעקליבן דעם סעקרעטער פון לאָקאַל. ווען מען האָט געפרעגט ביי וועלוולען פאַרוואָס ער האָט זיך אַנטזאָגט צו ווערן דער ביזנעס אייגדזשענט, האָט ער געענטפערט: — צו זיין אַ באַצאָלטער באַאַמטער אין דער יוניאָן דאַרף מען האַלטן דאָס מויל פאַרמאַכט... און מיין מויל קאָן קיינער נישט פאַרמאַכן, און דערפאַר בין איך געבליבן אַ שאַפּ־אַרבעטער וואו איך קאָן אַריינזאָגן מיין באַלעבאָס און זיין אַ פרייער מענטש...

וועלוול באַרימט זיך, אַז אין רוסלאַנד איז ער געזעסן אין טורמע פאַר פאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. קיבעצט מען אים אין דער יוניאָן, אַז ס׳איז אמת, אַז ער איז געזעסן אין רוסלאַנד אין טורמע, נאָר זיין אַרעסט איז אַרויסגעקומען צוליב אַ טעות פון דעם פּאָליציאַנט וואָס האָט אים אַרעסטירט.

וועלוול קומט פון זייער פיינע באַלעבאַטישע עלטערן, און אַלס קינד האָט ער געלערנט אין בית המדרש. האָט אים איינמאָל דער שמש פון שטעטל געבעטן אַז ער זאָל נעמען אַ פּעקל הגדות וואָס די באַלעבאַטים פון שטעטל האָבן ביי אים באַשטעלט און זיי פאַנאַנדערצוטראָגן צו די באַלעבאַטים. ווען וועלוול האָט זיך אַרויסגעלאָזן אין גאַס מיטן פּעקל הגדות. האָט אַ פּאָליציאַנט געמיינט, אַז ער טראָגט אונטערן אָרעם אַ פּעקל רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור און האָט אים אַרעסטירט... פון דאַן אָן באַרימט זיך וועלוול, אַז ער איז אין רוסלאַנד געזעסן אין טורמע פאַר פאַר־שפּרייטן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור...

וועלוול האָט אַ שטימע ווי אַ לייב, אַז ווען ער רעדט ביי אַ מיטינג הערט מען אים פאַר עטלעכע בלאָק. וועלוול באַרימט זיך אויך, אַז ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל, האָט אים דער טאַטע אָנגעדונגען ביים שטאָטישן חזן אַלס משורר. דער טאַטע האָט זיך געגרויסט, אַז זיין וועלוול וועט אַרויסוואַקסן אַ זינגער און וועט ווערן באַרימט. דערציילט מען וועגן וועלוולען, אַז זיין טאַטע האָט איינמאָל געמאַכט אין הויז אַ שמחהלע, און איינ־געלאַדן דעם חזן און זיין גאַנצע פאַמיליע צו פאַרהערן זיין געראָ־טענעם זון. אַלע געלאַדענע געסט האָבן געוואַרט מיט גרויס אומ־געדולד צו הערן וועלוולען, און דער טאַטע מיט דער גאַנצער משפחה האָבן דערוואַרטעט צו שעפּן נחת פון זייער וועלוולען ווען ער וועט זיך צוזינגען. דער טאַטע איז געווען שטאָלץ מיט אים. ווען וועלוול האָט געעפנט זיין געמבע און אַרויסגעלאָזן זיין ערשטן קלאַנג, האָט מען געמיינט אַז אַלע פערד אין שטעטל האָבן זיך צוהירזשעט, די געסט וואָס זיינען געווען פאַרזאַמלט ביי זיין טאַטע־מאַמע זיינען שנעל זיך צולאָפן ווי אונטערגעשאָסענע, אין שטעטל זיינען די יידן אַרויס פון זייערע הייזער און האָבן

געמיינט אַז אין שטעטל האָט אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה און זיינען געוועזן אין פּאַניק...

זיין טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט, אַז מער וויל ער אים נישט הערן זינגען... וועלוול קאָן אָבער נישט לעבן אויב ביי אים באַוועגט זיך נישט דאָס מויל, האָט ער זיך גענומען צום ריידן, און וויל נישט אויפהערן...

וואו איז אַהינגעקומען די קאָמיטע?

עס איז שבת אין דער פרי, דער אָפיס פון דער יוניאָן איז געפּאַקט מיט אַרבעטער וואָס זיינען געקומען אין דער יוניאָן — ווי יעדן שבת ווען די אַרבעטער קומען אין אָפיס פון דער יוניאָן — און זיך זען מיט זייערע ברידער און רעדן וועגן שאַפּ, יוניאָן־אַנגעלעגנהייטן און סתם זיך זען מיט פריינט וואָס מ׳האָט זיך שוין נישט געזען די גאַנצע וואָך.

ווען עס קומט שבת קאָכט אין דער יוניאָן ווי אויף אַ יאַריד. יעדער אַרבעטער דערציילט דעם צווייטן וואָס עס טוט זיך אין זיין שאַפּ... וויפיל ער האָט פאַרדינט לעצטע וואָך, און אויב דער דאָזיקער אַרבעטער הערט אַז אין צווייטן שאַפּ פאַרדינען די אַרבעטער מער געלט, האָט ער חשק צו בייטן זיין דזשאָב און גיט אָנצוהערן דעם חבר זיינעם אַז עס וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן ער זאָל אים אַרויפנעמען אין שאַפּ.

איינמאָל, אין אַ געוויסן שבת, ווען דער אָפיס פון דער יוניאָן איז געווען געפּאַקט און אין ווינקלען זיינען געשטאַנען אַרבעטער און זיך געמיטלעך געשמועסט, קומט אַרויס דער מענעדזשער פון דער יוניאָן, רופט צוזאַמען אַלע אַרבעטער און דערקלערט זיי, אַז ער האָט וויכטיקעס זיי מיטצוטיילן. די אַרבעטער האָבן אין אָנפאַנג געמיינט ווער ווייסט וואָס עס האָט חלילה געטראָפן וואָס זייער מענעדזשער איז פּלוצעם אַרויסגעקומען צו זיי און וויל זיי דערציילן עפּעס, ווייל ס׳האָט פריער נישט פּאַסירט אַז דער מענעדזשער פון דער יוניאָן זאָל אין אַ שבת אין דער פרי מיט זיי אויפנעמען יוניאָן־פּראָבלעמען. באַלד איז פאַר די אַרבעטער קלאָר געוואָרן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך: דער מענעדזשער האָט זיי דערקלערט, אַז ער האָט נאַרוואָס דערהאַלטן אַ טעלעפאָן קאָל אַז אין אַ געוויסן שאַפּ אַרבעט מען הייַנט אָן דער

דערלויבעניש פון דער יוניאָן. און ער וויל אַז די אַרבעטער זאָלן וואָלונטירן אַרויפצוגיין אין שאַפּ אַראָפּנעמען די אַרבעטער און זיי ברענגען אין דער יוניאָן, וואו מען וועט זיי גלייך משפּטן פאַר אַרבעטן אָווערטיימס אין אַ צייט ווען די אַרבעטער האָבן נישט קיין אַרבעט אין פאַך.

עס האָבן זיך גלייך געמאָלדן אַרום צען אַרבעטער, וואָס זיי־נען אַוועק אין שאַפּ אַרונטערצונעמען די אַרבעטער און זיי ברענ־גען אין דער יוניאָן. די איבעריקע אַרבעטער זיינען געוואָרן ניי־געריק און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד צו זען וואָס דאָ וועט פאַרקומען.

דער מענעדזשער זיצט אין זיין אָפיס אַ נערוועזער, דער אָפיס איז געפּאַקט מיט אַרבעטער וואָס זיינען געווען, אַזוי ווי דער מענעדזשער זייערער, נייגעריק צו וויסן וואָס האָט געטראָפן מיט דער קאָמיטע. האָט מען זיי אַרעסטירט? איז פאַרגעקומען אַ געשלעג אין שאַפּ ווען די קאָמיטע האָט זיך באַוויזן אין שאַפּ? דער מענעדזשער טעלעפאָנירט אין שאַפּ און קיינער ענטפערט נישט.

דער מענעדזשער באַשליסט צו נעמען אַ גרויסע קאָמיטע און מיט זיי אַרויפגיין אין שאַפּ און אויסגעפינען וואָס האָט דאָרט מיט זיין קאָמיטע פּאַסירט, און מ׳לאָזט זיך אַוועק אין שאַפּ.

ווען דער מענעדזשער פון דער יוניאָן מיט דער קאָמיטע זיי־נען אַריין אין שאַפּ, האָט זיי דער באַלעבאָס זייער פריינטלעך אויפגענומען. דער באָס איז געווען נייגעריק צו וויסן וואָס פּלו־צעם אין אַ שבת זאָל זיך דער מענעדזשער וועלן טרעפן מיט׳ן באַלעבאָס, וואָס איז אַ זעלטנהייט. זיי האָבן זיך אַלע אַ לאָז גע־טאָן אין שאַפּ אַריין און געזען ווי דער גאַנצער שאַפּ אַרבעטער האָבן געשמאַק געאַרבעט און צווישן זיי די קאָמיטע, וועלכע איז געקומען אַרונטערנעמען די אַרבעטער פון שאַפּ.

ער מאַכט זיך אַליין אַ „גענעראַל סטרייק״

אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער יידישער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, זיינען גענעראַל סטרייקס געווען אַ טעגלעכע דערשיינונג. אין יענער פעריאָדע האָט מען נישט געוואוסט פון „אַגרימענטס״ צווישן יוניאָנס און באַלעבאַטים. אויב אַ יוניאָן האָט געוואונען אַ סטרייק און אויסגעקעמפט פאַר די אַרבעטער בעסערע באַדינגונגען, זיינען די דאָזיקע באַדינגונגען שנעל אויסגעראָנען געוואָרן, און באַלד האָט מען זיך גענומען צו אָרגאַניזירן אַ נייעם גענעראַל סטרייק.

די אַרבעטער האָבן שוין געוואוסט, אַז יעדן סעזאָן דאַרפן זיי זיין גרייט צו סטרייקן עטלעכע מאָל, און אַזוי האָט זיך דאָס ווידערהאָלט ביז די יוניאָנס האָבן דערגרייכט די איצטיקע שטופע.

די דאָזיקע גענעראַל סטרייקס זיינען אַפילו נישט גוט־געהייסן געוואָרן פון די אַרבעטער. אויב דער פירער פון דער יוניאָן האָט געזען אַז פון זיין אָרגאַניזאַציע איז גאָרנישט געבליבן... האָט ער אָפּגעדרוקט אַ רויטן צירקולאַר, געגעבן עטלעכע סענט צו אַן אַרבעטער ער זאָל די דאָזיקע צירקולאַרן פאַנאַנדערטיילן ביי די פאַבריקן, און די אַרבעטער זיינען גלייך אַרויס אין אַ גענעראַל סטרייק.

אין איינער פון די דאָזיקע יוניאָנס האָט זיך אַרומגעדרייט אַן עלטערער ייד וואָס האָט כמעט געוואוינט אין דעם יוניאָן־אָפיס. פון וואַנען דער ייד איז געקומען האָט קיינער נישט געוואוסט. אַ לעבן האָט דער דאָזיקער ייד געמאַכט פון דעם וואָס דער הויפּט־פירער פלעגט אים שיקן אַ גאַנג און דערפאַר האָט ער געקראָגן צען סענט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך קריגן אַ גמילות־חסדל פון אַן אַרבעטער. געשלאָפן איז דער דאָזיקער ייד אויף אַ הארט בעטל, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט ביינאַכט

אין „אפּים" פון דער יוניאָן, זיין ביסל װאָרעמס האָט ער אָפּגע־קאָכט אויף דעם אייװעלע וואָס איז געשטאַנען אין מיטן אָפּים.

דער דאָזיקער ייד איז געװען מיט יעדן איינעם „פּאַני בראַט", יעדן אַרבעטער האָט ער גערופן ביים ערשטן נאָמען. ער האָט געוואוסט אַלע סודות פון דער יוניאָן, ווי ער וואָלט געווען איי־נער פון די הויפּט־פירערס. אַפילו מיט די באַלעבאַטים איז ער געווען „אַ גאַנצער שמעלקע".

דער איינציקער וואָס איז נישט געווען צו פריינטלעך מיט דעם דאָזיקן יידן איז געווען דער הויפּט־פירער, ער האָט אים באַ־טראַכט ווי אַן אַנשיקעניש, וואָס מישט זיך צופיל אין זיינע גע־שעפטן. איינמאָל, ווען דער פירער איז געווען אין כעס, האָט ער דעם יידן געוויזן די טיר און אים באַפוילן מער נישט צו קומען אין אָפּים.

דער ייד איז אַרויס אַ ברוגזער פון אָפּים און באַשלאָסן אַז ער מוז זיך מיט דעם הויפּט־פירער גוט אָפּרעכענען. ער איז אַוועק צום יוניאָן־דרוקער וואָס האָט אים גוט געקענט, (ווייל נישט איין מאָל האָט ער אים געבראַכט אַרבעט פאַר דער יוניאָן), ער האָט דעם דרוקער געגעבן אַן אויפרוף פון דער יוניאָן צו אַ גענעראַל־סטרייק, אים געבעטן דאָס אָפּדרוקן מיט רויטן שריפט און אים אויך אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט אַז קיינער טאָר נישט זען דעם אויפרוף ביז ער אַליין וועט קומען עס אָפּנעמען.

אין אַ פּשוטן מאָנטיק פאַרטאָג, איז שוין דער ייד געווען ביי די שעפּער, פאַרנאַנדערגעטיילט דעם אויפרוף און הויך געשריגן: גענעראַל־סטרייק! גענעראַל־סטרייק! עס איז גראָד געווען אין אַ צייט, ווען די באָסעס האָבן געוואָלט אַ סטרייק. די אַרבעטער זיי־נען שוין נישט אַריין אין די שעפּער, נאָר זיי האָבן זיך מאַסנוויז געלאָזט גיין צום יוניאָן־אָפּים. די גאַס איז געווען באַלאַגערט מיט די „סטרייקערס". איין זאַך איז זיי אָבער נישט קלאָר געווען: אַלע מאָל, ווען די יוניאָן האָט אַרויסגערופן אַ גענעראַל־סטרייק, איז דער הויפּט־פירער געשטאַנען אין דרויסן פון אָפּים און באַ־גריסט די סטרייקערס און היינט זעען זיי אים נישט.

עס איז באַלד געוואָרן אַ ליאַרעם, וואו איז אונדזער פירער?

פאַרוואָס האָט ער זיך באַהאַלטן? אויך דעם יידל, וואָס פלעגט תמיד זיך וואַרפן אַלעמען אין די אויגן, האָט מען נישט געזען. עס איז אַוועק אַ קאָמיטע צו דעם פירער אין דערהיים, אים אויפגעוועקט פונעם שלאָף און געבראַכט אין אָפיס פון דער יוניאָן. עס איז אָנגעקומען פּאָליציי, מען האָט גאָר גיך אויפגעקלערט וואָס ס'האָט פּאַסירט, און דער עולם איז צוריקגעגאַנגען אין די שעפּער.

אַ דאַנק דעם דאָזיקן „סטרייק" איז די יוניאָן דעמאָראַליזירט געוואָרן. די אַרבעטער האָבן אויפגעהערט צו צאָלן זייער דיוס אין דער יוניאָן, זיי האָבן געטענהט, אויב מ'האָט זיי שוין אַרויסגערופן אין אַ גענעראַל סטרייק, האָט זיי דער פירער נישט באַדאַרפט צוריקשיקן צו דער אַרבעט אויף די אַלטע באַדינגונגען. דער פירער האָט געהאַט געברענטע צרות פון די אַרבעטער וואָס האָבן פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל רופן אַ ספּעציעלן מיטינג צו דערוויילן נייע באַאַמטע. דער פירער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און גערופן אַזאַ מיטינג, און ביי דעם דאָזיקן מיטינג איז דאָס יידל דערוויילט געוואָרן דער מענעדזשער פון דער יוניאָן...

יונה כאַפּער

(אַ יוניאָן־טיפּ)

אַלע האָבן אים אין דער יוניאָן גערופן „יונה כאַפּער", מחמת דעם, וואָס יונה איז אין דער יוניאָן געווען דער אָפיציעלער „כאַ-פּער". האָט אַ יוניאָן־ברודער באַדאַרפט קריגן פּעטש, איז עס געווען יונה, וואָס האָט די פּעטש אַריינגעכאַפּט. האָט די פּאָליציי באַדאַרפט איינעם אין דער יוניאָן אַרעסטירן פאַר נישט געזעצ-לעך פּיקעטן, איז עס געווען יונה, וואָס האָט אַריינגעכאַפּט עט-לעכע טעג טורמע... אין דער יוניאָן איז קיינעם נישט איינגע-פאַלן אויסצוגעפינען יונהס אמתן נאָמען, דער נאָמען „כאַפּער" איז פאַר יונהן געווען ווי אָנגעמאָסטן.

ווען די יוניאָן האָט באַדאַרפט אָרגאַניזירן אַ פּיקעט־דעמאָנס-טראַציע, איז יונה געווען דער ערשטער אויף דער פּיקעט־ליין, כאָטש אַליין האָט יונה נישט געסטרייקט. וואָרעם, ווי האָט ער געקאָנט סטרייקן, אַז ער האָט קיינמאָל קיין דזשאָב נישט געהאַט? נאָר, מזל, זעט איר, האָט ער גראָד געהאַט — דער ערשטער צו ווערן אַרעסטירט. און ווען די בלויע רעק האָבן גענומען שלאָגן סטרייקערס, האָט יונה געמאַכט שהחיינו אויף די ערשטע קלעפּ... די ריכטערס, פאַר וועמען מען האָט פאָרגעבראַכט אַרעסטירטע סטרייקערס, האָבן יונהן גוט געקענט און אים גערופן ביים ערשטן נאָמען: „דזשוינע", און וואָס איז דער וואונדער? — אַ „סטעדי" קאָסטימער...

יונה איז געווען אַ מענטש אין די פופציקער, אַ קורצער, אַן אויסגעמאָרעטער און האָט קוים געוואויגן הונדערט פונט. דער-פאַר אָבער האָט אים גאָט געגעבן אַ גוטע האַרץ, פול מיט ברוי-

דער־ליבע און ער איז געווען גרייט צו גיין אין פייער פאַר זיין יוניאָן און איבערהויפּט פאַר דעם ברודער־אַרבעטער. ער האָט יעדן אין דער יוניאָן גערופן נישט ביים נאָמען, נאָר „ברודער". קיין גרויסער בעל־כוח איז ער נישט געווען, דערפאַר אָבער האָט ער פאַרמאָגט אַ סך ענערגיע. נישט פאַר זיך, חלילה! נאָר פאַר זיין יוניאָן.

יונה איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט ביי דער עקזעקוטיווע, אָבער ער האָט רואיק נישט געקאָנט איינזיצן. איז אַ מיטגליד געקומען צו דער עקזעקוטיווע מיט אַ טענה, האָט אים יונה אַריינגעפירט צום מיטינג ווי מען פירט אַ חתן צו דער חופּה. די יוניאָן האָט יונהן באַלוינט מיט אָנערקענונג, אָבער נישט מיט קיין דזשאָב. פּרצעס „באַנטשע שוויינ" איז געווען צופרידן מיט אַ בולקע מיט פּוטער. און אונדזער יונה — מיט אַ פרייען טיקעט צו אַ פאַרשטעלונג אין יידישן טעאַטער, וואָס די יוניאָן האָט זייער אָפט געקויפט פאַר וויכטיקע וואוילטעטיקע צוועקן. אַזוי ווי קיין דזשאָב האָט יונה נישט געהאַט, קיין אַמט אין דער יוניאָן אויך נישט, און די ענערגיע האָט אין אים געשטורעמט, איז יונה געווען דער אָפיציעלער ליפלעט־צעטיילער פון דער יוניאָן. איר האָט יונהן שטענדיק געזען לעבן דעם יוניאָן־אָפיס, אָדער אַרום די שעפּער, צעטיילן ליפלעטס פאַר יוניאָן־פאַרזאַמלונגען, אָדער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציעס וואָס די יוניאָן האָט געפייערט. וואָלט איר פון יונהן אַוועקגענומען די דאָזיקע אַרבעט, וואָלט ער קראַנק געוואָרן. ווייל אַ מענטש מיט אַזוי פיל פייער מוז עפּעס אויפטאָן פאַר דער מענטשהייט... קיינער אין דער יוניאָן האָט נישט געוואוסט צי יונה האָט אַ פאַמיליע, און יונה האָט אַלעמאָל אויסגעמיטן צו ר'עדן וועגן דעם.

די „זאַך" פון וועלכער ער האָט שטענדיק געחלומט, איז געווען צו פאָרן צו אַ קאָנווענשאָן פון זיין יוניאָן. יונה האָט שטענדיק ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו די געשפּרעכן פון די שטענדיקע דעלעגאַטן וואָס זיינען געפאָרן צו די יוניאָן־קאָנווענשאָנס און ווי אַזוי זיי האָבן ביי די קאָנווענשאָנס פאַרבראַכט. יונה איז געווען צו שטאָלץ זיך צו בעטן ביי די יוניאָן־פירערס, אַז זיי זאָלן אים

אַ מאָל מיטנעמען צו אַ יוניאָן־קאָנווענשאָן. דאָס וואָלט פאַר יונהן געווען אַ דערנידעריקונג. ווען מ'האָט ביי אינטימע פאַרזאַמלונגען גערעדט ווער עס זאָלן פאָרן צו דער קאָנווענשאָן, האָט ביי יונהן די סלינע גערונען פון מויל און ער האָט ביי זיך געטראַכט וואָס פאַר אַ שלים־מזל ער איז, וואָס ער קאָן נישט זיין איינער פון די גליקלעכע צו פאָרן אין אַ פרעמדער שטאָט און זען אַמעריקע.

אַזאַ געלעגנהייט האָט יונה געקראָגן, ווען די יוניאָן האָט געפייערט איר אַ יובילײ־קאָנווענשאָן און באַשלאָסן מיטצונעמען יונהן אַלס גאַסט.

יונה איז דעמאָלט געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער יוניאָן, ער איז נעכט נישט געשלאָפן און געוואַרט אויפן טאָג, ווען ער וועט, אַן אויסגעפּוצטער ווי די אַנדערע דעלעגאַטן, פאַר־לאָזן די שטאָט, באַגלייט פון פיל יוניאָן־ברידער, און ווי איינער פון די פירערס פאָרן צו זיין יוניאָן־קאָנווענשאָן. נאָך אויף דער באַן וואָס האָט געפירט די דעלעגאַציע אין דער שטאָט, וואו די קאָנווענשאָן האָט באַדאַרפט פאָרקומען, האָבן די פירערס פון דער יוניאָן אים שטרענג אָנגעזאָגט, אַז אויף דער קאָנווענשאָן מוז ער זיך אויפפירן סטאַטעטשנע נישט ווי ביי זיך אין לאָקאַל, ווייל צו דער קאָנווענשאָן קומען דעלעגאַטן פון גאַנץ אַמעריקע און קענעדע, און מ'דאַרף זיך אויפפירן אָנשטענדיק.

די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, גראָד אין אַ צייט ווען אין דער אינדוסטריע האָט געהערשט אַ ביטערע אַרבעטסלאָ־זיקייט. יונה וואָס איז אַלע מאָל געווען פון די נישט „גרויסע פאַר־דינערס" האָט נאָך פאַרלוירן זיין דזשאָב עטלעכע מאָנאַטן פריער פון די אַנדערע בעלי־מלאכות און אַביסל אונטערגעהונגערט. ביי דער קאָנווענשאָן איז ער אָבער געווען אַ פריילעכער. וואָרעם וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ „בולקע מיט פּוטער" אַנטקעגן אַזאַ הער־לעכער, יום־טובדיקער שטימונג, ווי עס הערשט אויף אַ קאָנ־ווענשאָן?

ביי דער דאָזיקער קאָנווענשאָן האָט מען פאָרגעבראַכט אַ רעזאָלוציע צו הערכערן דעם געהאַלט פון פּרעזידענט. ווען מען האָט די רעזאָלוציע אָנגענומען, האָט אין זאַל אויסגעבראָכן אַ שטורעם

פון אַפּלאָדיסמענטן פאַרן פּרעזידענט. יונה האָט זיך פאַרגעסן אַז די פירערס האָבן אים געהאַט אָנגעזאָגט צו זיצן רואיק ביי דער קאָנ־װענשאָן און גענומען שרייען אויף די העכסטע קולות: הו־רא פאַר אונדזער פּרעזידענט! ער איז פּלוצעם באַהערשט געװאָרן פון אַ גרויסער אינספּיראַציע און איז — נישט װױסנדיק װי אַזױ — געװאָרן דער פירער פון אַ דעמאָנסטראַציע װאָס האָט אַרומגע־מאַרשירט אַרום דעם האָל. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסע פאָן און געשריען: „טרי טשירס פאַר אונדזער פּרעזידענט", װען די אַנדערע זײַנען שוין געװען הייזעריק, איז נאָך יונה אַלץ געשטאַנען אויף אַ בענקל און „געטשירט" פאַר דעם פּרעזידענט.

װען די זיצונג איז שוין געװען פאַריבער, איז דער פּרעזידענט צוגעגאַנגען צו יונהן און אים געפרעגט: „זאָגט מיר, יונה, פאַר־װאָס האָט איר זיך אַזױ געפרייט, װען מען האָט באַשלאָסן צו העכערן מיין געהאַלט, אין דער צייט װען איר אַליין, ברודער יונה, אַרבעט שוין נישט אַזױפיל װאָכן"?

דער ענטוזיאַזם װאָס האָט באַהערשט יונהן די גאַנצע צייט, האָט אים געגעבן מוט צו ענטפערן בזה הלשון:

— „ברודער פּרעזידענט, דאָס װאָס איך האָב היינט בייגעװאױנט װעל איך נישט פאַרגעסן װי לאַנג איך װעל לעבן. איך האָב אַלע מאָל געװאוסט אַז מיר האָבן אַ שטאַרקע יוניאָן, נאָר מיט דעם װאָס מ׳האָט אייך געגעבן אַ רייז אויף די װיידזשעס בין איך נאָך מער איבערצייגט אַז אונדזער יוניאָן איז שטאַרק און מעכטיק. אמת, אונדזערע מעמבערס הונגערן און אַרבעטן נישט. איך הונ־גער נאָך שטאַרקער װי די אַנדערע מעמבערס, אָבער װען מ׳האָט באַשלאָסן אייך צו געבן אַ רייז האָט עס מיך זייער געפרייט װאָס אין דער יוניאָן װעט זיך געפינען כאָטש איין מעמבער װאָס װעט מאַכן אַ לעבן"...

ער האָט זיך ענדלעך איבערצייגט, אַז די פּיקעט קאָמיטע טוט גוטע אַרבעט

ביי אונדז אין דער יוניאָן, דערציילט מיר איינער פון די יוניאָן־פירער, איז געווען אַ גענעראַל־סטרייק וואָס האָט זיך גע־צויגן חדשים לאַנג און די אַרבעטער האָבן שטאַרק געהונגערט און זיינען פאַרפאַלגט געוואָרן פון דער פּאָליציי און שטאַרקע, וואָס האָבן געדינט די באָסעס. די יוניאָן־פירער זיינען געווען פאַר־צווייפלט, ווייל ס'האָט אויסגעקוקט, אַז דער סטרייק איז אַ פאַר־לוירענער.

די סטרייק־קאָמיטע האָט יעדן אָוונט אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג צו באַשליסן וואָס צו טאָן דעם קומענדן טאָג. ביי די דאָזיקע באַראַטונגען האָט די פינאַנץ־קאָמיטע באַריכטעט, אַז אין דער יוניאָן איז שוין אויסגעשעפּט יעדע פּעני און זיי ווייסן נישט ווי אַזוי די יוניאָן קאָן באַקומען געלט ווייטער אָנצופירן דעם סטרייק. די לאָא־קאָמיטע האָט באַריכטעט, אַז יעדן טאָג ווערן וואָס מער סטרייקערס אַרעסטירט און צעשלאָגן. די פּיקעט־קאָמיטע, ווידער, האָט באַריכ־טעט, אַז טראָץ דעם וואָס די סטרייקערס ווערן פאַרפאָלגט, קומען די סטרייקערס פּיקעטן און שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער פּאָליציי און די שטאַרקע, און זיי האַלטן זיך בראַוו.

איינער פון דער סטרייק־קאָמיטע איז געווען אַ ייד אַ נודניק, וואָס אים איז נישט געפעלן געוואָרן ווי אַזוי דער סטרייק ווערט אָנגעפירט, און ווי נאָר איינער פון אַ קאָמיטע האָט פאַרענדיקט זיין באַריכט, האָט זיך דער דאָזיקער ייד אויפגעשטעלט און אַטאַ־קירט די קאָמיטע, אַז זי איז נישט קאָמפּעטענט און הייבט נישט אָן צו ווייסן ווי אַזוי מ'דאַרף פירן אַ סטרייק, און אַז ווען ער וואָלט געווען דער הויפּט פון דער פינאַנץ־קאָמיטע, וואָלט די יוניאָן געהאַט גענוג געלט אָנצופירן דעם סטרייק; ווען מ'וואָלט אים

געמאַכט אַלס דעם הויפּט פון דער לאָקאַל־קאָמיטע, וואָלט קיינער נישט אַרעסטירט געוואָרן, און ווען ער איז דער הויפּט־פירער פון דער יוניאָן, וואָלט דער סטרייק לאַנג שוין געווען אַ געסעטלטער.

צום שטאַרקסטן האָט זיך דער דאָזיקער ייד געטשעפּעט צו דער פּיקעט־קאָמיטע.

אויף איינער אַזאַ זיצונג, וואו מען האָט אָפּגעגעבן באַריכט פון סטרייק, איז דער דאָזיקער ייד שטאַרק אָנגעפאַלן אויף דער פּיקעט־קאָמיטע. ער האָט זיי אָנגערופן מיט כלערליי מיאוסע נעמען, געשריען אַז זיי זיינען פּחדנים און לאָזן אין אַ סך שעפּער אַרבעטן סקעבס. ווען מ׳האָט דעם דאָזיקן יידן געפרעגט פאַרוואָס ער אַליין קומט נישט פּיקעטן, איז ער נאָך מיט מער חוצפּה אָנגעפאַלן אויף דער פּיקעט־קאָמיטע און געשריען, אַז זיי זיינען פייגלינגע און פאַר־נוצן די אָרימע פאַר טולער, וואָס די יוניאָן האָט נאָך געהאַט, און קומען נישט צו די סטרייק־קאָמיטע מיט באַשטימטע באַווייזן וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן.

דער פירער פון דער פּיקעט־קאָמיטע האָט דעם דאָזיקן יידן געענטפערט, אַז ער אַליין מעג אויך קומען פאַרטאָג אַרום די שעפּער און זיך איבערצייגן צי די פּיקעט־קאָמיטע טוט איר פליכט. ער האָט צוגעזאָגט, אַז מאָרגן פאַרטאָג וועט ער שוין זיין אויף דער פּיקעט־ליין און זיך איבערצייגן צי די פּיקעט־קאָמיטע טוט איר אַרבעט צו פאַרטרייבן די סקעבס.

דער דאָזיקער ייד האָט געהאַלטן וואָרט און געקומען נאָך פריער ווי די פּיקעט־קאָמיטע. די פּיקעט־קאָמיטע האָט שוין געהאַט דערפאַרונג, אַז ס׳איז אַ געפאַר נאָענט צוצוגיין צו די שעפּער, ווייל אַרום די שעפּער האָבן זיך געפונען שטאַרקע, וואָס די באַלע־באַטים האָבן אָנגעשטעלט, און זיי זיינען געווען געצוואונגען צו שטיין פון דערווייטנס. דער קריטיקער פון דער פּיקעט־קאָמיטע האָט פון דעם נישט געוואוסט, און ווען ער איז געקומען אַרום דעם שאַפּ אַביסל צו־פרי און קיינעם פון די פּיקעטס נישט געטראָפן, איז ער אַריין אין האָל פון שאַפּ. די שטאַרקע האָבן געמיינט, אַז ער איז איינער פון די סקעבס האָבן זיי אים נישט געטשעפּעט. עס זיינען אָנגעקומען נאָך סקעבס. די פּיקעט־קאָמיטע האָט זיך

געוואָלט אויסצייכענען, אַז זי טוט גוטע אַרבעט. האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין האָל, וואו ס׳איז געווען פינצטער. עס האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די פּיקעטס און די שטאַרקע, די סקעבס האָבן זיך שנעל אַריינגעכאַפּט אין דער פאַבריק, און דער קרבן איז געווען דער דאָזיקער קריטיקער פון דער פּיקעט-קאָמיטע, ווען זיי האָבן גוט צעהרגעט און ער איז צוגענומען געוואָרן אין האָספּיטאָל.

דעם זעלבן אָוונט האָט די סטרייק-קאָמיטע אָפּגעהאַלטן איר רעגולער-מיטינג און דער דאָזיגער ייד מאַרשירט זיך אַריין צום מיטינג אַ פאַרבאַנדאַזשירטער פון קאָפּ ביז די פיס. ער בעט ביים פאָרזיצער, אַז ער זאָל אים דערלויבן צו מאַכן אַן ערקלערונג. דער ייד שטעלט זיך אויף און דערקלערט:

„ברידער! איך וויל זיך אַנטשולדיקן פאַר די פּיקעט-קאָמיטע, ווען איך האָב קריטיקירט, אַז זיי טוען נישט קיין וויכטיקע אַרבעט אין סטרייק. איר זעט די באַנדאַזשן? — זיי זיינען דער בעסטער באַוויז, אַז זיי שלאָפן נישט... דאָס האָבן זיי מיך איבערצייגט היינט פאַרטאָג, ווען איך בין געקומען אויף דער פּיקעט-ליין...״

דער דאָזיקער ייד האָט שוין מער נישט קריטיקירט די פּיקעט-קאָמיטע...

ווער איז מיסטער טאַטל?

דער גרעסטער סטרייק, וואָס ניו־יאָרק האָט ווען עס איז געזען, איז אַן צווייפל געווען דער גענעראַל־סטרייק פון די מענער־שניידערס אין אָנהייב פונעם יאָר 1913. די פירערס פון יענעם סטרייק האָבן אַליין ניט געוואוסט וויפיל שניידערס עס זיינען אַרוים אין סטרייק. די צייטונגען האָבן געשאַצט זיבעציק טויזנט. מ׳קאָן באַשטימט זאָגן אַז איבער פופציק טויזנט שניידערס זיינען געווען פאַרוויקלט אין יענעם היסטאָרישן סטרייק.

פאַר דעם סטרייק האָט כמעט ניט עקזיסטירט קיין יוניאָן אין דעם שניידערפאַך. די עטלעכע פירערס פון דער יוניאָן האָבן אין זייער פראָפּאַגאַנדע, סיי אין דער פרעסע און סיי אויף פאַר־זאַמלונגען, געמוזט שאַפן אַן איינדרוק ביי די שניידערס, אַז הינ־טער זיי שטייט ניט נאָר אַ מעכטיקע יוניאָן, נאָר אויך אַ מעכטיקע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס וועט זיי באַשיצן, ווען זיי וועלן אַרוים־גיין אין אַ סטרייק.

דאָס איז נישט געווען סתם אַ סטרייק, נאָר אַ מעכטיקע לאַווע פון מענטשן האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַרום די האָלס, וואו די סטריי־קערס האָבן זיך פאַרזאַמלט. די יוניאָן האָט ניט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה צו קאָנען באַפרייען די סטרייקערס וואָס די פּאָ־ליציי פלעגט יעדן טאָג אַרעסטירען אין די הונדערטער. די האָל־איינגנטימערס, וואו די סטרייקערס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָבן געפאָדערט דירה־געלט. עס האָבן געפעלט אויך אַנדערע נייטיקע פינאַנציעלע מיטלען פאַר אַ סטרייק.

די שניידערס, וואָס האָבן געהונגערט אַפילו ווען זיי זיינען געווען באַשעפטיקט, האָבן מער ווי אַ וואָך צייט ניט געקאָנט אויסהאַלטן. זיינען זיי געקומען צו די פירערס פון דער יוניאָן נאָך שטיצע. די פירערס פון סטרייק האָבן איינגעזען, אַז עפּעס מוז מען

טאָן כדי צו שטיצן אויב ניט אַלע סטרייקערס, איז לכל הפחות עטלעכע טויזנט פון זיי, אַז ניט — איז געווען די געפאַר אַז אַלץ זאָל פאַרלוירן גיין.

האָבן די סטרייק־פירערס זיך געווענדט צום „פאָרווערטס" וואָס איז געווען דער הויפּט־אָרגאַן פון סטרייק, אַז ער זאָל אַרויס־לאָזן אַ רוף צו זיינע לעזערס נאָך שטיצע. איין עטלעכע טעג אַרום איז אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג דערשינען אַ וואָרע־מער רוף צו אַנדערע יוניאָנס ווי אויך צו די לעזערס צו העלפן די סטרייקערס. און באַלד טאַקע האָט אין „פאָרווערטס" יעדן טאָג געקומען דערשיינען אַ ליסט מיט נעמען וויפיל יעדער האָט בייגע־שטייערט. נאַטירלעך אַז עס איז אויך געווען אונטערגעצויגן אַ סך הכל פון דער קוויטירונג, דער „טאָטל" אַזוי פיל, און „גרענד טאָטל" אַזוי פיל און אַזוי פיל.

די סומע וואָס דער „פאָרווערטס" האָט דאַן געזאַמלט, איז ניט געווען גענוג אויף צו באַצאָלן די געריכט־קאָסטן און בעיל פאַר די סטרייקערס. די צאָל הונגעריקע שניידערס איז מיט יעדן טאָג געוואַקסן און די יוניאָן האָט פאַר זיי גאַרנישט ניט גע־קאָנט טאָן.

די סטרייק־קאָמיטע האָט געהאַט אירע זיצונגען יעדן אָוונט כדי אויסצוהערן באַריכטן פון די פאַרשידענע קאָמיטעס. איין מאָל האָבן צו אַזאַ זיצונג פון דער סטרייק־קאָמיטע אַריינגעמאַרשירט עטלעכע הונדערט סטרייקערס און מיט טרערן אין די אויגן גע־פאָדערט סטרייק־בענעפיט, ווייל זייערע פרויען און קינדער קאָנען מער ניט הונגערן.

דער פאָרזיצער האָט זיי דערקלערט, אַז די יוניאָן פאַרמאָגט ניט קיין פּעני צו קאָנען זיי שטיצן און זיי אַנגעוויזן, אַז פופציק טויזנט פון זייערע ברידער זיינען ניט אין קיין בעסערער לאַגע און ליידן שטילערהייט הונגער.

שטעלט זיך אויף איינער פון די סטרייקערס, כאַפּט אַרויס אַ „פאָרווערטס" פון קעשענע און רופט אויס: — „אָט זעט! ניט נאָר קריגט איר אַריין יעדן טאָג געלט פון אַנדערע יוניאָנס, נאָר אַפילו די רייכע יידן שיקן יעדן טאָג אַריין געלט פאַר אונדז

סטרייקערס, ספּעציעל — רופט ווייטער אויס דער זעלבער סטרייקער — „איז פאַראַן אַ רייכער ייד מיטן נאָמען מיסטער טאַטל, וואָס גיט אונדז יעדן טאָג אַ סך געלט, אָבער דער צווייטער ייד, דער מיסטער גרענד טאַטל, ער איז דאָך גאָר אַ גאָלדענער מענטש, ער גיט דאָך אוועק זיין גאַנץ פאַרמעגן! און איר זאָגט אונדז אַז איר האָט קיין געלט ניט...״

דריי צו איינס

(אַ פּאָליטישער געשפּרעך צווישן אַ קלאָוק־מאַכער און אַ שניידער)

ווען עס האָט זיך געפירט דער גרויסער קאַמף אין די טרעיד־יוניאָן רייען, ווער עס זאָל האָבן די אמתע דעה אין דער „אַמע־ריקען לעיבאָר־פּאַרטיי" און ווער עס זאָל ווערן איר פּאַקטישער פירער, דייוויד דובינסקי, דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, אָדער סידני הילמאַן, דער פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמייטעד, — האָט זיך דעמאָלט אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט וועט אויסברעכן אַ ביטערער בירגער־קריג צווישן די צוויי גרויסע יוניאָנס און ווען מיטגלידער פון די צוויי יוניאָנס וועלן זיך באַגעגענען, וועלן זיי זיך נעמען רייסן ביי די טשופּרינעס. אזוי האָט עס יעדנפאַלס אויסגע־זען לויט דער שרייענדיקער פּובליסיטי אין דער פּרעסע וואָס דער קאַמף האָט געקראָגן אין אַלע ניו־יאָרקער צייטונגען.

דער אמת איז געווען, אַז סיי די קלאָוקמאַכערס און סיי די שניידערס, האָבן ניט געמאַכט קיין צו גרויסן צימעס פון דעם גאַנצן ענין און דער גרויסער קאַמף פון די צוויי פּרעזידענטן איז זיי געלעגן אין דער לינקער פּאה. ווען אַ קלאָוק־מאַכער פלעגט באַ־געגענען אַ שניידער — האָט צווישן זיי ביידן זיך ניט געמערקט קיין באַזונדערע שנאה. פאַרקערט, מען פלעגט געוויינלעך זיך גאָר וויצלען אויפן חשבון פון ביידע פּרעזידענטן.

טרעפט, אַז אין יענער צייט באַגעגנט זיך אַ קלאָוק־מאַכער מיט אַ שניידער. דאָס איז גראַד געווען אין סאַמע ברען פון קאַמף, עטלעכע טעג איידער די פּריימערים האָבן געדאַרפט באַשטימען ווער וועט אַרויס דער זיגער: דער פּרעזידענט פון דער אינטער־נעשאָנאַל, אָדער דער פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמייטעד.

נאַטירלעך, אַז ביידע ברידער־אַרבעטער האָבן זיך צערעדט וועגן די פּריימערים, איז דער קלאָוק־מאַכער געשטאַנען שטאָל און

אייזן פאַר זיין פרעזידענט דובינסקי, און דער שניידער פאַר זיין פרעזידענט הילמאַן. ביידע זיינען אָבער מסכים געווען אין איין פונקט, אַז טרעיד-יוניאָן-פירערס האָבן אַ קנאַפּן פּאָליטישן איינפלוס אויף זייערע מיטגלידער. ווי אַ ראיה אויף צו באַקרעפטיקן זיינע אַרגומענטן, האָט דער שניידער געבראַכט דעם ביישפּיל מיט דזשאָן ל. לואיס, וועלכער האָט שטאַרק געאַרבעט פאַר ווענדעל ווילקי און איז דורכגעפאַלן.

אָבער דאָך זיינען ביידע — אי דער קלאָוק-מאַכער, אי דער שניידער — געווען זיכער, אַז אין דעם פאַל וועט זיין פרעזידענט אַרויס דער זיגער.

— „זאָג מיר נאַר" — רופט זיך אָפּ דער קלאָוק-מאַכער צום שניידער — „דו האָסט דאָך אָקאָרשט אַליין געזאָגט, אַז פירערס פון יוניאָנס האָבן נישט קיין ברעקל איינפלוס אויף זייערע מיט-גלידער, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אינדאָרסירן אַ קאַנדידאַט, אָדער אַ פּאַרטיי, טאָ ווי זשע וועט דיין פרעזידענט אַרויס דער זיגער אין די איצטיקע פּריימערים? און ווי אַזוי וועט דיין פרעזידענט געווינען דעם דאָזיקן קאַמף דריי צו איינס קעגן אונדז?"

— „גאַנץ פּשוט" — ענטפערט דער שניידער — „די פּריי-מערי-וואַלן אין דער „אַמעריקען לייבאָר-פּאַרטיי" קומען דאָך פאָר אין ניו-יאָרק סטייט, און 95 פּראָצענט פון די אַנטיילנעמערס אין די דאָזיקע פּריימערי געפינען זיך אין דער שטאָט ניו-יאָרק און גראָד זיינען די מעמבערס פון דער אינטערנעשאָנאַל אין ניו-יאָרק דריי מאָל גרעסער פון די אַמאַלגאַמייטעד מיטגלידער. ווען אַלע אַמאַלגאַמייטעד מעמבערס שטימען ווי אַזוי דובינסקי דער פּרעזי-דענט פון דער אינטערנעשאָנאַל וויל, און אַלע אינטערנעשאָנאַל מעמבערס וועלן שטיצן אונדזער פרעזידענט הילמאַן, וועט טאַקע אונדזער צד, דאָס הייסט פון דער אַמאַלגאַמייטעד, געווינען דריי צו איינס"...

סיי דער קלאָוק-מאַכער און סיי דער שניידער האָבן זיך האַרציק צעלאַכט, און זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען ווי גוטע ברידער, ווי עס וואָלט גאַרנישט געהערשט קיין קריג אין ביידע יוניאָנס...

„מאַקסעלע דער טרוימער"

(אַ טיפּ)

אין דער יוניאָן ווערט מאַקסעלע גערופן „דער טרוימער", ווייל מאַקסעלע גייט שטענדיק אַרום ווי אין אַ חלום. רעדט איר מיט מאַקסעלען, קוקט ער אייך נישט אַריין אין פּנים, אָדער ער קוקט אויף די ווענט אָדער אויף דער סטעליע. ווען איר רעדט מיט מאַקסעלען וועגן פּראָבלעמען פון דער יוניאָן, וועט ער אייך נישט ענטפערן אויף די פראַגע וואָס איר האָט אָנגערירט, נאָר אייך דאַכט זיך, אַז ער האָט גאָר אין זינען אַנדערע זאַכן וואָס זיינען פאַר אים וויכטיקער, די וואָס קענען מאַקסעלען וויסן שוין וועגן וואָס ער טראַכט, ווייל מאַקסעלע לעבט אויף דער וועלט אויף צוויי זאַכן וואָס זיינען אַ טייל פון זיין לעבן — די יוניאָן און דער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, — ווען איר זאָלט פון מאַקסעלען צונעמען דאָס רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט די צוויי אָרגאַניזאַציעס, וואָלט ער באַגאַנגען זעלבסט-מאָרד.

אין דער יוניאָן נעמט מאַקסעלע קיינמאָל נישט דאָס וואָרט, כאָטש אין סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד הערט מען, לאָזט ער יאָ פון זיך הערן. ווען מ׳פרעגט ביי מאַקסעלען פאַרוואָס ער באַטייליקט זיך נישט אין דער יוניאָן אין די דעבאַטן און אין סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד רעדט ער ביי אַלע פאַרזאַמלונגען, ענטפערט מאַקסעלע, אַז אין דער יוניאָן האָט ער אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן... „ווען דער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד וואָלט געהאַט אַזעלכע פירער ווי דזשייקאָב פּאָטאָפסקי און דייוויד דובינסקי, לואיס האָלענדער און אַב מילער, וואָלט איך אין פאַרבאַנד אויך געשוויגן"...

מאַקסעלע איז אַ גרויסער חסיד פון דער יידישער ליטעראַטור

און אַ הייסער יידישיסט. אין דער יוניאָן גייט אַרום אַ ווערטל וועגן מאַקסעלען, אַז ער איז אַ גרעסערער יידישיסט ווי די מערסטע יידישע שרייבער און פּאָעטן, ווייל מאַקסעלע איז שוין פינף און פערציק יאָר אין אַמעריקע און ענגליש איז פאַר אים אַזוי פרעמד ווי ער וואָלט ערשט אָנגעקומען אין אַמעריקע... ביי די מיטינגען פון דער יוניאָן — מעגן די דיסקוסיעס זיין די היציקסטע — זיצט זיך מאַקסעלע אין אַ ווינקל און דרימלט... די וואָס קענען אים ווייסן שוין, אַז ער שלאָפט נישט און ווייסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, ער וועט אייך נאָכן מיטינג איבערגעבן אַלץ וואָס יעדער רעדנער האָט געזאָגט און וועט זאָגן זיין מיינונג ווען אַלע זיינען שוין אין גאַס...

מאַקסעלע קומט צו אַלע מיטינגען שפּעט. זעלטן וועט ער זיך באַווייזן צו אַ יוניאָן־פאַרזאַמלונג פריער ווי דער מיטינג פאַנגט זיך אָן. וועגן מאַקסעלע זאָגן זיינע חברים אין דער יוניאָן, אַז ווען ער גייט אין יידישן טעאַטער, קומט ער אַלעמאָל צום צווייטן אַקט... מאַקסעלע האָט צייט, וואָס האָט ער צו פאַרשפּעטיקן?...

אַ פרומער ייד באַטראַכט די וועלט ווי אַ אָפּקומעניש און דאָס אמתע לעבן פאַנגט זיך אָן אויף יענער וועלט. מאַקסעלע לעבט אויך ווי יענער פרומער ייד אין צוויי וועלטן — זיין יוניאָן און דער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד. פּונקט ווי אַ פרומער ייד טאָר ניט געניסן פון עולם הזה און דאַרף קומען אויף יענער וועלט אַ געלייטערטער, אַזוי געניסט מאַקסעלע ווייניק אין דער יוניאָן... דער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז זיין עולם הבא, און פילט זיך דאָרטן ווי אַ פרומער חסיד אין גן־עדן...

מאַקסעלע איז איינמאָל אויסגעקליבן געוואָרן צו פאָרן צו אַ קאָנווענשאָן פון זיין יוניאָן און דער לאָקאַל האָט אים געגעבן עטלעכע דאָלער מער ווי די אַנדערע דעלעגאַטן ער זאָל זיך קאָנען קויפן אַ נייעם סוט און אַ פּאָר שיך און קומען לייטיש צום קאָנ־ווענשאָן. מאַקסעלע איז געקומען צום קאָנווענשאָן אין דעם אַלטן צוקנייטשטן סוט און צוריסענע שיך וואָס ער האָט געטראָגן אַלע טעג. ווען דער סעקרעטאַר האָט ביי אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיך נישט געקויפט אַ נייעם סוט און אַ פּאָר שיך, און וואָס

האָט ער געטאָן מיט די געלט וואָס די יוניאָן האָט אים געגעבן, האָט מאַקסעלע גענטפערט, אַז דער פאַרבאַנד האָט שוין נישט באַצאָלט זיינע אָנגעשטעלטע פיר וואָכן שכירות האָט ער דאָס געלט אַוועקגעגעבן דעם פאַרבאַנד וואָס נויטיקט זיך פיל מער ווי ער...

ווען מאַקסעלע ווערט דערציילט, אַז דער סעקרעטאַר פון זיין יוניאָן האָט איינמאָל אויסגעשריבן אַ טשעק פאַר אַ פיונעראַל־דירעקטאָר פאַר אַ קאַר וואָס די יוניאָן האָט געדונגען צו אַ לויה און האָט צו דער האַנט נישט געהאַט קיין סטעמפּ, רופט זיך אָן מאַקסעלע, אַז אַזוי ווי ער וואוינט נישט ווייט פון דעם פיונעראַל־דירעקטאָר זאָל ער אים געבן דעם טשעק וועט עס אים אַליין איבער־געבן. מיט פינף טעג שפּעטער האָט דער סעקרעטאַר פון דער יוניאָן דערהאַלטן אַ רעסיט און אַ דאַנק פון — סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד פאַר דער ביישטייערונג...

מאַקסעלע איז אַ שווערער אַרבעטער און נעמט זעלטן וואַקיישאָן כאָטש אין דער יוניאָן האָט מאַקסעלע צוויי וואָכן וואַקיישאָן אַזוי ווי די אַנדערע אַרבעטער. אָנשטאָט וואַקיישאָן, זיצט מאַקסעלע אין אָפיס פון פאַרבאַנד און טוט פאַרשידענע אַרבעט. זיין יוניאָן האָט איינמאָל געהאַט אָן אַרויספאָר אין אַרבעטער רינג קעמפּ און מיט־גענומען מאַקסעלען וואָס איז געווען אַ גרויסע מצוה אים מיט־צונעמען ער זאָל האָבן עטלעכע טעג רו. דעם ערשטן טאָג, שבת, איז געווען אַ מחיהדיקער טאָג וואו די זון האָט געוואַרעמט און די געסט האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן פעלד און זיך געבאַקן אויף דער זון. מאַקסעלען האָט מען נישט געזען, ווי פאַרשוואונדן, עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעצייגט, אַז ווי נאָר מאַקסעלע איז אָנ־געקומען אין קעמפּ, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אין דער באַנגעלאָו און געשלאָפן ביז צום סאַפּער.

נאָכן קאָנצערט, האָט זיך די יוניאָן־דעלעגאַציע פאַרזאַמלט אין וואַלד, געמאַכט אַ פייער און געזונגען יידישע פאָלקס־לידער און מאַקסעלע איז נישט דאָ, ווי אין וואַסער אַריין. אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג האָט אָנגעפאַנגען רעגענען און דער גאַנצער עולם איז שנעל געלאָפן אין זייערע שלאָף־פלעצער און געטראָפן מאַקסעלען

זיצן אין דרויסן אויף אַ באַנק און געדרימלט... — „וואָס זיצסטו דאָ אין דרויסן אין רעגן און דרימלסט?" — פרעגט אים איינער פון זיינע יוניאָן-קאָלעגען, און מאַקסעלע ענטפערט אים אַז ער נעמט זיך „אַ סאָן-באַטה"...

אַז מאַקסעלע איז פאַרליבט אין אַ מענטשן וועט ער פאַר אים גיין אין פייער און וואַסער. מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז מאַקסעלע געווען אַ דעלעגאַט צו אַ קאָנווענשאָן פון זיין יוניאָן און איינער פון די רעדנער ביי דער קאָנווענשאָן איז געווען וויים-פּרעזידענט באַרקלי. נאָך די זיצונג זיינען געשטאַנען עטלעכע דעלעגאַטן און גערעדט וועגן די רעדע וואָס באַרקלי האָט געהאַלטן און אים פאַרגליכן צו די בעסטע רעדנער וואָס אַמעריקע האָט געהאַט, ווי וויליאַם דזשענינגסברייען, בוירק קאָקראַן און אַנדערע באַרימטע אַמעריקאַנער רעדנער. מאַקסעלע שטייט דערביי און זאָגט גאָר נישט נאָר ער הערט זיך צו וואָס די אַנדערע זאָגן. ווען די גרופּע האָט שוין געהאַלטן זיך ביים פאַנאַנדערגיין, פאַרהאַלט זיי מאַקסעלע און רופט זיך אָפּ: — „ברייען איז טאַקע געווען אַ גרויסער רעדנער, און באַרקלי קאָן מען אויך נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, אָבער צו כאַנינען קומען זיי נישט"...

פאַראַנען ציניקער וואָס זאָגן, אַז די אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג איז פאַרביזנעוועט און עס פעלט צווישן די אַרבעטער אידעאַליזם וואָס ווילן זיך נישט מקריב זיין פאַר דער באַוועגונג. מאַקסעלע איז נישט קיין אויסנאַם אין אונדזער יידישער טרעיד-יוניאָן און סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איר קאָנט זיי געפינען אין די טויזנטער, נאָר איר הערט נישט פון זיי.

די קאָמיטע וואָס איז געקומען פאַרקויפן שערס פאַר ביראָ-בידזשאַן

דערציילט מיר אַן ארבעטער-פירער, אַז צו אַ מיטינג פון דער עקזעקוטיוו פון זיין יוניאָן, טראָגט מען צו צום פּאַרזיצער אַ קרע־דענשל, אַז אַ קאָמיטע וויל אַריינקומען צום מיטינג, אַז די יוניאָן זאָל קויפן שערס פאַר ביראָ-בידזשאַן, און דאָס קרעדענשל איז געווען פון אַ קאָמיטעט וואָס האָט זיך גערופן: — „דער פאַראייניקטער ארבעטער קאָמיטעט פאַר ביראָ-בידזשאַן".

די עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן צוצולאָזן די דאָזיקע קאָמיטע, און עס קומען אַריין אַ יינגל און אַ מיידל, וואָס זיינען נישט עלטער פון צוואַנציק יאָר, זיי מאַכן אַ שטאַרקן אַפּיל, אַז די יוניאָן זאָל קויפן שערס פאַר ביראָ-בידזשאַן, וואו עס בויט זיך אַ יידישע מלוכה וואָס דער סאָוועטן-פאַרבאַנד האָט פּראָקלאַמירט פאַר די יידן איבער דער גאַנצער וועלט זיי זאָלן זיך קומען באַזעצן אין דער נייער רעפּובליק.

ביי דער עקזעקוטיווע האָבן זיך געפונען מיטגלידער וואָס זיינען באַלד באַגייסטערט געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן אַפּיל, און זיינען שוין געווען גרייט צו מאַכען אַ פאָרשלאָג, אַז די יוניאָן זאָל קויפן שערס פאַר ביראָ-בידזשאַן וואו דאָס יידישע פאָלק וועט האָבן אַ היים, און סטאַלין וועט פאַר די יידן דאָרטן אויפבויען אַ גן-עדן.

די פירער פון דער יוניאָן האָבן פריער געוואָלט, אַז די קאָמיטע זאָל זיי מער אויפקלערן וועגן דער דאָזיקער אַנגעלעגנ־הייט. איידער זיי קויפן די שערס. איינער פון די פירער וואָס האָט געהאַט אַ חוש פאַר פינאַנצן און בכלל געהאַט אַ באַגריף וועגן שערס, האָט ביי דער קאָמיטע געפרעגט, וויפיל קאַפּיטאַל איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער קאָרפּאָריישאַן וואָס פאַרקויפט די שערס וואָס זאָל גאַראַנטירן, אַז די שערס וואָס ווערן פאַרקויפט

זאָלן זיין פאַרזיכערט קעגן אַ פאַרלוסט אויב אַזעלכע פאַרלוסטן וועלן זיין, און אויב קיין גרונט־קאַפּיטאַל איז נישט פאַראַן, צו געפינען זיך צווישן די פירער פון דער קאָרפּאָריישאַן מענטשן וואָס זיינען רייך, וועמען מ׳קאָן פאַרטרויען אַז די שערס וואָס מיר קויפן זאָלן זיין געזיכערטע.

די קאָמיטע איז געשטאַנען ווי פאַרלוירענע און נישט געוואוסט ווי אַזוי צו פאַרענטפערן די דאָזיקע שווערע פראַגן. אָבער אין גאַנצן נישט ענטפערן איז דאָך ביטער, ווי אַזוי וועלן זייערע קאָמיסאַרן וואָס האָבן זיי דאָ אַהער געשיקט אויף זיי רעאַגירן אויב זיי וועלן דאָ האָבן אַ דורכפאַל? האָט זיך דאָס יינגל אָנגענומען מיט מוט און אָנגערופן, אַז ער איז גרייט צו ענטפערן, און דער עולם איז געווען נייגעריק צו הערן וואָס וועט זיין זייער ענטפער.

דער יונגערמאַן וואָס האָט געדאַרפט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך ביי אַן עקזעקוטיוו פון אַ יוניאָן און געהאַלטן אַ רעדע, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם האָט זיך פאַראייניקט מיט די רעאַקציאָנערע פירער פון די יוניאָנס וואָס ווילן נישט דערלאָזן, אַז ס׳זאָל אויפגעבויט ווערן אַ יידישע מלוכה אין ביראָ־בידזשאַן, און ווילן בעסער שאַפן אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל וואָס וועט זיין אַ טייל פון אינטערנאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם און שטערן דעם פאַרקויף פון שערס פאַר בירא־בידזשאַן.

דער פאַרזיצער פון מיטינג האָט דעם יונגנמאַן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער רעדט נישט צו דער זאַך, און ער פאַרענטפערט נישט די פראַגע וואָס איז אים געשטעלט געוואָרן. דער יונגערמאַן האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער איז פאַרקראָכן אין טעמפּן ווינקל וואָס איז נישט געפעלן געוואָרן זיינע צוהערער און פאַרזיכערט, אַז ער איז גרייט צו ענטפערן די פראַגע.

— איך קאָן אייך דערקלערן — זאָגט שוין איצט דער יונגערמאַן — אַז ביי אונדז אין דער אַקציע פאַר בירא־בידזשאַן זיינען נישטאָ קיין ראַקעטירערס, קיין מאַרגאַנס וואָס זאָלן פאַרזיכערן, אַז די שערס וואָס איר וועט קויפן זאָלן פון זיי זיין געזיכערט.

מיר האָבן אויך נישט קיין גרונט־קאַפּיטאַל וואָס זאָל פאַרזיכערן די דאָזיקע שערס. איך קאָן אייך אָבער פאַרזיכערן, אַז די מענטשן וואָס שטייען אָן דער שפּיץ פון אונדזער אַקציע פאַר בירא־בידזשאַן קאָן מען מער פאַרטרויען אונדזער געלט ווי די ראָקעפעלערס און די מאָרגאַנס, און איך וועל אייך באַלד דאָ אויסרעכענען זייערע נעמען וואָס שטייען אָן דער שפּיץ פון אונדזער קאָמיטע.

דער יונגערמאַן האָט געזוכט אין זיינע קעשענעס עפּעס פּאַפּירן און דער עולם איז שוין געוואָרן „אָנגעצויגן" צו הערן די בערן, ווען דער יונגערמאַן וועט דאָ אויסרעכענען וואָס זיינען גרייט צו פאַרזיכערן די שערס וואָס די יוניאָן וועט איצט קויפן.

אין צימער איז געוואָרן שטיל ווען דער יונגערמאַן האָט גענומען לייענען דעם צעטל פון די פירער פון דער פינאַנץ־קאָרפּאָ־ריישאָן פאַר בירא־בידזשאַן, און מיט גרויס פּאַטאָס אויסגערופן: דר. חיים זשיטלאָווסקי, חנן מיניקעס, א. לוצקי, נחום יוד, אברהם רייזען, י. ביילין און אַנדערע אַזעלכע גרויסע פינאַנסירן...

דער עולם האָט אויסגעשאָסן אין אַ גרויס געלעכטער, און קיין שערס פאַר בירא־בידזשאַן האָט שוין די יוניאָן נישט געקויפט...

אַ נאַסע טרעין

אין דער צייט פון „פּראָהיבישן", ווען ס'איז געווען אַ מצווה צו „מאַכן אַ לחיים", האָבן יוניאָנס אָפּגעהאַלטן זייערע קאָנווענשאָנס אין טאָראָנטאָ אָדער אין מאָנטרעאָל, קענעדע, צו געבן אַ געלע־גנהייט זייערע דעלעגאַטן און געסט צו געניסן פון דעם „ביטערן טראָפּן", וואָס איז געווען פאַרבאָטן ביי אונדז אין לאַנד.

ביי איינער פון אַזאַ קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ האָבן די דעלע־גאַטן געהאַט אַן אמתן יום־טוב און געלעבט אַ גוטן טאָג. די דע־לעגאַטן און זייערע געסט וואָס האָבן שוין אַ לאַנגע צייט נישט פאַרזוכט אַ גוט ביסל משקה, האָט מען ביי דער קאָנווענשאָן נישט באַמערקט, אַז אימעצער פון זיי זאָל חלילה זיין שיכור, אָדער סתם זיך ניט אויפגעפירט אָנשטענדיק, אָבער פריילעכע זיינען די דע־לעגאַטן געווען ביז גאָר, איבערהויפּט נאָך די זיצונגען...

ווען ס'איז געקומען די צייט אַהיים צו פאָרן, האָט יעדער גע־וואָלט אַהיימנעמען אַ „סואוועניר" צו קאָנען ווייזן פאַר זיינע פריינט, אַז ער האָט אַ גוט ביסל בראָנפן אין הויז. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס? אין שטאָט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די אינספּעקטאָרן אויף דער טרעין זיינען זייער שטרענג, און טאָמער כאַפּט מען איינעם וואָס האָט מיט זיך אַ פלעשל בראָנפן, צאָלט ער אַ גוטע שטראָף, האָט יעדער דעלעגאַט אויסגעטראַכט אַ באַזונדערן „פּע־טענט" ווי אַזוי אָפּצונאַרן די אַמעריקאַנער אינספּעקטאָרס און קיינעם נישט דערציילט ווי אַזוי ער וועט עס קאָנען מאַכן...

ווען די טרעין האָט פאַרלאָזט טאָראָנטאָ, האָט זיך יעדער געהאַט זיין פּעקל באַהאַלטן אַזוי, אַז ער איז געווען זיכער, אַז ביי אים וועט דער אינספּעקטאָר נישט קאָנען געפינען זיין קאָנטער־באַנד. איין דעלעגאַט האָט געהאַט מיט זיך זיין ווייב און אַ זעקס מאָנאַטדיקע בייבי, האָט ער אויסגעלייגט די פלעשלעך מיט שנאַפּס

אויפן בעט, ארויפגעלייגט אויף זיי די דאַיפּערס. ווען דער אינס־פּעקטאָר איז צוגעקומען האָט ער באַטראַכט די בעיבי און רופט זיך אָפּ — וואָס עי נאַיס בעיבי! — און איז אַוועק. אַלע זיינען אים מקנא געווען.

אַ צווייטער דעלעגאַט האָט זיינע פלעשער שנאַפּס צוגעבונדן ארום זיינע לענדן און זיך אָנגעטאָן אַ ברייטן אָווערקאָוט און זיך געזעסן אויף זיין פּלאַץ און איינגעדרימלט... ווען דער אינספּעקטאָר האָט אים אַ טרייסל געטאָן, זיינען פון זיינע הויזן ארויסגעפאַלן פלעשלעך שנאַפּס, און ער האָט דעם דעלעגאַט פאַרבעטן מיט אים צו גיין אין אַ צווייטער קאַר. אַלע אין דער קאַר האָבן געציטערט אויס מורא טאָמער וועט מען מאַכן די אמתע רעוויזיע זיינען זיי קאַפּוט. נאָר איינער פון די דעלעגאַטן האָט פון זיי אַלעמען געלאַכט, אַז פון זיין „פּעטענט" וועלן די אינספּעקטאָרס נישט אויסגעפינען וואו ער האָט באַהאַלטן זיין אוצר.

דער דאָזיקער דעלעגאַט האָט גענומען עטלעכע פלעשער שנאַפּס, צוגעבונדן שטריקלעך און זיי ארויסגעהאנגען פון די פענצ־טער פון דער קאַר און צוגעהאַלטן די שטריקלעך מיט דער האנט וואָס ער האָט געהאַלטן פעסט ביים פענצטער. ווען דער אינס־פּעקטאָר האָט ביי אים געזוכט אין זיין וואַליז — וואָס ער האָט געהאַט געעפנט פריער — איז דער אינספּעטאָר אַוועק אַ צופרי־דענער וואָס ער האָט גאָר נישט געפונען...

ווען די דאָזיקע קאַר איז שוין געווען אונטערזוכט, האָט זיך דער דעלעגאַט צעלאַכט פון דעם פיינעם איינפאַל ווי אַזוי ער האָט אָפּגענאַרט דעם אינספּעקטאָר, און עפנט אויף דאָס פענצטער אריינ־צונעמען זיינע פלעשלעך, שלעפט דער דעלעגאַט ארויס די „העלדז־לעך" פון די פלעשער... וואָס די טרעין האָט צעבראָכן ווען זי איז שנעל געפאָרן און איבערגעפירט אַ חלום פון אַ מענטשן וואָס האָט געוואָלט אָפּנאַרן די אַמעריקאַנער רעגירונג...

ווי אַזוי די קאָמוניסטן האָבן דורכגעפירט אַ „פּאַראייניקטן פראָנט"

איר וועט זיך דערמאָנען, אַז איינער פון די קאָמוניסטישע „סלאָגאַנס" — ווען זיי האָט זיך פאַרגלוסט צו פאַרכאַפּן די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, — איז געווען דער טרויעריק באַרימטער „פאַראייניקטער פראָנט".

ווען די קאָמוניסטן איז געלונגען צו פאַרכאַפּן אַ יוניאָן האָבן זיי טאַקע דורכגעפירט זייער פאַראייניקטן פראָנט הונדערט פּראָצענט: זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער אונטערוועלט, מיט די באַלעבאַטים, מיט די ערגסטע עלעמענטן אין דער יוניאָן — און מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין אַ געוויסער יוניאָן איז די קאָמוניסטן געלונגען צו פאַרכאַפּן צוויי קליינע לאָקאַלס. זיי האָבן געהערשט אין די דאָזיקע לאָקאַלס ווי סטאַלין הערשט אין רוסלאַנד. די מעמבערס האָבן ניט געקאָנט קומען צום וואָרט, פילע מעמבערס וואָס זיינען ניט נאָכגעגאַנגען די פירער פון די קאָמוניסטן, האָבן ניט געקאָנט קריגן קיין באַשעפטיקונג, די מעמבערס זיינען טעראָריזירט געוואָרן. די געדולד האָט געהאַלטן ביים פּלאַצן, און ס'האָט אויסגעזען, אַז ווען עלעקשאַנס זאָלן אָפּגעהאַלטן ווערן קאָנען זיי דורכפאַלן.

איז טאַקע געקומען די צייט ווען אין די דאָזיקע לאָקאַלס האָבן באַדאַרפט פאָרקומען וואַלן פאַר באַאַמטע, און די קאָמוניסטן האָבן געפילט אַז זייער סוף איז צו ענדע. האָבן זיי זיך גענומען צום אַלטן מיטל פון „פאַראייניקטן פראָנט", אָבער דאָס מאָל איז עס געווען צו פאַראייניקן די צוויי לאָקאַלס אין איין גרויסן לאָקאַל.

פונקט דעמאָלט ווען אין די לאָקאַלס האָבן באַדאַרפט פאָרקומען נאָמינאַציעס פאַר באַאַמטע, האָבן די קאָמוניסטן געבראַכט דעם פּלאַן צו פאַראייניקן די צוויי לאָקאַלס אין איין אָרגאַניזאַציע. ווען

די מעמבערס האָבן געהערט פון דעם פּלאַן זיינען זיי געווען באַגייסטערט, ווייל ווער האָט דאָס אויסצוזעצן קעגן אזא פּלאַן, אז די אַרבעטער זאָלן זיין פאראייניקט? די שטימונג פון די מעמבערס האָט צופרידנגעשטעלט די פירער, און יעדער לאָקאַל האָט אויסגעקליבן א קאָמיטע — פארשטייט זיך, אַלע קאָמוניסטן.

עס זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן און מען הערט ניט פון די קאָמיטעס וואָס האָבן באַדאַרפט דורכפירן די פאַראייניקונג. די מעמבערס האָבן זיך דערוואוסט, אז ס'האָבן זיך אָנגעפאַנגען ביטערע מחלוקות צווישן די קאָמיטעס וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט איינטיילן מיט די כבודים ווער עס זאָל זיין דער טשערמאַן פון דעם פאראייניקטן לאָקאַל, ווער ס'זאָל זיין דער סעקרעטאַר. די מעמבערס האָבן ביי די מיטינגען געשטורעמט אַז זיי וואָלטן שוין געוואָלט זעןביידע לאָקאַלס פאַראייניקט ווי די קאָמוניסטישע באַאמטע האָבן זיי צוגעזאָגט. די באַאמטע האָבן זיי דערקלערט, אַז אַלע טעכנישע פונקטן זיינען שוין אויסגעגליכן געוואָרן — א חוץ איין פונקט פון וועלכן די מעמבערס וועלן באַלד הערן.

די מעמבערס האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיקער פונקט איז געווען ווער וועט פאַרוואַלטן די קאַסע פון דעם פאַראייניקטן לאָקאַל: יעדע קאָמיטע פון די באַזונדערע לאָקאַלס האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיט די פּאָר דאָלער וואָס דער לאָקאַל האָט פאַרמאָגט איבער וועלכע זיי האָבן געבאַלעבאַטעוועט. וועגן דעם דאָזיקן פונקט האָט מען זיך אַרומגעריסן טעג און נעכט, ביז ביידע צדדים האָבן אָנגענומען א פאָרשלאַג, אַז די גאַנצע פראַגע זאָל איבערגעגעבן ווערן צו אַן אומפּאַרטייאישן טשערמאַן און וואָס דער דאָזיקער טשערמאַן וועט באַשליסן אַזוי זאָל עס בלייבן. אויסגעקליבן אַלס אומפּאַרטייאישן טשערמאַן האָבן זיי א קאָמיסאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי... דער דאָזיקער „אומפּאַרטייאישער" טשערמאַן האָט אויסגעהערט ביידע צדדים און אַרויסגעגעבן דעם פאָלגענדען פּסק־דין:

„אַזוי ווי ס'איז דאָ א געפאַר, אַז ווען ביידע לאָקאַלס וועלן זיך פאַראייניקן אין איין לאָקאַל, וועלן די רעכטע עלעמענטן — פריער אָדער שפּעטער — איבערנעמען די פירערשאַפט, און די

טרעזשורי קאָן נאָך אריינפאַלן צו די רעכטע גרעפטערס"... רעקאָ־מענדירט ער אַז די געלטער זאָלן איבערגעגעבן ווערן צו די צוויי קעמפּענדיקע רעוואָלוציאָנערע צייטונגען — די „פרייהייט" און „דעילי וואָירקער", — וואָס וועלן קאָנען קעמפן אַז ניט בלויז זאָלן מיר האָבן דעם קאָנטראָל איבער צוויי קליינע לאָקאַלס, נאָר טאַקע איבערנעמען די גאַנצע טרעיד־יוניאָן באַוועגונג...

די דאָזיקע צוויי לאָקאַלס זיינען נאָך ביז היינט צו טאָג צוויי באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס וואָס פירן אַ קאַמף איינע קעגן צווייטן. — די קאָמוניסטן איז בלויז געלונגען צו פאַראייניקן זייערע קאַסעס — מיט דער „פרייהייט" און „דעילי וואָירקער"...

פאַרוואָס ער דאַרף שוין ניט די יוניאָן-הילף

אין דער יוניאָן האָט מען דעם דאַזיקן ברודער גערופן „פיניע דער לײדיק גײער". ער האָט זעלטן געאַרבעט און זיך אַרומגעדרײט אַרום דער יוניאָן און מיט יעדן געווען פּאַני-בראַט.

פון װאַנען דער פיניע האָט געמאַכט אַ לעבן, האָט קײנער ניט געוואוסט. ער האָט זיך זעלטן באַקלאָגט אויף זײן ביטער מזל און איז יעדן אַנטקעגנגעקומען מיט אַ שמייכל, און געוואוסט אַלע סודות פון דער יוניאָן, און האָט נאַטירלעך ניט פאַרפעלט צו קומען צו יוניאָן-פאַרזאַמלונגען, און זײער אָפט „גענומען דאָס וואָרט", און אַלע מאָל געהאַט אַ גוטע מײנונג װעגן די באַאַמטע פון דער יוניאָן.

די אַרבעטער אין דער יוניאָן האָבן אים אײנמאָל געפרעגט פאַרוואָס ער נוצט ניט אויס זײן פרײנטשאַפט מיט די פירער אַז זײ זאָלן אים אַמאָל שטיצן מיט אַ פּאָר דאָלער? די „זאַך" איז אים געפעלן געווען, און באַשלאָסן זיך צו באַראַטן מיט זײן יידענע, צי זאָל ער זיך װענדן אין דער יוניאָן נאָך שטיצע, און זײן װײב האָט אים אויפגעקלערט, אַז ער זאָל נישט זײן קײן יאָלד און זיך װענדן אין דער יוניאָן נאָך הילף און די פּאָר דאָלער װאָס ער װעט ברענגען װעלן צונוץ קומען אין הויז.

איז דער דאָזיקער ייד אײנמאָל געקומען צו דער עקזעקוטיװ פון דער יוניאָן און זײ דערצײלט, אַז זײן לענדלאָרד װיל אים אַרויס-װאַרפן פון דער דירה װײל ער האָט שוין פאַר צװײ חדשים נישט באַצאָלט קײן דירה געלט, און בעט בײ דער עקזעקוטיװ אַז מ'זאָל אים אַרויסהעלפן מיט עטלעכע דאָלער.

די עקזעקוטיװ האָט אויף דעם דאָזיקן ברודער געהאַט גרויס רחמנות און אים געשטיצט מיט 25 דאָלער. דער ייד איז אַהײמ-געקומען צו זײן יידענע און מיט גרויס פרייד איר געצײגט דעם טשעק און געזאָגט: „איך האָב דיר אַלעמאָל געזאָגט אַז מיר האָבן

אַ פיינע יוניאָן און טייערע באַאַמטע וואָס זאָרגן זיך פאַר זייערע מעמבערס".

ווי זאָגט זיך ערגעץ אַ ווערטל, „דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן". דעם יידן האָט שטאַרק הנאה געטאָן וואָס אים איז אַזוי גרינג אָנגעקומען צו מאַכן לייכט אַף פינף און צוואַנציקער, און אין אַ חודש אַרום איז ער ווידער געקומען צו דער עקזעקוטיוו מיט דער זעלבער טענה אַז דער לענדלאָרד וויל אים אַרויסוואַרפן פון דער דירה און נויטיקט זיך ווידער אין הילף.

מ'האָט דעם יידן ווידער דערלאַנגט אַ פינף־און־צוואַנציקער און ער איז געווען אין זיבעטן הימל. דעם דריטן חודש — ער איז ווידער דאָ, און מ'האָט אים ווידער געשטיצט. דאָס איז אָנגעגאַנגען אַזוי גאַנצע זעקס חדשים און מיט אַמאָל איז דער ייד פּלוצעם פאַרשוואונדן, ווי אין וואַסער אַריין.

מיט אַ צייט שפּעטער דערזעט דער מענעדזשער פון דער יוניאָן דעם יידן אין לעיבאָר ביוראָ זיצנדיק שטיל אין אַ ווינקל, און ער פרעגט ביי אים צי ער אַרבעט, און ער ענטפערט אים, אַז ס'איז שוין צוויי יאָר וואָס ער האָט נישט געאַרבעט און טראַכט גאָר נישט צו אַרבעטן... „און פון וואַנען מאַכסטו אַ לעבן?" פרעגט אים ווייטער דער מענעדזשער, „און וואו נעמסטו צו באַצאָלן דעם לענדלאָרד?"

„איך וועל אייך זאָגן דעם אמת", ענטפערט דער ייד דעם מענעדזשער פון דער יוניאָן, „איך האָב באַשלאָסן מער נישט צו קומען צו דער עקזעקוטיוו זי זאָל מיר אַרויסהעלפן צו באַצאָלן מיין רענט, ווייל... איך האָב זיך שוין געקויפט אַן אייגן הויז".

יוניאָן עלעקשאָן־ליטעראַטור

אין איינער פון אונדזערע יוניאָנס איז געווען אַ סעקרעטאַר־טרעזשורער, אַ שטילער, און אַ באַשיידענדער מענטש. אין דער יוניאָן־פּאָליטיק האָט ער זיך ניט געמישט. זיין אויפגאַבע איז געווען אַכטונג צו געבן אויף די ביכער פון דער יוניאָן. כמעט אַלע מעמבערס האָבן אים רעספּעקטירט און געליבט. זיינע פליכטן האָט ער דערפילט אויפן בעסטן אופן.

צוואַנציק יאָר איז ער געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן. בטבע איז ער געווען אַ שפּאָרזאַמער מענטש. דורך די צוואַנציק יאָר האָט ער אָפּגעשפּאָרט גענוג געלט זיך צו קויפן אַן אייגן הויז.

איז אין דער דאָזיקער יוניאָן פאָרגעקומען וואַלן פאַר באַאַמטע, און די קאָמוניסטן האָבן אַרויסגעשטעלט אַן אייגענעם צעטל קאַנדידאַטן, אויך אַ קאַנדידאַט קעגן דעם סעקרעטאַר־טרעזשורער.

האָבן די קאָמוניסטן געהאַט גרויסע שוועריקייטן צו געפינען אַן „אישו" קעגן אים.

איז זיי איינגעפאַלן אַרויסצולאָזן אַ ליפלעט קעגן דעם סעקרעטאַר, אַז ער לעבט ווי אַן עושר, פאַרמאָגט אַן אייגענע הויז מיט די שענסטע מעבל און אַלץ... אויף דעם חשבון פון דער יוניאָן.

אין דעם פאַך האָט דאָן געהערשט אַ ביטערע סלעק, און דער קאָמוניסטישער ליפלעט קעגן דעם סעקרעטאַר האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די אַרבעטסלאָזע מעמבערס. די אָנהענגערס פונעם סעקרעטאַר האָבן זיך געשראָקן אַז ער וועט נאָך דורכפאַלן.

וואָס טוט מען?

נאָך אַ לאַנגע דעבאַטע, האָט די אַדמיניסטראַציע באַשלאָסן, אַרויסצולאָזן אַ ליפלעט אין די שעפּער און נישט פאַרלייקענען דעם אמת. באַלד האָט זיך באַוויזן דער ליפלעט, וואָס האָט זיך טיילווייז געלייענט אַזוי:

„אונדזערע קעגנער זאָגן אין זייער עלעקשאָן־ליטעראַטור, אַז אונדזער סעקרעטאַר פֿאַרמאָגט אַן אייגן הויז מיט שיינע מעבל. מיר גיבן צו אַז דאָס איז אמת. מיר גיבן אויך צו — זאָגט זיך ווייטער אין דעם ליפֿלעט — אַז זייער קאַנדידאַט האָט נישט קיין אייגענע הויז, און נייע מעבל. מה רעש? עס איז דאָך דאָ א גע־פֿאַר, אַז ווען איר וועט דערוויילן דעם קאָמוניסטישן קאַנדידאַט, וועט ער שוין זען זיך צו קויפֿן א נייע הויז מיט מעבל אויף דעם חשבון פֿון דער יוניאָן... אונדזער סעקרעטאַר האָט דאָך שוין די אַלע גוטע זאַכן, צו וואָס דאַרפֿט איר נעמען „טשענסעס" מיט איינעם וואָס איז אַ ייד, אַ קבצן, און ווען ער וועט דערוויילט ווערן, וועט ער זיך — ווי א הונגעריקער — אַרויפֿוואַרפֿן אויף די יוניאָן־טרעזשורי און וועט פֿון איר מאַכן א תל?...

דער דאָזיקער ליפֿלעט האָט געווירקט, און דער אַלטער סעק־רעטאַר איז דערוויילט געוואָרן נאָך מיט א גרעסערע צאָל שטימען ווי פֿריער.

אַמאָליקע פינאַנץ-באַריכטן אין די יוניאָנס

ביים אָנהויב פון דער אַנטוויקלונג פון דער טרעיד-יוניאָן באַוועגונג דאָ אין לאַנד זיינען אונדזערע יוניאָנס פאַרוואַלטעט געוואָרן אויף אַ זייער פרימיטיוון אופן.

ווען איר קומט היינט אַריין אין אַן אָפיס פון אַ יוניאָן, זעט איר ווי עס זיצן יונגעלייט, וואָס האָבן אויסשטודירט אין קאָלעדזשעס און פירן די יוניאָן-פינאַנצן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ באַנק אָדער אַ רעגירונגס-אינסטיטוציע. אַנדערש איז געווען ווען די יוניאָנס האָבן זיך אָרגאַניזירט, און ווי אַזוי זיי האָבן געפירט זייערע יוניאָן-חשבונות.

ווען אַזאַ יוניאָן ווי זיי האָבן אַמאָל געפירט זייערע פינאַנצן גיי איך אייך איצט דערציילן:

דאָס „אָפיסל", וואָס איז געשטאַנען אין קלינטאָן סטריט, איז נישט געווען גרעסער ווי אַ „טעלעפאָן בוטה", אַז ווען דריי מענטשן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָבן צוויי געמוזט אַרויסגיין אין גאַס... אין דעם דאָזיקן „אָפיסל" איז געשטאַנען אַ טישל, צוויי בענקלעך און אַן אויוון און — אַ בילד פון קאַרל מאַרקס...

וועגן פירן אַ חשבון מיט פינאַנץ-ביכער האָט קיינער אַפילו נישט געטראַכט. וועגן אָנשטעלן אַ בוק-קיפּער — אַוודאי נישט.

דעם גאַנצן יוניאָן-אַרכיוו האָט דער פירער פון דער יוניאָן געטראָגן ביי זיך אין קעשענע — די פּראָטאָקאָלן פון די מיטינגען, די אַדרעסן פון די מעמבערס, די אַגרימענטס מיט די באַלעבאַטים — און די יוניאָן-חשבונות...

מ'האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן וויפיל געלט די יוניאָן האָט אַריינגעקראָגן, ווער ס'האָט געצאָלט דיוס און ווער נישט. האָט אַ מעמבער איינגעצאָלט דיוס, האָט ער קיין רעסיט נישט געקראָגן... דעם שווערסטן טאָג האָט דער פירער פון דער יוניאָן

געהאַט דאַנערשטיק. יענעם טאָג פלעגט ער אַוועקגיין אין די שעפּער קאָלעקטן דיוס, ווייל ער האָט זיך געניטיקט אין די פּאָר דאָלער כדי צו קאָנען מאַכן שבת...

איינמאָל, ווען ס׳איז פאָרגעקומען אַ מיטינג, האָבן די מעמבערס אויפגעהויבן אַ טומל און געפאָדערט פון זייער פירער, אַז ס׳איז שוין די העכסטע צייט, אַז מ׳זאָל הערן אַ פינאַנץ־באַריכט. דער מי־טינג האָט דערוויילט אַ קאָמיטע, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון פּאַטריאָטן פון דעם פירער און איינגעלאַדן די קאָמיטע צום פירער אין הויז צו „אונטערזוכן די ביכער". די ווייב האָט אָנגעגרייט אַ גוטן מאָלצייט, מ׳האָט געטרונקען אַ לחיים און דער פינאַנץ־באַריכט איז געווען גרייט...

מיט אַ צייט שפּעטער איז גערופן געוואָרן אַ ספּעשעל מיטינג כדי אָפּצוגעבן אַ פינאַנץ־באַריכט. דער מיטינג איז געווען אַ גוט־באַזוכטער און דער טשערמאַן פון דעם מיטינג האָט גערופן די קאָמיטע זי זאָל אָפּגעבן דעם באַריכט. האָט זיך אויפגעהויבן איינער פון דער קאָמיטע אָפּצוגעבן דעם באַריכט. אין דעם יוניאָן האָט מען דעם דאָזיקן יידן גערופן „משה דער בלינדער", מחמת דעם וואָס ער האָט געהאַט בלויז איין אויג און אויפן צווייטן אויג האָט ער אַ ביסל געפינטלט... דער דאָזיקער משה האָט דערקלערט, אַז ער און זיינע קאָלעגן האָבן געמאַכט אַן אונטערזוכונג פון די ביכער און אויסגעפונען, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג.

עס שטעלט זיך אויף אַ צווייטער פון דער קאָמיטע, וועמען מ׳האָט אין דער יוניאָן גערופן „מענדל דער קרומער", ווייל דער דאָזיקער ייד האָט אַ ביסל אונטערגעהונקען. און אויך דער דאָזיקער מענדל גיט איבער, אַז ער האָט אונטערזוכט די ביכער און עס שטימט... עס נעמט דאָס וואָרט אַ דריטער — יאַשקע דער האָר־באַטער האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט געהאַט אַ שטיקל הויקער. און דער דאָזיקער יאַשקע חזרט איבער וואָס די פריערדיקע צוויי האָבן שוין געזאָגט, אַז די פינאַנצן אין דער יוניאָן זיינען אין דער בעסטער אָרדענונג...

נאָך דעם באַריכט פון די דריי האָבן די מעמבערס גענומען דאָס וואָרט און אָנגעהויבן אַטאַקירן די קאָמיטע, אַז זיי האָבן די ביכער

אינגאנצן נישט אונטערזוכט, ווייל קיינער פון זיי קאָן נישט לייענען אָדער שרייבן... אין האָל האָט אויסגעבראָכן אַ טומל. מען האָט גע־פאָדערט פון די קאָמיטע מיטגלידער, אַז זיי זאָלן דערציילן צי זיי האָבן טאַקע געזען די ביכער... מ׳האָט די דאָזיקע דריי יידן צוגע־דריקט צו דער וואַנט און זיי האָבן געמוזט אַרויסקומען מיטן אמת און אויפסנייַ געמוזט דאָס וואָרט צו דערקלערן וואָס עס האָט אין דער אמתן פּאַסירט מיט די פינאַנצן פון דער יוניאָן.

„משה דער בלינדער" האָט דערקלערט, אַז פונקט ווי ער זעט נישט קיין אַנדערע זאַכן, אַזוי האָט ער נישט געזען קיין ביכער... „מענדל דער קרומער" האָט דערקלערט, אַז פונקט ווי זיינע פיס זיינען קרום, אַזוי זיינען די ביכער... און „יאָשקע דער האָרבאַטער" האָט צוגעגעבן, אַז פונקט ווי אויף זיינע פּלייצעס הענגט אַ שווערע זאַך, וואָס ער וואָלט געוואָלט פּטור ווערן פון איר. אַזוי דאַרף מען פּטור ווערן פון דעם פירער, וואָס איז אַ הויקער אויף דער יוניאָן.

דער מיטינג האָט דאַן דערווײַלט אַ קאָמיטע פון גלייכע מענטשן און פון דעמאָלט אָן האָט מען אויסגעגלייכט די ביכער פון דער יוניאָן...

ווי אַזוי דער לאָקאַל איז נאָכגעקומען דעם באַשלוס פון זייער אינטערנעשאַנאַל

אין איינער פון אונדזערע גרויסע יוניאָנס נאָכן ערשטן גענעראַל סטרייק וואו עס זיינען אריינגעקומען צענדליקע טויזנטער מעמבערס, און די יוניאָן איז געוואָרן אַ גרויסע מאַכט און קאָנטראָלירט די אינדוסטריע, האָבן זיך מאַנכע טוער פון דער יוניאָן געפילט, אַז זיי זיינען געוואָרן „דאָס אויבערשטע פון שטייסל", און געהאַנדלט ווי דיקטאַטאָרס.

מיט אַ צייט שפּעטער, ווען די יוניאָן איז שוין געוואָרן פעסט און איינגעשטעלט איר אַפּאַראַט, האָבן מאַנכע לאָקאַלס גענומען רעכענען איינטריטס-געלט אין דער יוניאָן פאַר נייע מעמבערס, אומגעהויערע גרויסע סומען ווי הונדערט דאָלער, און אַפּטמאָל פיל מער.

די פירער פון דער אינטערנעשאַנאַל, וועלכע זיינען געווען פּראָגרעסיווע מענטשן, האָבן געהאַלטן, אַז נייע מעמבערס טאָר מען נישט צווינגען זיי זאָלן צאָלן הויכע איינטריטס-געלט, און זייער אָפּט געוואָרנט די דאָזיקע לאָקאַלס, אַז זיי וועלן נישט טאָלערירן אַזאַ סקאַנדאַליעזע האַנדלונג מצד די דאָזיקע פירער.

די האָזיקע פראַגע איז אויפגעקומען געוואָרן ביי דער נעקסטער קאָנווענשאָן, און אַ רעזאָלוציע איז דורכגעגאַנגען, אַז קיין לאָקאַל טאָר נישט רעכענען מער ווי צען דאָלער איינטריטס-געלט. דער רעפערענדום האָט עס גוטגעהייסן, און ס'איז געוואָרן דאָס געזעץ פון דער יוניאָן.

האָט זיך געפונען איין לאָקאַל וואָס האָט געפייפט אויפן באַשלוס פון דער אינטערנעשאַנאַל, און וויטער גערעכנט גרויסע סומען פון נייע מעמבערס ווען זיי זיינען געקומען אַרויסנעמען ביכלעך....

ווען די פירער פון דער איטערנעשאַנאַל האָבן זיך דערפון דער־וואוסט, האָבן זיי געשיקט אַ שאַרפן בריוו צו די פירער פון לאָקאַל, אַז אויב זיי וועלן נישט נאָכקומען דעם באַשלוס פון דער קאָנווענ־

שאַן, וועט מען ביי זיי צונעמען דעם טשאַרטער און זיי אויסשליסן פון דער יוניאַן.

די פירער פון דעם דאָזיקן לאָקאַל האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי נאָכקומען דעם באַשלוס פון זייער אינטער־נעשאַנאַל, און באַשלאָסן צו רעכענען אַ נייעם מעמבער צען דאָלער, אַזוי ווי די קאָנווענשאַן האָט באַשלאָסן.

אָבער ווי אַזוי קאָן מען זיך באַפרייען און שיידן זיך מיט אַזעלכע סומען וואָס זיינען אַריינגעקומען אין לאָקאַל ווען די נייע מעמבערס האָבן איינגעצאָלט הונדערט דאָלער און מער? ס'איז געווען אַ ביטערער פּיל אַראָפּצושלינגען, ווי מאַכט מען עס, אַז דער לאָקאַל זאָל אַריינקריגן די פּאָר דאָלער און נאָכקומען די קאָנסטי־טושאַן פון דער יוניאַן? און איצט הערט וואָס זיי האָבן באַשלאָסן, אַז די „ציג זאָל זיין גאַנץ, און דער וואָלף זאַט"...

ווען עס האָט זיך באַוויזן אַ נייער קאַנדידאַט אַריינצוקומען אין דער יוניאַן, האָט מען אים גענומען אויף אַ קרייץ־פאַרהער וואו ער איז געווען אין צייט ווען ס'איז פאָרגעקומען דער גענעראַל־סטרייק? פאַרוואָס ער איז נישט אַריינגעקומען אין דער יוניאַן מיט אַלע אַנדערע אַרבעטער כמעט אומזיסט אין צייט פון סטרייק, און פיל אַנדערע פראַגן ווי ער וואָלט פאָרגעקומען פאַר אַ ריכטער, ווי ער וואָלט געווען אַ פאַרברעכער.

ווען מ'איז שוין פאַרטיק געוואָרן מיט אַלע פראַגן, האָט מען דעם דאָזיקן קאַנדידאַט — איידער מען האָט אים אַרויסגעגעבן דאָס ביכל — געשיקט צום גריווענס קאָמיטע און אים באַשטראָפט מיט ניין און ניינציק דאָלער און ניין און ניינציק סענט פאַר נישט ווערן קיין מעמ־בער פריער גלייך מיט אַלעמען... און ווען ער האָט שוין געהאַט איינ־געצאָלט דאָס געלט, האָט מען דעם דאָזיקן קאַנדידאַט אַריינגעפירט צו דער מעמבערשיפּ קאָמיטע, דאָרטן האָט מען אים גערעכנט צען דאָלער אַזוי ווי עס פאָדערט די קאָנסטיטושאַן פון דער יוניאַן... און אַזוי־אַרום האָט דער לאָקאַל געהאַנדלט אין די ראַמען פון געזעץ...

אַבי מען זאָגט, אַז בלויז לאַיערס קאָנען זיך אַן עצה געבן ווי אַזוי אָפּצונאַרן די געזעצן פון לאַנד...

ער איז שוין גאָר נישט קיין ויזתא

איך בין מקנא די יידן וואָס נעמען קיינמאָל נישט אין זייערע הענט אַריין די „פרייהייט" און לייענען נים זייער „שרייבעכטס". דערפאַר מעגט איר רחמנות האָבן אויף די וואָס זיינען „געצוואונגען" אַמאָל אַריינצוקוקן אין דער „פרייהייט" און לייענען זייערע אַרטיקלען פון כאַוועך סטאַלינס שטאַנדפונקט...

דעם אמת זאָגנדיק, לייען איך אויך נישט זייערע אַרטיקלען אָדער נייעס וואָס ווערט געדרוקט אין דער „פרייהייט" — אַ חוץ זייערע באַריכטן פון יוניאָן־פאַרזאַמלונגען. אויב די פּאָר לייענער וואָס די „פרייהייט" פאַרמאָגט זיינען אידיאָטן, זיינען די באַריכטן פון די יוניאָן־פאַרזאַמלונגען, וואָס עס שרייבן זייערע לעיבאָר־רעפּאָרטערס, געשריבן פאַר בהמות...

וועגן די דאָזיקע באַריכטן פון זייערע לעיבאָר־רעפּאָרטערס האָט מיר איינמאָל אַ ייד דערציילט די פאָלגענדע מעשהלע:

זייער פאַרשטאָרבענער רעדאַקטאָר אָלגין האָט זיך אויף יענער וועלט געטראָפן מיט המנען און ביי אים געפרעגט וואָס עס מאַכט.

„ביטער!" איז געוועזן המנס ענטפער, „זיי קאָנען נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן וואָס איך האָב אַמאָל געטאָן צו די יידן און מען מאַטערט מיך נאָך אַלץ פאַר מיינע אַמאָליקע זינד"...

„און וואָס מאַכן דיינע באַרימטע זין?" האָט אָלגין ביי אים געפרעגט.

„פון מיינע זין האָב איך אויך נישט קיין צופיל נחת, אַ חוץ פון מיין יינגסטן זון, פון ויזתאן. פון אים קלייב איך נחת".

„און מיט וואָס באַשעפטיקט זיך דיין ויזתא?" האָט אָלגין ביי אים געפרעגט.

„ער איז", האָט המן געענטפערט, „דער לעיבאָר עדיטאָר פון דער ,פרייהייט' ".

„איך האָב געהערט", האָט אַלגין געזאָגט, „אַז מ'האָט אים לעצטנס אַרעסטירט ווייל ער איז נישט קיין בירגער פון אַמעריקע. צו וואָס דאַרף ער זיך מוטשען אין אַ רעאַקציאָנערן לאַנד און ווערן אַרעסטירט, פאַרוואָס זאָל ער בעסער נישט פאָרן קיין רוסלאַנד"?

דאָ האָט זיך המן צעלאַכט און רופט זיך אָפּ:

„זעט איר, מיסטער אַלגין, אַזאַ ויזתא איז מיין זון ניט..."

אַ סורפּרייז באַנקעט

וויפיל מאָל, אַ שטייגער, איז אייך שוין אויסגעקומען צו דער־האַלטן אַן איינלאַדונג איר זאָלט קומען צו אַ באַנקעט וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַר אייערן אַ פריינט און מ'האָט אייך אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט אַז איר זאָלט דאָס האַלטן בסוד ביז דעם אָוונט פונעם באַנקעט, ווייל דער פריינט אייערער וואָלט בשום אופן נישט דערלויבט, אַז מ'זאָל פאַר אים אַראַנזשירן אַ באַנקעט צוליב זיין באַשיידנהייט?

אַזאַ דערפאַרונג האָב איך איינמאָל געהאַט, ווען מיינער אַ פריינט אין מיין יוניאָן, האָט מיך איינמאָל באַגעגנט אין גאַס און דערלאַנגט מיר צוויי בילעטן איך זאָל קומען צום באַנקעט וואָס ווערט אַראַנזשירט פאַר אונדזערן אַ פריינט, און האָט מיר אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז איך מוז, למען השם, דאָס האַלטן בסוד סודות און טאָר דאָס פאַר קיינעם נישט דערציילן, און ווען עס וועט קומען דער אָוונט פונעם באַנקעט, וועט מען אים שוין „אַרייננאַרן" אין זאַל וואו דער באַנקעט דאַרף פאָרקומען, און דאַן וועט שוין זיין פאַרפאַלן...

איך האָב נאַטירלעך געגעבן אַ שבועה אַז איך וועל דאָס קיינעם נישט דערציילן, אַפילו נישט מיין אייגענער פרוי. עס איז שוין אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז אַ סוד קאָן נאָר געהאַלטן ווערן צווישן צוויי מענטשן, ווען איינער פון די צוויי שטאַרבט אַוועק...

ווען ס'איז געקומען דער אָוונט ווען דער באַנקעט האָט באַ־דאַרפט פאָרקומען, האָב איך אָנגעזאָגט מיין פרוי אַז זי זאָל מיך טרעפן אין דער לאָבי פון האָטעל וואו מיר וועלן היינט אָוונט גיין צו אַ באַנקעט. מיין פרוי האָט ביי מיר געפרעגט פאַר וועמען דער באַנקעט ווערט געגעבן, און איך האָב איר דאָס נישט געקאָנט דערציילן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט ברעכן מיין שבועה, און געמוזט האַלטן מיין וואָרט.

אין דעם זעלבן טאָג פונעם באַנקעט, טרעף איך דעם פריינט מיינעם — פאַר ווען דער באַנקעט האָט היינט אָוונט באַדאַרפט פאַרקומען, — רופט ער זיך אָפּ צו מיר: „דו קומסט היינט אָוונט צו מיין באַנקעט"? איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און אין אָנפאַנג נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, און רוף זיך אָפּ: „וועלכן באַנקעט מיינסטו?" פרעג איך שוין ביי אים. — „מאַך זיך נישט געפּגרט", ענטפערט ער מיר, „איך האָב דיר געשיקט צוויי בילעטן צו מיין באַנקעט היינט אָוונט. און דערוואַרט דיך ביים באַנקעט און וועסט זיין איינער פון די רעדנער".

נישט אַנדערש אַז דאָ האָט מען מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, האָב איך ביי זיך געטראַכט. אפשר איז דער באַנקעט גאָר פאַר אַן אַנדערן, און איך פרעג ביי אים: „פון וואַנען ווייסטו אַז דער באַנקעט ווערט געגעבן פאַר דיר? און ווער האָט דיר דאָס דערציילט? דאָס האָט דאָך באַדאַרפט געהאַלטן ווערן בסוד, אַז קיינער טאָר זיך פון דעם נישט דערוויסן".

מיין פריינט איז געבליבן אַזוי פּריטשמעליעט ווי איך, און רופט זיך אָפּ צו מיר: „שלאָג זיך אַרויס פון דיין קאָפּ געהיימניסן פון דעם באַנקעט, דאָס האָב איך אַליין אַראַנזשירט דעם באַנקעט, און איך בין דער טשערמאַן פון דער אַראַנדזשמענטס קאָמיטע"...

פאַר אַ יוניאָן געריכט

איך האָב אַמאָל ליב געהאַט צו זיצן ביי די זיצונגען פון די „גריוועגס קאָמיטע", און זיך צוהערן צו די „קייסעס" וואָס זיינען פאָרגעקומען פאַרן געריכט. איך האָב ליב געהאַט אויסצוהערן סיי די ריכטער סיי די אָנגעקלאָגטע, ווען מען מ'האָט געבראַכט צו דער „גריוועגס קאָמיטע" פאַר פאַרשידענע „פאַרברעכנס" וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן פון מיטגלידער פון דער יוניאָן, פאַר ברעכן אַ יוניאָן-געזעץ.

ביי איינעם פון די דאָזיקע זיצונגען, עפנט זיך די טיר און מען פירט אַריין צום געריכט אַ ייד אָנגעטאָן אין אַ שווערן ווינטער-דיקן מאַנטל, אין דער האַנט האָט ער געטראָגן אַ בלעכענע קעסטל וואָס ער האָט געטראָגן אין שאַפּ יעדן אין דער פרי וואו ס'האָט זיך געפינען זיין מיטאָג, וואָס זיין פרוי האָט אים מיטגעגעבן אין שאַפּ. נאָך דעם יידן גייט נאָך אַ ייד און מ'פירט זיי ביידן אויבן-אָן צום טשערמאַן פון דער „גריוועגס" קאָמיטע. ביידע יידן שטייען צושראָקענע אָנגעטאָן אין זייערע שווערע מאַנטלען און נעמען נישט אַרונטער זייערע היטלען. דער טשערמאַן פרעגט ביי ביידע יידן, ווער ס'איז דער אָנגעקלאָגטער און ווער ס'איז דער אָנקלאָגער. עס שטעלט זיך נעענטער צום טשערמאַן דער ייד מיטן בלעכענעם קעסטל און דערציילט, אַז ער איז געקומען ברענגען אַ קלאַגע קעגן דעם צווייטן יידן וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, אַז ער זעט אים יעדן טאָג גיין צו דער אַרבעט פינף אַזייגער פאַרטאָג אין שאַפּ, וואָס דאָס איז קעגן די רולס פון דער יוניאָן, וואו די אַרבעטער דאַרפן ערשט אָנפאַנגען צו אַרבעטן אַכט אַזייגער אין דער פרי.

ביי די זיצונג איז אַ טומל, מענטשן גייען אַריין און אַרויס פון דעם ענגן צימערל וואו די זיצונג קומט פאָר, קוים מען קאָן הערן אַ וואָרט. אַ ברודער מאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז מ'זאָל דעם יידן באַ-

שטראפן מיט פינף-און-צוואנציק דאלער פאר דעם פארברעכן וואס ער גייט יעדן אין דער פרי צו דער ארבעט פינף אזייגער. א מיט-גליד פון דער „גריוועגס קאמיטע", א ייד, קענטיק, וואס האט געהאט גרויס רחמנות אויף דעם אנגעקלאגטן, רופט זיך אפ אז פינף-און-צוואנציק דאלער איז אביסל צו פיל, און אזוי ווי דאס איז די ערשטע קלאגע קעגן דעם יידן, זאל מען אים באשטראפן מיט ווייניקער. דער טשערמאן ענטפערט דעם יידן ער זאל פארמאכן זיין מויל ווייל די יוניאן דארף האבן די פאר דאלער... און ס'איז נישט פאראנען קיין סענט אין דער טרעזשורי... און די צוויי יידן שטייען נאך אלץ פארן געריכט און ציטערן ווי א בלאט.

דער ייד וואס האט געוואלט אז מ'זאל זיין מילד צו דעם פאר-קלאגטן, האט געבעטן דאס ווארט ביים טשערמאן. ער האט געפרעגט ביים יידן — וואס האט אריינגעבראכט די קלאגע, פון וואנען ער ווייסט אז דער ברודער גייט יעדן אין דער פרי צו דער ארבעט פינף אזייגער? — וואס הייסט — רופט זיך אפ דער ייד — פון וואנען איך ווייס אז דער ברודער גייט יעדן אין דער פרי פינף אזייגער צו דער ארבעט? — אין יענער צייט גיי איך אויך אין שאפ אריין... און איך טרעף זיך מיט אים אין סאבוועי און ער דערציילט מיר אז אין זיין שאפ איז זייער ביזי אזוי ווי אין מיין שאפ און ס'ווילט זיך מאכן אן עקסטרא פאר דאלער...

דער ייד וואס האט געוואלט זיין מילד צום אנגעקלאגטן, האט שוין אליין געמאכט א פארשלאג אז מ'זאל ביידע ברידער באשטראפן מיט פופציק דאלער יעדן, און אין דער טרעזשורי פון דער יוניאן איז אריינגעקומען א פאר דאלער...

וואָס וואָלט שוין געווען ווען דער הונט כאַפּט שוין די באַן ?

דאָס איז געווען אין יענע יאָרן ווען אַ מיטינג פון אַ יוניאָן איז זעלטן דורכגעגאַנגען רואיק, אָן טומל, און אָן סקאַנדאַלן, ווען די קאָמוניסטן האָט זיך געוואָלט פאַרכאַפּן די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג.

איינער פון אונדזערע פירער אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג וואָס האָט שטאַרק באַקעמפט די קאָמוניסטן, איז געווען דער פאַרשטאָרבענער א. י. שיפלאַקאָוו, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר און האָט געקאָנט גוט „אַריינזאָגן" אַ קעגנער מיט אַ גלייך־ווערטל, וואָס האָט אָפטמאָל געטראָפן אין פינטל...

ביי אַ טרעיד־יוניאָן פאַרזאַמלונג אין בראָנזוויל לעיבאָר ליי־סעאום, וואו שיפלאַקאָוו האָט געהאַלטן אַ רעדע, האָט אים אַ קאָמוניסט געהאַלטן אין איין אונטערברעכן און געסטראַשעט שיפ־לאַקאָוו, אַז ווען זיי, די קאָמוניסטן, וועלן פאַרכאַפּן די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, וועלן זיי זיך שוין גוט אָפּרעכענען מיט אים, דעם רעאַקציאָנער.

ווי באַקאַנט, איז דאָס וואָרט „פאַרכאַפּן" געווען ביי די קאָמו־ניסטן דאַן דאָס שלאָג־וואָרט וואָס זיי האָבן אָפט באַנוצט צווישן די אַרבעטער אַז זיי וועלן פאַרכאַפּן די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, דעם אַרבעטער רינג, די סאָציאַליסטישע פאַרטיי און אַנדערע אַר־בעטער אָרגאַניזאַציעס.

שיפלאַקאָוו האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די קאָמוניסטישע פראַזן אַז זיי וועלן אַלץ פאַרכאַפּן, און רופט זיך אָפּ צום קאָמוניסט וואָס האָט אים אונטערבראָכן: „יונגערמאַן! איר וועט מיר דער־לויבן אייך צו דערציילן אַ מעשה וועגן „פאַרכאַפּן" פון וועלכע איר וועט זייער פיל לערנען: — איך בין אויפגעצויגן געוואָרן אויף אַ

פּאַרם אין דזשוירזי וואו מיין טאַטע האָט פאַרמאָגט עטלעכע אַקער לאַנד און געמאַכט אַן אָרעם לעבן. לעבן מיין טאַטנס פּאַרם איז געווען אַ שכן, אַ גוי, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פּאַרם און זיך אויך געמוטשעט צו מאַכן אַ לעבן. מיין טאַטע און דער גויאישער פאַר־מער האָבן זיך פאַרהאַלטן זייער פריינטלעך און געלעבט ווי גוטע שכנים. יעדן טאָג האָט זיך מיין פאָטער געטראָפן מיטן שכן און גערעדט מיט אים וועגן פאַרשידענע זאַכן. איינמאָל ווען מיין טאַטע איז געשטאַנען מיטן שכן און געשמועסט, איז אָנגעקומען דעם שכנס גרויסער הונט, און ווען די באַן איז דורכגעלאָפן נישט ווייט פון מיין טאַטנס פּאַרם, האָט זיך דער הונט גענומען לויפן מיט זיין הינטישן חשק נאָך דער באַן. רופט זיך אָפּ דער אייגנטימער פון דעם הונט צו מיין טאַטן: „איי'ל בעט יו, מיי דאָג וויל קעטש דהי טרעין".

מיין טאַטע האָט זיך דאַן אָנגערופן צום שכן און געזאָגט: „ביי מיר איז נישט פאַראַן דער מינדעסטער צווייפל אַז דיין הונט וועט קעטשן די טרעין, אָבער, איך בעט אייך, ליבער שכן, ווען דיין הונט וועט שוין האָבן פאַרכאַפּט די טרעין, וואָס וועט ער מיט דער טרעין טאָן" ?

דער עולם וואָס איז געזעסן ביי יענער פאַרזאַמלונג, האָט זיך שטאַרק צולאַכט פון דעםביישפּיל, וואָס וועלן די קאָמוניסטן טאָן ווען זיי וועלן שוין פאַרכאַפּן די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג ? דער ביישפּיל האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין ריכטיק, ווען זיי האָבן פאַרכאַפּט עטלעכע יוניאָנס און האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווי יענער הונט מיט דער באַן...

פאַרוואָס דער אורח איז נאָך געבליבן אויף שבת

ווען איר הערט זיך אַמאָל צו צו די רעדעס ביי יוניאָן־פאַר־זאַמלונגען פון דער „רענק און פאַיל״, קאָנט איר אָפט פון זיי הערן גלייך־ווערטלעך וואָס איז אַ שאָד וואָס די דאָזיקע ווערטלעך ווערן פאַרלוירן און קיינער זאַמלט זיי נישט אין דעם אוצר פון פאָלקלאָר.

איינמאָל ביי אַ יוניאָן־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אַ היציקע דעבאַטע וועגן דעם, צו זאָל די יוניאָן קויפן פאַר איר הויפט באַאַמטן אַן אָטאָמאָביל וואָס די עקזעקוטיוו פון דער יוניאָן האָט רעקאָמענדירט צום מיטינג פאַר גוט־הייסונג.

ביי יוניאָן־פאַרזאַמלונגען קאָנט איר אַלעמאָל טרעפן דריי גרופּן וואָס האָבן דריי פאַרשידענע מיינונגען וועגן דער פירערשאַפט פון דער יוניאָן. די ערשטע — וואָס איז דער גרעסטער טייל — איז גלייכגילטיק, און עס אַרט זיי נישט וואָס די יוניאָן וועט באַשליסן. די צווייטע, איז די אָפּאָזיציע, און וועט אַלעמאָל באַקעמפן די אַדמיניסטראַציע. און די דריטע, זיינען די געשוואָרענע אָנהענגער פון דער פירערשאַפט און וועלן איר שטיצן בלינדערהייט.

ווען ביים מיטינג האָט זיך געהאַנדלט צו זאָל מען קויפן פאַר דעם הויפט פירער אַן אָטאָמאָביל, האָט די אָפּאָזיציע צוערשט אָנגע־פרעגט ביים סעקרעטאַר, צו האָט די יוניאָן בכלל געלט אין דער קאַסע צו געבן דעם הויפט פירער אַזאַ קאָסטבאַרע מתנה. און ווען דער ענטפער איז געקומען אַז אין דער קאַסע פון דער יוניאָן איז כמעט קיין געלט נישטאָ, איז אין זאָל געוואָרן אַ טומל, די אָנ־הענגער האָבן דערקלערט, אַז מ׳קאָן דעם אָטאָמאָביל קויפן אויף אויסצאָל. די קעגנער ווידער, האָבן זיך צושריען אַז מ׳גייט רואינירן די יוניאָן און מאַכן חובות וואָס איז אַ איבעריקע זאַך, און דער פירער איז נישט קראַנק צו גיין אויף זיינע אייגענע פיס...

אין דער דעבאַטע האָט זיך באַטייליקט איינער וואָס איז געווען

באקאנט אין דער יוניאָן אַלס אַ ביטערער שונא פון דעם פירער, דאָ האָט ער געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט זיך מיט אים אָפּצורעכענען און האָט אין זיין רעדע דערציילט אַז די אורזאַך פאַרוואָס די יוניאָן האָט נישט קיין געלט אין דער קאַסע, איז דערפאַר, וואָס דער הויפּט פאַרוואַלטער פון דער יוניאָן פאַרשווענדעט דאָס גאַנצע געלט, און ווי עס זעט אויס, — רופט אויס דער רעדנער — וויל ער נישט אַוועקגיין פון דער יוניאָן ביז ער וועט פריער פון איר אַרויסשלעפּן דעם לעצטן סענט, און גיט דעם פאָלגענדן ביישפּיל:

„דאָס דערמאָנט מיך", דערציילט דער רעדנער, „אין דער געשיכטע וואָס האָט געטראָפן אין מיין שטעטל, ווען דער רב פון שטעטל איז זיך איינמאָל אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אונטערן שטאָט מיט אַ ספר אין האַנט. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם האָט דער רב געזוכט באַשיצונג. פון וויטנס האָט דער רב געזען אַ הייזקע און האָט זיך געלאָזט גיין אַהין. ווען דער רב איז אַריינגעקומען אין דעם שטיבל, האָט ער געזען אַז דאָרט וואוינט אַ יידישער פאַרמער. ווען דער ישובניק האָט דערזען דעם רב האָט ער און זיין ווייב דעם רב געוואָלט מהנה זיין מיט דאָס שענסטע ווי מען דאַרף אויפנעמען אַזאַ וויכטיקן גאַסט. אים געגעבן אָפּצוּעסן, געמאַכט פאַר אים אַ געלעגער ער זאָל ביי זיי איבערנעכטיקן. דער פאַרמער און זיין ווייב זיינען געווען אין זיבעטן הימל.

צומאָרגנס, איז געוואָרן שיין, די לופט איז געווען אַ מחיה, און דעם רב האָט זיך גאָר נישט געגלוסט אַהיים צו גיין און איז אַזוי אָפּגעשטאַנען עטלעכע טעג, ביז די ווייב פון דעם פאַרמער איז צוגעגאַנגען צום מאַן און רופט זיך אָפּ: „ס'איז טאַקע אַ גרויסער כבוד צו האָבן ביי אונדז אַזאַ טייערן גאַסט, נאָר מיר אַליין האָבן דאָך נישט וואָס אָפּצועסן, זאָג דעם רב אַז ער מעג שוין אַהיים גיין".

דער ייד איז צוגעגאַנגען צום רב, און מיט אַ ציטערדיקע שטימע האָט ער אים געבעטן אַז ס'איז שוין צייט ער זאָל זיך אומקערן אין שטאָט אַריין, און וואָלט אים גערן נאָך געהאַלטן, נאָר ער אַליין האָט נישט וואָס צו עסן.

דער רב האָט זיך אָפּגערופן אַז ער האָט דאָ אין זיין הויז געהאַט אַ גוטן אָפּרו און איז אים און זיין פרוי זייער דאַנקבאַר וואָס זיי

זיינען גרויסע מכנים אורחים, ער וויל נאָר איבערנעכטיקן איבער נאַכט, און צומאָרגנס, זעקס אַזייגער אין דער פרי, זאָל ער אים אויפוועקן, וועט ער צוריק אַוועק אין שטאָט.

פונקט זעקס אין דער פרי, האָט דער פּאַרמער אויפגעוועקט דעם רב, און ווען דער רב האָט זיך נאָר אויסגעריבן די אויגן, האָט ער געהערט אַ קריי פון אַ האָן. רופט ער זיך אָפּ צום פּאַרמער: — „וועמענס האָן איז דאָס״?

— „מיין איינציקער האָן״ — ענטפערט אים דער פּאַרמער.

— „אויב איר האָט נאָך אַ האָן״ — רופט זיך אָפּ דער רב, — „בלייב איך נאָך דאָ איבער שבת״...

— ווי עס זעט אויס — פאַרענדיקט דער רעדנער — זעט נאָך דער פירער אונדזערער, אַז די יוניאָן פאַרמאָגט נאָך אַ האָן און וויל דאָס ביי אונדז אויך צונעמען...

נאָך די האַזיקע רעדע, האָט מען שוין נישט געקויפט דעם פירער דעם אָטאָמאָביל, און די יוניאָן איז געבליבן ביים האָן...

אַ נערוועזער פּאָליסמאַן

מיר זיינען איינמאָל געזעסן ביי אַ באַנקעט וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַר אַ פירער פון די פּעינטערס יוניאָן, וואָס האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, צו וועלכע עס זיינען געקומען אַ גרויסע צאָל פּעינטערס מיט זייערע פרויען.

לעבן מיר איז געזעסן אַ פּעינטער וואָס איז דעם גאַנצן אָוונט געווען זייער אומרואיק און נישט געקאָנט איינזיצן אויפן אָרט. אויף מיין פראַגע פאַרוואָס ער איז אַזוי צערודערט, האָט ער מיר דערקלערט, — אַז ער שרעקט זיך פאַר די רעדעס וואָס וועלן היינט אָוונט געהאַלטן ווערן פון די ברידער פּעינטערס וואָס זיינען געוואוינט — ביי די מיטינגען — „זיך צו לאָזן וואוילגיין" און באַנוצן זיך מיט אויסדרוקן וואָס די ברידער פּעינטערס קאָנען פאַרטראָגן ווען ס'זיינען נישט פאַראַנען קיין פרויען... און היינט, האָט ער מורא, וועלן זיך די פּעינטערס באַנוצן מיט די זעלבע שפּראַך ביי וועלכע עס זיצן דאָ פילע פרויען, און מיר קאָנען נאָך פאַרשעמט ווערן...

ווען די רעדעס האָבן זיך אָנגעפאַנגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין שכן האָט געהאַט אומזיסטע שרעק. די רעדעס פון די פּעינטערס האָבן באַוויזן, אַז זיי האָבן אַ חוש פאַר הומאָר, און ניט נאָר קאָנען זיי האַלטן רעדעס — ביי וועלכער קיינער קאָן נישט פאַרשעמט ווערן, — נאָר זיי קאָנען אויך דערציילן שפּאַסיקע דערינערונגען פון זייערע דערפאַרונגען פון זייער יוניאָן וואָס איז סיי דראַמאַטיש, און סיי שפּאַסיק.

איינער פון די רעדנער, אַ פּעינטער, האָט דערציילט פון דעם אַמאָליקן לעבן פון די פּעינטערס, און איבערגעגעבן עטלעכע עפּיזאָדן ווי אַזוי זיין לאָקאַל האָט געפירט זיינע פאַרזאַמלונגען. און דעם לשון וואָס די פּעינטערס האָבן גענוצט וואָס איז געווען אַ געמיש

פון האַלב דייטש און האַלב ענגליש. ביי איינע פון די דאָזיקע פאַר־זאַמלונגען האָט זיך אויפגעשטעלט אַ יונגער מאַן און געהאַלטן אַ רעדע אין אַ ריינעם, זאַפטיקן יידיש, און ציטירט שפּינאָזאַ, קאַנטן און אַנדערע פילאָזאָפן. דער עולם איז געזעסן ביי דער פאַרזאַמלונג און געקוועטשט מיט די פּלייצעס און נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט וואָס דער רעדנער האָט געזאָגט.

ווען דער בחור האָט זיך שוין געהאַט אָוועקגעזעצט, שטעלט זיך אויף אַ פּעינטער און פרעגט ביים טשערמאַן ער זאָל אים דער־קלערן וואָס דער רעדנער האָט געזאָגט. דער טשערמאַן, וואָס האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען די שווערע עברי פון רעדנער, דערקלערט: אַז קיינער זאָל דעם רעדנער נישט נעמען ערנסט, ווייל ער איז נישט קיין פּעינטער. פּעינטערס ריידן נישט אַזוי... און ער מוז זיין אין אַן אַנדער ליין...

אַ צווייטער רעדנער, ווען דער טאָוסטמאַסטער האָט פאַר־געשטעלט, אויך אַ פּעינטער, דערציילט:

— איך בין איינמאָל געגאַנגען אין דער פערטער גאַס וואו עס געפינט זיך אַ האָל וואו אַרבעטער האָבן אָפט מאָל אָפּגעהאַלטן זייערע מיטינגען, און געזען ווי אַ פּאָליסמאַן שטייט ביי דער האָל און האַלט אין איין קוקן אויף דעם ערשטן פלאָר וואו די פאַר־זאַמלונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן. דער פּאָליסמאַן איז געווען זייער נערוועז און נישט אַראָפּגעלאָזן אַן אויג פון די פענצטער אויפן ערשטן פלאָר. איך האָב דעם פּאָליסמאַן זייער גוט געקענט און פרעג ביי אים פאַרוואָס ער איז אַזוי אויפגערעגט און קוקט אין דער הויך מיט פאַרשפּרייטע הענט.

דערציילט מיר דער פּאָליסמאַן, אַז אין זעלבן זאָל איז לעצטע וואָך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מיטינג פון די זעלבע פּעינטערס, איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל האָט מען אַ מעמבער אַרויסגעוואָרפן פון אַ פענצטער... איז דאָ אַ געפאַר, אַז אויך היינט וועט מען איינעם אַרויסוואַרפן, האָט מיר דער פּאָלים קעפּטעין באַפוילן, אַז איך מוז דאָ שטיין ביים האָל צושפּרייט די הענט, און ווען דער פּעינטער וועט אַרויספאַלן, זאָל איך אים אונטערכאַפּן און ראַטעווען אַ לעבן...

ווער איז אַ גרעסערער פּרעזידענט?

טרעפן זיך צוויי יידישע אַרבעטער, מיטגלידער פון די צוויי יידישע גרויסע יוניאָנס — די אינטערנעשאָנאַל און די אַמאַלגאַמעיטעד, — און צורעדן זיך וועגן זייערע יוניאָנס און צווישן זיי קומט פאַר אַ היציקע דעבאַטע ווער ס'איז אַ גרעסערער פּרעזידענט — הילמאַן אָדער דובינסקי.

דער מיטגליד פון דער אינטערנעשאָנאַל האַלט נאַטירלעך מיט דובינסקין, און דער מיטגליד פון דער אַמאַלגאַמעיטעד — מיט הילמאַנען.

דער אַמאַלגאַמעיטעד מיטגליד האַלט שטאַל און אייזן אַז קיין גרעסערער פּרעזידענט ווי הילמאַן קאָן מען אין גאַנץ אַמעריקע נישט געפינען, און דער אינטערנעשאָנאַל מיטגליד טענהט פאַרקערט, אַז נאָך אַזאַ פּרעזידענט ווי דובינסקי, איז גאָר נישט פאַראַנען אין דער גאַנצער וועלט.

אין דער היציקער דעבאַטע האָט דער אינטערנעשאָנאַל מיטגליד געוואָלט באַווייזן, אַז דובינסקי איז אַ דעמאָקראַטישער מענטש וואָס חברט זיך מיט אַלעמען, און הילמאַן איז אַ מענטש וואָס איז שווער צו אים צו צוקומען...

באַשליסן זיי ביידע צו באַזוכן די צוויי פּרעזידענטן און זען וועלכער פּרעזידענט וועט זיי געבן אַ בעסערע אויפנאַמע, און וועטן זיך אַז ווער פון זיי עס וועט פאַרלירן, זאָל באַצאָלן פאַר אַ גוטן מאָלצייט, און אַזוי לאָזן זיי זיך אַוועק צו זען זיך מיט זייערע פּרעזידענטן.

צום ערשטן האָבן די צוויי יוניאָן ברידער באַזוכט הילמאַנען. ווי נאָר הילמאַן האָט זיי דערזען, האָט ער זיי איינגעלאַדן צו זיך אין אָפיס און געהאַט מיט די צוויי אַ זייער פריינטלעכן געשפּרעך, און ווען זיי האָבן זיך מיט אים געזעגנט, האָט הילמאַן אַרויפגע-

לייגט זיינע הענט אויף זייערע אַקסלען און מיט גוט ברודערשאַפט זיך מיט זיי געזעגנט און זיי איינגעלאַדן אים ווידער צו זען.

ווען די צוויי האָבן פאַרלאָזן הילמאַנס אָפיס, איז דעם אינטער־נעשאַנאַל מיטגליד שוין נישט געווען מקנא צו זיין און ער דער־קלערט צו זיין פריינט, אַז די אויפנאַמע וואָס הילמאַן האָט זיי געגעבן איז טאַקע געווען אַ פריינטלעכע, אָבער זיין פרעזידענט, דובינסקי, וועט נאָך איבערשטייגן די גאַסט־פריינטשאַפט פון היל־מאַנען. און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זען דובינסקין.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דובינסקיס אָפיס, האָט זיי מיס העסקעל אויפגענומען זייער פריינטלעך... זיי האָבן דערקלערט מיס העסקעל, אַז זיי ווילן זיך זען מיט פרעזידענט דובינסקין. מיס העסקעל האָט זיי דערקלערט, אַז דובינסקי איז איצט זייער פאַר־נומען אין אַ קאָנפערענץ און זיי וועלן דאַרפן אונטערוואַרטן.

זיי האָבן אַזוי אָפּגעוואַרט איבער צוויי שעה און שוין געוואָלט אַוועקגיין, אָבער פלוצים האָט זיך דובינסקיס טיר געעפנט און דובינסקי האָט זיך באַוויזן מיט נאָך עטלעכע מענטשן מיט וועמען ער האָט געהאַט דעם קאָנפערענץ. זיי גייען צו צו דובינסקין און זאָגן אים אַז זיי וואָלטן גערן זיך געוואָלט זען מיט אים וועגן אַ וויכטיקן ענין און דובינסקי האָט זיי דערקלערט, אַז ער איז איצט זייער פאַרנומען און מוז אַוועקגיין. ווען זיי האָבן ביי אים געפרעגט ווען ער קאָן זיי זען, רופט זיך אָפּ דובינסקי — „מעיק אַן אַפּוינטמענט וויט מיס העסקעל", און פאַרלאָזט דעם אָפיס.

ווען די צוויי זיינען אַרויס פון דובינסקיס אָפיס, איז דער אינטערנעשאַנאַל מיטגליד געבליבן אָן לשון. זיי זיינען אַריין אין אַ רעסטאָראַנט און אָפּגעגעסן אַ גוטן דינער און דער אינטערנעשאַנאַל מיטגליד האָט געמוזט באַצאָלן...

פאַרוואָס ער איז געווען געצוואונגען אָנצושטעלן די צוויי בעל מלאכות

איינער פון מיינע באַקאַנטע איז אַ ייד, וואָס איז נישט קאַרג אויף אַ טאָלער און איז אַלעמאָל גרייט אַרויסצונעמען פריינט און זיי געבן אַ „גוט טאָים".

אין די רייכע נאַכט־קלובן פון ניו יאָרק קען מען דעם דאָזיקן יידן ווי אַ גרויסן „ספּענדער", און יעדן מאָל ווען ער רופט אָפּ אויפן טעלעפאָן דעם מענעדזשער פון אַ נאַכט־קלוב, מעג זיין ווי ביזי, וועט ער אַלעמאָל געפינען אַ פּראָמינענטן פּלאַץ פאַר אים, אויבן אָן.

איינמאָל, אין אַ שבת אָוונט, בלויז עטלעכע שעה איידער די נאַכט־קלובן האָבן זיך געעפנט, רופט ער אָפּ דעם מענעדזשער פון אַ באַרימטן נאַכט־קלוב און זאָגט אים, אַז ער זאָל פאַר היינט אָוונט אים צוגרייטן דריי פּלעצער. ער קומט מיט נאָך צוויי פריינט. דער מענעדזשער האָט זיך אַביסל געקווענקלט און זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, ווייל אַלע פּלעצער זיינען שוין געווען פאַרנומען, אָבער אים האָט ער נישט געקאָנט ענטזאָגן, האָט ער אים געלאָזט וויסן, אַז ער וועט פאַר אים האָבן גרייט דריי פון די בעסטע פּלעצער, אויבן אָן.

ווען דער רייכער נאַכט־קלוב איז שוין געווען באַזעצט פון אָן עולם, אָנגעטאָן אין די שענסטע נאַכט־קליידער — די פרויען אין „איווונינג־גאַונס" און די מענער אין טאָקסידאָס, קומט זיך אַריין דער גאַסט מיט נאָך צוויי פריינט וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן אין לע־דערנע רעקלעך, אין שוואַרצע העמדער, נישט ראַזירט און האָבן אויסגעקוקט ווי אַרבעטער וואָס גראָבן אַ סאָבוועי. ווען דער מענע־דזשער פון דעם נאַכט־קלוב האָט געזען די צוויי וואָס האָבן באַגלייט דעם פריינט זיינעם, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער

לויפט צו צו אים און באַפעלט אים, אַז ער מוז זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגן פון פּלאַץ, ווייל ער איז געקומען אין באַגלייטונג פון די צוויי חברה לייט וואָס זיינען אָנגעטאָן אין אַזאַ הילוך.

דער גאַסט האָט זיך געבעטן ביים מענעדזשער פון נאַכט־קלוב אַז ער זאָל אויף אים נישט קיין פאַריבל האָבן. ער איז געצוואונגען צו גיין מיט זיי ווי נאָר ער פאַרלאָזט זיין הויז. דער מענעדזשער איז געווען טשיקאַווע צו וויסן פאַרוואָס ער מוז זיך אַרומפירן מיט זיי. זיין פריינט קלערט אים אויך, אַז לעצטנס, איז אים געווען שווער צו הערן, איז ער געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר, האָט אים דער דאָקטאָר געראָטן אַז ער מוז טראָגן אַ מאַשינקע אויף די אויערן. פון אַן אויער ציט זיך אַ שנירל צו דער „בעטערי", וואָס ליגט ביי אים אין די הויזן קעשענע, און זינט ער האָט זיך איינגעהאַנדלט די „בעטערי", האָט אים די עלעקטרישענס יוניאָן געצוואונגען צו דינגען צוויי אַרבעטער וואָס מוזן שטענדיק זיין ביי אים, אַז טאָמער דאַרף מען אַריינשטעלן אַ נייע „בעטערי" אין דעם מאַשינדל, טאָר ער עס אַליין נישט טאָן, נאָר עס מוז אַריינגעשטעלט ווערן פון יוניאָן־לייט...

באַרימטע טשערלייט

פאַרשיידענע אַנעקדאָטן, וויצן און מעשהלעך, דערציילט מען וועגן די טשערלייט וואָס פירן די פאַרזאַמלונגען אין די יוניאָנס, פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס און לאַנדסמאַנשאַפטן. מיר וועלן דאָ איבערגעבן אייניקע פון זיי.

אַ לאָקאַל פון אַ יוניאָן האָט דערהאַלטן אַ צושריפט פון די נאַציאָנאַלע באַאַמטע צו דערוויילן דעלעגאַטן צו אַ קאָנווענשאָן. לויט דער צאָל מיטגלידער וואָס דער לאָקאַל האָט געהאַט, איז ער ניט געווען בארעכטיקט מער ווי צו איין דעלעגאַט.

דער פאָרזיצער איז געווען אַ ייד וואָס איז געווען שטומפּיק אין דער ענגלישער שפּראַך. דעם מיטינג האָט מען געמוזט פירן אין ענגליש, מחמת אין דעם לאָקאַל האָבן זיך אויך געפונען ניט־יידישע אַרבעטער.

די ברידער האָבן געמאַכט נאָמינאַציעס. ווען דער פאָרזיצער האָט אָנגעפרעגט די נאָמינירטע צי זיי נעמען אָן, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז בלויז איינער האָט אָנגענומען די נאָמינאַציע.

דער פאָרזיצער האָט געהייסן דעם קאַנדידאַט אַרויסגיין פון זאַל ווען די אָפּשטימונג וועט פאָרקומען, און דער קאַנדידאַט איז איינשטימיק דערוויילט געוואָרן.

ווען מ'האָט אים צוריק אַריינגערופן, האָט זיך דער פאָרזיצער אויפגעשטעלט און כדי אים צו לאָזן וויסן אין ענגליש אַז ער איז איינשטימיק דערוויילט געוואָרט, רופט ער אויס: „בראָדערס! אײַ דיקלער דהים בראָדער עלעקטעט ביי ע נ י מ ע ל ס".

אין אַ זייט איז געזעסן אַ מיטגליד וואָס איז געווען אַ שונא פון דעם נאָר וואָס דערוויילטן דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן. אָבער שטימען קעגן האָט אים ניט געפּאַסט. דאָ האָט ער אָבער געהאַט אַ געלעגנהייט זיך מיט אים אָפּצורעכענען. שטעלט ער זיך אויף

און רופט אויס צום פּאַרזיצער: — „מיסטער טשערמאַן! יו סעד אַ מאָוטהפּול".

אַ פּשוטע דערקלערונג פון אַ טשערמאַן וועגן „דריטן אינטערנאַציאָנאַל"

איר געדענקט דאָך יענע „באַרימטע טעג", ווען יעדער מיטינג פון אַ לאָקאַל אין אַ יוניאָן איז געווען אַ שלאַכט-פעלד, וואו די קאָמוניסטן און זייערע אָנהענגער האָבן געבושעוועט און געבוקעט יעדן רעדנער וואָס איז נישט געגאַנגען אין זייער שפּאַן און אַלעמען גערופן פאַררעטער, וואָל סטריט אַגענט און „קלאַס קאָלאַבאָרייטאָר".

אין יענע טעג האָט אַ לאָקאַל גערופן אַ ספּעשעל מיטינג אויסצודערוויילן דעלעגאַטן צו אַ קאָנווענשאָן. די אַדמיניסטראַציע פון לאָקאַל האָט זיך געפונען אין די הענט פון די קאָמוניסטן, און די פירער פון לאָקאַל זיינען געקומען צו דעם דאָזיקן מיטינג מיט אַ פּאַק רעזאָלוציעס וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פון קאָמוניסטישע קאָמיסאַרן מיט די באַרימטע קאָמוניסטישע לאָזונגען וואָס האָבן מיטן פאַך נישט געהאַט קיין שום שייכות.

איינע פון די דאָזיקע רעזאָלוציעס איז געווען, אַז מ'זאָל די דעלעגאַטן געבן אינסטרוקציעס צו דער קאָנווענשאָן צו שטימען, אַז די יוניאָן זאָל זיך אָנשליסן אין דעם „קאָמינטערן" פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. ווי נאָר דער סעקרעטאַר פון לאָקאַל האָט פאַרענדיקט לייענען די רעזאָלוציע, האָט אין זאָל זיך אָנגעפאַנגען אַ שטאַרקער טומל. די רעכטע מעמבערס האָבן פּראָטעסטירט פאַרוואָס דער לאָקאַל נעמט אויף אַזעלכע רעזאָלוציעס וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיטן טרעיד. און די קאָמוניסטן, פאַרשטייט זיך, האָבן געליאַרעמט, אַז מ'דאַרף אָננעמען די רעזאָלוציע, און גערופן די רעכטע מעמבערס „וואָל סטריט אַגענטן".

דער לאָקאַל האָט געהאַט אַ טשערמאַן וואָס איז געווען „נישט מילכיק און נישט פליישיק". דאָס איז געווען אַ ייד וואָס דער גאַנצער עסק איז אים נישט געלעגן אין דער לינקער פּאה... די

קאָמוניסטן האָבן אים געדולדיקט ווייל ער איז „געגאַנגען אין שפּאַן" און האָט געטאָן אַלץ וואָס די קאָמוניסטן האָבן פון אים פאַרלאַנגט. דאָס איז געווען איינער פון יענע יידן וואָס איז געווען בעסער באַהאַוונט אין „רהומאַטיזם" ווי אין קאָמוניזם... ווען דער טומל האָט אויסגעבראָכן, איז דער דאָזיקער טשערמאַן צעטומלט געוואָרן און פאַר עטלעכע מינוטן נישט געוואוסט ווי אַזוי צו האַנדלען. עס איז ענדלעך געוואָרן שטיל און דער טשערמאַן גיט עטלעכע קלעפּ מיטן האַמער און דערקלערט, אַז ער וועט נישט אויפנעמען דעם פאַרשלאַג אָנצונעמען די רעזאָלוציע, ווייל ערשטנס, האָט ער גאָר נישט צו טאָן מיט דער „ברויט פראַגע", און צווייטנס, איז די רעזאָלוציע נישט געזעצלעך, און פאָלגלעך, קאָן דער פאָרשלאַג נישט אָנגענומען ווערן.

אין האָל האָט אויסגעבראָכן אַ נייער טומל. די רעכטע האָבן שטאַרק אַפּלאָדירט, די קאָמוניסטן האָבן זייער טשערמאַן גערופן פאַררעטער און פאַרקויפטע נשמה. עטלעכע קאָמוניסטן זיינען צוגעלאָפן צום טשערמאַן און אים געוואָלט אַרונטערשלעפּן פון טשער, די רעכטע האָבן צו דעם נישט דערלאָזן, עס האָט אויסגעקוקט, אַז דער מיטינג וועט אָפּגעבראָכן ווערן.

דער טומל אין האָל האָט זיך ענדלעך איינגעשטילט, און אַלע בליקן זיינען געווען געווענדעט צום טשערמאַן. איין קאָמוניסט האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַ טשער און געפאָדערט פון טשערמאַן אַז ער זאָל דערקלערן פאַרוואָס דער פאָרשלאַג איז נישט געזעצלעך, און דער טשערמאַן גיט ווידער אַ קלאַפּ מיטן האַמער און דערקלערט:

„ערשטנס איז דער פאָרשלאַג נישט געזעצלעך, ווייל דאָס האָט גאָר נישט צו טאָן מיטן טרעיד... צווייטנס, איז ער נישט פּראַקטיש ווייל מען גייט נישט אַריין אין אַ דריטן אינטערנאַציאָנאַל גלייך פון אָנפאַנג, צוערשט פאָדערט דער שכל אַז מ'זאָל אַריינגיין אין ערשטן, אויב מיר וועלן עס גלייכן, קאָן מען דאַן אַריינגיין אין צווייטן, און אויב די מעמבערס קאָנען עפּעס דערביי געווינען, קאָן מען דאַן אַריינגיין אין דריטן... דאָס דאַרף געטאָן ווערן „גראַדזשועלי" און מיר נישט דיר נישט „אַריינדזשאָמפּן" אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל...

און טאַקע אַ דאַנק דעם דאָזיקן טשערמאַן איז די יוניאָן געראַטעוועט געוואָרן וואָס זי איז נישט אַריינגעפאַלן אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל...

אַן אויסטייטשונג פון אַ טשערמאַן

די דאָזיקע פּאַסירונג האָט אונדז דערציילט מאיר לאָנדאָן, עטלעכע וואָכן איידער ער איז אומגעקומען אין אַ אָטאָמאָביל עקסידענט.

— „אין דעם יאָר 1914״ — האָט לאָנדאָן דערציילט — „ווען איך בין אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין צוועלפטן דיסטריקט, אַלס קאַנדידאַט פאַר קאָנגרעסמאַן, איז מיין הויפּט קעגנער געווען דער קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — לעאָן סענדערס. איך בין דאַן געווען דער לאָיער פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן. ווי עס האָט זיך דעמאָלט געפירט אין דער יוניאָן, האָב איך, געדאַרפט זיך באַטייליקן אין אַלע זיצונגען פון דער דזשאָינט באָארד. צו איין זיצונג איז דערשינען אַ קאָמיטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט אַ פאַרלאַנג, אַז די קלאָוק־מאַכער יוניאָן זאָל געבן אַ ביישטייערונג פאַר מיין וואַל־קאַמ־פּאַניע״.

— „ווען די קאָמיטע איז דערשינען און דערקלערט דעם צוועק פון איר באַזוך״ — דערציילט וויטער לאָנדאָן, — „האָב איך געפילט ווי די פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער איך זיץ, זינקט אונטער מיר. איך האָב זיך געפונען אין אַ מאָדנער פאַרלעגנהייט, און איידער די קאָמיטע האָט נאָך באַוויזן צו רעדן, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און זיי גוט אָנגעזידלט, וואָס זיי האָבן מיר פריער נישט געלאָזט וויסן, אַז זיי וועלן קומען מיט זייער פאַרלאַנג. דעמאָלט וואָלט איך ניט געווען געקומען צום מיטינג, און וואָלט זיך נישט געפונען אין אַזאַ מאָדנער פאַרלעגנהייט, האָב איך געזאָגט״.

— „די זאַך איז שוין געווען אַ פאַרפאַלענע, דער פּרעזידענט האָט אויפגענומען דעם פאַרלאַנג פון דער קאָמיטע. אַ דעלעגאַט נעמט דאָס וואָרט און מאַכט אַ פאָרשלאַג אַז די דזשאָינט־באָארד

זאָלביישטייערן דריי טויזנט דאָלער. אַ צווייטער — פינף טויזנט דאָלער, און אַ דריטער — זיבן טויזנט דאָלער. אַלע פֿאַרשלאָג־מאַכערס, קוקן אויף מיר וואָס פֿאַר אַן איינדרוק דאָס מאַכט אויף מיר, און איך אַליין זיץ אין געהאַקטע וואונדן".

— „עס פֿאַרציט זיך אַ לאַנגע דעבאַטע, יעדער רעדנער וואָס פֿאַרטיידיקט זיין פֿאַרשלאָג וויל איבערשטייגן דעם אַנדערן אין זיין לאָיאַליטעט צו מיר. איך בין געזעסן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע מיט דעם פֿאָרזיצער, און די צוויי סעקרעטאָרן. די רעדנערס זיינען געשטאַנען מיטן פּנים צום עולם, יעדער מאָל ווען אַ רעדנער האָט גערעכנט אַז ער מאַכט אַ גוטן איינדרוק, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מיר און געוואָלט איבערלייענען אויף מיין פּנים וואָס פֿאַר אַן איינדרוק עס מאַכן זייערע רייד".

— „איך וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן" — זאָגט צו אונדז מאיר לאַנדאַן, — „דעם לעצטן רעדנער. ער איז געווען דער טשערמאַן פֿון דזשאַינט באָאַרד, אַן ערלעכער פּשוטער אַרבעטער ער האָט גערעדט מיט הארץ און געשטיצט דעם פֿאַרשלאָג צו געבן זיבן טויזנט דאָלער. אָט זיינען זיינע אייגענע ווערטער":

— „מיר טאָרן נישט פֿאַרגעסן", — זאָגט ער — „אַז מאיר לאַנדאַן איז אונדזער טאַטע, אונדזער רבי און אונדזער פֿירער. צוליב דעם אַליין דאַרף מען אים געבן אַלץ וואָס מיר פֿאַרמאָגן. אחוץ דעם, — זעצט פֿאָר דער רעדנער, — זיינען מיר דאָך אַלע סאָציאַליסטן, וואָס באַלאַנגען צו דער זעלבער פּאַרטיי ווי ברודער לאַנדאַן. און מיר מוזן אויך פֿאַרגלייכן ווער זיין קעגנער איז, עפּעס אַן אָנגעפּרעסענער ייד..." — אין דעם מאָמענט דרייט זיך דער רעדנער אוים און ווייזט אָן אויף מיר — „קוקט! אונדזער קאַנדידאַט זעט דאָך אויס ווי אַן אויסגעדאַרטער הונט, און זיין קעגנער פּעט ווי אַ חזיר...

ווען אַ טשערמאַן דאַרף זאָגן „סאָבסטיטוט"

אין איינער פון אונדזערע יידישע יוניאָנס, האָט מען איינ־געלאַדן אַ בארימטן יידישן שריפטשטעלער צו האַלטן אַ לעקציע. ווען דער עולם איז שוין געווען פאַרזאַמלט, איז צוגעקומען אַ פרעמדער ייד צום פאָרזיצער, זיך פאָרגעשטעלט פאַר אים און אים געזאָגט אַז דער לעקטאָר איז קראַנק געוואָרן, און דעריבער האָט ער אים געשיקט ער זאָל אים פאַרבייטן, ער זאָל זיין אַ „סאָבסטיטוט", בלע"ז.

ווען דער פאָרזיצער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג, האָט ער געהאַלטן אַ לענגערע רעדע, אין וועלכער ער האָט אויפגעקלערט די טעמע פון דער לעקציע און דערביי געמאָלדן אַז דער לעק־טשורער, וועמען די יוניאָן האָט איינגעלאַדן, איז קראַנק געוואָרן און ער האָט געשיקט אַן אַנדערן אים צו פאַרבייטן, דערביי דער־לאַנג ער זיך אַזוי אַ זאָג:

— „ברידער! ווי איר ווייסט, קאַרגט ניט אונדזער אָרגאַני־זאַציע קיין געלט און וויל געבן אונדזערע מעמבערס דאָס בעסטע. אויך פאַר היינט האָט אונדזער יוניאָן ניט געזשאַלעוועט קיין געלט און אַראַנזשירט דעם בעסטן רעדנער וואָס מיר יידן פאַרמאָגן נאָר. ער איז אָבער קראַנק געוואָרן האָט ער ניט געוואָלט „דיסאַפּוינטן" אונדזער יוניאָן און געשיקט זיינעם אַ חבר. איצט האָב איך דעם פאַרגעניגן פאַר אייך פאָרצושטעלן דעם „ פ ר אָ ס ט י ט ו ט " וואָס וועט פאַרנעמען זיין פלאַץ.

דער טשערמאַן וואָס האַלט ניט פון דאַרווינס טעאָריע

אין די יאָרן ווען עס האָבן געשטראָמט מאַסן אימיגראַנטן אין אַמעריקע, ווען אין דער איסט־סייד און אין די אַנדערע טיילן פון שטאָט האָט געבליט מיט סאָציאַליסטישע טעטיקייטן, זיינען אין אַלע זאַלן פון דער שטאָט אָפּגעהאַלטן געוואָרן לעקציעס פון סאָציאַליסטישע רעדנער און גרויסע מאַסן זיינען געקומען הערן די דאָזיקע לעקציעס.

א גרויסער טייל יידישע ארבעטער, וואָס האָבן געוואוינט אין בראָנזוויל און געמאַכט זייער היים אין לעיבאָר לאַיסעאום, זיינען געווען אַרבעטער פון בילדינג טרעיד, ווי קאַרפּענטערס, פּלאַסטע־רערס און אַנדערע אַרבעטער וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אין דעם בילדינג פאַך. דאָס איז געווען אין יענע יאָרן ווען אין בראָנז־וויל איז פאָרגעקומען דער „ריעל עסטייט בום", די אַרבעטער האָבן באַלאַנגט צו די בילדינג טרעיד יוניאָנס, און די דאָזיקע יוניאָנס האָבן זיך דאַן געפונען אין בראָנזוויל לעיבאָר לייסעאום.

האָט איינמאָל אַ רעדנער געהאַלטן אַ לעקציע איבער דער טעמע: „ווי אַזוי עס וועט זיך לעבן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט". דער רעדנער האָט געשילדערט, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג וועלן נישט זיין קיין הערשער און באַהערשטע. קיין פּריווילעגירטע קלאַסן וואָס וועלן הערשן איבער אַנדערע. אַלע וועלן זיין גלייך און קיינער וועט נישט באַלעבאַטעווען איבער אַ צווייטן.

נאָך דער לעקציע האָט דער עולם געשטעלט פראַגן דעם לעקטאָר, און איינער פון די פראַגן־שטעלער האָט אַרגומענטירט מיטן רעדנער אַז ס'איז קעגן דעם געזעץ פון דער נאַטור אַז אַלץ וואָס לעבט זאָל לעבן גלייך. ביי מענטשן, אַזוי ווי ביי חיות, וועלן אַלעמאָל די שטאַרקערע באַהערשן די שוואַכערע, ווי דאָס האָט שוין באַוויזן דער באַרימטער פילאָזאָף דאַרווין אין זיין עסיי „דהי סורוויוול אָוו דהי פיטעסט".

דער טשערמאַן פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען אַן אַרבעטער וואָס האָט באַלאַנגט צו דער סטים־פיטערס יוניאָן. ווי נאָר דער טשערמאַן האָט דערהערט דאָס וואָרט „פיטעסט", איז ער אויפ־געשפּרונגען און אונטערבראָכן דעם פראַגן־שטעלער וואָס האָט באַ־לאַנגט מיטן טשערמאַן אין דער זעלבער יוניאָן, און דערקלערט: „די היינטיקע לעקציע האָט גאָר נישט וואָס צו טאָן מיט אונדזער פאַך, — די סטים פיטערס, — דאָ רעדט זיך וועגן סאָציאַליזם, אויב דו ווילסט רעדן וועגן די פיטערס קום צו דיין יוניאָן, דאָ איז נישט דער פּלאַץ צו רעדן וועגן אונדזער פאַך..."

אַן איינפאַל פון אַ טשערמאַן ביי אַן „אָפּען־עיר” מיטינג

אין יענע יאָרן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, זיינען ס'רוב סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף די גאַסן. מאיר לאָנדאָן איז געווען פאַררעכנט אַלס איינער פון די בעסטע סאָציאַליסטישע רעדנערס. לאָנדאָנס אַ גאַסן־פאַרזאַמלונג האָט אַלע מאָל צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. עס איז נאָר געווען שווער פאַר דעם פאָרזיצער פון אַזאַ פאַרזאַמלונג צונויפצוקריגן די ערשטע צענדליגג מענטשן כדי די פאַרזאַמלונג אָנצוהייבן.

דערציילט אונדז מאיר לאָנדאָן פון אַ דערפאַרונג וואָס ער האָט איינמאָל געהאַט מיט אַזאַ גאַסן־פאַרזאַמלונג, וואו אים איז אויסגעקומען צו רעדן אָן אַ פריערדיקער מעלדונג, אַז ער וועט אויפטרעטן. דער פאָרזיצער שרייט אויף אַלע כלים און קיינער קומט נישט צו נענטער צו דער פלאַטפאָרמע. ווי נאָר עס באַווייזט זיך אַ ייד, שטייט ער אַ פּאָר מינוט און גייט באַלד אַוועק. האָט לאָנדאָן אַ וואונק געטאָן דעם פאָרזיצער ער זאָל אויפגעבן דעם מיטינג. נאָר דאָ האָט זיך איינער פון די אָנוועזענדע סאָציאַליסטן פאַר־געשלאָגן איבערצונעמען דעם מיטינג און ער האָט דערביי קאַווירט, אַז ער וועט שוין קריגן אַן עולם אָנצוהייבן די פאַרזאַמלונג. מאיר לאָנדאָן האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און געוואַרט זען וואָס עס וועט ארויסקומען, ווי אַזוי דער גענאָסע וועט באַווייזן די קונץ צוציען די פאַרבייגייערס.

דער גענאָסע האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל געצייג: אַ זעגל, אַ האַמער, אַן עגבער און פאַרשידענע אַנדערע מכשירים און זיך אַוועקגעשטעלט מייסטרעווען אַרום דער פלאַטפאָרמע, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אויפבויען. אָבער ער האָט געאַרבעט מיט זיינע געצייג אויף אַ טשיקאַווען אופן, להיפּוך דעם פּשוטן שכל. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קוקן וואָס דער גרויסער בעל־מלאכה טוט און ווי אַזוי ער אַרבעט עם אַזוי מאָדנע. יעדערער פון די פאַרבייגייער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט גענומען געבן עצות, איינעם איז ניט געפעלן ווי אַזוי ער אַרבעט מיטן האַמער,

א צווייטער האט געשריען אז ניט אזוי האלט מען א זעג. דער גענאסע האט זיך גענומען אמפערן מיט יעדן איינעם. ביז עס האט זיך צונויפגעקליבן א גאנצער געזעמל יידן און יעדער האט געוויזן ווי אזוי צורעכטצומאכן א פלאטפארמע וואס איז אין דער אמתן געווען גאנץ...

ווען דער גענאסע האט געזען אז דער עולם איז שוין גענוג גרוים האט ער פלוצעם אויסגערופן, אזוי ווי ער וואלט אליין געווען איבערראשט: יידן! זעט נאר ווער עס איז דא! דאס איז דאך מאיר לאנדאן! ווען די יידן האבן דערהערט דעם נאמען מאיר לאנדאן, האט אויסגעבראכן א גרויסער אפלאז. און מען האט געבעטן לאנדאנען, ער זאל עפעס זאגן.

אזוי האט מיט מזל זיך אנגעהויבן דער מיטינג פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

א באריכט פון א טשערמאן

דערציילט מיר אן ארבעטער פירער, אז ביי איינעם פון די לאקאלס פון זיין יוניאן, האט דער טשערמאן פון לאקאל אפגעגעבן א באריכט פון א קאמיטע פון וועלכער ער איז געווען דער טשערמאן. די דאזיקע קאמיטע איז אויסגעקליבן געווארן ביי דער עקזעקוטיוו זי זאל מאכן אן אונטערזוכונג אין א שאפ וואו די יוניאן-ביכלעך פון די ארבעטער זיינען עפעס נישט געווען אין ארדענונג. טייל ארבעטער האבן געהאט יוניאן-ביכלעך, אנדערע נישט, און די קאמיטע האט באדארפט מאכן די אונטערזוכונג און אריינברענגען ארדענונג און ברענגען א טאלק.

האט זיך דער טשערמאן אויפגעשטעלט ביים מיטינג און גיט אפ דעם פאלגענדן באריכט:

— מיר זיינען אוועק אין ברוקלין צום שאפ אויף דעם אנגעגעבענעם אדרעס וואס דער סעקרעטאר פון דער יוניאן האט אונדז געגעבן. דער אדרעס פון שאפ איז ביים סעקרעטאר פון דער יוניאן געלעגן נאך פון דעם ערשטן טאג ווען די יוניאן איז געגרינדעט

געוואָרן... און דער סעקרעטאַר האָט דעם אַדרעס נישט געביטן וואָס איז שוין אַ קימאַ־לן פון העכער דרייסיק יאָר... ווען מיר זיינען צוגע־קומען צו דער גאַס און דעם נומער וואָס מיר האָבן געקראָגן, איז שוין אויף יענעם אָרט געשטאַנען אַן „אַר קעי אָ" מואווי הויז. מיין קאָמיטע האָט נישט געגלויבט אַז דער סעקרעטאַר האָט זיי געגעבן אַן אַלטן אַדרעס און געהאַט צו מיר אַ טענה אַז איך מאַך אַ טעות און קאָן נישט די אַמעריקאַנער טעכניק... מיין קאָמיטע איז געווען איבערצייגט, אַז נעכטן איז נאָך דאָ געשטאַנען דער שאַפּ און אונדזערע ברידער האָבן געשמאַק געאַרבעט... נאָר איבערנאַכט האָט מען אַרונטערגעריסן די געביידע און היינט שטייט שוין פאַרטיק דאָס טעאַטער.

— מיר זיינען אַלע אַריין — פאַרענדיקט דער טשערמאַן — אין דער „מואווי", און איצט וואַרטען מיר אויף דעם ריכטיקן אַדרעס פון דעם שאַפּ, און ווען מיר וועלן אויסגעפינען דעם אַד־רעס, וועלן מיר ערשט מאַכן די אונטערזוכונג וועגן די ביכלעך, דערווייל קאָנען מיר אייך אָפּגעבן דעם באַריכט, אַז ס'איז געווען אַ זייער גוטע „מואווי", און מיר האָבן געהאַט אַ „גוט־טאַים"...

וואָס איז קאָלעקטיוו באַרגענינג?

אין אַ געוויסער יוניאָן האָט זיך מיט יאָרן צוריק געפירט, אַז ווען ס'איז פאָרגעקומען אין דער יוניאָן וואַלן פאַר באַצאָלטע באַ־אַמטע, האָט די יוניאָן באַשטימט אַ קאָמיטע צו אונטערזוכן די קאַנדידאַטן וואָס זיינען געלאָפן פאַר די דאָזיקע אַמטן צו זיינען זיי פּאַסיק און צו האָבן זיי די נויטיקע אינטעליגענץ צו זיין פירער אין אַ יוניאָן.

די דאָזיקע קאָמיטע איז אַלעמאָל באַשטאַנען פון מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ גוטן נאָמען אין דער אַרבעטער באַוועגונג און זיינען נישט געווען פאַרבונדן מיט דער יוניאָן אַז זיי זאָלן זיין פּאַרטייאיש צו די קאַנדידאַטן וואָס זיינען פאַר זיי ערשינען. די קאָמיטע האָט צווישן זיך אויסגעקליבן אַ פאָרזיצער מיט אַ

סעקרעטאר ווי אויך א סטענאגראפער, וואס זאל אלץ ארונטער־נעמען וואס די קאמיטע פרעגט דעם קאנדידאט, ווי אויך זיינע ענטפערס, און שפעטער באריכטן די רעזולטאטן פון זייער ארבעט.

צו דער דאזיקער קאמיטע איז איינמאל געקומען א קאנדידאט וואס איז ארייגעקומען אין צימער — וואו די קאמיטע האט אפ־געהאלטן אירע זיצונגען — מיט אזא שטאלצע מינע ווי ער וואלט געוועזן דער קאנדידאט פאר פרעזידענט פון דער יוניאן. מ'האט דעם קאנדידאט אנגעצייגט אויף א טשער וואו די קאנדידאטן האבן באדארפט זיצן, און ער האט זיך אוועקגעזעצט מיטן סיגאר אין מויל און האט דעם סיגאר נישט ארויסגענומען אפילו דאן ווען ער האט באדארפט ענטפערן אויף די פראגען וואס מ'האט אים געשטעלט.

— ביי וואס'רע פאך זייט איר באשעפטיקט? — פרעגט אים דער פארזיצער.

— א פרעסער — איז געוועזן זיין ענטפער — און דער טשער־מאן פון מיין לאקאל.

— פארוואס ווילט איר זיין א באאמטער? — פרעגט מען אים ווייטער.

— ווייל איך האב שוין נישט קיין כח צו ארבעטן...

— וויפיל פארדינט איר א וואך? — פרעגט מען אים ווידער.

— איך פארדין — ענטפערט דער קאנדידאט — גאנץ נישקשה, נאר איך זוך א טשענס צו פארדינען מער...

— קאנט איר לייענען און שרייבן? — וויל די קאמיטע וויסן.

— ביי פרעסעריי, — ענטפערט דער קאנדידאט — דארף מען נישט קאנען לייענען אדער שרייבן, מ'דארף נאר קאנען ארונטערנעמען די טיקעטלעך...

— קאנט איר אונדז זאגן, — פרעגט ווייטער דער פארזיצער, — וואס איז קאלעקטיוו בארגענינג?

— קאלעקטיוו בארגענינג? — פרעגט דער קאנדידאט אליין זיך איבער, און קראצט זיך דערביי דעם קאפ, און ער ענטפערט: — אז צו ערשט דארף מען זען צו בארגענען מיטן באלעבאס, און ווען ער האט צוגעשטימט, מעגט איר שוין ביי אים קאלעקטן...

אַ משל פון אַ יוניאָן אָרגאַנייזער

די צייטן פון די ערשטע פּיאָנערן וואָס האָבן געזוכט צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער אין יוניאָנס, זיינען געווען זייער שווערע. עס איז כמעט אוממעגלעך געווען צוזאַמענצורופן אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער אין אַ זאַל צו קאָנען צו זיי רעדן, אַז זיי דאַרפן זיך אָרגאַניזירן קעגן די שוידערלעכע באַדינגונגען וואָס האָבן דאַן עקזיסטירט אין די פאַבריקן.

די סיבות זיינען געווען פאַרשידענע: ערשטנס, האָבן די אַרבעטער געשקלאַפט שפּעט אין דער נאַכט און זיינען געווען מיד און געוואָלט וואָס שנעלער אַהיים גיין אויסצורוען זייערע ביינער. און צווייטנס, האָבן די אַרבעטער מורא געהאַט פאַר זייערע פאָרלייט, וואָס האָבן שפּיאָנירט די אַרבעטער, וואו זיי גייען נאָך דער אַרבעט, און אויב מ׳האָט זיך דערוואוסט אַז אַן אַרבעטער איז אַוועק אין דער יוניאָן, אָדער ער האָט גערעדט מיט אַ יוניאָן אָרגאַנייזער, איז שוין דעם דאָזיקן אַרבעטער נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. מ׳האָט אים גלייך אַרויסגעוואָרפן פון זיין דזשאָב.

איינמאָל איז געלונגען צוזאַמענצורופן אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטער שפּעט אין אָוונט. דער יוניאָן-אָרגאַנייזער האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע אַז זיי קאָנען זיך נאָר באַפרייען פון זייער פינצטערע מערכה ווען זיי וועלן ווערן יוניאָן-לייט און רעספּעק-טירט ווערן ווי מענטשן, און מאַכן אַ לעבן צו קאָנען ער-נערן זייערע פאַמיליעס. דורך דער גאַנצער צייט וואָס דער אָרגאַנייזער האָט צו זיי גערעדט, זיינען די אַרבעטער געזעסן אין האָל און געדרימלט ווי דאָס וואָלט נישט געווען זייער עסק. ווען דער יוניאָן-אָרגאַנייזער האָט געענדיקט זיין רעדע, האָט ער זיך געווענדט צו די אַרבעטער און ביי זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי

זיינען אַזוי גלייכגילטיק, האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אַרבעטער און זיך אָנגערופן: צו מיר דאַרפט איר נישט רעדן, איך בין גרייט, נאָר די צרה איז מיט די אַנדערע אַרבעטער וואָס ווילן פון אייך נישט הערן.

באַלד האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צווייטער אַרבעטער און אויך געזאָגט דאָס זעלבע אַז ער איז גרייט, נאָר די צרה איז מיט די אַנדערע אַרבעטער וואָס זיי זיינען געבוירענע שקלאַפן און פאָלגן בעסער דעם באַלעבאָס ווי דעם יוניאָן־אָרגאַנייזער, און דערפאַר וועט מען קיינמאָל נישט קאָנען אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין דעם פאַך, זיי וועלן שוין פאַרבלייבן אייביקע שקלאַפן.

ווען דער יוניאָן־אָרגאַנייזער האָט זיי דערקלערט, אַז אימיצער דאַרף מאַכן אַן אָנפאַנג, און פון זיי געפאָדערט אַז זיי זאָלן זיך פאַרשרייבן אין דער יוניאָן, האָבן שוין אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אין האָל געענטפערט ווי איין כאָר אַז ער זאָל פריער פועלן ביי די אַנדערע אַרבעטער, און מיט זיי וועט ער נישט האָבן קיין סך שוועריקייטן.

דער יוניאָן־אָרגאַנייזער איז געווען אַ מענטש מיט אַ „סענס אָוו הומאָר" און האָט געקאָנט דערציילן הומאָריסטישע מעשהלעך און משלים, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און דערציילט דאָס פאָל־גענדע פאָלקס־מעשהלע:

— ביי מיר אין שטעטל, — דערציילט דער אָרגאַנייזער, — איז אַמאָל געווען אַן אַלטער חזן, אַ זקן, און האָט שוין נישט געקאָנט דאַווענען ווי אין די ייִנגערע יאָרן. האָט זיך קהל פאַר־גלוסט איינצולאַדן אַ יונגן חזן אויף אַ שבת, וועלכער האָט גלייך באַוויזן וואָס ער קאָן און דאָס שטעטל איז פון דעם יונגן חזן געוואָרן באַגייסטערט. קהל האָט באַשלאָסן, אַז מ'דאַרף מאַכן וואַלן און די ייִדן זאָלן באַשטימען ווער עס זאָל בלייבן חזן פון שטעטל — דער יונגער אָדער דער אַלטער חזן.

אויס רחמנות צום אַלטן חזן, זיינען אַלע ייִדן צוגעגאַנגען צום אַלטיטשקן און אים פאַרזיכערט, אַז ער דאַרף זיך נישט זאָרגן, אַז אַלע ייִדן וועלן זיכער שטימען פאַר אים, און ער וועט דערוויילט ווערן איינשטימיק.

שבת נאַכט האָבן זיך אַלע יידן פאַרזאַמלט אין בית המדרש, יעדער ייד האָט געקראָגן אַ צעטל מיט די צוויי נעמען, און ווען מ׳האָט איבערגעציילט די שטימען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע יידן האָבן געשטימט פאַרן יונגן חזן, און דער אַלטער חזן האָט געקראָגן איין שטימע — דאָס איז געווען זיין אייגענע.

קהל האָט געבעטן דעם אַלטן חזן ער זאָל עפּעס זאָגן איידער ער פאַרלאָזט דאָס שטעטל. האָט זיך דער אַלטער חזן אַוועקגע־שטעלט און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט בלויז עטלעכע ווערטער:

— איר זייט אַלע געווען צו מיר גוט איידער די וואַלן האָבן זיך אָנגעפאַנגען. יעדער ייד האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איך וועל דערוויילט ווערן איינשטימיק, און צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזן אַז איר האָט געשטימט פאַרן נייעם חזן און איך האָב בלויז גע־קראָגן מיין אייגענע שטימע. וויל איך אייך זאָגן אַז יעדן איינעם פון אייך זאָל אייך גאָט בענטשן, און אַלע צוזאַמען זאָלט איר איינגעמען אַ מיתה משונה...

דאָס דאָזיקע מעשהלע האָט געווירקט אויף די עטלעכע אַר־בעטער, און האָבן זיך גלייך פאַרשריבן אין דער יוניאָן.

אַ בריוו וואָס אַ דעלעגאַט צו אַן אַמאַלגאַמעיטעד קאָנווענשאָן, שרייבט צו זיין יידענע

מיין טייערע טייבעלע:

איך שרייב דיר דעם בריוו דאָנערשטיק, דעם 4טן טאָג פון אונדזער קאָנווענשאָן. פון דעם בריוו וועסטו קאָנען האָבן אַ באַגריף ווי שווער מיר פּראַצעווען דאָ בייטאָג און ביינאַכט...

די לאַנגע שעהן וואָס מיר האָבן אַמאָל געאַרבעט אין די שע־פּער האָט שוין די יוניאָן לאַנג אָפּגעשאַפן. ווען עס וועט די יוניאָן אויך געלינגען אָפּצושאַפן די לאַנגע שעהן ביי קאָנווענשאָנס... וועט דאָס זיין אַן אמתע דערגרייכונג...

עס גייט דאָ אַן אַ באַוועגונג פאַרצושלאָגן אַ רעזאָלוציע ביי דער קאָנווענשאָן, איינצופירן אַ זיבן שעה אַרבעטס־טאָג אַזוי ווי אין די שעפּער... צו דאָס וועט זיך איינגעבן בלייבט אַ פראַגע — מ׳האָט מורא פילע וועלן סקעבן...

* * *

איידער איך גיי דיר שילדערן ווי מיר פאַרברענגען דאָ, וויל איך דיר צוערשט באַקענען מיט דער שטאָט קליוולאַנד, וואו אונדזער קאָנווענשאָן ווערט אָפּגעהאַלטן:

אין קליוולאַנד האָט די וואָך אויסגעבראָכן אַ מגפה — פון קאָנווענשאָנס. גאַנצע פינף קאָנווענשאָנס ווערן דאָ אָפּגעהאַלטן די וואָך. מיט דער אויסנאַם פון דער אַמאַלגאַמעיטעד קאָנווענשאָן, זיינען די אַנדערע וויסטע קאָליקעס, גייסטיק, און פיזיש.

דאָ ווערט אָפּגעהאַלטן די נאַציאָנאַלע רעפּובליקאַנישע קאָנ־ווענשאָן, וואָס דאַרף אויסקלייבן אַ פּרעזידענט פאַר אַמעריקע, איז זי טויב ווי די וואַנט, און וויל נישט הערן וואָס דאָס אַמעריקאַנער פאָלק וויל...

עס האָבן זיך אויך פאַרזאַמלט אין קליוולאַנד פאָטער קאָגלינס חסידים צו אַ קאָנווענשאָן, וואָס זיינען בלינד, און קריכן אַלץ מער אין טיפערע בלאָטעס... דאָ ווערט אויך אָפּגעהאַלטן אַ קאָנווענשאָן

פון דער „אַמעריקען לידזשען”, און מ׳זעט דאָ פילע דעלעגאַטן אויף קוליעס וואָס איז אַ ביטערער רחמנות אויף אונדזערע מלחמה־העלדן וואָס ווערן געפירט אויף קרומע וועגן...

דאָ האָט זיך אויך פאַרזאַמלט די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון וועלכע אַלע רעכטע עלעמענטן זיינען פון איר אַרויס, און קאָן קוים שטיין אויף אירע אייגענע פיס...

* * *

אַ מזל האָט אונדזער יוניאָן! אויך די אַמאַלגאַמעיטעד איז שיער נישט געקומען צו דער קאָנווענשאָן אַ קראַנקע. האָבן מיר דאָך אַ גאָט אויף דער וועלט, און אונדזער פּרעזידענט הילמאַן איז געזונט געוואָרן, און פירט די קאָנווענשאָן מיט דער זעלבער שטאַרקע האַנט ווי פריער...

* * *

דער גרעסטער העלד ביי אונדזער קאָנווענשאָן איז פרענקלין ד. רוזוועלט. וואו דו גייסט און מיט וועמען דו רעדסט, הערסטו נישט קיין אַנדער וואָרט נאָר רוזוועלט. פּרעזידענט רוזוועלטס נאָמען איז דאָ געוואָרן אַ צוויבער־וואָרט, צוליב רוזוועלטן איז פּרעזידענט הילמאַנס פּאָפּולאַריטעט דאָ שטאַרק געפאַלן. ביי אַלע פריערדיקע אַמאַלגאַמעיטעד קאָנווענשאָנס, אַז מ׳האָט גערעדט וועגן אַ פּרעזידענט, איז קיינעם גאָר ניט איינגעפאַלן צו דערמאָנען אימעצן אַנדערש ווי סידני הילמאַן. ביי דער היינטיקער קאָנווענשאָן, וואו איר גייט און שטייט, הערט איר נישט מער ווי רוזוועלט... איין באַגריסער, וואָס האָט געהאַלטן דאָ אַ רעדע ביי דער קאָנ־ווענשאָן, האָט אָנגעפאַנגען מיט די ווערטער: „פּרעזידענט רוזוועלט, דעלעגאַטן, לעידיס ענד דזשענטלמען”...

* * *

לואי האָלענדער, מענעדזשער פון ניו יאָרק דזשאָינט באָארד, איז דאָ באַשטימט געוואָרן אַלס טשערמאַן פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע. ווען מ׳האָט ביי אים געפרעגט: „ווי קומט צו דיר פּאָלי־טיק? ס׳איז דאָך נישט דיין ליין, דו באַשעפטיקסט זיך דאָך מיט

רעק, פּענטס, ווּעסטן און אַנדערע שניידערישע שאַלעמויזן", האָט ער אויף דעם געענטפערט: „אַז פּאָליטיקס איז שוין היינט אַריין אין דער שוסטער־גאַס און אויך פאַרכאַפּט די שניידערס — בין איך דאָס עפּעס אַ שניידער"...

* * *

ביי די פּרימאַרגן זיצונג וואָס דאַרף זיך עפענען ניין־דרייסיק אין דער פרי, איז נאָך דער זאַל פּוסט, ווייל די מערסטע דעלעגאַטן שלאָפן נאָך אַ שווערע נאַכט אַרבעט... מ'קאָן נישט פאַריבל האָבן פאַרוואָס זיי קומען שפּעט צו די זיצונגען. שולדיק איז די דזשאַינט באַארד פון קליוולאַנד וואָס האָט פאַר זיי צוגעגרייט צענדליקע אונטערנעמונגען און באַנקעטן. ווי נאָר די דעלעגאַטן זיינען שבת אָוונט אַרונטער פון דער באַן, האָט זיי די אַראַנדזשמענט קאָמיטע געגעבן אַ פּעקל בילעטן פאַר די אונטערהאַלטונגען וואָס האָט זיי אַזוי צומישט, אַז זיי האָבן נישט געוואוסט וואו פריער צו גיין און אָנגעמאַכט גרויסע צרות די אַראַנדזשמענט קאָמיטע. ביי יעדע אונטערנעמונג איז אַ געדראַנג ביי די טיר און מ'לאָזט זיי נישט אַריין. די דעלעגאַטן האָבן פאַרביטן די טיקעטס: אַ שטייגער, דעם טיקעט וואָס זיי האָבן געקראָגן צו דער ערעפענונג פון קאָנווענשאָן, האָבן זיי באַהאַלטן פאַרן באַנקעט, און דעם באַנקעט־טיקעט האָבן זיי אָוועקגעגעבן דעם דאָרמאַן פון פּאָבליק אָדיטאָריום, וואו די קאָנווענשאָן האָט זיך געעפנט. דערפאַר זיינען ביים באַנקעט דאָ געווען די פּאָליסלייט און פייערלייט פון גאַנץ קליוולאַנד, און די דעלעגאַטן האָט מען נישט אַריינגעלאָזט...

* * *

איך שרייב די דאָזיקע שורות דאָנערשטיק נאָכמיטאָג. און די דעלעגאַטן האָבן נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט צו עפענען זייער מויל, אַחוץ ביים עסן... שוין פיר טעג פאַראיבער און קיין אַנדער זאַך האָט מען נאָך דאָ נישט געהערט ווי נאָר רוזוועלט. אַלע וואָס האָבן ביז איצט גערעדט זיינען געווען די איינגעלאַדענע געסט. עס זעט אויס, אַז פאַר די דעלעגאַטן איז איבערגעלאָזט געוואָרן צייט בלויז צו פרעגן — ווען שליסט זיך שוין די קאָנ־ווענשאָן?...

* * *

די איצטיקע אַמאַלגאַמעיטעד קאַנוועגשאַן וועט זיכער בלייבן אַ היסטאָרישע. קודם כל ווערט די היינטיקע קאַנווענשאַן געפירט מער דעמאָקראַטיש ווי די פריערדיקע. ביי די פריערדיקע קאַנווענשאַנס איז הילמאַן געווען דער פולשטענדיקער דיקטאַטאָר און האָט נישט אָפּגע־טראָטן קיין איין מינוט פון טשער. צוליב דעם וואָס הילמאַן איז נאָך „נישט מיט אַלעמען", ווערן די היינטיקע זיצונגען געפירט פון די מיט־גלידער פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, און פאַר יעדן מיט־גליד איז איינגעטיילט דער כבוד צו פירן איין זיצונג. דינסטיק האָט געפירט די זיצונג בלומבערג, און מיטוואָך אַב. מילער. הילמאַן טרעט אָבער נישט אָפּ פון סטעידזש און פון צייט־צו־צייט כאַפּט ער ביי זיי צו דעם האַמער און נעמט איבער די קאַמאַנדע. אַזוי, אַ שטייגער, האָט הילמאַן מיטוואָך געפירט די גאַנצע פרימאָרגן זיצונג, און פאַר מילערן איז פאַרבליבן בלויז צו דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער דעם פאָרזיצער...

* * *

מיר האָבן דאָ געהאַט אַ היפּש ביסל צרות פון עטלעכע ניו־יאָרקער דעלעגאַטן. אַ רעספּעקטאַבלע קאָמיטע איז באַשטימט געוואָרן אַרויסצופאָרן שבת אָוונט באַגעגענען דעם ספּעשל טרעין פון ניו־יאָרק 70 מייל פון קליוולאַנד, אין אַ שטעטל וואָס הייסט קאָריאַ. אין דער קאָמיטע האָבן זיך געפונען אַב. מילער, דענים אייזיקסאָן און אהרן צוויקעל. ווען די ספּעשל טרעין האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים סטיישאַן און דעלעגאַטן האָבן דערזען פון די פענצטער די קאָמיטע, האָבן עטלעכע דעלעגאַטן געמיינט אַז זיי זיינען שוין אָנגעקומען אין קליוולאַנד... און זיינען אַרונטער פון דער באַן און זיינען שוין פאַרבליבן איבערנאַכט אין שטעטל... וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן אין האָטעל, ווען מ'האָט זיך דערוואוסט פון די פאַרלוירענע דעלע־גאַטן, — קאָנסטו זיך שוין אַליין פאָרשטעלן.

* * *

איצט הער וואָס עס האָט געטראָפן מיט נאָך אַ גרופּע דעלע־גאַטן: עטלעכע ניו יאָרקער דעלעגאַטן האָבן גענומען אַ שפּאַציר זונטיק נאָך ברעקפעסט צום „פּאָבליק אָדיטאָריום" וואו עס ווערן אָפּ־

געהאַלטן אַלע קאַנוועגשאַנס. אין דעם אַדיטאָריום געפינען זיך גרויסע און קלענערע זאַלן פאַר זיצונגען. אין איינע פון די זאַלן איז פאַר־געקומען אַ זיצונג. מאַרשירן זיך אַריין עטלעכע שניידער־דעלעגאַטן צו דער דאָזיקער זיצונג בייצוואוינען די „סאָציאַליסטישע קאָנ־ווענשאָן".

אין זאַל מאַרשירן אַריין עטלעכע הונדערט דעלעגאַטן באַגלייט פון אַ גרויסן אָרקעסטער וואָס שפּילט פּאַטריאָטישע לידער און דער גאַנצער עולם זינגט מיט. דער אָרקעסטער שפּילט אויף די אַמעריקאַנער הימן און אַלע פאַרזאַמלטע שטעלן זיך אויף און זינגען מיט.

איינער פון אונדזערע דעלעגאַטן קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן וואָס ביי דער „סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן" — וואָס זוכט אַ פאַר־אייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן, — שפּילט מען גאָר אַמערי־קאַנער פּאַטריאָטישע לידער, און די דעלעגאַטן זינגען מיט מיט גרוים געשמאַק... שטעלט ער זיך אויף און רופט אוים צו זיינע קאָלעגן: — וואָס זיצט איר דאָ? — לאָמיר פאַרלאָזן דעם זאַל! איך קאָן נישט פאַרטראָגן קיין היפּאָקריטן... עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. עטלעכע יונגע חברה־לייט זיינען גלייך צוגעקומען צו אונדזער גרופּע, זיי גענומען פאַר די קעלנער, און אַרויסגעוואָרפן אין גאַס.

ערשט אין גאַס, האָבן זיך אונדזערע מענטשן דערוואוסט אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט און זיינען אַריין אין דעם זאַל וואו עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די רעפּובליקאַנישע קאָנווענשאָן...

* * *

היינט האָט די קאָנווענשאָן אַדרעסירט דר. הענרי מאָסקאָוויץ, דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן פון דער קלאָדינג אינדוסטרי פון ניו־יאָרק. פון אים האָט מען דערוואַרטעט, אַז ער וועט זיכער זיין אומפּאַרטייאיש, צום סוף האָט ער, ווי די פריערדיקע באַ־גריסער, געענדיקט — שטימט פאַר רוזוועלטן.

* * *

די רוזוועלט מגפה האָט דאָ אַלעמען אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ווען דער טשערמאַן פון דער רולס קאָמיטע האָט באַריכטעט ווי אַזוי

די קאָנווענשאָן זאָל זיך פירן, איז איינע פון אירע רעקאָמענדאַציעס געווען, אַז יעדער אַמאַלגאַמעיטעד מעמבער זאָל מוזן שטימען פאַר רוזוועלטן...

* * *

די דעלעגאַטן וואָס ווערן אויסגעקליבן צו פאָרן צו אונדזערע קאָנווענשאָנס, זיינען אַלע אויספּרובירטע יוניאָן-לייט און פאָלגן אוים אַלע יוניאָן רולס, — אַ חוץ די רולס וואָס ווערן אָנגענומען ביי די קאָנווענשאָנס... לויט די אָנגענומענע רולס דאַרפן זיך די קאָנווענשאָן-זיצונגען אָנהויבן ניין-דרייסיק אין דער פרי. דער איינציקער וואָס קומט אין צייט איז פּרעזידענט רוזוועלט... אַנטשולדיקט, איך אַליין בין אויך שוין פאַרכאַפּט פון דער רוזוועלט מגפה. איך האָב געוואָלט זאָגן פּרעזידענט הילמאַן...

* * *

ווען הילמאַן האָט פאָרגעשטעלט מעידזשאָר בערי, דעם פּרעזידענט פון די פּרעסמאַנס יוניאָן, וועלכער האָט נאַטירלעך אויך געהאַלטן אַ רעדע פאַר רוזוועלטן, איז איינער צוגעגאַנגען צו די דעלעגאַטן פון די פּרעסערס לאָקאַל 3 פון ניו-יאָרק, און געפרעגט:

„היתכן? זייט ווען זיינען דאָס די פּרעסערס פאַר רוזוועלטן?"

* * *

אַ גרויסן „היט" האָט דאָ געמאַכט ביי דער קאָנווענשאָן לואי וואַלדמאַן. כאָטש ער איז געווען דער איינציקער באַגריסער, וואָס האָט ניט געפאָדערט פון די דעלעגאַטן צו שטימען פאַר רוזוועלטן, האָבן זיך די דעלעגאַטן פאַר אים אויפגעשטעלט און געמאַכט אַן אָוואַציע. אין אַלגעמיין איז די קאָנווענשאָן אַ שטייענדע און די דעלעגאַטן האָבן ווייניק טשאַנס צו זיצן. ווען די קאָנווענשאָן וועט זיך אָוועקזעצן פאַר ביזנעס איז שווער צו זאָגן.

* * *

היינט האָט דאָ געהאַלטן אַ רעדע גענאָסע באַסקין, גענעראַל סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג. ער האָט גערעדט מיט פייער און פלאַם און געפאָדערט פון די דעלעגאַטן צו קעמפן. ער האָט נאַטירלעך געקראָגן אַ פיינע אויפנאַם. די דעלעגאַטן ווייסן אָבער ניט וואָס באַסקין האָט געמיינט מיטן וואָרט „קעמפן", ווייל אַלע פּריער-

דיקע רעדנער האָבן אויך אַפּעלירט צו די דעלעגאַטן צו קעמפן — פאַר רוזוועלטן. באַסקין האָט רוזוועלטן ניט דערמאָנט. ווייסן זיי ניט וואָס באַסקין האָט דערמיט געמיינט. שניידערס זיינען ניט קיין דיפּלאָמאַטן...

* * *

פרעזידענט דובינסקים טעלעגראַמע פון לאָס-אַנדזשעלעס האָט אַרויסגערופן גרויסע אַפּלאָדיסמענטן, כאָטש ער האָט ניט פאַר־לאַנגט צו שטימען פאַר רוזוועלטן. פילע דעלעגאַטן וואונדערן זיך וואָס דובינסקי — נאָך דעם ווי ער האָט רעזיגנירט פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי און קאָן פּונקט ווי הילמאַן האַנדלען פריי אין פּאָליטיק, האָט ניט דערמאָנט רוזוועלטן. ריכטיק האָט געזאָגט ברודער יוסף גאָלד, דער מענעדזשער פון קאָוט דעפּאַרטמענט, — „מ'דאַרף, — זאָגט ער, — „געבן אַ קוק אין די „פּאַילס" פון ברודער הילמאַנס קאָרעספּאָנדענץ. דאָרטן וועט מען שוין געפינען אַ פּאָר בריוולעך פון דובינסקי צו הילמאַנען, וואו ער ראָט אים צו שטיצן רוזוועלטן, און ער, דובינסקי, וועט אים שוין העלפן ווען ס'וועט דובינסקין געלונגען צו „איבערצייגן" זיינע אייגענע „גערגעלעך" אַז מען מעג שוין שטימען פאַר רוזוועלטן... ווי הילמאַן האָט איבער־צייגט די שניידערס, אַז רוזוועלט איז כשר, לויט אַלע דינים פון קלאַסן-קאַמף...

* * *

פאַראַנען דאָ עטלעכע דעלעגאַטן וואָס שפּרינגען אויף פון זייערע פּלעצער און בעטן דאָס וואָרט ביי הילמאַנען, און בעטן גאָט אַז הילמאַן זאָל זיין פאַרזען...

* * *

פּיטער מאָנאַט, דער פאַרוואַלטער פון קאָנטראָל דעפּאַרטמענט האָט שוין געקראָגן דאָס וואָרט און געהאַלטן אַ רעדע. גערעדט האָט ער וועגן דעם „מינימום ווערידזש" וואָס זאָל אייגעפירט ווערן פאַר יעדן אַרבעטער אין די שניידער-פאַבריקן. די רעזאָלוציע וואָס איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן פון די ניו-יאָרקער לאָקאַלס איז איינשטימיק דורכגעגאַנגען ביי דער קאָנווענשאָן. די פרייד פון די

ניו־יאָרקער דעלעגאַטן, וואָס ענדלעך האָט איינער פון זיי געקראָגן דאָס וואָרט ביי דער קאָנווענשאָן און געהאַלטן אַ רעדע, איז געווען אַזוי גרויס, אַז נעכטן אָוונט האָבן זיי געפייערט דעם זיג מיט אַ באַנקעט און געהוליעט ביזן טאָג אַריין...

* * *

ווען איך וועל בשלום אַהיים קומען, וועל איך מיט דיר אָוועקפאָרן אין די „מאָונטעינס" אויף עטלעכע וואָכן זיך אָפּרוען פון די שווערע אַרבעט וואָס איך האָב דאָ געהאַט ביי דער קאָנווענשאָן. איך וועל דיר דאַן פּאַדראָבנע אַלץ דערציילן וואָס איך האָב נישט געקאָנט שילדערן אין מיין בריוו... פאַר היינט וועט זיין גענוג.

דיין יאָסל

מיט עטלעכע יוניאָן-פירער אין אַ באַן נאָך וואַשינגטאָן

מיר זיינען געזעסן אַ גרופּע יוניאָן-טוער אין דער באַן וואָס האָט אונדז געפירט קיין וואַשינגטאָן, צו פּראָטעסטירן קעגן אַ רעאַקציאָנערן ביל, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין קאָנגרעס וואָס וואָלט געשטעלט אין געפאַר די טרעיד-יוניאָן באַוועגונג, אויב דער דאָזיקער ביל וואָלט אָנגענומען געוואָרן, און וואָלט געוואָרן דאָס געזעץ פון לאַנד.

די ערשטע צוויי שעה פון דער רייזע איז די שטימונג פון די פירער געווען אַן אָנגעשטרענגטע און דיסקוטירט די סטראַטעגיע ווי אַזוי דער קאַמף זאָל אָנגעפירט ווערן ביי דער הירינג פון דער קאָנגרעשאָנאַל קאָמיטע, וואו אונדזערע פירער האָבן באַדאַרפט אויפטרעטן און באַקעמפן דעם ביל. שפּעטער האָבן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלט אין „קלאַב-קאַר". די אָנשטרענגונג איז שוין ניט געווען אַזוי שווער. אַלע זיינען אַריין אין אַ פריילעכע שטימונג און דער־ציילט מעשהלעך און אַנעקדאָטן וואָס האָבן פּאַסירט אין זייערע יוניאָנס.

קומט זיי בענעפיט?

— געווען ביי אונדז אין דער יוניאָן — דערציילט איינער — אַ שאַפּ מיט וועלכן מיר האָבן שטאַלצירט. די אַרבעטער פון שאַפּ זיינען נאָכגעקומען אַלע יוניאָן-געזעצן; זיי האָבן געצאָלט אין צייט דיוס, און סתם זיך אויפגעפירט ווי גוטע יוניאָן-לייט.

איינמאָל האָט מען אונדז געלאָזט וויסן, אַז די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן זיך אָנגעפאַנגען בונטעווען און האָבן אויפגעהערט צו צאָלן זייער דיוס. מיר האָבן באַשלאָסן צו רופן אַ שאַפּ מיטינג. מ'האָט צו די אַרבעטער אַפּעלירט, אַז מיט זייער האַנדלונג שטעלן זיי אין געפאַר די גאַנצע יוניאָן. עס האָט אָבער געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

מיר האָבן גערופן אַ ספּעשל מיטינג פון דער עקזעקוטיווע, וואו מען האָט דיסקוטירט די פראַגע, וואָס זאָל מען טאָן מיטן

שאָפּ? פאַרשידענע פאַרשלאָגן זיינען געמאַכט געוואָרן ווי אַזוי צו דיסציפּלינירן די אַרבעטער וואָס האָבן באַשלאָסן נישט צו צאָלן מער קיין דיוס אין דער יוניאָן.

די עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן, אַז מ׳זאָל דעם שאָפּ אַרויס־רופן אין אַ סטרייק... די אַרבעטער האָבן דעם דאָזיקן רוף פון דער יוניאָן באַלד דורכגעפירט און אַלע זיינען אַראָפּ אין אַ סטרייק.

יעדן טאָג האָבן זיך די אַרבעטער פאַרזאַמלט אין האָל און אָפּ־געהאַלטן אַ מיטינג. טראָץ דעם וואָס פאַרן האָל האָט די יוניאָן באַצאָלט, האָבן זיי דעם באַאַמטן פון דער יוניאָן נישט צוגעלאָזט צו זייער מיטינג... אַלע זייערע באַשלוסן זיינען געמאַכט געוואָרן אין געהיים און די יוניאָן־פירער האָבן נישט געוואוסט וואָס ביי די מיטינגען קומט פאָר.

די אַרבעטער האָבן אַזוי אָפּגעסטרייקט צוויי וואָכן. פאַר זייערע פרוּוון האָבן די „סטרייקערס״ דערציילט, אַז זיי זיינען אַרויס אין סטרייק פאַר קלענערע שטונדן און גרעסערע שכירות...

די פרוּוון האָבן געהאַט אַ טענה צו זייערע מענער פאַרוואָס זיי מאָנען נישט סטרייק־בענעפיטס פון דער יוניאָן, און געקראָגן אַן ענטפער, אַז לויט די רולס פון דער יוניאָן קאָנען די מעמבערס קריגן בענעפיט ווען זיי זיינען אין סטרייק צוויי וואָכן.

נאָך צוויי וואָכן סטרייקן — דערציילט ווייטער דער יוניאָן־פירער — זיינען אַלע סטרייקערס געקומען צו דער עקזעקוטיווע. אונדז איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, וואָס ענדלעך האָבן זיך די אַרבעטער אונטערגעגעבן און זיינען געקומען צו דער יוניאָן צו אַנטשולדיקן פאַר זייער טעות וואָס זיי האָבן געמאַכט, ווען זיי האָבן באַשלאָסן נישט מען צו צאָלן דיוס אין דער יוניאָן.

עס עפנט זיך די טיר און עס מאַרשירן אַריין די „סטרייקערס״ ברוגזע און באַגריסן אונדז נישט אפילו. אַלע עקזעקוטיוו מעמבערס און די פירער פון דער יוניאָן שטרענגען־אָן זייערע אויערן צו הערן וואָס וועט זיין די פאַרענטפערונג זייערע פאַר דער דאָזיקער האַנדלונג.

ווען דער טשערמאַן פון דער עקזעקוטיוו האָט געפרעגט, ווער

עס וויל רעדן אין נאָמען פון שאַפּ, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ ייד, וואָס איז גלייך צוגעגאַנגען אויבנאָן וואו עס זיצט דער טשערמאַן, און מיט אַ באַסאָווער שטימע פאַנגט ער אָן זיין רעדע בזה הלשון:

„מיינע ברידער! מיר זיינען די וואָך געווען ביי אַ לאָיער, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז אין דער קאָנסטיטושאָן פון דער יוניאָן שטייט געשריבן, אַז ווען די יוניאָן נעמט אַראָפּ אַרבעטער אין אַ סטרייק און די אַרבעטער סטרייקן צוויי וואָכן, דאַרף די יוניאָן אָנפאַנגען צו צאָלן סטרייק-בענעפיט. — היינט איז געוואָרן צוויי וואָכן זינט איר האָט אונדז אַלע אַרונטערגענומען אין אַ סטרייק, דער באַלעבאָס איז גרייט צו סעטלען... נאָר איר ווילט אַז מיר זאָלן ווייטער סטרייקן... זיינען מיר באַרעכטיקט, אַז פון היינט-אָן זאָל אונדז די יוניאָן צאָלן סטרייק-בענעפיט".

דער טשערמאַן פון דער עקזעקוטיוו האָט דעם יידן דערקלערט, אַז די יוניאָן האָט גאָרנישט קעגן דעם באַלעבאָס, די יוניאָן האָט זיי אַרונטערגענומען אין סטרייק ווייל זיי האָבן זיך ענטזאָגט צו צאָלן דיוס. און אויב זיי וועלן נישט איינצאָלן די דיוס וועלן זיי ווייטער סטרייקן און די יוניאָן וועט מיט זיי נישט סעטלען.

די אַרבעטער האָבן געקראָגן סטרייק-בענעפיטס. זיי האָבן איינגעצאָלט זייער דיוס און דער „סטרייק" איז געסעטלט געוואָרן.

פאַרוואָס הויזן זיינען וויכטיקער ווי די אַנדערע קליידער

מאָריס בלומענרייך, מענעדזשער פון דער פּענטס-מאַכער יוניאָן פון דער אַמאַלגאַמעיטעד, איז געזעסן מיט עטלעכע פּענטס-מאַכער „אָלד-טאַימערס", און צווישן זיך גערעדט וועגן די „אַמאָליקע צייטן" פון אַרבעטסלאָזיקייט, סטרייקס, הונגער און שווערע באַדינגונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין די שניידער-שעפּער.

דערציילט איינער פון די פּענטס-מאַכער, ווי אַזוי אַ קאָמיטע פון זיין יוניאָן איז געקומען צו דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אַמאַלגאַמעיטעד נאָך אַ הלואה און דאָרטן געטראָפן נאָך דעלע-

גאַציעס פון די אַנדערע פאַכן, וואָס זיינען געקומען צו דער דזשע־נעראַל עקזעקוטיוו פאַר דעם זעלבן צוועק, ווי די קאָוט־מאַכער, וועסטן־מאַכער, קאַטערס און אַנדערע.

סידני הילמאַן, וועלכער האָט געפירט די זיצונג, האָט זיי אַלע־מען אַריינגערופן און פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע, אַז דער גענעראַל סטרייק וואָלט געקאָנט זיין אַ צעמישטע און אַ שרעקלעכע זאַך. פאַר זיי: נאָר די לאַגע איז אַזאַ, וואָס דער נאַציאָנאַלער אָפיס איז אַליין אויף צרות און קאָן זיי ליידער נישט העלפן.

האָט איינער פון די פענטס־מאַכער דעלעגאַטן זיך אויפגע־הויבן פון זיין אָרט און פאַר הילמאַנען געהאַלטן די פאָלגענדע רעדע:

— ברודער הילמאַן! — אונדז פאַראינטערעסירט נישט די לאַגע פון די קאָוט־מאַכער, וועסטן־מאַכער אָדער קאַטערס. זיי זיינען נישט אַזוי וויכטיק ווי די פענטס־מאַכער. איר, ברודער הילמאַן, פאָרט דאָך אַרום פון שטאָט צו שטאָט און איר סטאָפּט אין פאַרשי־דענע האָטעלן, ווען עס זאָל אין איינעם פון אָט־די האָטעלן ביינאַכט אויסברעכן אַ שריפה און איר דאַרפט זיך ראַטעווען און אַרויס אין גאַס, וואָס וואָלט איר צוערשט געכאַפּט אויף זיך — דעם ראָק, דאָס וועסטל אָדער אייערע הויזן?... די פענטס־מאַכער קומען צוערשט און זיי זיינען דער וויכטיקסטער עלעמענט אין אַ מענטשנס לעבן...

פאַרוואָס ער האָט נישט געשטימט פאַר די „רענק און פאַיל" קאַנדידאַטן

אין אַ געוויסער יוניאָן — דערציילט יוסף דאָרפמאַן — איז פאָרגעקומען אַ שטורמישער קאַמף צווישן די רעכטע און לינקע מיטגלידער, ווען אין דער דאָזיקער יוניאָן זיינען פאָרגעקומען וואַלן פאַר באַאַמטע. לעבן דעם זאַל וואו מען האָט אָפּגעגעבן די שטימען, איז די גאַס געווען פאַרפלייצט מיט ליטעראַטור פון ביידע צדדים. די „רעכטע" האָבן געשריען: „שטימט בלויז פאַר די לאַיאַלע

קאַנדידאַטן", און די „לינקע" האָבן געליאַרעמט: „שטימט בלויז פאַר די רענק און פאַיל".

גייט אַרויס אַן אַרבעטער פון זאַל, — נאָך דעם ווי ער האָט שוין געהאַט אָפּגעגעבן זיין שטים, — פרעגט ביי אים איינער פון די לינקע פּאַטריאָטן — „ווי אַזוי האָסטו געשטימט?" — „איך וואָלט זיכער געוועזן געשטימט פאַר אייער קאַנדידאַט, דעם ברודער רענק ער פאַיל', אַזוי ווי איר האָט געהייסן שטימען" — ענטפערט אים דער אַרבעטער, — „איך האָב אָבער ניט געקאָנט געפינען זיין נאָמען אויפן באַלאָט..."

וואָס אַן אַמאַלגאַמעיטעד טוער דערציילט

ווען די אַמאַלגאַמעיטעד האָט אָנגעפירט איר קאַמף קעגן דער אונטערוועלט זי זאָל מער ניט האָבן קיין ממשלה אין דער יוניאָן און אין דער אינדוסטריע, האָט זי דאַן געקראָגן די פּולע שטיצע פון דער לאַגוואַרדיע־אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט באַשטימט אירע בעסטע דעטעקטיווס צו באַשיצן די פירער. איינער פון די דעטעקטיווס, וואָס האָט באַשיצט אַב. מילערן, איז געוועזן אַ דעטעקטיוו מיטן נאָמען ראָזענבערג, פון „באָמב סקוואַד".

איינמאָל, ווען די דעטעקטיווס זיינען געקומען אין פּאָלים־העדקוואַרטערס שפּעט אין אָוונט נאָך אַ טאָג־אַרבעט, רופט זיך אָפּ דער וואָס האָט באַשיצט בלומבערגן: איך האָב היינט געגעסן אַ סטעיק ביי לושאָום איז עס געוועזן „אוט אָוו דהיס וואָירלד". דער דעטעקטיוו וואָס האָט באַשיצט סעם ריסמאַנען האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט היינט געגעסן אַ דריי־פונטיקן לאָבסטער אין לאָנג־טשאַמס, האָט ער נאָך אַזאַ לאָבסטער ניט געגעסן.

דער דעטעקטיוו ראָזענבערג, וואָס האָט באַשיצט מילערן, איז דערביי געזעסן און געקריצט מיט די ציין פון כעס און רופט זיך אָפּ: „ווען איך וועל מאָרגן זען מילערן, וועט ער פון מיר קריגן אַזאַ גאָב, אַז ער וועט מיך האָבן צו געדענקען דעם גאַנצן לעבן... מיך האָט מילער גענומען נעכטן אין אַ קאַפעטעריע..."

פאַרוואָס ער טראָגט אַזאַ טייערן אָווערקאָוט

אין אָפּיס פון דזשאָינט באָארד פון דער אַמאַלגאַמעיטעד שטייען עטלעכע אַרבעטער און שמועסן וועגן דער יוניאָן, וועגן דער אַרבעטער באַוועגונג און וועגן „באָנדלעך". איינער פון די וואָס האָט גענומען אַן אָנטייל אין דעם שמועס איז געווען שמעון סטאַוב, אַן אַלטער טעטיקער טוער אין דער אַמאַלגאַמעיטעד און פאַר פילע יאָרן אַ מיטגליד אין דער פינאַנץ קאָמיטע פון דזשאָינט באָארד.

רופט זיך אָפּ אַ שניידער צו שמעונען:

— איר מעגט זיך שעמען צו טראָגן אַזאַ ביליקן אָווערקאָוט. פאַר אַ מעמבער פון דער פינאַנץ קאָמיטע איז אַוודאי אַ שאַנדע צו טראָגן אַזאַ ביליקן אָווערקאָוט.

— דער אָווערקאָוט — רופט זיך אָפּ שמעון — קאָסט מיך איבער זעקס הונדערט דאָלער.

— פאַר דער שמאַטע האָסטו באַצאָלט זעקס הונדערט דאָלער?

— רופט זיך אָפּ אַ צווייטער שניידער.

— און אפשר נאָך מער ווי זעקס הונדערט — ענטפערט שמעון.

— איר פאַרשטייט — דערקלערט זיי שמעון — איך בין אַ מעמבער אין דער פינאַנץ קאָמיטע פון דער יוניאָן, און די יוניאָן קריגט אָפט איינלאַדונגען צו באַנקעטן פון זייער וויכטיקע אינסטיטוציעס. שיקט מען מיך צו די דאָזיקע באַנקעטן און איך דאַרף צאָלן אַ קוואָדער „העט-טשעק" פאַר מיין אָווערקאָוט. האָב איך אויסגערעכנט, אַז דער אָווערקאָוט קאָסט מיך שוין ביז איצט איבער זעקס הונדערט דאָלער...

וואָס מיר האָבן געהערט וועגן ישראל פיינבערג

צווישן די טרעיד-יוניאָן פירער אויפן באָן איז אויך געווען דער פאַרשטאָרבענער פירער פון די ניו יאָרקער קלאָוק-מאַכער, ישראל פיינבערג און זיין פרוי. פיינבערג איז געווען אַ ליבליכער מענטש מיט וועמען ס'איז געווען זייער אָנגענעם צו פאַרברענגען. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ האַרץ און נשמה און פאַרמאָגט אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר.

וויל פיינבערג אונדז דערציילן אַ געוויסע פּאַסירונג וואָס האָט געטראָפן מיט זיין פרוי וועגן אים. ברעכט אים אונטער זיין פרוי און רופט זיך אָפּ: „לאָזט מיך דערציילן די פּאַסירונג", און זי דערציילט:

„ווען מיין ישראל איז געלאָפן פאַר קאָנגרעסמאַן אין דער איסט סאַיד אויפן סאָציאַליסטישן טיקעט, האָבן מיר געוואוינט אין דיסט־ריקט אין צוויי קליינע צימערן. די קאַמפּעין קאָמיטע האָט אַרויס־געלאָזן גרויסע קאַמפּעין-באַטנס מיטן אויפשריפט: „איזראַעל פיינ־בערג פאַר קאָנגרעסמאַן". אַזאַ באַטן האָב איך געטראָגן אויף מיין קאָוט וואָס יעדער האָט עס געקאָנט זען.

„קום איך איינמאָל אַריין צום בוטשער קויפן פליייש פאַר סאַפּער, דערזעט אַ פרוי דעם באַטן און רופט זיך אָפּ צו מיר: „איר דאַרפט זיך שעמען צו טראָגן דעם רעקעטיר אויף אייער קאָוט". איך האָב די פרוי קיינמאָל נישט געזען און האָב איר נישט געקענט, רופט זיך אָפּ דער בוטשער צו מיר, אין דער שטיל, — אַז די פרוי זאָל נישט הערן, — איגנאָרירט איר, מיסעס פיינבערג, דאָס איז אַ באַקאַנטע קאָמוניסטקע און אַ משוגענע.

„איך האָב נישט געפאָלגט מיין בוטשער און בין צוגעגאַנגען צו דער פרוי און רוף זיך אָפּ צו איר: „פון וואַנען ווייסט איר אַז דער מאַן איז אַ רעקעטיר?" „צי איך וויים", הערט מען שוין

איר שטימע איבערן גאַנצן סטאָר, „אַלע קענען אים אַז דאָס איז אַ באַוואוסטער רעקעטיר וואָס וואוינט אין אַ פּענט־הויז אויף פּאַרק עוועניו און האַלט צוויי דינסטן... און פּאָרט מיט זיין פאַמיליע פאָרן גאַנצן ווינטער אין פלאָרידע, אַלץ אויפן רעכענונג פון די אַרבעטער"...

„איר קענט זיין פרוי?" — פרעגט ביי איר מיסעס פיינבערג. „צי איך קען איר; וועד קען איר נישט? זי טראָגט אַ מינק קאָוט וואָס איר מאַן האָט דערפאַר באַצאָלט איבער פינף טויזנט דאָלער"... דאָ האָט שוין דער בוטשער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און רופט זיך אָפּ צו די פרוי: „מיסעס! די פרוי מיט וועמען איר רעדט איז דאָך מיסעס פיינבערג..." די קאָמוניסטקע איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און האָט שיער נישט געחלשט, און מען האָט איר באַדאַרפט מינטערן.

מאָריס אשפּיז נעמט אויך דאָס וואָרט

מאָריס אשפּיז, דער פאַרשטאָרבענער סעקרעטער־טרעזשורער פון דער קלאָוק־מאַכער דזשאָינט באָארד, איז געווען באַקאַנט אין דער קלאָוק מאַכער יוניאָן אַלס אַ מענטש וואָס האָט זיך נישט שטאַרק געוואָרפן מיט יוניאָן־געלטער. ער האָט געהיט די יוניאָן טרעזשורי ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגן געלט. רופט ער זיך אָפּ: — און איצט וועט איר מיר דערלויבן צו דערציילן אַ שפּאַסיקע מעשה וואָס האָט זיך מיט מיר און ישראל פיינבערג געטראָפן.

„פיינבערג האָט איינמאָל גערופן די רעפּאָרטערס צו אַ פּרעסע־קאָנפערענץ און אויך מיך איינגעלאַדן. מיר זיינען אַריין אין אַ רעסטאָראַנט אויף בראָדוועי און פיינבערג האָט מיט זיי באַדאַרפט אויפנעמען וויכטיקע אָרגאַניזאַציאָנס פראַגן וואָס די רעפּאָרטערס האָבן באַדאַרפט באַריכטן צו זייערע צייטונגען.

„מיר האָבן געהאַט אַ באַזונדערן צימער. די רעפּאָרטערס זיינען געזעסן ביי טישלעך, און איך און פיינבערג זיינען געזעסן אויבן־אָן, און פיינבערג פאַנגט אָן ריידן.

„אַנשטאָט ריידן צום פּונקט, האָט פיינבערג געהאַלטן פאַר די ציַיטונגסלייט אַ רעפעראַט איבער די פּראָבלעמען פון דער קלאָוק־אינדוסטריע. יעדע עטלעכע מינוט זיינען צוגעקומען די וועיטערס און געפרעגט ביים עולם וואָס זיי ווילן, און די רעפּאָרטערס האָבן געאָרדערט אַ „דאָבל סקאָטש". די זאַך האָט זיך ווידערהאָלט אפשר צען מאָל און איך בין געזעסן ווי אויף שפּילקעס און נאָר געטראַכט וויפיל דאָס וועט קאָסטן די דזשאָינט באָארד...

„ווען איך האָב געזען — דערציילט ווייטער אשביז — אַז פיינבערג איז נאָך אַלץ נישט צוגעקומען צום פּונקט, האָב איך שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן און הויב זיך אויף פון מיין שטול און רוף זיך אָפּ צו פיינבערגן: „ברודער פיינבערג! אויב איר וועט נישט גלייך צוטרעטן צום ענין און זאָגן די רעפּאָרטערס וואָס איר ווילט, וועט די דזשאָינט באָארד בדלות ווערן..."

ביי אַ קאָמוניסטישע פּיקעט־דעמאָנסטראַציע

„איך בין איינמאָל געגאַנגען אויף יוניאָן סקווער" — דער־ציילט אונדז לואיס נעלסאָן, מענעדזשער פון די ניטגודס אַרבעטער, „און געזען לעבן אַ דעפּאַרטמענט סטאָר אַ גרויסע פּיקעט־דעמאָנס־טראַציע פון אַ יוניאָן וואָס איז געווען אָנגעפירט פון די קאָמוניסטן.

„אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע הונדערט מענטשן, — יונגע און אַלטע — פון פאַרשידענע נאַציאָ־נאַליטעטן. זיי האָבן געטראָגן פּלאַקאַטן מיט „סלאָגענס" און גערופן די פאַרבייגייער צו באָיקאָטירן דעם סטאָר וואָס האָט זיך ענטזאָגט אונטערצושרייבן אַן אַגרימענט מיט זייער יוניאָן.

„צו יענער דעמאָנסטראַציע זיינען געקומען רעפּאָרטערס פון די ענגלישע ציַיטונגען און פאַרציַיכנט די אויפשריפטן אויף די פּלאַקאַטן, און פאָטאָגראַפערס האָבן גענומען בילדער פון די דעמאָנ־סטראַנטן. עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרויסער עולם און באַטראַכט די סצענע, — און איך צווישן זיי.

„מיט די מאַרשירער איז געווען אַ יונגערמאַן וואָס האָט גע־טראָגן אַ גרויסן שטעקן מיט אַ ווייסן פּאַפּיר אויף וועלכע עס איז גאָר נישט געווען אויפגעשריבן... די רעפּאָרטערס זיינען געווען טשיקאַווע צו וויסן פאַרוואָס אַלע טראָגן פּלאַקאַטן מיט אויפרופן און ער טראָגט אַ ליידיקן פּלאַקאַט, זיינען זיי צוגעגאַנגען צום יונגנמאַן און ביי אים געפרעגט ער זאָל זיי דערקלערן פאַרוואָס אויף זיין פּלאַקאַט געפינט זיך גאָר נישט. הער איך ווי ער גיט זיי דעם פאָלגענדן ענטפער:

— „איך האָב געזען אַ פּיקעט־דעמאָנסטראַציע, האָב איך געכאַפּט מיין שטעקן מיטן ווייסן פּלאַקאַט און זיך געשטעלט אין די רייען, טאָמער וועל איך קריגן אַ „ספּאָנסער"... צו קענען מאַכן אַ פּאָר דאָלער"...

פאָלקלאָר ביי די מילינערי אַרבעטער

י. ה. גאָלדבערג, סעקרעטער פון לאָקאַל 24, מילינערי אַר־בעטער, איז באַקאַנט אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג וואָס פאַרמאָגט אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר, און קאָן אַליין דערציילן אַ גוטן וויץ, האָט גענומען דאָס וואָרט אין דעם שמועס און אונדז דערציילט עטלעכע הומאָריסטישע מעשהלעך פון זיין יוניאָן, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס געלעכטער ביי די אַנוועזנדע.

אַ מילינערי אַרבעטער וואָס מאַכט אַ לעבן פון ימים טובים

— אונדזערע מילינערי אַרבעטער, — דערציילט גאָלדבערג, — זיינען באַקאַנט אַלס לעבעדיקע יונגען ביי וועמען איר קאָנט אַמאָל הערן אַ שאַרפן וויץ אָדער גלייך־ווערטל. זיי האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט — זאָגט גאָלדבערג — מיט זייער הומאָר אין די צייטן פון אַרבעטסלאָזיקייט און געשאַפן קלאַסישע וויצן אויף זייער אייגענעם חשבון.

— אין די דאָזיקע אַרבעטסלאָזע טעג האָב איך זיך אָפט אַריינגעכאַפּט אין דער „לעיבאָר ביוראָ" און זיך צוהערן צו די געשפּרעכן פון די אַרבעטער. הער איך איינמאָל ווי צוויי אַרבעטער ריידן צווישן זיך. פרעגט איינער ביים צווייטן — „דו אַרבעטסט שוין נישט אַזאַ לאַנגע צייט, פון וואַנען מאַכסטו אַ לעבן?"

— וואָס הייסט פון וואַנען? — פון די ימים טובים!...

חידושט זיך דער ערשטער אַרבעטער ווי אַזוי קאָן אַ ייד מאַכן אַ לעבן פון ימים טובים און פאַרלאַנגט פון זיין חבר ער זאָל עס אים דערקלערן.

— גאַנץ פּשוט, — קלערט ער אים אויף, — אין דעם אַגרימענט וואָס אונדזער יוניאָן האָט מיט די באַלעבאַטים, איז פאַראַנען אַ

פונקט, אַז אַן אַרבעטער מוז קריגן באַצאָלט פאַר אַלע „ליגעל האָלידעים", צי ער אַרבעט אָדער נישט... שוין איבער אַ יאָר ווי איך האָב שוין נישט געהאַט קיין שטאָך אַרבעט. נאָר ווען ס'קומט אַ געזעצלעכער יום טוב, גיי איך אַרויף צו מיין באַלעבאָס קאָלעקטן פאַר מיין טאָג אַרבעט, און פון די דאָזיקע ימים טובים מאַך איך אַ לעבן...

אין הואווערס צייטן

אין די יאָרן פון די דעפּרעסיע אונטער הואווערן — דערציילט גאָלדבערג — איז די לעיבאָר ביוראָ אין אונדזער יוניאָן געווען יעדן טאָג געפּאַקט מיט מילינערי־אַרבעטער וואָס זיינען געקומען אין דער יוניאָן זיך טרעפן מיט זייערע ברידער און אַרומריידן זייער ביטערע עקאָנאָמישע לאַגע.

אַרום צוועלף אַזייגער, מיטאָג, האָבן זיך די אַרבעטער אַרויס־געלאָזן אין גאַס, און די מערסטע פון זיי האָבן אפילו נישט געהאַט קיין פאַר סענט צו גיין אין אַ קאַפעטעריע עסן מיטאָג.

פאַרלאָזן צוויי אַרבעטער די לעיבאָר ביוראָ. רופט זיך אָפּ איין אַרבעטער צום צווייטן: „באָרג מיר פופציק סענט, איך דאַרף גיין אין דער קאַפעטעריע עסן לאַנטש".

דער צווייטער אַרבעטער קוקט אים אָן ווי ער וואָלט געווען חסר דעה און רופט זיך אָפּ צו זיין חבר: „מירביידע זאָלן דאָס פאַרדינען די וואָך וואָס דו ווערסט נעמען ווייניקער"...

אַ מילינערי אַרבעטער וואָס איילט זיך נישט מער

— ביי אונדז אין דער מילינערי יוניאָן — דערציילט ווייטער גאָלדבערג, — האָבן די אַרבעטער, בעפאָר די „ען אַר עי", געאַרבעט אַלעמאָל שעהן, און אונדזער יוניאָן, ווי אַלע יוניאָנס, איז געווען מאַכטלאָז אַז די אַרבעטער אין די פאַבריקן זאָלן נישט דאַרפן אַרבעטן פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ווען פרעזידענט רוזוועלט האָט איינגעפירט דעם „ען אר עי״, איינצופירן דעם פינף־און־דרייסיק שעה אַרבעטס וואָך, האָבן די אַרבעטער נישט געוואָלט גלויבן אַז דאָס איז ווירקלעך געשען. זיי זיינען גאָר נישט געווען צוגעוואוינט צו גיין צו דער אַרבעט ניין אַזייגער אין דער פרי, און אַהיימקומען פינף נאָכמיטאָג. ווען אַן אַרבעטער איז אַהיים געקומען צו זיין ווייב נאָך דער אַרבעט, האָט זי זיך דערשראָקן אַז איר מאַן האָט פאַרלוירן דעם דזשאַב...

דערציילט מען וועגן אַ מילינערי אַרבעטער וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין דער פרי צו גיין צו דער אַרבעט וואָס איז געווען אין מיטן חודש יולי, ווען אין דרויסן איז שוין געווען גוט ליכטיק און די ווייב האָט געוואָלט אַרונטערגיין פון בעט צוגרייטן פרישטיק פאַרן מאַן. רופט ער זיך אַז צו זיין יידענע: ליג נאָך אַביסל, איך וועל דאָך סיי ווי באַלד אַהיים קומען...

טשיקאַווע פּאַסירונגען אין די יוניאָנס

ווער מאַכט אָפּ די אַרבעט?

אין דער יוניאָן האָט אַן אַרבעטער געבראַכט אַ קלאַגע, אַז אימעצער מאַכט די גאַנצע אַרבעט ביינאַכט, און ווען ער קומט אינדערפרי אין שאַפּ, איז שוין די אַרבעט פאַרטיק, און ער ווייסט נישט ווער עס טוט די דאָזיקע אַרבעט, און פאָדערט פון דער יוניאָן אַז זי זאָל מאַכן אַן אונטערזוכונג.

מ'האָט באַשטימט אַ קאָמיטע אויסצוגעפינען ווער עס מאַכט די אַרבעט ביינאַכט, אין דער צייט ווען דער שאַפּ איז פאַרשלאָסן. זיי האָבן אויסגעפרעגט דעם באַלעבאָס, דעם פאָרמאַן, די אַרבעטער — און קיינער האָט ניט געקאָנט אויפקלערן די דאָזיקע געהיימנים.

אַ פאַרדאַכט איז געווען אויף אַן עלטערן ייד, אַז ער מוז אַהיימנעמען די אַרבעט און דאָס אָפּמאַכן אין דער היים. איז די קאָמיטע אַוועק צום יידן אַהיים און דעם יידן נישט געטראָפן, און אין זיין שטוב איז נישט געווען קיין סימן פון אַרבעט, אַז דער דאָזיקער ייד זאָל אַהיימנעמען אַרבעט אין שטוב אַריין.

איז די קאָמיטע אַ צווייטן מאָל אַוועק צום יידן אין הויז און ווידער דעם יידן ניט געטראָפן. אין שאַפּ איז ער ניטאָ, אין דער היים אויך ניט — וואו געפינט ער זיך? האָט זיי די ווייב דערקלערט, אַז יעדן אָוונט, נאָך סאַפּער, גייט איר מאַן צו זיין חברה אין שול, און דאָרטן פאַרברענגט ער אַלע אָוונטן.

ווען די קאָמיטע איז געקומען אין שול, האָבן זיי דעם יידן דאָרט אויך נישט געטראָפן, נאָר דער גבאי האָט זיי דערקלערט, אַז ווען עס שטאַרבט ביי זיי אַ מעמבער, שיקן זיי אַ שליח צום טויטן, ער זאָל איבער אים וואַכן, ווי עס איז אַ מנהג ביי יידן. און היינט קאָן די קאָמיטע דעם יידן טרעפן אין דער שטוב פון

זייערן אַ מעמבער, וואָס איז נעכטן געשטאָרבן. איז די קאָמיטע אַוועק אויף דעם אַנגעגעבענעם אַדרעס.

ווען די קאָמיטע איז געקומען אין הויז, האָבן זיי דערזען דעם יידן זיצן לעבן טויטן און... געאַרבעט... אויף זייער פראַגע פאַרוואָס ער ברעגנגט זיך דאָ אַרבעט פון שאַפּ, האָט דער ייד זיך פאַרענטפערט, אַז אַלעמאָל ווען ער גייט וואַטשן אַ טויטן ווערט ער באַלד אַנטשלאָפן, אָבער על־פּי־דין טאָר מען נישט שלאָפן ביי אַ טויטן... נעמט ער זיך מיט פון שאַפּ אַביסל אַרבעט: אי ער קען מאַכן אַן איבעריקע פאַר דאָלער, אי ער באַגייט נישט קיין עבירה, ווען ער זאָל איינשלאָפן ביי אַ טויטן ברודער...

פאַרוואָס די צוויי אַרבעטער האָבן זיך צעשלאָגן?

עס קומט אַרויף אַן אַרבעטער אין אַ שאַפּ פאַר אַ דזשאָב, און דער באָס ווייזט דעם אַרבעטער די מאַשין ביי וועלכער ער דאַרף אַרבעטן און גיט אים אַלע נויטיקע זאַכן, ווי אַ „שאַטעל״, אַ „באָבען״, אַ נאָדל, קאָטן און אַ לעדערנעם סטראַפּ פאַר דער רעדל פון דער מאַשין.

דער אַרבעטער, וואָס איז געווען אַ גרויסער שטאַמלער, האָט ניט געהאַט קיין „פּינטשער״ און קיין „הוק״ וואָס זאָל מאַכן לעכלעך אין סטראַפּ און דעם „הוק״ דעם סטראַפּ צו פאַרפעסטיקן.

גייט ער צום באַלעבאָס, ער זאָל אים געבן די זאַכן, און דער באַלעבאָס לאָזט אים וויסן, אַז ער קאָן דאָס קריגן ביים שאַפּ־טשערמאַן.

איז דער אַרבעטער אַוועק צום שאַפּ־טשערמאַן, וועלכער איז נעבעך אויך געווען אַ גרויסער שטאַמלער, און פאָדערט פון אים די דאָזיקע זאַכן און פאַרהיקעט זיך זייער שטאַרק.

דער שאַפּ־טשערמאַן האָט געמיינט, אַז ער מאַכט פון אים חוזק, לאָזט ער אים אַראָפּ אַ פּאַטש, אַז ס׳האָט פאַרהילכט דעם שאַפּ, און עס האָט צווישן די צוויי אויסגעבראָכן אַ געשלעג און דער שאַפּ איז געגאַנגען כאַדאָראָם.

דער באַלעבאָס האָט אָפּגערופן די יוניאָן, און ס׳איז גלייך אַרויפגעקומען דער ביזנעס־אייזשענט. מ׳האָט די אַרבעטער גע־רופן צו אַ שאָפּ־מיטינג, און ביים מיטינג איז די גאַנצע זאַך אויפ־געקלערט געוואָרן, פאַרוואָס די צוויי ברידער האָבן זיך צעשלאָגן...

ער שטייט „שמונה עשרה"

אין די נאָדל־טרעידס קומט לעצטנס פאָר אַ ביטערע סלעק, וואָס די אַרבעטער — סיי אין די פאַבריקן פון פרויען־קליידער און סיי ביי די מענער־שניידער — אַרבעטן זייער ווייניק, און די פאַב־ריקאַנטן, ווי אויך די יוניאָן־פירער, קאָנען ניט דערקלערן די אורזאַך פאַרוואָס אין די דאָזיקע אינדוסטריען איז פאַראַן ווייניק אַרבעט, אין אַ צייט ווען אין לאַנד הערשט אַ „פּראָספּעריטי".

ניט לאַנג צוריק איז אַריינגעקומען אַ פירער פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן צו אַ פאַבריקאַנט, האָט ער געטראָפן דעם באַלעבאָס מיט אַ זויער פּנים, פרעגט ער ביים באַלעבאָס:

— וואָס מאַכט איר?

— איך שטיי שמונה עשרה.

— וואָס עפּעס אין מיטן טאָג שמונה עשרה? — איז נייגעריק דער יוניאָן־פירער אויסצוגעפינען.

— ווייל פריער אָדער שפּעטער — ענטפערט אים דער באַלע־באָס — וועל איך זיין געצוואונגען אויסצוגיין...

וואָס איז, איך בין נישט קיין ייד?

אין אָפיס פון דער יוניאָן שטייט אַ גרויסע ליין פון אַרבעטער ביים פענצטערל, וואו מען צאָלט זיי אויס זייערע וואַקעישאָן־טשעקס. קומט־צו אַן עלטערן ייד צום פענצטערל, אַ ייד וואָס איז נישט קיין יוניאָן־מאַן, נאָר קומט אין אָפיס פון דער יוניאָן יעדן טאָג צו פאַרקויפן נעקטאַיס, און וואַרט אויך מ׳זאָל אים געבן אַ טשעק...

ווען דער קלוירק פון דער יוניאָן האָט ביים דאָזיקן יידן גע־פרעגט אין וועלכן שאָפּ ער אַרבעט און אַז ער זאָל אים ווייזן זיין ביכל, רופט זיך אָפּ דער ייד: „איך האָב נישט געוואוסט, אַז מען דאַרף האָבן אַ יוניאָן־ביכל און אַרבעטן אין אַ שאָפּ צו קריגן אַ טשעק. איך האָב געזען ווי יידן שטייען אין ליין און קריגן טשעקס, האָב איך זיך אויך אַוועקגעשטעלט. וואָס איז, איך בין נישט קיין ייד?...״

דער „האָלאַנד טונעל״

די פּראָבלעם פון די יוניאָנס אין יענע צייטן, וואָס באַלעבאָטים פלעגן „אַנטלויפן״ פון ניו־יאָרק „אויט־אָוו־טאַון״, האָט די יוניאָנס פיל אויסגעמאַטערט.

דערציילט טשאַרלס זימערמאַן, מענעדזשער פון דרעס־מאַכער יוניאָן לאָקאַל 22, אַז ער איז איינמאָל געפאָרן מיט זיין קאַר אין אַ שטעטל אין דזשוירזי און מיטגענומען עטלעכע אַרבעטער פון דעם שאָפּ, וואו זיי זיינען געווען באַשעפטיקט, וואו זייער באַלעבאָס איז אַנטלאָפן, און געוואָלט מאַכן אַ פּאַרזוך צוריקצוברענגען דעם שאָפּ אין ניו־יאָרק.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען לעבן „האָלאַנד טונעל״, האָט זימער־מאַן אַרויסגענומען אַ האַלבן דאָלאַר צו באַצאָלן צו קאָנען אַריבער־פאָרן דעם טונעל.

— דאָס איז אַ בעסערע ביזנעס ווי צו זיין אין די דרעס ביזנעס — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די מיטפאָרער.

ס׳האָט זיך גראָד דער קאָמפּאַניע איינגעגעבן — רופט זיך אָן אַ צווייטער דרעסמאַכער, — וואָס זיי זיינען געווען „לאַקי״ און „געקעטשט״ דעם ריכטיקן „ספּאָט״...

געהערט און געזען ביי אַ קאָמוניסטישע ערשטער-מאַי דעמאָנסטראַציע

איך בין איינער פון די וואָס קאָן זיך באַרימען, אַז מיר איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו גיין צו אַ קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונג אַפילו אין יענע טעג ווען די דאָזיקע באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט אירע האָניק-חדשים.

דערפאַר איז שוין מיין ביטער מזל וואָס זיי, די קאָמוניסטן, קומען צו מיר יעדן ערשטן מאַי ווען זיי פירן דורך זייער דעמאָנס-טראַציע. זיי קומען צו מיין טיר אויף יוניאָן-סקווער וואו עס געפינט זיך מיין אָפיס. איך נעם אויף מיינע געסט מיט דעם זעלבן געפיל ווי אין אייער הויז זאָלן זיך באַוויזן אומגעוויינטשטע באַזוכער, פון וועמען איר וואָלט געוואָלט ווי אַמשנעלסטן פטור ווערן און דורך דער צייט וואָס זיי געפינען זיך אין אייער שטוב זיצט איר אין געהאַקטע וואונדן...

אויך אין דעם לעצטן ערשטן מאַי, זיינען זיי געקומען צו מיר און איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי זיי אויפנעמען. איין טרייסט האָב איך פון מיינע אומגעוויינטשטע געסט, וואָס יעדן יאָר איז זייער צאָל אַ קלענערע. ווען אין דעם טאָג פון ערשטן מאַי גייט אַ רעגן, האָבן מיינע געסט אַן אויסרייד, אַז אַ גרויסע צאָל זיינען נישט געקומען ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ פאַרקילונג. איז אָבער דער לעצטער ערשטער מאַי געווען אַ שיינער טאָג. די זון האָט געשיינט מיט פּרעכטיקן גלאַנץ, און די גרויסע מאַסן זיינען אַלץ נישט געקומען. געקומען איז זייער ערב-רב, אַ נישטיקע צאָל וואָס די פּאָלציי האָט געשאַצט אַרום זעקס טויזנט, און אין דער קאָמוניסטישע פרעסע איז געווען, אַז הונדערט טויזנט האָבן פּאַראַ-דירט, און אַ פערטל מיליאָן זיינען געווען אויף יוניאָן סקווער, נישט ווייניקער...

די דאַזיקע ציפערן וואָס די קאָמוניסטישע פרעסע פּאַרעפּנט־ליכט, שטימט מיט דער אַנגענומענער מיינונג, אַז די קאָמוניסטישע פּרעסע אין אַמעריקע ווערט נישט אַרויסגעגעבן פאַר די אַמעריקאַנער אַרבעטער, נאָר פאַר די הערשער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועמענס היגטישע קנעכט די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן זיינען. זאָלן די מאַס־קווער הערשער לייענען, אַז אויף יוניאָן־סקווער זיינען געקומען אַ פערטל מיליאָן אַרבעטער און האָבן אַפּלאָדירט סטאַלינס שלום וואָס ער חלשט צו האָבן מיט די אַנדערע פעלקער פון דער וועלט...

מיך האָט נישט פאַראינטערעסירט זייערע מאַרטשערס וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געווען הונגעריקע ווי זייערע ברידער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס שטייען שעהן לאַנג צו קאָנען קויפן אַ שטיקל ברויט אין דעם סאָציאַליסטישן גן־עדן. בין איך אַוועק מיט מיינעם אַ פריינט איבער די גאַסן וואו דער פּאַראַד האָט באַדאַרפט דורכגיין, צו הערן וואָס האָט צו זאָגן דער נייגעריקער עולם, וואָס איז געשטאַנען אויף די טראָטואַרן.

* * *

אויף דער 17טער גאַס לעבן דער זיבעטע עוו. האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די צושויער. די פּאָליציי האָט מיט קלאָבס אָפּ־געשטעלט דעם געשלעג. ווען אַ פּאָליסמאַן האָט אויפגעהויבן זיין קלאָב צו איינעם וואָס האָט אַנטייל גענומען אין דעם געשלעג, האָט זיך דער יונגערמאַן אָפּגערופן צום פּאָליסמאַן: „וואָהט דו יו וואָנט פראָם מי? איי עם אַן אַנטי־קאָמוניסט!" אויף דעם האָט אים דער פּאָליסמאַן געענטפערט: „איי דאָנט גיוו אַ דעהם וואָהט קאַינד אָוו אַ קאָמיוניסט יו אַר, גאָ בעק טו ראַשיע". אַן אינטעליגענטער פּאָליסמאַן.

* * *

אין איינע פון די גאַסן האָבן מיר אַנגעטראָפן עטלעכע אַרבעטער־פירער און גוטע סאָציאַליסטן וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צום חוזק וואָס די קאָמוניסטן האָבן דורכגעפירט און שטאַרק געזיפצט וואָס עס איז נעבאַך געוואָרן פון דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציעס. איינער פון די דאַזיקע פירער האָט דערמאָנט, ווי אַמאָל האָבן פּאַראַ־דירט שטאָלצע יידישע אַרבעטער מיט לאָזונגען פאַר אַ שענערע

וועלט, און הונדערטע טויזנטע אַרבעטער זיינען געגאַנגען אין גע־שלאָסענע רייען און פאַראויס די פירער אויף פערד. דערביי איז געשטאַנען איינער, וואָס האָט קענטיק געהאַט אַ „סענס אָוו יומאָר" און רופט זיך אָפּ: „ביי דער היינטיקער ערשטער מאָן דעמאָנסטראַ־ציעס זיצן די אַרבעטער אין דער היים, און די פערד מאַרטשן נאָך אַלץ...

* * *

אָט גייט פאַרביי די „מעכטיקע" דיוויזיע פון דער אינטער־נעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס, ווי די קאָמוניסטן האָבן אַדווערטייזט, איז געווען אַ ביטערער רחמנות צו צוקוקן אויף די דאָזיקע דיוויזיע און געמאַכט דעם איינדרוק ווי דאָ וואָלטן געגאַנגען עטלעכע יידן צו אַ לויה... מיר האָבן געהערט ווי אַ יידענע שעלט דובינסקין און רופט זיך אָפּ צו איר כאַווערטע, אַז ווען נישט די דובינסקיס און די זימערמאַנס, וואָלטן אין דער פּראָצעסיע אויך געמאַרשירט אַרבעטער...

* * *

מילא, אין דעם פאַל פון די אינטערנעשאָנאַל זיינען שולדיק די דובינסקיס און די זימערמאַנס, האָט איר באַדאַרפט זען די „רעוואָלוציאָנערע" פאַריער אַרבעטער און זייער דיוויזיע. מיר זיינען צוגעגאַנגען צו איינעם פון די „מאַרטשערס" און ביי אים געפרעגט וואו זיינען אַהינגעקומען די פאַריער?

ער האָט אויף אונדז געגעבן אַ בייזן בליק און נישט געענטפערט, נאָר איינער אַ לץ האָט זיך אָפּגערופן, אַז די עלטערע פאַריער זיינען שוין לאַנג אַנטלאָפן פון דעם טרעיד וואו זיי זיינען געשטאָרבן פון הונגער, און די יינגערע פאַריערס זיינען אַוועק זען אַ בעיז־באַל גיים.

* * *

אין דער אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס דיוויזיע, האָבן מיר בלויז געזען אַ פּלאַקאַט אַז דאָ דאַרפן מאַרשירן די מיטגלידער פון דער גרויסער אַמאַלגאַמעיטעד, פון קיין מאַרטשערס איז קיין סימן נישט געווען.

* * *

א גרויס רחמנות איז געווען אויף דער דיוויזיע פון דעם אינטער־נאציאנאלען ארדן. „פארוואס זיינען זיי נישט געקומען?" פרעג איך ביי איינעם, און אויך פון אים קומט נישט קיין ענטפער. נאר פון א זייטיקן הער איך ווי ער זאגט: „קיין דיוס צאלן זיי נישט. ווען זיי שטארבן ווילן זיי אפילו מיט די קאמוניסטן נישט ליגן אויף איין סעמעטערי. ווילט איר אז זיי זאלן נאך קומען מארטשן מיט די קאמוניסטן, וואו אלע וועלן זיי זען?...

* * *

די „עף בי איי" האט איינמאל אריינגעשיקט א שפיאן אין דער קאמוניסטישער פארטיי וואס איז געווען די פרוי פון א ניו־יארקער פאלים־קעפטעין. די דאזיקע פרוי האט זיך שנעל „ארויפגעארבעט" און איז ביי די קאמוניסטן געווארן א פירער. אין דער ערשטער מאי דעמאנסטראציע, האט זי געטראגן א פאן און געגאנגען פאר־אויס פון איר דיוויזיע. ווען זי איז אנגעקומען אויף יוניאן־סקווער, האט זי זיך אנגעטראפן מיט איר מאן — דעם פאלים קעפטעין, וואס האט געהאלפן האלטן ארדענונג אויפן סקווער. ווען די פרוי האט דערזען איר מאן, רופט זי זיך אפ צו אים: „יו ברוט! ראשיען קאזאק".

* * *

צוויי יידן זיינען געשטאנען אויף יוניאן סקווער. הערן מיר, ווי די צוויי יידן ווילן זיך וועטן צי עס איז פאראנען מער מארט־שערס ווי פאליסלייט. דער וואס האט זיך געוואלט וועטן אז עס איז פאראנען מער פאליסלייט ווי מארטשערס, רופט זיך אפ צו זיין פריינט: „צווישן די מארטשערס זיינען פאראן פלענטי פאליסלייט".

* * *

איך קען א געוועזענעם קאמוניסט וואס איז אין די דרייסיקער יארן געשיקט געווארן אין א דעלעגאציע קיין מאסקווע צו זען דעם ערשטן מאי פאראד פון דער רויטער ארמיי. אין יענעם טאג האט

ער זיך אויסגעפּוצט אין זיינע שיינע אַמעריקאַנער קליידער און מיט נאָך אַ כאַוער אַוועק צום פּאַראַד. אויף איינער פון די מאָסקווער גאַסן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויף אַ באַס, וואָס זאָל זיי ברענגען צום פּאַראַד. יעדער באַס וואָס איז אָנגעקומען, איז געווען אַזוי געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך אַריינ־צוגיין.

נאָך אַ שעה וואַרטן, איז זיי קוים געלונגען אַריינצוגיין אין אַ באַס אַזש דערשטיקט צו ווערן. הערן זיי ווי צוויי יידן רעדן צווישן זיך אין יידיש און איינער רופט זיך אָפּ: „דער באַס איז געראָטן אין גאַנץ רוסלאַנד וואָס לויפט איבער די ברוקירטע גאַסן און טרייסעלט די פּאַסאַזשירן ווי זיי וואָלטן געליטן פון קדחת. אויך אין רוסלאַנד זיצן דער גרעסטער טייל, און די איבעריקע טרייסלען זיך.

* * *

איך וואָלט אייך איבערגעגעבן די באַרימטע רעדעס וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף יוניאָן־סקווער פון די קאָמוניסטן, נאָר איך גלויב אַז די זיינען אייך שוין גוט באַקאַנט און צו וואָס אייך קאָר־מענען מיט קליאַטשע?

פון דעם אַרבעטער רינג קוואַל

מעשהלעך, אַנעקדאָטן, אינטערוואויוס מיט אַרבעטער רינג פירער און שפּאַסיקע פּאַסירונגען פון דער גרויסער אַרבעטער רינג משפחה

די דאָזיקע מעשהלעך זיינען געווען געדרוקט אין פאַר־שידענע אַרבעטער רינג אויסגאַבן אונטער דעם פען נאָמען „אַוורעמל״. איך גלויב, אַז זיי פאַרדינען אַ תיקון אין דער זאַמלונג פון אַמעריקאַנער יידישן פאָלקס־הומאָר.

די פּאָליטישע פּלאַטפאָרמע פאַר קאַנדידאַטן צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אַרבעטער רינג

אין די טעג פון דעם צוויי־יאָריקן פּאָליטישן יאַריד, אַז איר האָט באַגעגנט אונדזערן אַ „יאַט", — צי דאָס איז אין גאַס, ביי אַ ברענטש־מיטינג, אָדער ביי אַ קאָנפערענץ — וועט ער ביי אייך ניט פרעגן צי איר זענט געזונט, צי איר האָט פּרנסה, אָדער וואָס מאַכט אייער יידענע? באַלד, נאָך דעם שלום עליכם, גיט ער ביי אייך אַ פרעג: — נו, איר לויפט? און ווי דער שטייגער איז ביי יידן — צו ענטפערן אויף אַ פראַגע מיט אַ פראַגע, פרעגט איר צוריק: — נו, און איר? דער דאָזיקער ייד גיט אייך אַ דיפּלאָמאַטישן ענטפער, ווי איינער זאָגט, — איך האָב נאָך נישט באַשלאָסן: אין דער אמתן מיינט עס, אַז ווען דער משגיח וועט צו אים אַ שמייכל טאָן, וועט עס זיין דער „סיגנאַל", אַז ער האָט שוין באַשלאָסן צו „לויפן"...

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס דער לעצטער מיטינג איז געווען אַזוי שטאַרק באַזוכט. אַלע וואָס זיינען געקומען צום מיטינג, האָבן דעם משגיח באַגריסט מיט אַ ברייטן שמייכל... נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע האָבן די מיטגלידער ניט געצאָלט זייער „דיוס" מיט אַזאַ חשק ווי ביים לעצטן מיטינג. און אַ ייד וואָס האָט איינגעצאָלט זיין „דיוס", און דער משגיח האָט ביי אים צוגענומען די פּאָר דאָלער און האָט זיך אויף אים אפילו ניט אומגעקוקט, האָט איר געקאָנט זען אויף דעם יידס פּנים, אַז ער איז שוין ניט קיין קאַנדידאַט...

ניט ווילנדיק האָבן מיר פאַרגליכן די וואַלן פאַרן אַרבעטער־רינג פּאַרלאַמענט, מיט די וואַלן וואָס ווערן יעדן יאָר אָפּגעהאַלטן פאַר שטאַטישע אָדער סטייט באַאַמטע אין אונדזער רעגירונג. אָט האָבן מיר לעצטנס געהאַט וואַלן אין אונדזער שטאָט פאַר מעיאָר, מיט וויפיל בלאָטע האָבן די קאַנדידאַטן פאַרפלייצט אונדזערע גאַסן

דער קאַנדידאַט וואָס איז גרייט צו קושן „בייבים”

מיט זייערע רעדעס און ליטעראַטור, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך דורכצוגיין אַ גאַס. היינט די „אישום" וואָס יעדער קאַנדידאַט האָט געבראַכט צו די וויילער, ווען מען זאָל געווען גלויבן די קאַנדי־דאַטן וואָס זיי זאָגן צו, וואָלטן מיר געקאָנט לעבן ווי אין אַ גן־עדן.

און באַלד ווען מיר האָבן וואַלן פאַר דעם ארבעטער רינג פאַרלאַמענט און עס וועלן זיין עטלעכע צענדליק קאַנדידאַטן וואָס חלשן צו ווערן דערהויבן צו דעם אַמט פאַר מיטגלידער צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, און קיינער פון די דאָזיקע קאַנדידאַטן ווילן ניט אַרויס מיט קיין „אישום", זיי וועלן ניט פאַר־שפּרייטן קיין ליטעראַטור, זיי וועלן ניט רופן קיין גאַסן־מיטינגען, זייער איינציקע „אישו" אין זייער קאַמפּיין איז צו וועלן נושא חן זיין ביים משגיח. וועלן זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל, זיינען זיי דערוויילט...

האַלט איך, אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט אַז אויך ביי אונדז דאַרף מען פירן אַ קאַמפּיין ווי ביי „לייטן", מיט ליטעראַטור, מיט גאַסן־מיטינגען, קושן בעיבים... און טאַקע אויך אַרויסשטעלן „אישום", און „אישום" האָבן מיר גענוג. אָט וועל איך אויס־רעכענען עטלעכע וויכטיקע „אישום", מיט וועלכע די קאַנדידאַטן וואָלטן זיך געקאָנט באַנוצן:

1. ס'איז שוין די העכסטע צייט אַז אַן ארבעטער־רינג קאָנ־ווענשאָן זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין מדינת ישראל, און מיר אַליין זאָלן זען ווי די נייע יידישע מלוכה אַרבעט, און זיך ניט בלויז פאַרלאָזן אויף די באַריכטן פון די פּרעזידענטן...

2. מיר האָבן גאָרניט קעגן דעם, אַז דער פּרעזידענט פון ארבעטער־רינג זאָל פאָרן קיין פּאַריז צו אַ קאָנפערענץ פונעם „אָרט". אָבער מ'דאַרף אויך אַמאָל געפינען אַן „אָרט" פאַר די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו...

3. מיר דאַרפן אָננעמען אַ געזעץ, אַז ווען איינער איז שוין ביי אונדז אַ פּרעזידענט אין אַ ארבעטער רינג אינסטיטוציע, זאָל אים ניט דערלויבט ווערן צו לויפן פאַר פּרעזידענט אין ארבעטער רינג. דאָס וואָלט פאַרבאָטן דעם פּרעזידענט פון דער „אָלד איידזש האָום" צו לויפן פאַר פּרעזידענט...

4. אַ קאַנדידאַט צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו זאָל מוזן דורכגיין אַן אַרבעטער־רינג שול און אויך גראַדואירן דעם סעמינאַר, ער זאָל כאָטש קאָנען ריידן יידיש... דאָס וואָלט מעגלעך געמאַכט, אַז אַזעלכע יידן ווי יאַנקעלע ראַטמאַן, סאָל ריווקין, הערים רובינסקי, הערי שאַכנער זאָלן זיצן אין דער היים...

5. די זיצונגען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו זאָלן בראָד־קעסטעט ווערן אויף דער ראַדיאָ אַז די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג זאָלן קאָנען הערן וואָס דאָרט קומט פאָר... דאָס וואָלט געשאַפן אַ לאַגע, וואָס מאַנכע יידן אין דער עקזעקוטיוו וואָלטן אויפגעהערט צו ריידן...

איך בין איבערצייגט, אַז ווען אַ קאַנדידאַט זאָל אַרויסשטעלן אַזעלכע „אישום" און וואָלט נאָך צו דעם געקראָגן דעם הסכם פון משגיח, וואָלט ער געקאָנט דערווײלט ווערן מיט דער גרעסטער מאַיאָריטעט...

אַן אָנשיקעניש ביי אונדז איז דער פונקט אין דער קאָנסטי־טושאַן, אַז מיטגלידער אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו טאָרן ניט לויפן מער ווי צוויי טערמינען. דער וואָס האָט אויסגעטראַכט דעם דאָזיקן געזעץ האָט מען באַדאַרפט עוקר מן השורש זיין, אָדער אים אַריינשטעלן אין אַ מוזעאום וואו מ'זאָל לויפן אים אָנקוקן ווי אויף אַ בייז וואונדער...

אָט ווערלן איצט „אַרויספאַלן" עטלעכע יידן פון דער עקזעקוטיוו. אויף זיי וועט זיין אַ ביטערער רחמנות. וואָס האָט מען, אַשטייגער, צו אַזאַ יידן ווי יעפּים ישורין? וועמען האָט ער געטשעפּעט, אַז מען זאָל פון אים אַרונטערנעמען די קרוין?

אָדער נעמט אַזאַ יידן ווי יודל באַרענשטיין: וואָס וועט אַזאַ ייד איצט טאָן? און וואָס וועלן איצט טאָן אַ האַלבע עקזעקוטיוו, וועמען יודל האָט געפירט אַהיים נאָך אַ זיצונג ביז צו דער טיר... וועמען וועט ער איצט פירן? סיידן די פירער פון „אַלד איידזש האָום", וואָס זיינען שוין אַלט צו גיין, און נויטיקן זיך אין אַ פירער...

און וואָס האָט מען געוואָלט פון אַזאַ שטילן, באַשיידענעם יידן ווי מאַקס גאָפּט? דער דאָזיקער ייד איז זיך געזעסן ביי דער

עקזעקוטיוו ווי אַ קאַטינקע, ניט געטשעפּעט קיין פליג אויף דער וואַנט, און אַזאַ ייד דאַרף איצט אַרויסגיין. וואו איז יושר?

צו זיין יושרדיק צו דעם דאַזיקן יידן וואָס האָט זיך דער־טראַכט צו דעם דאַזיקן געזעץ, מוז איך צוגעבן, אַז עפּעס גוטעס וועט דער געזעץ דאָך ברענגען: אָט וועט איצט „אַרויספאַלן" יאַנקל ראַטמאַן, וואָס וועט אונדז ברענגען אַביסעלע רעליף... ווען ער וועט מער ניט האָבן צו טאָן מיטן ארבעטער־רינג, וועט ער זיך אָפּגעבן מיט דער „פאָרווערטס"־געביידע און געבן מער „סטים" צו דעם ביל־דינג, אַז די שרייבער פון „פאָרווערטס" זאָלן אונדז ניט געבן קיין קאַלטע אַרטיקלען... אַ גוטע זאַך וועט אויך זיין, וואָס רב יעקב פישמאַן וועט „אַרויספאַלן" און וועט שוין ניט מאַכן זיינע באַרימטע „יאַזדעס" און וועט זיך קאָנען מער אָפּגעבן מיט זיין פּראָפעסיע אַלס זעצער פון „פאָרווערטס" און ניט מאַכן אַזוי פיל גרייזן... ווי ער האָט עס געטאָן ביז איצט.

איך האָב נאָך געוואָלט שרייבן וועגן די נייע שטערן וואָס וועלן באַלד פאַרנעמען די שטולן ביי דער נייער עקזעקוטיוו. דאָס וועל איך שוין מוזן אָפּלייגן אויף שפּעטער און זען וועמען דער משגיח וועט געפעלן... איך וויל ניט נעמען קיין „טשענסעס" און טרעפן און אָנרופן נעמען. ווער ווייסט? טאָמער וועט זיך מיר אַליין פאַר־גלוסטן. אפשר וואָלט איר זיך אַריינגעלייגט אין דעם עסק און געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן מיר?

דער נייער ליטעראַטור-קריטיקער אויף דער יידישער גאַס

מיר לעבן היינט אין אַ וועלט פון לויטער איבעראַשונגען. יעדן טאָג קומען צו אונדז באַריכטן פון ענטדעקונגען פון וועלכע מיר ווערן פאַרגאַפּט און קאָנען נישט באַגרייפן ווי אַזוי עס קאָנען פּאַסירן אַזעלכע זאַכן, און מיר פרעגן, וואָס נאָך קאָנען מיר דער־וואַרטן?

לעצטנס האָבן מיר זיך דערוואוסט פון צוויי נייע זאַכן, וואָס שטייגן איבער אַלע פריערדיקע דערשיינונגען, פון וועלכע מיר קאָנען נאָך צו זיך נישט קומען. די ענטדעקונגען אין דער מעדיצינישער פּראַפעסיע פון „סטרעפּטאָמייסען", „אַראָמייסען", דער דזשעט־עראָ־פּלאַן וואָס פליט שוין אַריבער דעם אַטלאַנטיק אין פיר שעה, די געפּלאַנטע רייזע צו דעם שטערן מאַרס, זיינען אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די לעצטע צוויי חדשים ווען צו אונדז איז געקומען די נייעס אַז אַ דאָקטאָר אין דענמאַרק, — פּראָפעראָר קריסטשען האַמבורגער, האָט געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויף אַ בראָנקסער יונגנמאַן, ווען ער האָט פאַר־וואַנדלט אין אַ מיידל, און נאָך אַ קראַסאַוויצע דערצו... דער צווייטער איבעררעשנדער מאָמענט איז געקומען ווען מיר האָבן געלייענט אין אַ זשורנאַל אַ רעצענזיע פון אַ נייעם יידישן שרייבער, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַן אויסגאַבע געשריבן פון יאַנקעלע ראָטמאַן.

ווי נאָר ס'איז באַקאַנט געוואָרן אַז יאַנקעלע ראָטמאַן האָט אָנגעשריבן די רעצענזיע איבער דעם זשורנאַל דער „סעקרעטער־יאַט" וואָס איז דערשינען צו כאַנינס באַנקעט, זיינען מיר אַלע, אָן אויסנאַם, פרייטשמעליעט געוואָרן פון די דאָזיקע נייעס נאָך מער ווי די באַקאַנטמאַכונג אַז מ'קאָן פון אַ יינגל מאַכן אַ מיידל. מיר וויסן אַשטייגער, אַז די ווויסנשאַפט קאָן אונדז איבעררעשן און

ברענגען פאַר דער וועלט זאַכן וואָס האָט זיך אונדז פריער נישט געחלומט. און מיר ווייסן אויך דעם נאָמען פון דעם פּראָפעסאָר וואָס האָט געמאַכט די אָפּעראַציע אויף קריסטשען דזשווירגעסאָן, וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן פון אַ בחור אַ מיידל, אָבער ס'איז פאַר דער וועלט שווער אויסצוגעפינען ווער ס'איז געווען דער פּראָפעסאָר וואָס האָט געמאַכט די אָפּעראַציע אויף יאַנקעלע ראָטמאַן, און אים געמאַכט פאַר אַ שרייבער.

די נייעס, אַז יאַנקעלע ראָטמאַן איז געוואָרן אַ יידישער שרייבער איז פאַר אונדז געווען נאָך אַ גרעסערע איבעראַשונג ווי פאַר די בירגער פון הירשימא און נאַגאַסאַקי, ווען מ'האָט אויף זיי געוואָרפן די ערשטע אַטאָמישע באָמבע. ווען אונדז זאָל געלינגען אויסצוגעפינען דעם דאָקטאָר וואָס האָט געמאַכט די אָפּעראַציע אויף יאַנקעלע ראָטמאַן, וואָלטן מיר פאָרגעשלאָגן, אַז דער דאָזיקער פּראָפעסאָר זאָל קריגן דעם נאָבעל פּרייז. ער וואָלט געוואָרן אַזוי אומשטערבלעך ווי דער פראַנצויזישער פּראָפעסאָר פּאַסטער, און דער ווינער פּראָפעסאָר פרויד.

די באַקאַנטמאַכונג, אַז יאַנקעלע ראטמאַן איז געוואָרן אַ יידישער ליטעראַטור-קריטיקער, האָט אַרויסגערופן אַ פּאַניק אין די קרייזן פון אונדזערע יידישע שרייבער. הלל ראָגאָף, ציטערט, אַז ראָטמאַן גייט זיין אַ קאַנדידאַט פאַר רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" קעגן אים ביי דער „פאָרווערטס" אסס'ן. חיים ליבערמאַן און דר. מענעס, האָבן מורא, אַז ראָטמאַן גייט ווערן זייער קאָנקורענט וואָס וועט אָנפאַנגען שרייבן אין „פאָרווערטס" קריטיקן איבער יידישע ביכער און פּאָעזיע. נחום כאַנין שרעקט זיך, אַז ראָטמאַן גייט מאַכן אַ טור פאַרן אַרבעטער-רינג און האַלטן לעקציעס ביי די אַרבעטער-רינג בּרענטשעס, און ער וועט מוזן זיצן אין דערהיים... זלמן יעפּרויקין, דער נייער בילדונגס דירעקטאָר, זעט שוין אין ראָטמאַנען אַ שטאַרקן קאָנקורענט פאַר זיין דזשאַב... דער י. ל. פּרץ פאַראיין קלייבט זיך צו דינגען דעם גרעסטן זאַל אין ניו-יאָרק אויפצונעמען דעם נייעם חשובן שרייבער און מ'רעדט שוין אַז ער זאָל נאָך ווערן דער פּרעזידענט פון דעם פּרץ פאַראיין... דער יידישער וויסנשאַפט-לעכער אינסטיטוט וויל אים שוין פאָרשלאָגן אַז ער זאָל אָנשרייבן

די געשיכטע פון דער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור... אָדער ווערן איר הויפּט פאַרוואַלטער אויף דר. מאַקס ווײַנרײַכס פּלאַץ...

דער הויפּט שולדיקער וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס יאַנקעלע ראָטמאַן איז געוואָרן אַ יידישער שרײַבער, איז אונדזער יעפים ישורין, וואָס האָט אים אײַנגעלאָדן אָנצושרײַבן די רעצענזיע. ישורין האָט דאָס באַשטעלט דעם פּראָפעסאָר וואָס זאָל ראָטמאַנען אַרײַנשטעלן יידישע „מאַנקי גלענדס" און געמאַכט פון אים אַ יידישן שרײַבער. מיר האָבן פּרובירט אויסצוגעפינען בײַ ישורינען ווער ס'איז דער פּראָפעסאָר, אָבער ער איז שטום און וויל נישט אויסזאָגן און האַלט דאָס שטרענג אין געהיים.

אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נאָכדעם ווי מ'האָט געמאַכט אויף ראָטמאַנען די אָפּעראַציע, וועט ער שוין אין די פּריוואַטע געשפּרעכן ריידן דעם יידיש מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט אין זײַן רעצענזיע. אַ נעכטיקן טאָג: מיר האָבן אים שפּעטער געהערט אָפּגעבן באַריכטן בײַ דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו פון אַרבעטער רינג, אַלס פאָרזיצער פון דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט, האָט ער באַנוצט דעם זעלבן יידיש ווי פריער... מיר זײַנען געקומען צום שלום, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ נײַעם „דר. דזשעקל און מר. הײַד". דאַכט זיך שרײַבן שרײַבט ער ווי אַ יידישער ליטעראַ־טור־קריטיקער דאַרף שרײַבן, און ווען ער רעדט, רעדט ער ווי ראָטמאַן. ווילן מיר דאָ פאַר אײַך ברענגען צוויי אויסצוגן, אײנע, ווי אַזוי ער האָט געשריבן זײַן רעצענזיע, ווי אויך די עברי פון זײַנעם אַ באַריכט צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו נאָכדעם ווי זײַן רעצענ־זיע איז שוין געהאַט דערשינען. אָט איז די עברי וואָס יאַנקעלע ראָטמאַן האָט באַנוצט אין זײַן אַרטיקל, און זײַן לעצטן באַריכט צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו, ער שרײַבט אין זשורנאַל: —

„די מחברים פונעם זשורנאַל „דער סעקרעטער־יאַט" האָבן גע־מעגט האָבן אַ ביסל דרך ארץ פאַר אונדזער יידיש וואָרט און זיך באַ־דאַרפט אָפּגעבן אַ דין וחשבון אַז מ'קאָן נישט אַרויסגעבן אַ יידישע שריפט צו אַ אינטעליגענטן יידישן עולם מיט אַזאַ הילצערנער עברי.

„עס איז געווען אַ גרויס רחמנות אויף די לייענער פון דעם סעקרעטער־יאַט, וואָס האָבן אין דעם זשורנאַל נישט געפינען קיין

שורש פונעם המשך פון אונדזער אַלטער און פון דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור, וואָס זאָל אויף אַ ממשותדיקן אופן אַנדייטן די טענדענץ, דעם תמצית פון דער קערנדיקער מדרגה פון אונדזער היינטיקן מאָדערנעם יידישן לשון.

„מיר קאָנען די מיטאַרבעטער פון דעם דאַזיקן זשורנאַל אַז זיי זיינען גוטע, געניטע שניידער, דערפאַרענע סטאָלאַרעס, אָבער לחלוטין נישט קיין יידישע שרייבער. ווי זיי האָבן דאָס באַוויזן אין דעם זשורנאַל וואָס איז געשריבן געוואָרן פון דעקאַדענטן, אָן אַ ברעקל חשיבות פאַרן יידישן וואָרט"...

עטלעכע וואָכן נאָך דעם ווי די דאַזיקע שורות זיינען געשריבן געוואָרן פון יאַנקעלע ראָטמאַן, האָט ער אָפּגעגעבן אַ באַריכט צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו פון אַרבעטער רינג אַלס פאָרזיצער פון דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט, און אָט איז אַן אויסצוג פון דעם דאַזיקן באַריכט:

„איך וויל אייך איצט רעפּאָרטן", זאָגט ראָטמאַן, „אַז די אינ־וועסטמענטס וואָס מיר האָבן געמאַכט איז געווען אַ גרויסער סוקסעס און עס האָט אַריינגעבראַכט אַ סך פּראָפיטן. אין סאַניטאַריום האָבן מיר איבערגעפיקסט די הויפּט פּראָפּערטע ווייל ס'האָט געליקט פון דעם רוף. מיר האָבן געקויפט אַ סעקאָנד־הענדיקן טראָק און געכאַפּט אַ באַרגעין. די טשיף נוירס האָבן מיר געגעבן אַ רעיז אין די וועידזשעס, ווייל זי האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין לעבן צוליב דעם היי קאָסט אָוו ליווינג. י. הילמאַן האָט אונדז פאַראָטן (געוואָלט זאָגן פאַרטראָטן) ביי אַ ברענטש, מיט וועמען מיר האָבן געהאַט טראָבל און דאָס אויסגעגליכן פאַר די סאַטיספעקשאָן פון אַלעמען. מיר האָבן אַגריד מיט דער אָרגאַנייזיישאָן קאָמיטע, אַז די עקס־פּענסעס וואָס ווערן געמאַכט אין קאָנעקשאָן מיט איינעם וואָס פאָרט אַרויס צו אַ ברענטש אָוט אָוו טאַון, זאָלן די עקספּענסעס דיווײַדעד ווערן פיפטי פיפטי. דעם זעלבן אַנדערסטענדינג האָבן מיר מיט דער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע, וואָס וועט פיל העלפן, אַז אונדזערע לאָסעס זאָלן נישט זיין אַזוי העווי ווי זיי זיינען געווען אין די פּעסט."

דאָ האָט איר דעם נייעם „דר. דזשעקל און מר. האַיד" וואָס שרייבט ווי אַ ליטעראַטור קריטיקער און רעדט ווי יאַנקעלע ראָטמאַן.

ווי אַזוי כאַנין האָט צוויי מאָל פאַרבלאָנדזשעט

איך וויל דאָ באַלד שווערן ביי מיין באָרד און פאות, אַז די דאָזיקע צוויי מעשהלעך וואָס איך גיי אייך דערציילן האָב איך ניט אויסגעטראַכט, נאָר ס'איז טאַקע אַ מעשה שהיה, וואָס האָט גע־טראָפן מיט כאַנינען. ער האָט דאָס מיר אַליין דערציילט.

איך האָב געמאַכט די הקדמה, ווייל קיינער וואָלט עס ניט געגלויבט, אַז גראָדע מיט כאַנינען זאָל אַזאַ זאַך פּאַסירן. כאַנין ווערט ביי אונדז באַטראַכט אַלס אַ ייד וואָס ווערט זעלטן אויפ־גערעגט, טוט זיין אַרבעט זייער געלאַסן כאָטש ער האָט צו טאָן מיט מלמדים... איז ער אַליין ניט קיין מלמד... און אַלס בילדונגס־דירעקטאָר איז ער אויך ניט באַקאַנט אַלס „צעדרייטער פּראָפעסאָר".

און איצט הערט די מעשה:

ביי אַ זיצונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע האָט מען גע־לייענט אַ צושריפט פון אַ ברענטש אין ניו לאָנדאָן, קאָנעטיקוט, אַן איינלאַדונג צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע צו שיקן אַ פאַר־שטייער צו זייערן אַ יובילעאום. ווען דער פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג האָט זיך אַרומגעקוקט וועמען צו באַשטימען צו פאָרן אין ניו לאָנדאָן, רופט זיך אָפּ כאַנין, אַזוי ווי דער באַנקעט קומט פאָר זונטיק אָוונט און ער פאָרט פאָרן בילדונגס קאָמיטעט אין ניו בריטען, וואָס איז בלויז אַ שעה רייזע מיטן באָס, וועט ער קאָנען זיין אין ניו לאָנדאָן ביינאַכט, און די עקזעקוטיווע וועט שפּאָרן געלט און האָבן אַ פּאַסנדן פאָרשטייער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די עקזעקוטיווע האָט זיך זייער געפרייט וואָס זי וועט האָבן אַ גוטן פאָרטרעטער און טאַקע שפּאָרן געלט, און דערוויילט כאַנינען צו פאָרן אין ניו לאָנדאָן.

אין אַ שיינעם זונטיק אין דער פרי פּאַקט כאַנין איין זיינע זאַכן און פאָרט אַוועק אין ניו בריטען צו אַ קאָנפערענץ וועגן די שולן אין יענער געגנט וואָס האָט באַדאַרפט פאָרקומען נאָכמיטאָג.

ער האָט זיך געבעטן ביי די פריינט אין ניו בריטען, אַז מ׳זאָל אים שפּעט ניט אויפהאַלטן, מחמת דעם וואָס ער דאַרף נאָך אין אָוונט זיין ביי אַ באַנקעט אין ניו לאָנדאָן. כּאַנין איז פּאַרטיק געוואָרן אין צייט און די פריינט האָבן אים צוגעפירט מיט אַ קאַר צום באָס וואָס גייט נאָך ניו לאָנדאָן און היידאַ! ער פאָרט.

אין דרויסן איז געווען אַ קאַלטער אָוונט, אין באָס איז געווען פינצטער, כּאַנין איז געווען מיד און אַן איינגעקאָרטשעטער איז ער געזעסן ביי דער ענד פון באָס און איז איינגעשלאָפן...

ווען דער באָס איז אָנגעקומען אין ניו לאָנדאָן, זיינען אַלע פּאַסאַזשירן אַרויס פון באָס, כּאַנין איז געשמאַק געשלאָפן, דער באָס־דרייווער האָט ניט באַמערקט דעם פּאַסאַזשיר, האָט ער אויסגעדרייט דעם באָס און געפאָרן צוריק אין ניו בריטען, און כּאַנין שלאָפט און פאָרט מיט...

ווען דער באָס איז אָנגעקומען צוריק אין ניו בריטען, האָט שוין כּאַנין געהערט דעם באָס־דרייווער — לאַסט סטאָפּ, אָל אָוט! און כּאַנין לאָזט זיך גיין צום באַנקעט פון דעם ברענטש אין „ניו־לאָנדאָן"...

כּאַנין פרעגט זיך נאָך אויף דער גאַס וואו דער באַנקעט האָט געדאַרפט פאָרקומען, אָבער אַזוי ווי אין יעדן שטעטל זיינען פאַראַן גאַסן וואָס טראָגן די זעלבע נעמען האָט מען אים אָנגע־צייגט, וואו די גאַס געפינט זיך און כּאַנין לאָזט זיך אַוועק אין „ניו לאָנדאָן" צום באַנקעט...

ער קומט צו צו דעם נומער אין דער גאַס, זעט כּאַנין אַן אַלטע כּאַטקע, וואָס איז שטאַרק באַלויכטן, און ער טראַכט ביי זיך, „דאָ מוז עס זיין", און גייט אַריין אין דער הויז און טרעפט — אַ „געמבלינג דזשאָינט" פון טונקעלע עלעמענטן וואָס האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ דעטעקטיוו און זיינען זיך צעלאָפן...

און כּאַנין מיט זיי...

כּאַנין לאָזט זיך גיין ווייטער אין די גאַסן פון „ניו לאָנדאָן" און טראַכט ביי זיך, אפשר האָט ער נישט געהאַט דעם ריכטיקן אַדרעס, און אָנשטאָט „סטריט" אפשר איז עס גאַר „עוועניו" און טאַקע

געטראָפן, און לאָזט זיך אוועק אין אַ צווייטער גאַס צו זוכן דעם נומער אין דער „עוועניו"...

ווען כאַנין איז אָנגעקומען צום נומער פון דער הויז, האָט ער געהערט מוזיקאַנטן שפּילן און האָט געזען ווי אַן עולם טאַנצט. כאַנין איז געוואָרן פריילעך וואָס ענדלעך איז ער בשלום אָנגעקומען צום באַנקעט וואו מען וואַרט אויף אים מיט גרויס אומגעדולד, און כאַנין גייט אַריין אין זאַל.

ביי דער טיר האָט איינער גלייך ביי אים צוגענומען זיין ראָק און העט. אין דער האַנט האָט דער מאַן געהאַלטן אַ פלאַש שנאַפּס און האָט אָנגעגאָסן פאַר כאַנינען אַ גלעזל. כאַנין האָט זיך דערוואָרעמט. אָבער איין זאַך האָט אים זייער געמאַטערט, דער עולם איז פאַר אים אַ פרעמדער און פּאַסט זיך גאָר נישט צו זיין מעמבערס אין אַרבעטער-רינג... צוריק גערעדט, ער מוז דאָך נישט קענען אַלע מעמבערס, אָבער די פירער פון ברענטש קען ער דאָך יאָ. ער לאָזט זיך אוועק איבערן זאַל צו זען די פירער פון ברענטש...

פון דער ווייטנס האָט ער געזען אַ רעדל מענטשן. ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז דאָרט מוזן אוודאי זיין די פירער פון ברענטש. ווען כאַנין איז צוגעקומען נעענטער, האָט ער דערזען אַ — שיקסל אָנגעטאָן אין ווייסן. ער האָט גלייך אויסגעפונען אַז דאָ קומט פאַר אַ חתונה פון אַ פּוילישע פאַמיליע. ער איז שנעל אַנטלאָפן און געזוכט ווייטער דעם אַרבעטער-רינג באַנקעט אין „ניו לאָנדאָן"...

כאַנין גייט אַרום ווי אַ צעדולטער. וואָס טוט זיך דאָ? ער נעמט אַ שפּאַציר, אפשר וועט ער אָנטרעפן אַ באַקאַנטן, וועט ער אים אויפקלערן פאַרוואָס ער קאָן נישט געפינען די גאַס וואו עס קומט פאַר דער באַנקעט פון דעם ברענטש אין „ניו לאָנדאָן"...

שפּאַצירנדיק אַזוי, קומט כאַנין אָן צו אַ סקווער. ער באַטראַכט די הייזער אַרום דעם סקווער. ער וואָלט געשוואוירן, אַז די דאָזיקע הייזער זעען אויס פּונקט ווי די הייזער לעבן זיין האָטעל אין ניו בריטען, וואו ער איז געווען מיט אַ פּאָר שעה פריער... באַלד דערזעט ער אַ האָטעל מיט עלעקטרישער באַלייכטונג

און ער וואָלט געשוואוירן אַז אַזוי זעט אויס דער האָטעל אין ניו בריטען. ער לאָזט זיך אַריין אין דער לאָבי פון האָטעל, וואו ער האָט זיך געהאַט רעדזשיסטרירט מיט עטלעכע שעה פריער. ווען ער איז אָנגעקומען אין ניו בריטען צו דער קאָנפערענץ פון די שולן, איידער ער איז געפאָרן קיין ניו לאָנדאָן...

כאַנין באַוואונדערט ווי אַזוי אַמעריקע קאָן קאָפּירן אַ האָטעל, וואָס זאָל אויסקוקן פונקט ווי דער האָטעל וואו ער האָט זיך פריער רעדזשיסטרירט... די לאָבי איז די זעלבע, דאָס מעבל דאָס זעלבע, אָבער ס'איז דאָך נישט דער האָטעל וואו ער האָט זיך פריער פאַרשריבן, ווייל דער קלוירק איז אַן אַנדערער... כאַנין גייט צו צום קלוירק און פרעגט ביי אים פאַר טשיקאַוועס צי איז פאַראַן אין האָטעל אַ גאַסט מיטן נאָמען כאַנין...

דער קלוירק איז שוין געווען אַן אַנדערער און עלטערער מענטש און האָט קוים געקאָנט איבערלייענען די נעמען וואָס זיינען געווען פאַרשריבן אין בוך. ער ענטפערט אים, אַז אַזאַ מענטש וואָס הייסט כאַנין האָט זיך אין האָטעל נישט פאַרשריבן. כאַנין גייט אַוועק פון דעסט אַ זיכערער, אַז ער האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט...

ווען כאַנין איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טריט פון דעסק, האָט אים דער קלוירק צוריקגערופן און האָט אים גע־פרעגט נאָכאַמאָל ווי ער הייסט. ווען כאַנין האָט אים געענטפערט, האָט דער קלוירק געזאָגט צו אים: — קיין כאַנין האָבן מיר נישט, נאָר איינער וואָס הייסט „טשאַנין" איז יאָ פאַרשריבן. כאַנין האָט זיך געהייסן ווייזן דעם בוך און ער האָט טאַקע גלייך געפונען זיין חתימה. ער האָט זיך איצט דערוואוסט, אַז ער האָט פאַרבלאָנ־דזשעט... און דער ניו לאָנדאָנער ברענטש האָט זיך געמוזט באַגיין אָן אַ פאַרטרעטער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע.

ביי אַ פרעמדע לויה

מילא, אַז אַ מענטש זאָל פאַרבלאָנדזשען אין אַ פרעמדער שטאָט איז פאַרשטענדלעך, אָבער אַז כאַנין זאָל פאַרבלאָנדזשען אין איסט בראָדוויי... דאָס, זעט איר, איז שוין שווער צו פאַרשטיין. איצט הערט ווי אַזוי כאַנין האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ גאַס, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַלע זיינע יאָרן זינט ער איז אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע.

מען האָט כאַנינען געלאָזט וויסן, אַז אַ טעטיקער טוער פון די אַרבעטער־רינג־שולן איז ערנסט קראַנק. כאַנין האָט זיך שטאַרק געזאָרגט וועגן דעם דאָזיקן טוער. ער האָט יעדן טאָג געשיקט שליחים דעם קראַנקן מבקר־חולה זיין. אין אַ געווויסן טאָג קומט כאַנין אַריין אין אָפיס פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט און הערט פון ראָוז אַש, אַז אַ מיטגליד פון אַרבעטער־רינג איז געשטאָרבן, וועמענס נאָמען עס איז געווען דער זעלבער ווי דעם שול־טוערס נאָמען. כאַנין איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער, און רופט אויס: — טאַקע געשטאָרבן? ברוך דיין אמת! אַ שאָד! אַ וואוילער מענטש געווען, און פרעגט זיך נאָך ביי מיס אַש ווען די לויה וועט זיין. זי ענטפערט אים אַז מאָרגן, פון גאַרליקס פיונעראַל פּאַרלאָר אויף גרענד סטריט.

אין דער שעה פון דער לוויה, האָט כאַנין מיטגענומען אַ גרופּע טוער פון די שולן און זיי זיינען אַוועק צו דער לוויה פון דעם „פאַרשטאָרבענעם״ טוער פון די שולן. ווען דער „פיונעראַל דירעק־טאָר״ האָט דערזען כאַנינען, האָט ער אים פאָרגעשטעלט צו האַלטן אַ הספד איבער דעם פאַרשטאָרבענעם. כאַנין האָט דאַן פאַרן עולם געשילדערט וואָס פאַר אַ פיינעם טוער די אַרבעטער־רינג־שולן האָבן אין דעם פאַרשטאָרבענעם פאַרלוירן...

ווען דער עולם איז שוין געווען אין גאַס, גייט צו אַ מיטגליד פון ברענטש צו כאַנינען און האָט צו אים טענות, פאַרוואָס ער

האָט זיך אַזוי צעזונגען איבער דעם פאַרשטאָרבענעם, אַז ער איז געווען אַזאַ פיינער שול־טוער, בעת אין דער אמתן איז דער פאַרשטאָרבענער מעמבער געווען אַ ביטערער קעגנער פון די יידישע שולן. ער האָט אַלע מאָל שטאַרק באַקעמפט יעדן פאַרזוך וואָס דער ברענטש האָט געמאַכט צו שטיצן די שול־באַוועגונג. כאַנין האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט צו דעם דאָזיקן יידן און פאַרטיידיקט „זיין שול־טוער", אַז ער האָט אים בעסער געקענט, און איז אַוועק צו זיך אין אָפיס.

אין אַ פּאָר שעה שפּעטער איז אין כאַנינס אָפיס אַריינגעקומען אַ שול־טוער, וואָס איז געווען אַ שכן פון כאַנינס אמתן שול־טוער. כאַנין זאָגט אים אָן די „טרויעריקע בשורה", אַז זייער פריינט איז נעכטן געשטאָרבן און היינט איז געווען די לוויה און ער, כאַנין, האָט געהאַלטן אַ הספד ביי דער לוויה, און בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל אַריינגיין אין אָוונט אין הויז פון דעם „פאַרשטאָרבענעם" און טרייסטן די „אַלמנה" אין זיין נאָמען און אויסדריקן אַלע־מענס באַדויערן אויף זיין פריצייטיקן טויט...

דער פריינט האָט אים געפאָלגט און איז אַוועק צו דער „אַלמנה" אין הויז טרייסטן זי אויף דעם גרויסן פאַרלוסט פון איר טייערן מאַן, וואָס איז געשטאָרבן אַזוי יונג... ווען ער איז אַריין אין הויז און האָט דערזען די פרוי מיט די קינדער פאַרביטערטע וואָס זייער מאַן און פאָטער איז קראַנק, זאָגט ער צו זיי, אַז כאַנין האָט אים געשיקט אויסצודריקן זיין גרויסן באַדויערן וואָס זייער ליבער מאַן און פאָטער איז אַזוי פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט...

— וואָס רעדט איר? — פרעגט די פרוי ביים גאַסט וואָס איז געקומען זי טרייסטן — ווער איז געשטאָרבן? וועגן וועמען רעדט איר? — און זי שרייט אַריין צו איר מאַן אין בעדרום — דו הערסט? דו ביסט דאָך שוין טויט! — און אַלע גייען אַריין אין בעדרום און דערזעען דעם „פאַרשטאָרבענעם" וואָס ליגט אין בעט און טרינקט זיך אַ גלעזל טיי...

דער מאַן איז גלייך צוריקגעלאָפן אין אָפיס צו כאַנינען, און ווען ער האָט אים דערזען, האָט ער אויסגעשריען — איר האָט שוין נישט געהאַט פון וועמען חוזק צו מאַכן, נאָר פון מיר? —

און דערציילט אים אַז זיין פריינט איז טאַקע קראַנק, נאָר ער האַלט נאָך נישט פון שטאַרבן...

כאַנין האָט דערזען אַז ער איז נעבעך אַריינגעפאַלן, און דער מיטגליד פון ברענטש וואָס האָט צו אים געהאַט אַ טענה אַז זיין פאַרשטאָרבענער מעמבער איז געווען אַ קעגנער פון די יידישע שולן, איז נעבעך געווען זייער גערעכט — און כאַנין האָט טאַקע פאַרבלאָנדזשעט... צו אַ פרעמדער לוויה...

יאַנקעלע ראָבערטס

(צו זיין 65טען געבוירנטאָג)

אַ ביאָגראַפיע פון אַ צעבאַלעוועט קינד

אין דעם יאָר 1888 האָט די וועלט איבערגעלעבט צוויי גרויסע שווערע אומגליקן. דער ערשטער אומגליק איז געווען אין ניו יאָרק, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער שניי־שטורעם וואָס האָט די גרויסע שטאָט באַדעקט מיט אַ טיפן שניי ווענן וועלכע זיידעס, — וואָס געדענקען נאָך יענעם ווינטער, — דערציילן נאָך איצט די שווערע איבערלעבונגען צו זייערע קינדער און אייניקלעך. און דער צווייטער אומגליק איז געשען אין אַ קליין שטעטעלע אין פוילן, וואָס הייסט שרענסק, פּלאָצקער גובערניע, ווען אין דעם דאָזיקן שטעטעלע איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל ביי זייער בכבודיקע עלטערן וואָס מ'האָט שפּעטער אַ נאָמען געגעבן יאַנקעלע ראָבערטס.

דאָס זיינען געווען צוויי קאַטאַסטראָפעס, וואָס די וועלט וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און די דאָזיקע שווערע איבערלעבונגען וועלן איבערגיין פון דור צו דור און וועלן דערציילט ווערן צו די קינדער אין די שולן...

ווען דער גרויסער שניי־שטורם איז באַפאַלן ניו יאָרק יענעם ווינטער, האָבן די איינוואוינער געכאַפּט אַ גרויסן ציטער און האָבן געמיינט, אַז די וועלט ענדיקט זיך. דער פאַרקער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ גאַנצע וואָך און מענטשן זיינען נישט געגאַנגען עטלעכע טעג צו זייערע באַשעפטיקונגען און זיינען געזעסן אין דער היים, מורא האָבנדיק אַרויסצוגיין אין גאַס. דאָס זעלבע איז געשען אין דעם שטעטעלע שרענסק, ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז ביי דער פאַמיליע ראָבערטס איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד. די קרעמער האָבן פאַרמאַכט זייערע קראָמען, יידן זיינען געלאָפן אין

די גאסן ווי ווילדע און פארמאכט זייערע לאדנס. ווייבער האבן זיך געשושקעט, אלע יידן זיינען געלאפן אין בית-המדרש און געזאגט תהילים, און דער רב פון שטעטל האט זיך ביי זיי געבעטן אז זיי זאלן זיך נישט אויפרעגן און בעטן ביי דעם השם יתברך, אז ער זאל זיי אויסלייזן פון דעם גרויסן אומגליק, און זיי מבטיח געווען, אז יידן האבן שוין איבערגעלעבט גרעסערע צרות, און וועלן דעם אומגליק אויך איבערקומען...

אז דאס שטעטעלע האט געהאט גוטע אורזאכן זיך צו שרעקן פאר דעם נייעם יאטל וואס איז ערשט געבוירן געווארן, וועט באוויזן ווערן וואס'רע כלי דער דאזיקער בחור איז געווען, סיי ווען ער איז נאך געווען א צוציק, און שפעטער, ווען ער איז אונטער-געוואקסן, און וואס'רע געברענטע צרות דאס שטעטל האט געהאט אויסצושטיין פון דעם דאזיקן מזיק.

שטאמט פון רבנישע עלטערן

די יידן וואס האבן געוואוינט אין דעם דאזיקן שטעטל שרענסקס, זיינען אלע געווען פרומע, גאטס-פארכטיקע יידן, און אפגעהיטן אלע דינים וואס יידן היטן אפ. יאנקעלעס טאטע איז געווען א בכבודיקער ייד מיט א הדרת פנים, און זיין מאמע, א יידישע צנועה פאר וועמען אלע אין שטעטל האבן געהאט גרויס דרך ארץ, און צו וועמען יידן זיינען געקומען נאך עצות ווען זיי זיינען געווען אין א עת צרה.

יאנקעלעס טאטע האט געהאט סמיכות אויף רבנות און האט געקאנט ווערן דער רב פון שטעטל, און ווערן בארימט ווי זיינע צוויי ברידער, וואס זיינען געווען בארימטע רבנים אין פוילן. איינער — דער מאקאווער רב, און דער צווייטער, דער בענדינער רב, וואס האבן געהאט א שם אין גאנץ פוילן. די יידן אין קענעדע האבן שפע-טער אריבערגעבראכט דעם מאקאווער רב אין טאראנטא, און ער איז געווארן דער רב הכולל אין יענער שטאט.

ווען דער קליינער יאנקעלע איז געבוירן געווארן, האט דער טאטע, — וואס איז געווען א ייד א חכם, — באלד דערקענט, אז קיין גרויס נחת וועט ער פון זיין בן-אק ניט האבן און האט באלד

דערזען אין דעם יאַטל, אַז דאָס וועט אַרויסוואַקסן אַן אַפּיקורוס וואָס וועט די פאַמיליע נישט געבן קיין צו גרויסן כבוד... און לאַנדסלייט דערציילן, אַז דאָס איז געווען די סיבה פאַרוואָס זיין טאַטע האָט נישט געוואָלט ווערן דער רב פון שטעטל, וואָס וואָלט די רבנישע פּראָפּעסיע נישט געגעבן קיין גרויס כבוד.

יאַנקעלעס עלטערן האָבן געלעבט אין גרויס דחקות. עס איז אָפט אין שטוב נישט געווען וואָס צו עסן, און דער טאַטע האָט אָפּגע־שפּאָרט פון זיין מאָגערער חיונה און געגעבן יאַנקעלען אַן אמתע יידישע דערציאונג. פריער אים געשיקט אין חדר, און שפּעטער אין דער ישיבה, און געוואָלט פון זיין זון מאַכן פאַר אַ לייט.

אַ געבוירענער רעדנער

דער טאַטע זיינער האָט אָבער באַלד דערזען אַז זיין תכשיט וועט אויסוואַקסן אַ כל־בו, אַ רעוואָלוציאָנער, אַ בונדיסט, אַ טרעיד־יוניאָן פירער, אַ דעלעגאַט צו קאָנווענשאָנס, אַ שרייבער פון טריפענע פּראָקלאַמאַציעס און — אַ רעדנער. און וועט שוין קיין לייטישער מענטש נישט ווערן... און דער טאַטע איז געוואָרן איבער־ציינט, אַז זיין זון וועט ווערן אַ באַרימטער רעדנער באַלד פון דער ערשטער מינוט ווען דאָס קינד איז געקומען אויף דער וועלט. דאָס קליינע נפשל האָט אַרויסגעלאָזן אַזעלכע קולות מיט אַ באַסאָווער שטימע, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צוזאַמענגעלאָפן ווי אויף אַ בייז וואונדער. די הינט האָבן זיך צובילן... די בהמות וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אין פעלד, זיינען זיך צעלאָפן ווי מען וואָלט אויף זיי געשאָסן... די ווייבער וואָס האָבן געטראָגן, האָבן מפּיל געווען... און טאַטע־מאַמע האָבן געחלשט... אַזאַ שרייער איז דאָס געווען...

ווי נאָר דאָס קליינטשיקע יאַטל האָט געעפנט זיינע אייגעלעך, האָט ער גלייך געמאַכט „טראָבל". זיין באָבע (אַ ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן), האָט געוואָלט אַז קיין „בייז אויג" זאָל נישט שאַטן דאָס אייניקל, האָט זי אויפן ליילעך — וואָס האָט פאַרהאָנגען דאָס בעט וואו ס'איז געלעגן די קינפּעטאָרן מיטן יינגל — אויפגעהאנגען אַ שיר המעלות'ל. ווען יאַנקעלע האָט דערזען דאָס בלעטל, האָט

ער עס גלייך אַרונטערגעריסן, ווייל אויפן שיר המעלות׳ל, איז נישט געווען קיין יוניאָן לייבל... די מאַמע האָט אים געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז דער ייד וואָס האָט געדרוקט דעם שיר המעלות׳ל, האָט געוואָלט ווערן אַ יוניאָן־מאַן, האָט אים די שריפטזעצער יוניאָן נישט געוואָלט אַריינגעמען, האָט ער זיך געמאַכט אַן אייגענעם שאָפּ ער זאָל קאָנען דערנערן זיין ווייב און קינדער.

אַ צווייטן סקאַנדאַל האָט דער קליינער מזיק געמאַכט ווען דער מוהל איז געקומען און געוואָלט אים מאַכן פאַר אַ ייד.... זיינע קולות האָבן דערגרייכט די הימלען און אָנגערופן דעם מוהל בּאַרבּאַר, בּלוט־זויגער, פינצטערלינג, פּאָגראָמטשיק, וואָס האָט גרויס הנאה צו זען ווי עס גיסט זיך יידיש בּלוט... דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען בּאַדאַראָם און רחמנות געהאַט אויף זיינע עלטערן וואָס האָבן געבוירן אַ זון וואָס וועט מאַכן אַ תל פון די יידישע מנהגים, וואָס וועט נאָך אַלע יידן אין שטעטל פירן צו שמד...

יאַנקעלע האָט אַ טענה צום חומש

וואָס עלטער יאַנקעלע איז געוואָרן אַלס גרעסערע צרות האָבן זיינע עלטערן געהאַט פון אים. ווען יאַנקעלע איז שוין געוואָרן אַ גרויסער בּחור און איז געגאַנגען צו אַ גרעסערן מלמד, האָט דער רבי מיט אים געלערנט די ערשטע פּרשה חומש פון בּראשית, וואו עס ווערט געזאָגט, — אַז גאָט האָט פריער בּאַשאַפן הימל און ערד, און אין זעקס טעג בּאַשאַפן די גאַנצע וועלט, איז יאַנקעלע אַרויס מיט אַ טענה צום רבּין, פאַרוואָס אין חומש ווערט נישט דערמאָנט, ווער ס׳איז געווען דער ערשטער וואָס האָט בּאַשאַפן די אַרבּעטער רינג „אַלד עידזש האָום״... דער רבי האָט זיך פאַרשעמט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, און זיך גלייך געכאַפּט, און פאַרענטפערט די פראַגע, אַז וועגן דער „אַלד עידזש האָום״ וועט מען אים לערנען, ווען ער וועט שוין לערנען גמרא און גיין אין דער ישיבה...

ווען דער רבי האָט מיט אים ווייטער געלערנט די פּרשה משפּטים און מיט אים געקנעלט — ואלה המשפּטים אשר תשים

לפניהם: כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבד ובשביעית יצא לחפשי חנם, — זעקס יאָר זאָלסטו האַלטן דיין קנעכט, און אויף דעם זיבעטן יאָר זאָלסטו אים אַרויסלאָזן פריי. — דאָ האָט שוין דאָס יינגל נישט געקאָנט אויסהאַלטן און איז אויפגעשפּרונגען און געמאַכט אַ סקאַנדאַל, אַז אַזאַ שקלאַפעריי האָט ער נאָך נישט געהערט. דער רב איז צעטומלט געוואָרן און געשיקט נאָכן טאַטן, אַז ער קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן פון דעם יינגל, און וויל מיט אים מער נישט לערנען.

דער פאָטער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און אים אָפּגעגעבן צו אַ צווייטן רבין, וואָס האָט געהאַט פון אים די זעלבע צרות. ווען דער צווייטער רבי האָט מיט אים געלערנט: ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת לד׳ אלהיך, — זעקס טעג זאָל מען אַרבעטן און אויפן זיבעטן טאָג זאָל מען רוען, — האָט יאַנ־קעלע געעפנט זיין געמבע און אַ געשריי געטאָן, — אַז אין די קעפּ מייקערס יוניאָן אַרבעט מען בלויז פינף טעג, און די אַרבעטער האָבן צוויי טעג רו. האָט אים דער רבי דערקלערט, אַז אין יענע צייטן זיינען די אַרבעטער נאָך נישט געווען אָנגעשלאָסן אין אַ יוניאָן, און האָבן נישט געהאַט קיין פאַרטרעטער צו די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן.... און דאָס איז געקומען אַלס אַ געשאַנק פון גאָט אַליין, וואָס האָט געהאַט אַ גוט האַרץ. ווי דער פאַרשטאַרבענער פּרעזידענט רוזוועלט, וואָס האָט געגעבן די אַרבעטער דעם ערשטן „נ. ר. א.״, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט האָט שפּעטער קאַפּירט...

יאַנקעלע פאָרט קיין וואַרשע

יאַנקעלעס עלטערן האָבן געזען, אַז פון זייער יינגל וועט שוין קיין לייט נישט זיין... האָבן זיי באַשלאָסן, אַז ס׳איז שוין צייט מ׳זאָל אים אויסלערנען אַ מלאכה. און אין איין העלן טאָג, האָט דער טאַטע גענומען דעם יינגל און מיט אים אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע און אים אַריינגעגעבן אין אַ האַנטווערקער שול. יאַנקעלע איז באַלד אַריין אין „קליינעם בונד״, און איידער ער האָט זיך אָנגעוואַרעמט אויף זיין שטעלע, איז ער שוין געווען אַרעסטירט

פאר פאנאנדערטיילן רעוואלוציאנערע ליטעראטור. ווען טאטע־מאמע האבן זיך דערוואוסט, אז זייער קינד איז ארעסטירט געווארן, האט זיך אין שטוב געטאן חושך, אין שטעטל איז געווארן א פאניק. די ווייבער זיינען געלאפן אין שול און געוויינט, די קרובים זיינען געלאפן אויפן בית עולם און איינגעריסן קברים, געשיקט פראַ־שענים צום גובערנאטאר, און קוים מיט צרות איז געלונגען צו באפרייען זייער יינגל.

זיין טאטע האט פארמאגט אן אלטע כאטקע וואס ער האט געירשנט פון יאנקעלעס זיידע, האט ער פארקויפט דאס הויז צו קאנען קויפן א בילעט פאר זיין זון, צו שיקן אים קיין אמעריקע. ווען יאנקעלע איז צוריקגעקומען פון ווארשע אין זיין שטעטעלע שרענסק, האט ער נישט געוואלט אריינגיין אין טאטנס הויז און האט זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן מארק, ארויסגענומען פון קעשענע א רעוואלווער, און גענומען שיסן... אין שטעטל איז געווארן א מהומה, יידן זיינען זיך צעלאפן אין אלע ווינקלען. פאליציי האט ארומגעזוכט דעם שיסער און אים נישט געקאנט געפינען, ווייל דער טאטע האט אים באהאלטן אויף א בוידעם... ווען דאס שטעטל האט זיך שוין געהאט בארואיקט, האט אים דער טאטע ארויס־געגנבעט פון בוידעם, געפירט צו דער גרעניץ און אים משלח געווען נאך אמעריקע.

יאנקל קומט קיין אמעריקע

אין ניו יארק איז יאנקעלע אנגעקומען אין 1906, און גלייך געקראגן א שטעלע פאר צוויי דאלער א וואך אין העסטער סטריט, וואו ער האט באדארפט שלעפן זיידענע פעקלעך אין די גארמענט שעפער. ער האט די שטעלע שנעל פארלאזן צוליב זיינע אפיקורסישע פרינציפן. עס האט זיך איינמאל געמאכט, וואס זיין באלעבאס האט באדארפט זאגן קדיש, האט ער געמוזט האבן א מנין יידן און מער ווי ניין יידן האט דער באלעבאס נישט געקאנט צוזאמענקלייבן. האט ער געבעטן ביי יאנקעלען ער זאל זיין דער צענטער. איז אים יאנקל באפאלן און אים אנגערופן מיט כל־ערליי נעמען פאר דער

גערוואגטקייט וואָס ער האָט פון אים פאַרלאַנגט ער זאָל זיך שטעלן דאַוועגען. דער באַלעבאָס האָט אים גענומען פאַרן קאָלנער און אים אַרויסגעוואָרפן אין דער גאַס.

דאָס יינגל האָט עטלעכע טעג געבלאָנדזשעט אין די גאַסן, נישט געהאַט וואו צו שלאָפן, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף אַ באַנק אין העסטער סטריט פּאַרק, ביז אימעצער האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און אים אַריינגענומען אין זיין וואוינונג, געגעבן אים עטלעכע סענט אין קעשענע, און זיך מיט אים אַרויסגעלאָזט אין גאַס צו זוכן אַ דזשאַב, און ענדלעך געפונען פאַר אים באַשעפטיקונג אין אַ קעפּמאַכער-פאַבריק.

יאַנקעלע האָט חתונה

באַלד ווי יאַנקעלע האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער קאַפּען-מאַכער יוניאָן, איז ער שנעל געוואָרן אַ „ביג שאָט" און אָנגעהויבן פאַרדינען געלט. קיין קאַרגער איז יאַנקעלע קיינמאָל נישט געווען, און האָט זיך געלאָזט קאָסטן עטלעכע דאָלער ווען ער איז געגאַנגען מיט זיינע חברים. יאַנקעלע האָט ליב געהאַט דעם יידישן טעאַטער און האָט געקאָנט זינגען די לידעלעך וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין יענע יאָרן אויף דער יידישער בינע. איר האָט אים אויך געקאָנט זען אויף אַלע „פאָרווערטס" מאַסקאַראַד-בעלער, וואָס זיינען אין יענע יאָרן געווען זייער פּאָפּולער ביי דער יידישער יוגנט, און איר האָט אים אויך געזען ביי אַלע „עקסקורשאָנס" פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע" וואָס איז דעמאָלט געווען אַ שטענדיקע זומערדיקע אינסטיטוציע ביי דער יידישער אינטעליגענץ.

ביי די דאָזיקע צוזאַמענקונפטן האָט יאַנקעלע איינמאָל באַגעגנט אַ יונגע שיינע מיידל וואָס האָט געהייסן לינע, און האָט זיך אין איר באַלד פאַרליבט. וואָס מער ער האָט זיך געטראָפן מיט לינען, אַלס הייסער איז געוואָרן די ליבע, ביז ער האָט איר איינמאָל פאָרגעשלאָגן, אַז ס'איז שוין צייט טראַכטן וועגן תכלית און חתונה האָבן. אין יענע יאָרן איז געווען אין דער מאָדע ביי ראַדיקאַלע יונגע-לייט צו גיין וואוינען אָן אַ יידישע חתונה-צערעמאָניע

און ער האָט דאָס פאַרגעשלאָגן זיין געליבטע. זי האָט אים דער־קלערט מיטן הארבן וואָרט, אַז זי קומט פון פיינע יידישע עלטערן און זיי וועלן נישט צולאָזן, אַז אימעצער אין זייער פאַמיליע זאָל טאָן אַזאַ זאַך. יאַנקל האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און האָט זיך אונטערגעגעבן... דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי יאַנקעלע האָט געמאַכט קאָמפּראָמיסן מיט זיין אַנטי־יידישקייט און צו אַלץ מסכים געווען וואָס לינע האָט פון אים פאַרלאַנגט...

ויהי היום, עס איז געקומען דער טאָג פון דער חתונה, וואו מען האָט דעם חתן באַדאַרפט פירן צו דער חופה כדת משה וישראל. אַלע מחותנים זיינען געווען פאַרזאַמלט, עס איז געקומען דער חזן וואָס האָט באַדאַרפט געבן חופה וקדושין. און ווען די מוזיקאַנטן האָבן אויפגעשפּילט „היער קאַמס דהי ברייד", און די מחותנים האָבן גענומען יאַנקעלען אונטערן אָרעם, האָט ער געמאַכט אַ ווידער־שטאַנד און דערקלערט, — אַז ער וועט זיך נישט לאָזן פירן... ווייל ער אַליין איז אַ פירער... וואָס איז שוין אַנערקענט ביי די קאַפּן־מאַכער... און געכאַפּט די כלה און זי געפירט צו דער חופה.

ווערט אַ פירער ביי די קעפּ־מאַכער

ווען יאַנקעלע איז אַריין אין די קעפּ־מייקערס יוניאָן, האָט ער זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין קאַמף צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין דעם דאַזיקן פאַך. ער איז שנעל באַליבט געוואָרן צווישן די אַרבעטער און ס'האָט נישט גענומען לאַנג, און זיי האָבן אים געמאַכט פאַר זייער פירער. אַן אַנדער אויף זיין פּלאַץ וואָלט געווען צופרידן און זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן, ווי אַנדערע וואָס זיינען געוואָרן פירער פון יוניאָנס, און האָבן זיך באַנוגנט מיט דער טעטיקייט אין זייער פאַך און מער האָט מען פון זיי נישט געהערט.

יאַנקעלע האָט אָבער געהאַט גרעסערע אַמביציעס, און די קעפּ־מייקערס יוניאָן איז פאַר זיין דינאַמישן כח געווען ווייניק, האָט ער געזוכט אויך אַנדערע טעטיקייטן און האָט דאָס געפונען אין אַרבעטער רינג. איר האָט אים געזען ביי אַלע אַרבעטער רינג קאָנ־פערענצן, קאָנווענשאָנס, און געדונערט מיט זיין מעכטיקער שטימע

און האָט געחלומט צו ווערן דער פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג, וואָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן...

וויל ווערן פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג

ער האָט געשוואָרן, אַז איידער ער פאַרענדיקט זיינע יאָרן, מוז ער נאָך דערגרייכן זיין ציל, צו ווערן פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג. און דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן. אמת, ער איז נישט געוואָרן דער פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג, דערפאַר איז ער געוואָרן דער פּרעזידענט פון דעם אַרבעטער רינג „אָלד עידזש האָום" און שטייט נאָך העכער ווי דער פּרעזידענט... זיין נאָמען ווערט מער דערמאָנט אין „פאָרווערטס" און ער טרעט אויף אויף דער ראַדיאָ מער ווי דער פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג. מיטגלידער קומען צו אים נאָך טובות ווי ער וואָלט געווען פּרעזידענט פון אַמעריקע, — און דער־גרייכט זיין חלום...

צוויי בריוו און אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג

די דאָזיקע צוויי בריוו זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין דעם „קאָנווענשאָן בולעטין" וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם אַרבעטער רינג „אָלד איידוש האָום" אין מידיא, פּענסילווייניע, און אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם „בולעטין".

מיר גיבן דאָ איבער צוויי געהיימע קאָרעספּאָנדענצן וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט אַ דאַנק אונדזערן אַ שכן וואָס איז אַ נאָענטער קרוב פון דזשיי. עדגאַר הואווער, פון דער „עף. בי. איי", וואָס וועלן זיכער אַרויסרופן אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן סקאַנדאַל ווי אַזוי איינער, אַ ייד, מ. פּיליפּס, איינער פון אונדזערע קאָלאָניסטן האָט זיך דורכגעשריבן מיט אַ לאָרד וואָס הייסט אַוורעמעלע הערשקאָוויץ, און אַ פאַרשווערונג קעגן אונדזער קאָלאָניע, ווי אויך קעגן דעם „האוז אָוו לאָרדס", פון וואַנען דער דאָזיקער אַוורעמעלע שטאַמט.

די צוויי בריוו פון די דאָזיקע פאַררעטער וועט זיכער אַרויסרופן אַן אינטערנאַצאָנאַלן אינטערעס ווי דער משפּט אין טשעכאָסלאָוואַקיע קעגן רודאָלף שליאַנסקי...

שרייבט פּיליפּס:

חשובער לאָרד הערשקאָוויץ:

פון דעם זשורנאַל וואָס איר האָט רעדאַקטירט ביי דער קאָראָנאַציע פון נחום כאַנין, דעם נייעם קעניג פון אַרבעטער רינג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אונדזער סעקרעטאַר־יאַט", דערוויס איך זיך, אַז איר זיינט שוין געוואָרן מיט מזל אַ לאָרד, ווי להבדיל לאָרד ביקאָנספילד, וואָס האָט געהאַט די ממשלה איבער גרויס בריטאַניע און אירע קאָלאָניעס.

איך בין נישט געגוי באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון לאָרד ביקאָנספעלד, ווי אַזוי ער האָט זיך געקאָנט אַרויפאַרבעטן צו ווערן

דער לאָרד פון ענגלאַנד און דער פּראַים-מיניסטער פון גרויס בריטאַניע. ער מוז זיכער שטאַמען פון אַ יחוסדיקער פאַמיליע צו קאָנען דערגרייכן צו אַזאַ שטופע. אייער יחוס איז מיר יאָ באַקאַנט, און דערפאַר איז מיר געווען אַ וואונדער צו הערן אַז איינער וואָס איז אַ שניידערוק, אַ פּאַסטריגע און נאָך דערצו אַ גאַליציאַנער, זאָל מיר נישט דיר נישט, ווערן פון דער העלער הויט אַ לאָרד. נאָר צוריק געדעדט, אויב אַזאַ ייד ווי כאַנין, אַ קירזשנער, אַ סיבירניק, האָט געקאָנט ווערן אַ קעניג, איז שוין פאַר מיר קלאָר אַז אַזאַ לאַטוטניק ווי איר זאָל קאָנען ווערן אַ לאָרד... נישט אַנדערש ווי די לאָרדישע ביזנעס איז שוין אַריין אין דער שוסטער גאַס, אַנטשולדיקט, אין דער שניידער גאַס... און ווען לאָרד ביקאָנספעלד וואָלט איצט אויפגעשטאַנען פון קבר און געזען ווער עס ווערן היינטיקע צייטן לאָרדן, וואָלט ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד...

איך וויל אייך בעטן, מיין ליבער לאָרד, אַז ווען איר וועט מיר ענטפערן אויף מיין בריוו, זעט אַז דער דאָזיקער דאָקומענט זאָל נישט אַריינפאַלן צו דער „ען-קאַ-ווע-דע" פון אונדזער קאָלאָניע, וואָס איז דאָ געשאַפן געוואָרן פון שאַפּיראָ און זיין סוויטע, און ס'איז ביי אונדז אַ מורא צו עפענען דאָס מויל...

מען איז דאָ אין אַ גרויסער געפאַר צו ריידן איינער מיטן צווייטן, ווייל קיינער ווייסט נישט צו דער דאָזיקער מענטש איז נישט קיין געהיימער אַגענט פון די שאַפּיראָס... איינמאָל האָט זיך אונדזער אַ שכן געוואָלט אָראָפּריידן פון הארצן, איז ער אַריין אין זיין צימער, פאַרמאַכט די טירן און פענצטער, פאַרשפּאַרט אַלע לעכער אַזוי, אַז קיינער זאָל פון דרויסן נישט קאָנען הערן אַ וואָרט, און גייט צו צום שפּיגל און רופט זיך אָפּ: — „איך וואָלט געוואָלט עפּעס ריידן מיט אייך, נאָר איך האָב שטאַרק מורא אַז איינער פון אונדז מוז זיין אַ באַהאַלטענער אַגענט פון שאַפּיראָס...

און אַזוי ווי פון דעם סוד — אַז מיר שרייבן זיך דורך איינער מיטן צווייטן — ווייסן בלויז צוויי מענטשן, ווייס איך דאָך אַוודאי, אַז אַ סוד וואו בלויז צוויי מענטשן האַלטן, קאָן נאָר בלייבן אַ סוד ווען איינער נעמט איין אַ מיתה משונה...

זייט מיר געזונט ליבער לאָרד. איך דערוואַרט פון אייך אַ

שנעלן ענטפער צו קאנען זיך בארימען אז איך שרייב זיך דורך מיט לארדן...

אייער, מ. פיליפס

דער ענטפער

מיין ליבער אונטערטאן מ. פיליפס:

איר זיינט דער ערשטער בירגער וואס אדרעסירט מיך מיטן נייעם טיטול לארד, און דערפאר קומט אייך א שיינעם דאנק.

אין מיין טאג-טעגלעכע באגעגענישן מיט מענטשן, האט נאך קיינער ביז איצט מיך נישט באגריסט מיט מיין נייעם טיטל, נאר מען פרעגט ביי מיר ווי אלעמאל „וואס מאכט דער גאליציאנער?" אדער „וואס מאכט אייער יידענע?" ווען איך בין געקרוינט גע־ווארן מיטן טיטול לארד, און בין יענעם טאג אהיימגעקומען און מיט פרייד דאס דערציילט מיין יידענע, האט זי אויסגעשאסן מיט אזא געלעכטער, און לאכט נאך ביזן היינטיקן טאג.

ווען איך האב ביי איר געפרעגט פארוואס זי האט זיך אזוי צעלאכט, האט זי מיר אויף דעם געענטפערט, אז „ווען דו ביסט געווארן א לארד, בין איך דאך געווארן א לארדעכע, און וואס'רע לארדעכע בין איך, אז איך דארף נאך וואשן דיינע העמדער און נאז-טיכלעך, גיין אין מארקעט מיטן בעסקעט איינקויפן און קאכן פאר דיר וועטשערע און פארצירעווען דיינע זאקן, נישט אנדערש, זאגט זי, נאר דו ביסט ארונטער פון זינען".

און ווען איך האב זיך היינט אוועקגעזעצט שרייבן צו אייך דעם ענטפער, האט מיין יידענע ביי מיר געפרעגט צו וועמען איך שרייב, האב איך איר געזאגט אז איך שרייב זיך דורך מיט איינעם וואס וואוינט אין א שענערן פאלאץ ווי די לארדן אין ענגלאנד, איז זי געווארן מער ערנסט און אנגעפאנגען טראכטן, אפשר איז טאקע אמת אז איך בין שוין טאקע געווארן א לארד, אז איך שרייב שוין ברייוולעך צו איינעם וואס וואוינט אין פאלאצן, און ס'איז איר נאך שווער צו פארשטיין פארוואס זי מוז הארעווען אזוי שווער אין דער הויז.

און דאָ, ליבער פריינד, איז אויף מיר געקומען נאָך אַ צרה: „אויב דו ביסט שוין אַריין אין די הויכע פּענצטער" — האָט מיין יידענע צו מיר אַ טענה — „ווי קומט עס וואָס דו וואוינסט נאָך מיט מיר און ביסט נישט אַוועק ערגעץ מיט אַן אַריסטאָקראַטישער ווייבל ווי עס פירן זיך מענטשן וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אַזוי ווי דו? און ווער ווייסט" — זאָגט זי — „אפשר האָסטו טאַקע אין געהיים עפּעס אַ פּרינצעסין וואָס איך וויים ניט און ברענגסט איר די „פעידע" יעדע וואָך און מיר טיילסט דו אָפּ ווי איך וואָלט געווען אַ דינסט?" ווי איר זעט, ליבער פריינד, האָט זיך מיר פאַר־גלוסט צרות און איך זוך אַ קלוגן מענטשן מיר צו געבן אַן עצה.

וועגן אייער איינלאַדונג צו קומען צו אייך אויף אַ באַזוך — קאָן איך אייך ראָטן ווי אַזוי איר קאָנט עס מאַכן:

זאָל אייער שאַפּיראָ קומען אין ניו־יאָרק און מיך קידנעפּן און מיך ברענגען צו אייך. דאָס וואָלט געווען די גרעסטע סענסאַציע, און די צייטונגען וואָלטן אַרויסגעקומען מיט ריזיקע קעפּ אַז אַ פּראָסטער ייד פון פילאַדעלפיע האָט געקידנעפּט אַ לאָרד. די סענ־סאַציע וואָלט געווען נאָך גרעסער, ווען שאַפּיראָ וואָלט געלאָזט ווויסן, אַז אָנשטאָט אַ גרויסע סומע אויסלייז־געלט פאַר מיין באַ־פרייאונג, זאָל ער פאָדערן אָלס אַ פּרייז פאַר מיין פרייהייט, אַז איך זאָל אויפהערן דערציילן מיינע באַרימטע וויצן... און שאַפּיראָ וואָלט געוואָרן אונשטערבלעך.

איך האָב זיך דאָ געטראָפן אין ניו־יאָרק מיט אייער פריינד רעוווזין, און ער האָט מיר פיל דערציילט וועגן אייך און אַלע אייערע שכנים. איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז דער דאָזיקער רעוווזין איז אַ רייזנדער גע־פּע־אָ'ניק פון די שאַפּיראָס... זעט זיך היטן פון אים, ער געפעלט מיר נישט, עפּעס האָט ער געוואָלט פון מיר צופיל אינפאָרמאַציע און איך האָב נאַטירלעך מיט אים נישט געוואָלט אַריינגיין אין גרויסע געשפּרעכן.

אייער, אַוורעמעל

די קריטישע אָפּהאַנדלונג

אין אַ בריוו וואָס די רעדאַקציע פון „קאָנווענשאָן בולעטין״ האָט מיר געשיקט צוזאַמען מיטן „בולעטין״, בעט מיר די רעדאַקציע אַז איך זאָל איר לאָזן וויסן דעם איינדרוק וואָס דער „בולעטין״ האָט אויף מיר געמאַכט, און זיי מיטטיילן מיין מיינונג.

דערפיל איך דעם פאַרלאַנג פון דער רעדאַקציע, און שיק זיי אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג איבער די אַרטיקלען, פּאָעמעס, הומאָריסטישע זאַכן, וואָס איך האָב געלייענט אינעם זשורנאַל, און וואָס איך האָב פון זיי געלערנט.

די ערשטע „זאַך״ וואָס איך האָב איבערגעלייענט אין דעם „בולעטין״, איז געווען דזשוליוס ל. גראָס הומאָריסטישע מעשה וואָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ ים מיט טרערן און איך וויין נאָך ביז איצט... איך בין געקומען צום שלום, אַז ס׳איז גאָר נישט פאַראַנען קיין גאָט אויף דער וועלט וואָס האָט ביי אונדז אַרויסגעריסן שלום עליכם, און דעם דאָזיקן יידן לאָזט ער נאָך לעבן און דערגייט אונדז די יאָרן מיט הומאָר, און איז נאָך ביז איצט נישט געלינטשט געוואָרן... נאָר אין דער פּראָווינץ דרוקט מען אַזעלכע הומאָריסטן. ווען מיר האָבן אַזאַ טאַלאַנט אין ניו־יאָרק, וואָלטן מיר אים געראַטן, אַז ער זאָל גראָבן סאַבוועיס, טרייבן אַ טראָק, מופן פּיאַנאָס, און דאָס שרייבן הומאָר זאָל ער איבערלאָזן צו אַנדערע.

נאָר איגאַנצן שולדיק איז דער דזשוליוס ל. גראָס נישט. די הויפּט שולד פאַלט אויפן רעדאַקטאָר, מ. שאַפּיראָ, וואָס האָט דערלויבט דעם דאָזיקן יידן צו שרייבן איבער הומאָר. אַזאַ רעדאַקטאָר וואָלט איך אָוועקגעשיקט אין סינג סינג, אָדער אין אַלקעטראַס. דער דאָזיקער גראָס איז אַזוי אַ הומאָריסט, ווי שאַפּיראָ אַ רעדאַקטאָר, אָדער הענרי טוירק, פּרעזידענט פון דער האָום... עס איז מיר נאָר אַ וואונדער וואָס אַזעלכע קלוגע איינוואוינער פון דער האָום, שלינגען אַלץ אַרונטער און מאַכן נישט קיין רעוואָלוציע...

די צווייטע „זאַך״ וואָס איך האָב איבערגלייענט אין „בולעטין״, איז געווען דאָס לידל פון פרענק פעפּ, וואָס ער האָט אַ נאָמען

געגעבן „דער נייער מאַי קאַ משמע לן״. איז דאָס אַ לידל וואָס גאָט זאָל זיך איבער אונדז שומר מרחם זיין און אויסהיטן פון אַזעלכע אומגליקן. ווען אַ יונגער מענטש זאָל איבערלייענען דאָס לידל, וואָלט ער שנעל אַלט געוואָרן. און געקאָנט זיין אַ קאַנדידאַט פאַר דער האָום...

ווען מיין יידענע האָט איבערגעלייענט דאָס דאָזיקע לידל, האָט זי ביי מיר געפרעגט ווער דער דאָזיקער שרייבער איז. האָב איך איר דערקלערט, אַז אַמאָל איז דער שרייבער געווען ביים פאַך אַ פּעינטער, האָט זי זיך אָפּגערופן: — ווען אַ פּעינטער מאַכט אין מיין אַפּאַרטמענט אַזאַ דזשאָב, וואָלט איך אים אַרונטערגעוואָרפן פון זעקסטן שטאָק...

די בריוו־אויסטויש צווישן מ. פיליפּס, און אַוורעמעלע, וואָס איז געדרוקט אין דעם „בולעטין״ האָט מיך אינגאַנצן פּריטש־מעליעט. אַ חוצפּה פון אַ יידן וואָס איז ביים פאַך אַ שניידער, אַ לאַטוטניק, אַ פּאַסטריגע, וואָס קאָן קיין קנעפּל נישט אָננייען, פּאַראַדירט פאַר דער וועלט אַלס לאָרד, און מידיא, געפינט זיך אַ יאָלד ווי מ. פיליפּס, און נעמט אים ערנסט, און אַדרעסירט אים לאָרד אַוורעמעלע.

דער דאָזיקער אַוורעמעלע איז אַזוי אַ לאָרד, ווי פרענק פּעפּ, אַ פּאָעט, ווי דזשוליוס ל. גראָס, אַ הומאָריסט, ווי שאַפּיראָ, אַ רעדאַק־טאָר, און הענרי טוירק, אַ פּרעזידענט...

איך געפין אויך אין דעם „בולעטין״ אַ פּאָעמע וואָס הייסט: „סודות פון דער רעדאַקציע״, וואָס איז געשריבן פון איינעם וואָס רופט זיך „כעס סאַמעך״, דער דאָזיקער שרייבער מוז זיין אַ קלוגער ייד וואָס באַהאַלט זיך אונטער אַ פרעמדן נאָמען... די דאָזיקע פּאָעמע האָט מיך אַזוי אויסגענאַקט, אַז איך בין געווען געצוואונגען צו נעמען צוויי וואָכן וואַקאַציע צו קאָנען קומען צו זיך, און ביז היינט צו טאָג פאַרפאָלגט מיך די דאָזיקע פּאָעמע ווי אַ בייזע אָנשיקעניש.. איך וואונדער זיך נאָר ווי האָבן זיי פאַר־טשאַפּעט אַזאַ פּאָעט וואָס גראָמט דזשוליוס ל. גראָס מיט באַלעבאָס, און הענרי טורק מיט דזשוירק... ווען איך בין אויף פרוי אַסנע שאַפּיראָס פּלאַץ, וואָס האָט די אויפזיכט איבער די קיך, וואו עס

ווערן צוגעגרייט די געשמאַקע עסן פאַר די איינוואוינער פון דער האָוס, וואָלט איך דעם דאָזיקן יידן אָנגעשטעלט אין דער קיך ער זאָל שיילן די באָלבעס, וואַשן דאָס געשיר, אויפראַמען די בעטן און אויסקערן די פלאָרס, אַנשטאָט לאָזן אים שרייבן פּאָעזיע. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז מ'האָט געוואָלט דעם דאָזיקן יידן אויסראַפּלען פאַר דער האָוס צו שאַפן עטלעכע דאָלער, האָט קיינער נישט געוואָלט קויפן קיין בילעט, ווייל יעדער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט אים אימיצער חלילה געווינען...

דער, וואָס האָט געשריבן דעם עדיטאָריעל אויפן שער בלאַט, איז זיכער נישט קיין שרייבער, און דאַרף מאַכן אַ לעבן פון האַקן האָלץ, אָדער אין אַן אַנדער ליין... די לאַנגע מגילה פון מ. שאַפּיראָ, וואָס ער רופט „עטלעכע געשיכטלעכע באַמערקונגען", וואָלטן גע־האַט אַ טעם ווען זיין פרוי, אסנע, וואָלט זיי פריער אָפּגעקאָכט אין דער קיך, איינגעפּרעגלט אין ציבעלעס... אַזוי איז עס אַרויס־געקומען רוי, נישט צו נעמען עס אין מויל אַריין...

איר מוזט למען השם נישט צייגן די ייוואָ די באַגריסונג אין דעם זשורנאַל פון צבי דוד רעווזין. ווען די ייוואָ וועט זיך דערוויסן אַז איר אַן אַגענט שרייבט אַזאַ יידיש, וועלן זיי אים אַרויסוואַרפן אויף אַ שפּענדל... י. דארענבלומס „אויפגאַבען פון אַן אַרבעטער רינג היים", איז נישט געווען אין פּלאַץ, און דער דאָזיקער ייד וואָלט זיך בעסער באַדאַרפט שטעלן אַן אויפגאַבע, מער נישט צו שרייבן... דער מעסעדזש פון פּרעזידענט הענרי טוירק דערמאָנט אונדז אין די מעסעדזשעס פון פּרעזידענט קולידזש... און אפשר וועט הענרי טוירק — פּונקט ווי קולידזש — אַמאָל זאָגן „איי דו נאָט טשוז טו ראָן". פונדעסטוועגן וואָלט איך עס נישט געוואָלט זען. נאָך טוירקן קאָן נאָך קומען אַן ערגערער, ווי גמליאל האַרדינג נאָך קולידזשען...

דעם בעסטן איינדרוק אין זשורנאַל האָבן געמאַכט די פּיקטשורס. מיט אַזאַ גאַלעריע וואָלטן זיך נישט באַדאַרפט שעמען די „לואַווער" אין פּאַריז אָדער די מעטראָפּאָליטאַן מוזעאום אָוו אַרט אין ניו־יאָרק און אַנדערע קונסט אויסשטעלונגען. איך וואָלט געראָטן די אַדמיניסטראַציע אין מידיא, אַז זי זאָל אויסשטעלן די בילדער

אויף א ווֹיסטאָווע אין דאַיינינג־רום, אַז ווען די איינוואוינער וועלן קומען עסן, זאָלן זיי פריער אַ קוק טאָן אויף די בילדער, וועלן זיי פאַרלירן דעם אַפּעטיט פון עסן, און די פאַרוואַלטער קאָנען שפּאָרן אַסך געלט...

א גאָר גוטן איינדרוק האָט געמאַכט דער פינאַנציעלער באַריכט וואָס דער זשורנאַל האָט אָפּגעדרוקט. נאָר מיר שיינט, אַז עס וואָלט געווען אַ קלוגערע זאַך, ווען דער דאָזיקער באַריכט וואָלט אינגאַנצן נישט געדרוקט געוואָרן. ווען יידן וועלן לייענען, אַז אין די קאַסע געפינט זיך עטלעכע און זיבעציק טויזנט דאָלער, וועלן זיי זיך נישט אַזוי איילן צו געבן געלט פאַר דער אינסטיטוציע, וואָס נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק. נאָר אַזוי ווי קיינער לייענט נישט פינאַנציעלע באַריכטן — אחוץ אַזעלכע יאָלדן ווי איך, — וועט עס נישט שאַטן...

אינטערוויוס מיט די אַרבעטער רינג פירער

די רעדאַקציע פון אַ צייטונג האָט מיר שטרענג באַפוילן אַז אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער גורל צו האָבן אינטערוויוס מיט פירער פון אַרבעטער רינג. קענן שטעלן זיך אַזאַ אָרדער אין אונדזער רע־דאַקציע מיינט הויך־פאַרראַט. איך האָב שנעל געכאַפּט פּאַפּיר און פּענסיל, אַרויסגעלאָפן אין גאַס, און אַוועקגעלאָפן אין אָפיס פון אַרבעטער רינג און דערלאַנגט מיין רעפּאָרטער קאַרד די וועכטער וואָס באַוואַכן דעם פּרעזידענט. איך האָב לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטן. באַלד האָט זיך געעפנט די טיר און איך האָב זיך געפונען אין דעם פּרעזידענטס קאַבינעט.

אונדזער געשפּרעך האָט זיך גלייך אָנגעפאַנגען:

איך: — הייסט עס, מיסטער פּרעזידענט, אַז איר מוזט שוין גלייך פאַרלאָזן דעם בענקל, האַ?

כאַנין: — אַ ברירה האָב איך?

איך: — און וואָס דיינקט איר צו טאָן?

כאַנין: — איך וועל וואַרטן דריי יאָר.

איך: — דאָס פאָלק איז זייער נישט צופרידן פון אייער נייעם דעקרעט.

כאַנין: — פון וועלכן דעקרעט רעדט איר?

איך: — איך מיין פון דעם דעקרעט אַז די דעלעגאַטן צו דער היינטיקער קאָנווענשאָן זאָלן בלויז באַשעפטיקט ווערן פיר טעג אין דער וואָך, איר זייט ניט בעסער ווי הואווער. הואווער האָט באַ־פרייט אַלעמען פון אַרבעט און איר אויך.

כאַנין: — זאָל זיך הואווער שרעקן, ער דאַרף נאָך אַמאָל דער־ווילט ווערן. איך האָב פאַר דעם קיין מורא נישט.

איך: — מיינט עס אַז איר וועט מער נישט לויפן?

כאַנין: — איך וועל דאָך ערשט לויפן אין דריי יאָר אַרום, ביז דאַן וועלן די יאָלדן פון דעם דעקרעט פאַרגעסן.

דאָ האָב איך געוואָלט שטעלן נאָך עטלעכע פראַגן, מען האָט מיר אָבער אָנגעצייגט אַז די טיר איז אָפן, און דאָס האָט געמיינט אַז איך מעג שוין גיין. איך האָב געכאַפּט מיין העט און שטעקן און געלאָפן זען דעם נייעם דערווײלטן פּרעזידענט וויינבערגן.

* * *

צו האָבן דעם אינטערוויו מיט דעם נייעם פּרעזידענט איז מיר דווקא אָנגעקומען זייער שווער. איך האָב באַדאַרפט וואַרטן זייער לאַנג ביז מען האָט מיך אַריינגעלאָזט. ווי זיין שטייגער איז האָט מיר דער נייער פּרעזידענט באַגעגנט מיט אַ ערנסטן פּנים, און מיין ערשטע פראַגע וואָס איך האָב געשטעלט איז געווען:

איך: — וואָס זיינען אייערע צוקונפטיקע פּלענער?

וויינבערג: — ווען דענקט איר וועט אויפהערן דער קריזיס?

איך: — די דאָזיקע פראַגע האָב איך געזאָלט שטעלן.

וויינבערג: — איך ווייס טאַקע ניט.

איך: — איר זייט אויך געראָטן אין פּרעזידענט הואָווער, ער ווייסט אויך נישט.

וויינבערג: — פרעגט ביי מיר אַן אַנדערע פראַגע.

איך: — ערוואַרטעט איר טראָבל אין אייער אַדמיניסטראַציע?

וויינבערג: — קיין סך טראָבל ערוואַרט איך נישט, סיידן דער עקס-פּרעזידענט וועט מיר דערגיין די יאָרן.

איך: — ווי געפעלט אייך באָסטאָן? (נישט ווילנדיק האָב איך דאָ אָנגערירט אַן אַלטע וואונד ביי וויינבערגן) ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, און אַ געשריי געטאָן: קיין אַנדערע פראַגן האָט איר גאָר ניט?

איך: — דערפאַר האָט איר זיך באַצייטנס באַוואָרנט, איצט פאַרט איר נאָך באָסטאָן אַ פּאַרטיקער פּרעזידענט. איר ווילט נישט נעמען קיין טשענטשעס אַזוי ווי אַמאָל?

וויינבערג: — אַבי איר פאַרשטייט.

איך: — וואָס דענקט איר וועגן אַן „אָלד עידזש האָום"?

וויינבערג: — איך וועל צוערשט וואַרטן און זען וואָס דאָס פאָלק זאָגט וועגן דעם.

איך האָב געוואָלט שטעלן נאָך פראגן, מ'האָט מיר אָבער גע־לאָזט וויסן אַז מיין צייט איז פאַריבער. געדאַנקט דעם פּרעזידענט און פאַרלאָזט זיין קאַבינעט און זיך אָוועקגעלאָזט זען דעם וויים־פּרעזידענט פרענק עפּשטיין.

* * *

איר ווייסט דאָך, וויים־פּרעזידענטן אין אַרבעטער רינג שפּילן די זעלבע ראָלע ווי די וויים־פּרעזידענטן אין אַמעריקע. מער ווי שיקן זיי צו באַנקעטן טויגן זיי נישט. צו וואָס מ'דאַרף זיי איבער־היפּט ווייסט איין גאָט. איגנאָרירן אַ וויים־פּרעזידענט וואָלט פון מיין זייט געווען אַ פאַרברעכן. האָב איך דאַרום באַשלאָסן צו כאַפּן אַ שמועס אויך מיט דעם וויים־פּרעזידענט, בפרט איז עפּשטיין אַ נאַש־בראַט, און איך האָב אים דערפאַר אַדרעסירט ווי אַן איי־גענעם. און מיין ערשטע פראַגע איז געווען:

איך: — איר בלייבט?

עפּשטיין: — איך ווייס נאָך נישט.

איך: — וואָס הייסט איר ווייסט נאָך נישט?

עפּשטיין: — איר קאָנט האַלטן אַ סוד?

איך: — אַ פראַגע צי איך קאָן האַלטן אַ סוד?

עפּשטיין: (אין דער שטיל) — ס'איז דאָך אַן אָפּקומעניש צו זיין אַ וויים־פּרעזידענט ביי אַלע פּרעזידענטן. אָבער אונטער וויינ־בערגן איז אַן אמתער גהינום.

איך: — נו, און אונטער כאַנינען איז אייך געווען בעסער?

עפּשטיין: — איר פאַרשטייט? כאַנין איז אַן אייגענער מענטש. גלייכט צוזונעמען דאָס ביסל כבוד אַזוי ווי אַלע פּרעזידענטן, אָבער, ער מאַכט עס אַזוי אַז ס'זאָל אויסקוקן דעמאָקראַטיש...

איך: — נו, דענקט איר זיך אויסצוגלייכן?

עפּשטיין: — ניט מיט וויינבערגן.

איך: — הייסט עס, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פון דעם גאַנצן כבוד?

עפּשטיין: — זאָל אַן אַנדערער אַריינכאַפּן די מציאה.

איך האָב אָנגעפּאַנגען קריגן אויף דעם מענטשן גרויס רחמנות, און מיט גרויס עגמת נפש האָב איך פאַרלאָזן זיין אָפּיס און אַוועק־געלאָפן זיך זען מיט די רעדאַקטאָרע פון „בולעטין”.

* * *

אריינקומענדיק אין דער רעדאקציע, האָב איך געטראָפן לואי ראַטמאַנען אויסגעצויגן אויף אַ בעטל, דאָס פּנים צוגעדעקט מיט אַן אַלטן נומער „בולעטין" אַז די פליגן זאָלן אים נישט בייסן. געליבטער ווידער איז געזעסן ביים דעסק, און געלייענט אַלטע נומערן. באַלד איז ראַטמאַן אויפגעשפּרונגען פון דעם דרימל מיט אַ שמייכל, קענטיק אַז אים האָט זיך געחלומט אַן אָריגינעלער וויץ, און איך שטעל די פראַגע, צו קאָן איך האָבן מיט זיי אַן אינטער־וויו? דער ערשטער וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף מיין פראַגע איז געווען ראַטמאַן, און אַ געשריי געטאָן: שוט!

איך: — פאַר וועמען, איך בעט אייך, דרוקט איר דעם בולעטין?

געליבטער: — „איטס נאָן אָוו יו גאָדעם ביזנעס".

ראַטמאַן: (צו געליבטער) — „טריט הים נייס".

איך האָב געזען אַז מ'רעדט צו מיר אָנשטענדיק בין איך גע־וואָרן ווייכער, און פרעג ווידער — ס'הערט זיך אַז די קאָנווענשאָן זאָל אַרויסשיקן אַ רעפערענדום צו די מעמבערס צי זאָל דער „בולע־טין" דערשיינען אָדער ניט.

ראַטמאַן: — דאָס וועט נישט פּאַסירן.

אַפּוואַרטנדיק אַביסל האָב איך זיי ווידער אָנגעפאַנגען צו ציען פאַר די פּאָלעס.

איך: — פון וואַנען נעמט איר די וויצן?

געליבטער: — פון ראַטמאַנס פּראַטאָקאָלן.

איך: — זייער אויפריכטיק, און פון וואַנען נעמט איר די גע־דאַנקען וועגן די קאַרטונס?

געליבטער און ראַטמאַן (קוקן זיך ביידע אָן): איר ווייסט אויך שוין פון דעם?

איך: — דאָס גאַנצע שטעטל ווייסט שוין.

ראַטמאַן צו געליבטערן: — מיר האָבן דאָ אַ שפּיאָן אין דער רעדאַקציע.

איך: — מיר האָבן אויך שפּיאָנען אין אונדזער רעדאַקציע.

וואָס איז? איר זייט פון אונדזערע קעגנער? שטעלט אויף מיר אַן ראַטמאַן אַ פּאָר אויגן, אויב איר כאַפּט זיך גלייך נישט אַרויס פון דאַנען, וועט איר ניט אַרויס מיט גאַנצע ביינער.

איך האָב געזען אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט „טאָף גאַיס", און זיך גלייך אָפּגעטראָגן.

* * *

נאָך דעם אינטערוויו מיט די רעדאַקטערע פון „בולעטין" בין איך געלאָפן זען ישורין, דער טשערמאַן פון דער קאָנסטיטושאָן קאָמיטע, ישורין די סטירינג קאָמיטע, און נאָך איינעם, יעפּימקע.

באַלד ביי מיין ערשטע פראַגע האָב איך דערזען אַז ס׳שפּראָצט פון דעם דאָזיקן יידן גאַל, קנאָבל, ציבעלע, פעפערלעך און אַנדערע הארבע זאַכן, איך האָב אָבער געמוזט אויספּילן מיין מיסיע, און מיין ערשטע פראַגע איז געווען:

איך: — הייסט עס אַז איר האָט דערהאַרגעט העסקלען?

ישורין: — ווער פרעגט ביי אייך?

איך: — איך האָב שוין אינטערוויוט גרעסערע מעכטע. איר מעגט ענטפערן.

ישורין: — ווער זייט איר?

איך: — איך בין אַ רעפּאָרטער, און בין געקומען צו אייך נאָך אַן אינטערוויו.

ישורין: — וואָס ווילט איר וויסן?

איך: — וואָס זיינען די וויכטיקסטע פּאָליטישע פראַגען היינט אין אָרבעטער רינג?

ישורין: — „איטס נאָן אָוו יור ביזנעס".

איך: — אַזוי רעדט אַ קולטור מענטש? אַ ביבליאָגראַף, אַ ווילנער אינטעליגענט?

ישורין האָט מער נישט געוואָלט ריידן מיט מיר און האָט זיך אָפּגעקערט. אין עטלעכע מינוט בין איך שוין געווען אין גאַס, וואו מען האָט מיך אַרויסגעפירט ווי איך וואָלט געווען אַ חתן וואָס מען פירט צו דער חופה. דער אונטערפירער איז געווען יאַנקעלע ראָטמאַן וואָס איז ישורינס „באַנדזער". איך האָב זיך שנעל אָפּגעטראָגן ווי אַן אונטערגעשאָסענער...

מען שיקט מיך צו האָבן אַן אינטערוויו מיטן נייעם סעקרעטער פון אַרבעטער רינג

אין יידישן טעאַטער איז אַמאָל געווען פּאָפּולער אַ לידל וואָס האָט געהייסן „אַלץ לייגט מען אַרויף אויף מיר"... אין דעם דאָזיקן לידל האָט מען געשילדערט אַ יידן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער שלים-מזל, וואָס אין יעדער צרה וואָס ס'האָט פּאַסירט אין זיין שטעטל, ווי: גנבה, אַ שרפה, אַ מאָרד אָדער אַ פאַרפלייצונג — איז שולדיק געווען דער דאָזיקער קרבן; בעת אין דער אמתן איז דער דאָזיקער ייד געווען גאָט די נשמה שולדיק.

אַזאַ אומשולדיקע באַשעפעניש בין איך, וואָס טשעפּע נישט קיין פליג אויף דער וואַנט, און ווי יענער ייד טשעפּען זיך צו מיר אַלע צרות וואָס איז שווין נישט אויסצוהאַלטן...

אַזאַ דערפאַרונג האָב איך געהאַט, ווען מיין רעדאַקטאָר האָט מיך באַשטימט אַז איך זאָל זיך טרעפן מיט כאַנינען און מיט אים האָבן אַן אינטערוויו.

יעדן מאָל, ווען אונדזער בלעטל דאַרף ערשיינען, נעמט דער רעדאַקטאָר אַראָפּ די האַנט פון הארצן, רופט זיינע קאָלעגן-מיט-אַרבעטער אין אַ פיינעם רעסטאָראַן און גיט זיי אַ גוטן מאָלצייט, באַשטימט פאַר יעדן אַ טעמע איבער וועלכער זיי דאַרפן שרייבן. די מיטאַרבעטער שלינגען אַראָפּ זיינע באַפעלן צוזאַמען מיטן עסן און דאַרפן אַלץ פאַרדייען...

מאַקס גאַפּטן גיט ער אַ טעמע, וואָס איך קאָוויר אייך, אַז אפילו י. פּאָגעל וואָלט עס געקאָנט אָנשרייבן... יעקב פישמאַנען הייסט ער שרייבן אַ „פעליעטאָן", וואָס אַ ליאָדע גאָרנישט וואָלט עס געקאָנט מאַכן.. פרענק עפּשטיינען באַפעלט ער צו שרייבן אַ לידל, וואָס יעדן בדחן וואָלט עס געקאָנט זאָגן... ס. רעגענסבערגן גיט ער שטענדיק די זעלבע טעמע, ער זאָל שרייבן וועגן שיקאַגאָ,

וואָס איז די לייכסטע אַרבעט פאַר אים, ווייל יעדן יאָר דרוקט ער איבער די זעלבע מעשה און קיינער כאַפּט זיך נישט אַז דאָס איז שוין געווען אַמאָל געדרוקט... י. פּאָגלען הייסט ער שרייבן וועגן די יידישע טרייד־יוניאָן־פירער, וואָס קיינער זעט זיי נישט דעם גאַנצן יאָר... ער אַליין נעמט זיך שטענדיק צו דער זעלבער טעמע — נעקראָלאָגן, וואָס דאָס איז זייער אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל... דער איינציקער, וואָס איז אַלעמאָל אָריגינעל, איז דער אַרטיסט לאָלאָ, אָבער דאָס איז דערפאַר, ווייל לאָלאָ נעמט נישט קיין אָרדערס פון קיינעם, און יעדן מאָל וואָס מ'הייסט אים צייכענען אַ קאַרטון, קומט דער קאַרטון אַרויס אַנדערש ווי מ'האָט ביי אים געאָרדערט... און דערפאַר זיינען זיינע קאַרטונס אַלע מאָל זייער געלונגען...

צו מיין שלים־מזל האָט דער רעדאַקטאָר מיך באַשטימט, אַז איך זאָל דאָס מאָל האָבן אַן אינטערוויו מיט כאַנינען, וועלכער איז לעצטנס דערוויילט געוואָרן אַלס דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם אַרבעטער־רינג. די דערפאַרונג, וואָס איך האָב געהאַט מיט מיין איצטיקן דזשאַב, וואָלט איך נישט געוואונטשן מיין ערגסטן שונא. די פילע טעג וואָס איך בין נאָכגעלאָפן נאָך מיין קרבן און אים נישט געקאָנט פאַקן, האָב איך נאָר געהאַלטן אין איין פרעגן ביים רבונו של עולם: וואָס האָב איך זיך פאַר דיר אַזוי פאַרזינדיקט, וואָס דו האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ יידישן שרייבער? וואָס האָט דיך געאַרט, וואָס איך בין געווען אַ שניידער און געמאַכט לייטישע מלבושים פאַר מענטשן, וואָס האָבן געהאַט גרויס הנאה און געטראָגן מיינע קליידער מיט שטאָלץ — אַנשטאָט דעם אַז זיי זאָלן לייענען מיינע „זאכן" און דאָס נישט קאָנען אַריבערטראָגן?... נאָר גיי האָב טענות צו גאָט, וואָס הערט דיר ווי דער פאַראַיאָריקער שניי... און ווי האָט געזאָגט שלום עליכם: אמרו לאלהים — רעד צו דער וואַנט...

מילא, אַ באַפעל איז אַ באַפעל. וואָס האָב איך זיך געקאָנט העלפן ווען דער רעדאַקטאָר גיט זיין אָרדער צו זיין „דזשי־אַי"?... נישט אויספאָלגן, מיינט צושטעלן „צום ווענטל"... האָב איך איינגעפּאַקט מיינע זאכן, ווי פּאַפּיר, אַ פּענסיל, פאַרצייכנט די פראַגן

וואָס איך דאַרף שטעלן כאַנינען, און זיך אוועקגעלאָזן צו האָבן מיט אים דעם אינטערוויו.

איך בין, נאַטירלעך, אוועק אין הויפּט-אָפיס פון אַרבעטער-רינג, גענומען דעם עלעווייטער צום אַכטן שטאָק, וואו עס געפינט זיך דער אָפיס פון גענעראַל-סעקרעטאַר. ווען איך האָב דערלאַנגט מיין וויזיט-קאַרטל צו דער מיידל, וואָס זיצט ביים „סוויטש-באָרד", און איר געזאָגט, אַז איך בין געקומען זען כאַנינען — האָט דאָס מיידל אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער און מיך אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט געווען אַ צעדרייטער... און רופט זיך אָפּ צו מיר: „יו אַר קרעיזי". זי האָט מיר צוריקגעגעבן מיין קאַרטל און זיך שטאַרק צעלאַכט; קענטיק, אַז איך בין נישט געווען דער ערשטער יאָלד וואָס בין יענעם טאָג געקומען זען כאַנינען...

אויף דעם זעלבן שטאָק האָב איך פילע פריינט צו וועמען איך האָב זיך געווענדט, אַז זיי זאָלן מיר באַהילפיק זיין זיך צו זען מיט כאַנינען, ווי: ב. געבינער, ראָוז אַש, ביל סטוירן, פרענק עפּשטיין. צום ערשטן צו וועמען איך האָב זיך געווענדט, איז געווען ב. געבינער. ער האָט מיך אויפגענומען זייער וואַרעם, אָנגעוויזן אויף אַ שטול און מיר געהייסן זיך זעצן. ער האָט מיר געגעבן עטלעכע נומערן „פריינד", איך זאָל איבערלייענען עטלעכע פון זיינע פּראָטאָקאָלן — איך זאָל זיך נישט לאַנגווייליקן... ווען איך האָב אים געזאָגט דעם צוועק פון מיין מיסיע, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו טאָן אַלץ אין דער וועלט, אַפילו מיך מאַכן פאַר אַ „מעמבער עט לאַרדזש" — אָבער נישט זאָגן מיר וואו כאַנין געפינט זיך...

בין איך שוין צוגעגאַנגען צו פרענקעלע עפּשטיין, און מיט טרערן אין די אויגן זיך ביי אים געבעטן ער זאָל מיר ווייזן וואו כאַנין געפינט זיך. „איך בין גרייט" — האָט ער מיר דערקלערט, „איך בין גרייט אייך צו העלפן, מען זאָל אייך אַריינגעמען אין דער ‚אַלד איידזש האָום', אָבער זאָגן אייך וואו כאַנין געפינט זיך, דאָס קאָן איך זיך נישט דערלויבן"...

באַלד איז צוגעקומען ראָוז אַש און מיר געגעבן אַ הארציקן „גוט-מאָרגן", און ווי שטענדיק, מיט אַ שמייכל אויף איר פּנים. פון

איר פיינער האַלטונג האָב איך געזען, אַז ביי איר וועל איך זיכער אויסגעפינען וואו כאַנין געפינט זיך. ווען איך בין אַריין צו איר אָפיס, וואָס איז שטענדיק אַ מחיה דאָרט צו זיצן... און האָב איר דערקלערט דעם צוועק צוליב וועלכן איך בין געקומען אין אָפיס, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי איז גרייט מיר צו שיקן די שענסטע נוירס ווען איך וועל זיין קראַנק... און ווען איך וועל געבן אַ שטאַרב, וועט זי פאַר מיר אָנגרייטן דעם שענסטן פּלאַץ אויף דער סעמע־טערי מיט אַלע אימפּראָוומענטס... אָבער וואו כאַנין געפינט זיך, דאָס, זאָגט זי, ווייסט זי אַליין אויך נישט...

מיין לעצטער פּרוּוו איז געווען — זיך צו זען מיט ביל סטוירן; ער איז געווען מיין לעצטע האָפענונג וואָס וועט מיך אַרויסראַטעווען פון מיין ביטערער לאַגע. מיין גרויסע איבעררעשונג איז געווען, וואָס סטוירן האָט צו מיר גערעדט אין אַזאַ געשמאַקן יידיש, ווי ער וואָלט ערשט גראַדואירט פון דעם סעמינאַר אונטער יעפּרויקינס אונטערריכט... אויך ביי סטוירנען האָב איך נישט געהאַט קיין גרויס מזל: ער, פּונקט ווי די אַנדערע, האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אויב איך וויל אַריין אין סאַניטאַריום... האָט ער ביי דעם אַדמיניסטראַ־טיוון קאָמיטעט גרויס „פּול", און וועט מיך קאָנען אַריינגעמען אָן שוועריקייטן...

איך האָב שוין אין מיין לעבן אַלס רעפּאָרטער געהאַט גענוג שוועריקייטן צו „קעטשן" מיינע העכט. ביי וועמען איך האָב באַ־דאַרפט נעמען אַן אינטערוויו, אָבער אַזעלכע צרות ווי איך האָב געהאַט מיט כאַנינען זיך מיט אים צו טרעפן, איז מיר אויסגעקומען צום ערשטן מאָל. איך האָב שוין איין מאָל אַ יידן אינטערוויוט אין אַ טעקסי... אַ צווייטן, אין דער לאַבי אין יידישן טעאַטער צווישן די אַקטן... אַ דריטן, ביי אַ פּינאַקל געים, אויך דאַן ווען מיין קאַנדידאַט האָט „געדילט" די קאָרטן צו די אַנדערע דריי שפּילער און ער האָט געהאַלטן אין זיין האַנט דעם „טאַלאָן"... כאַנין פאָרט אָבער נישט אין קיין טעקסים; אויב ער פאָרט שוין יאָ אַמאָל אין אַן אָטאָמאָביל, איז עס אין יודל באַרענסטיינס קאַר... אין יידישן טע־אַטער קומט כאַנין צום דריטן אַקט... קאָן מען אים צווישן די אַקטן נישט טרעפן... אין קיין קאָרטן שפּילט ער ניט; יאָ, איך האָב אים

איין מאָל טאַקע געטראָפן שפּילן „ראָמי" אין ארבעטער־רינג קעמפּ, האָט ער ביי יענער געים פאַרשפּילט גאַנצע דרייצן סענט... דערביי איז דעמאָלט געשטאַנען י. פּאָגעל, דער לייבאָר־עדיטאָר פון „פאָר־ווערטס", האָט זיך איינער פון די שפּילער אָנגערופן צו פּאָגלען, אַז ער זאָל באַשרייבן אין „פאָרווערטס", אַז כאַנין איז אַ גרויסער קאַליקע אין שפּילן „ראָמי", האָט אים פּאָגעל געענטפערט — אַז ער שרייבט בלויז נייעס...

עס איז מיר נישט געווען מקנא צו זיין, ווען איך זאָל דאַרפן צוריקקומען צום רעדאַקטאָר און אים זאָגן, אַז איך קאָן נישט „קעטשן" כאַנינען... איך בין שוין געווען גרייט צו זאָגן אַז איך נעם זיך אונטער צו אינטערוויוען ווינסטאָן טשוירטשילן, פּרעזידענט טרו־מאַנען, קלעמענט עטלין, מאַלענקאָוון און וועמען ער וויל — נאָר ער מוז מיך באַפרייען פון דעם דזשאָב צו אינטערוויוען כאַנינען. נאָר ווער האָט דאָס אַזאַ מוט צוצוגיין צום רעדאַקטאָר און אים זאָגן, אַז איר קאָנט נישט אויספּילן זיין באַפעל? בין איך שוין אַוועק אין אָפיס פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, דאָרטן האָט מיך יעקב פּאַט אויפגענומען ווי אַ קייסער, ווייל ער האָט געמיינט, אַז איך האָב אים געבראַכט כאָטש אַ צען טויזנט דאָלאַר פאַרן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט... ווען איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין דאָ אַהער געקומען זען זיך מיט כאַנינען, האָט ער זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט, אַז ער מוז גלייך אַוועקגיין צו אַ קאָנפערענץ און מיך איבער־געלאָזן אַליין... בין איך שוין אַריין זען ב. טאַבאַטשינסקין און אים דערקלערט, אַז איך נויטיק זיך זייער שטאַרק צו זען זיך מיט כאַנינען — איז אָנשטאָט מיר צו ענטפערן, האָט ער מיר גאָר דערציילט עטלעכע וויצן... און מיט דעם בין איך אַוועק...

לויף איך שוין אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס", און — אַ נעכטיקער טאָג... גיי איך שוין אַריין אין אָפיס פון יידישן סאָציאַ־ליסטישן פאַרבאַנד, און טראַכט ביי זיך: אפשר וועל איך אים דאָרטן טרעפן שרייבן זיינע „בריוועלעך צו אַ פריינט" אין „וועקער" — די זעלבע מעשה... לויף איך שוין אין אָפיס פון יידישן קולטור־קאָנגרעס — קריג איך דאָרטן אַ לעקציע וועגן קולטור פון דעם סעק־רעטאָר פּנחס שוואַרץ. אין וואָס, מיינט איר, איז באַשטאַנען די

לעקציע? מ׳דאַרף שאַפן געלט פאַרן קולטור־קאָנגרעס, אַז נישט איז גרויסע צרות...

אָבער וואו איז כאַנין? וואָס טוט מען? האָב איך באַשלאָסן אים אָנצושרייבן אַ בריוול מיט פראַגן, ער זאָל מיר ענטפערן, און דאָס אָפּדרוקן — אָנשטאָט דעם אינטערוויו. דאָס איז געווען אַ גוטער איינפאַל און ס׳האָט אויסגעקוקט אַז איך בין אַ געהאָלפענער. אין עטלעכע טעג אַרום, קריג איך אַ תשובה פון כאַנינען, אַז ער האָט דערהאַלטן מיין בריוול, און דאָס בריוול האָט אים דערמאָנט אין מיר — אַז איך האָב שוין אַ לאַנגע צייט נישט אַריינגעבראַכט קיין פאָר טולער פאַר די אַרבעטער־רינג שולן... און וועגן מיינע פראַגן — ענטפערט ער נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג...

איצט דערוואַרט איך, אַז דער רעדאַקטאָר וועט מיך פאַר־קלאָגן פאַר הויף־פאַררעכט און איך וועל געמשפּט ווערן פון דעם „טשיף דזשאַסטיס" פאַר נישט אויספאָלגן זיינעם אַ באַפעל... איך וועל בלויז בעטן ביי מיין ריכטער, אַז איך בין גרייט אָנצונעמען זייער פּסק־דין — אַבי מ׳זאָל מיך נישט באַשטימען צו האָבן אַן אינטערוויו מיט כאַנינען. עס איז נישט פאַר מיינע כוחות זיך צו טרעפן מיט אַ מענטשן וואָס וויל פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט: זיין דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, דער טשערמאַן פון אָפּיס־קאָמיטעט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, שרייבן אין „וועקער" „אַ בריוועלע צו אַ פריינט", שרייבן פאַרן „פאָרווערטס", טראָגן אויף זיין קאָפּ די אַרבעטער־רינג שולן, פאַר־זאָרגן דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס מיט זאַמלען געלט ער זאָל קאָנען מאַכן אַ לעבן... העלפן דער יידישער ענציקלאָפּעדיע, אָרגאַנ־ זשירן דעם דריטן סדר... און האַלטן רעדעס... ווען כאַנין וועט מיר צוזאָגן אַז ער וועט פון היינט אָן זיך באַשעפטיקן מיט איין דזשאָב, וועל איך קאָנען זיך מיט אים טרעפן און מיט אים האָבן אַן אינטער־וויו — אפשר פאַרן קומענדיקן נומער.

הערץ גראָסבאַרד און דער „צעשיסער"

בעפאָר איך גיי דאָ באַשרייבן מיינע איינדרוקן פונעם אינטער־וויו וואָס איך האָב געהאַט מיטן „צעשיסער", וויל איך וואָרענען מיינע קאָלעגן זשורנאַליסטן, אַז ווען זיי וועלן זיך ווען עס איז אונטערנעמען צו האָבן אַ געשפּרעך מיט אים און קומען אין זיין אָפּיס נאָך אַן אינטערוויו, זאָלן זיי זיך פריער אָנגרייטן עטלעכע סענדוויטשעס, אַ טעפּעלע קאַווע, און ווען זיי קאָנען נאָך באַהויפּטן מיט זיך מיטצונעמען אַ „קאַט" — אַזאַ אויפשטעל־בעטל, — איז אוודאי גוט. עס וועט זיי די אַלע זאַכן גוט צענוץ קומען.

נאָכדעם ווי כּאַנינס סעקרעטאַרשע, מיס מעלניק, האָט פאַר מיר צוגעגרייט אַ דעיט זיך צו טרעפן מיט כּאַנינען און האָבן מיט אים דעם באַשטימטן אינטערוויו פאַרן „צעשיסער", בין איך געקומען אין דער באַשטימטער צייט. ווי נאָר איך בין אַרויף אויפן זיבעטן פלאָר, וואו דער אָפּיס פונעם „צעשיסער" געפינט זיך, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיר איז אויסגעקומען צו שטיין לעבן עלעווייטאָר אין אַ לאַין וואָס האָט זיך געצויגן ביז דעם אָפּיסל וואו דער „צעשיסער" זיצט, מיין פּראָטעסטירן צו דער סעקרע־טאַרשע אַז פאַר מיר איז אָפּגעמאַכט געוואָרן אַ באַשטימטע שעה זיך צו טרעפן מיטן „צעשיסער", האָט נישט געהאָלפן. די סעקרעטאַרשע איז דאָ נישט געווען שולדיק. שולדיק איז דער „צעשיסער" אַליין, וואָס ער מוז זיין אויף אַלע חתונות. און אין דער לאַין האָב איך געטראָפן די מחותנים וואָס איך וועל דאָ — איידער איך גיי אייך דערציילן פונעם אינטערוויו — אויסרעכענען ווער זיי זיינען געווען.

איך האָב דאָ געטראָפן מענדעלסאָנען וואָס איז געקומען צו כּאַנינען בעטן ביי אים, ער זאָל נישט חלילה פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון די בונדיסטן, וואָס ער, כּאַנין, גייט שטיצן די ארץ־ישראל

רעזאָלוציע ביי דער קאָנווענשאָן פון דעם יידישן אַרבעטער קאָמי־טעט אין אַטלאַנטיק סיטי...

איך האָב דאָ אויך געטראָפן יעפים ישורין, פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג, וואָס האָט געוואָרט אויף כּאַנינען אים צו וואָרנען אויפצופּאַסן אויפן בודזשעט פון בילדונגס־קאָמיטעט און נישט טיילן אַזוי פיל סובסידיעס צו די שולן...

איך האָב דאָ געטראָפן דעם דיכטער אברהם רייזען, וואו ער איז געקומען בעטן כּאַנינען ער זאָל אָפּשטעלן די כוואַליע פון באַנ־קעטן פון אָרגאַניזאַציעס צו זיין 60 יאָריקן יובילעאום, אין וועלכער דער דיכטער זעט אַ גרויסע קאָנקורענץ.

דאָ איז אויך געשטאַנען דער דירעקטאָר פון יידישן קונסט טעאַטער, מאָרים שוואַרץ, וואָס איז געקומען אַפּעלירן צו כּאַנינען אַז ער זאָל זען, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל אָפּשטעלן געבן סוב־סידיעס צו דער „פאָלקס בינע” אין וועלכער ער זעט אַ געפאַר פאַרן קונסט טעאַטער...

דאָ זיינען אויך געשטאַנען די דיכטער יעקב גלאַטשטיין און לייוויק, וואָס זיינען געקומען אויסדרוקן זייער ענטציקונג צו דעם גרויסן וואָרט־קינסטלער הערץ גראָסבאַרד, וואָס האָט אַזוי קלאַסיש אויסגעטייטשט זייער ווערק, פאַר וועלכע זיי זיינען געקומען דאַנקען כּאַנינען וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַריבערברענגען אַזאַ פיינעם אַרטיסט. איך האָב צו דער זעלבער צייט אויך גע־טראָפן אין דער ליין לוצקין, וואָס איז געקומען צו כּאַנינען פּראָ־טעסטירן למאי הערץ גראָסבאַרד לייענט זיינע לידער...

ווען ס'איז שוין געקומען צו מיין נעקסט, און די סעקרעטאַרשע האָט אויסגערופן מיין נאָמען אַז איך קאָן שוין אַריינגיין, האָב איך שוין נישט געהאַט קיין כוח צו שטיין אויף מיינע פיס, איך בין שנעל אַריין אין אָפיסל, וואו איך האָב דערוואַרט צו טרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט אַ צעשיסער וואָס וועט זיין פאַרנומען מיט רעוואָלווערן, מאַשין־ביקסן, פּאָליעמיאָטן, האַנט־גראַנאַטן, און אַנ־דערע כלי זין, צום סוף האָב איך גאָר געטראָפן אַ יידן וואָס גיט זיך אָפּ מיט רעדאַגירן אַ צייטשריפט וואָס הייסט „קולטור און דערציאונג”. אַרויסגעבן ביכלעך פאַר קינדער וואָס לערנען זיך

אין אַרבעטער־רינג שולן, און וואָס ווערן אויך באַנוצט אין אַנדערע וועלטלעכע שולן. די דאָזיקע ביכלעך ווערן אויך געשיקט אין איי־ראָפּע וואו עס לערנען זיך די לעבנגעבליבענע יידישע קינדערלעך און זיינען זייער דאַנקבאַר כאַנינען פאַר דעם דאָזיקן געשאַנק. איך האָב דערביי געטראַכט, אפשר מיינען זיי, די קאָמוניסטן, די ביכ־לעך וואָס כאַנין שיקט צו די קינדערלעך אין אייראָפּע פאַר געפּער־לעכע אַמוניציע קעגן דיקטאַטור וואָס זיי האָבן כאַנינען אַ נאָמען געגעבן „דער צעשיסער"...

איך האָב געוואָלט מיט כאַנינען אויפנעמען עטלעכע וויכטיקע וועלט פּראָבלעמען, דאַרונטער אויך עפּעס וועגן זיין בוך וואָס איז ערשט דערשינען, און זיין שטורעמדיקע פאַרגאַנגענהייט. איך האָב געזען, אַז דער מענטש טראַכט וועגן עפּעס און נישט געקאָנט פאַרשטיין וועגן וואָס ער טראַכט. איך בין געווען זיכער אַז ער וועט מיר געבן די געהעריקע ענטפערס און איך האָב אָנגעפאַנגען מיין געשפּרעך וועגן וועלכן אונדזערע לעזער זיינען געווען נייגעריק צו לייענען דעם דאָזיקן אינטערוויו. איך פאַנג אָן:

— זאָגט מיר עפּעס, פריינט כאַנין, וועגן אייער יונגנט?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן וועגן הערץ גראָסבאַרד, לייענט וואָס חיים ליבערמאַן זאָגט וועגן אים אין „פאָרווערטס".

— ווער איז דאָס דער הערץ וואָס האָט אָנגעשריבן אייער ביאָ־גראַפיע אין אייער בוך?

— ווען ער וואָלט עפּעס געווען געשריבן וועגן הערץ גראָס־באַרד, וואָלט איך אים זיכער געווען געלייענט, אַזוי ווי ער האָט געשריבן וועגן מיר איז עס נישט אינטערעסאַנט....

— וואָס הערט זיך עפּעס אין אַרבעטער־רינג? — פרעג איך ווייטער.

— ווען דער אַרבעטער־רינג גיט מיר נישט קיין געלעגנהייט אַריבערצוברענגען אַזאַ קינסטלער ווי הערץ גראָסבאַרד, ווער וואָלט פון אים אין אַמעריקע עפּעס געוואוסט?

— וואָס איז אייער מיינונג איצט וועגן ארץ־ישראל?

— איך בין זיכער, — ענטפערט כאַנין, — אַז ווען הערץ

גראָסבאָרד וועט פּאַרטיק ווערן מיט זיין איצטיקן טור אין אַמע־ריקע, וועט ער נאָך מאַכן אַ טור אין ארץ־ישראל.

— עפּעס האָב איך געהערט, — זאָג איך צו כּאַנינען מיטן צוועק אים אַרויסצורופן צו רעדן איבער דער טעמע „הערץ גראָסבאָרד", אַז די בונדיסטן זיינען זייער אין כּעס אויף אייך פֿאַר די ארץ־ישראל רעזאָלוציע וואָס איר גייט דורכפירן אין אַטלאַנטיק סיטי ביי דער קאָנווענשאָן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט?

— פּאַרקערט! — שרייט אויס כּאַנין מיט פּאַטאָס — דער פירער פון די בונדיסטן אין אַמעריקע איז דאָך שלמה מענדעלסאָן. איר האָט געלייענט אין „קולטור און דערציאונג" וואָס מענדעלסאָן זאָגט וועגן הערץ גראָסבאָרד?

דאָ איז אַריינגעקומען די סעקרעטאַרשע און אָנגעפרעגט ביי איר באָס וואָסערע סענדוויטשעס ער וויל האָבן פאַר לאָנטש. — קאָרנדביף — איז געווען כּאַנינס ענטפער.

מיט מאָסטאַרד אָדער אָן מאָסטאַרד? — פרעגט מיס מעלניק.

— מיט גראָסבאָרד, — איז געווען כּאַנינס ענטפער.

איך האָב געזען אַז ס'איז „נאָ יוז" צו האָבן היינט דעם אינ־טערוויו מיט דעם „צעשיסער". איך האָב גענומען דעם הוט און מאַנטל און זאָג אים גוד באַי. כּאַנין שטעלט זיך אויף און ציט אויס זיין האַנט און דאַנקט מיר פאַר דעם אינטערוויו וואָס איך האָב ערשט מיט אים פאַרענדיקט, און רופט אויס צו מיר, — גוד באַי, מיסטער גראָסבאָרד!

ווען איך האָב געעפנט די טיר האָב איך געזען אַ פרעמדן יונגנ־מאַן וואָס האָט געוואַרט אויף זיין נעקסט, און וואָס איז גלייך אַריינגעגאַנגען צו כּאַנינען. איך האָב געפרעגט ביי די סעקרע־טאַרשע ווער איז דאָס דער יונגערמאַן וואָס איז אַקאָרשט אַריין צו כּאַנינען?

— הערץ גראָסבאָרד, — איז געווען איר ענטפער...

ווי אַזוי יודל באָרענשטיין האָט מיך גענומען פאַר אַ „ראַיד״ און פאַרפירט צו סידאָר בעלאַרסקין אין הויז

מיין רעדאַקטאָר האָט מיר געגעבן אַ באַפעל, אַז איך מוז תיכף זיך אַרויסלאָזן און אויפזוכן יודלען און מיט אים האָבן אַן אינטער־וויו פאַר דעם ספּעציעלן נומער וואָס דאַרף דערשיינען לכבוד זיין יום־טוב.

פון דער דערפאַרונג וואָס איך האָב געהאַט אַרומזוכנדיק יודלען בין איך געקומען צום שלוס, אַז ס'איז פיל גרינגער צו כאַפּן אַ גמילות חסדל, אַ „קאָלד״, אַן „אַרגומענט״, ווי צו כאַפּן יודלען... באַלד ווי איך האָב געקראָגן דעם באַפעל פון רעדאַקטאָר בין איך נאַטיר־לעך אַוועק צו יודלען אין דער היים צו האָבן מיט אים דעם אינטער־וויו און ווי געוויינלעך, אים נישט געטראָפן...

שרהלע האָט מיך אויפגענומען ווי זי נעמט אויף יעדן גאַסט מיט איר זיסן שמייכל. באַלד איז דער טיש געווען אָנגעשטעלט פון כל טוב. ווען איך האָב זיך געפרעגט אויף יודלען, האָט מיר די מאַדאַם באָרענשטיין געענטפערט, אַז נאָר וואָס איז ער אַריבער צו לייבוש לעהרער וועגן אַ וויכטיקן ענין, און איך לאָז זיך גלייך צו די לעהרערס אין הויז.

ווען איך האָב אָנגעקלונגען ביי די טיר וואו לייבוש לעהרער וואוינט, האָט מיר די מאַדאַם לעהרער געזאָגט, אַז יודל און איר מאַן זיינען אַוועק אויף אַ זיצונג אין די ייוואָ. איך האָב געכאַפּט אַ טעקסי און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער ייוואָ געביידע. אין אָפיס פון דער ייוואָ האָט מיך מאַרק יאָווילער אויפגענומען זייער גאַסט־פריינטלעך, און ווען איך האָב זיך געפרעגט אויף יודלען האָב איך געקראָגן אַ תשובה, אַז יודל איז נאָר וואָס אַוועק צו אַ זיצונג פון

דער יידישער ענציקלאָפּעדיע. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און אַוועק דאָרטן זוכן יודלען.

אַ גאָר ברייטן שלום עליכם האָב איך דאָרטן געקראָגן פון חבר גילינסקי און די אַנדערע חברים וואָס קהלן זיך אַרום די ענציקלאָפּעדיע. יעדער האָט מיר אָנגעבאָטן אַ שטול צו זיצן און האָבן צו מיר אַרויסגעוויזן די העכסטע גאַסט־פריינטשאַפט אַזוי ווי איך וואָלט געווען זייער גרעסטער מעצענאַט... ווען איך האָב זיי דערציילט דעם צוועק פון מֿיין מיסיע, האָב איך געפילט ווי אַ קאַלטער ווינט איז אָנגעקומען אין דעם אָפּיס, און ביסלעכוויז, און איינציקווייז, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזן פון אָפּיס און געבליבן איז מיט מיר בלויז חבר גילינסקי. איך האָב שפּעטער דערפאָרן, אַז די קאַלטקייט איז געקומען צו מיר, וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז איך האָב זיי געבראַכט עטלעכע טויזנט דאָלער פון מיין אָרגאַני־זאַציע... און צום סוף בין איך גאָר געקומען נאָך יודלען.

דאָס מאָל האָב איך שוין געהאַט באַשלאָסן צו רעזיגנירן פון מיין דזשאָב... איך בין אַוועק צו דער „פאָרווערטס" געביידע, וואו עס געפינט זיך די רעדאַקציע. ווי נאָר איך בין אָנגעקומען נאָענט צו דער געביידע, האָב איך געהערט אַ טראָבן פון אַן אָטאָמאָביל און הער אַ שטימע וואו מ׳רופט מיך. דאָס איז געווען דאָס קול פון יודלען, וואָס האָט מיך גערופן און אין באַפעלערישן טאָן צו מיר זיך אָנגערופן, עפּענענדיק די טיר פון זיין קאַר, — קומט שנעל! איך האָב קיין צייט נישט, און איך בין אַריין אין זיין מאַשין.

אין דער מאַשין האָב איך געטראָפן י. באַסקין, טשאַרלי זימער־מאַן און לואי נעלסאָן. יודל האָט אַ פייף געטאָן און דער מאַשין האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף יודלס שטייגער צו סידאָר בעלאָרסקי אין הויז אויף אַ זייער וויכטיקער באַראַטונג... צווישן באַסקינען און יודלען איז פאָרגעקומען אַ הייסע דעבאַטע. איך האָב געקיבעצט יודלען פאַרוואָס ער לאָזט זיך נעמען פאַר אַ „ראַיד" פון באַסקינען ווען ער אַליין פירט די קאַר... יודל האָט זיך פאַרענטפערט, אַז באַסקין האָט דעם פאַרצוג איבער אים ווייל די הענט זיינען ביי אים געבונדן ביים רעדל, און אַ ייד קאָן נישט פירן קיין דעבאַטע ווען די הענט זיינען ביי אים נישט פריי... און רופט זיך אָפּ צו מיר:

נעמט איר איבער די מאַשין וועט איר זען אַז איך וועל פון באַסקינען מאַכן פּיפּקעס... איך האָב גלייך געענטפערט, אַז ווען איך זאָל איבער־נעמען די מאַשין וואָלט באַלד געוואָרן אוים דעבאַטע...

איך האָב געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט און טאַקע דאָ אין דער מאַשין האָבן מיין אינטערוויו מיט יודלען, און רוף זיך אָפּ צו אים אַז איך זוך אים שוין צוויי טעג און וויל פון אים אַן אינ־טערוויו. יודל האָט נישט דערהערט דעם וואָרט „אינטערוויו" און האָט געמיינט אַז ס'האָט זיך שוין געגרינדעט אַ נייע קולטור־אָרגאַניזאַציע אין דער יידישער גאַס, און פרעגט ביי מיר — וויפיל וועט עס מיך קאָסטן? און שוין געהאַלטן זיינע הענט אין קע־שענע...

— איז טאַקע אמת, יודל, אַז איר זייט שוין געוואָרן אַ 60ער? פאַנג איך אָן מיין אינטערוויו. יודל האָט נישט דערהערט וואָס איך מיין און פרעגט ביי מיר — וואָסערע סומע איז עס ביי אייך עפּעס 60 דאָלער? און הונדערט וועט איר נישט נעמען? איך האָב אים אויפגעקלערט דעם גאַנצן עסק, אַז ס'טראָגן זיך אַרום קלאַנגען, אַז ער איז שוין נישט קיין „באַיטשיקל" און איז שוין געוואָרן אַ זקן... כאָטש ער זעט נאָך אוים אַזוי יונג אַז ס'פּאַסט פאַר אים צו זיין אַ מיטגליד אין דער יוגנט קאָמיטע פון אַרבעטער־רינג. איך פרעג ביי אים די ערשטע פראַגע וואָס קיינער האָט נאָך די דאָזיקע פראַגע נישט פאַרענטפערט וועגן יודלען וואָס ער איז דער איינ־ציקער ייד אין אונדזער ראַדיקאַלער און יידישער קולטור־וועלט וואו ער איז אַ טעטיקער טוער סיי אין די אַרבעטער רינג שולן און סיי אין דעם שלום עליכם אינסטיטוט, און ביידע גרופּן האָבן צו אים גרוים אכטונג... און איך וויל ווייטער וויסן, וואו נעמט ער אַזויפיל כח זיך אָפּצוגעבן אין ביידע אָרגאַניזאַציעס?

— ר' ייד — ענטפערט מיר יודל — איך האָב ליב די אַרבעטער רינג שולן ווי מיין אייגענעם לעבן, נאָר לויט מיין ענערגיע האָט דער אַרבעטער רינג נישט גענוג שולן פאַר מיינע כוחות... דעריבער בין איך פאַרנומען אין ביידע, — איז געווען זיין ענטפער.

איך האָב ווייטער געוואָלט וויסן, וואו עס נעמט זיך צו אים אַזוי פיל כוח און ענערגיע וואָס ער גיט זיך אַזוי פיל אָפּ מיט דער ייוואָ,

ציקאַ, יידישער קולטור קאָנגרעס, אַרבעטער רינג קעמפּ, קעמפּ בוי־בעריק, יידישער ענציקלאָפּעדיע, שלום עליכם אינסטיטוט, יידישער אַרבעטער קאָמיטעט, הסתדרות, און אַנדערע קולטור אינסטיטוציעס? און ווען האָט ער צייט אַביסל פאַר זיין פרוי און די קינדער און די אייניקלעך? ביי דעם מאָמענט איז די קאַר אָנגעקומען צו דער הויז וואו עס וואוינט סידאָר בעלאַרסקי. מיר זיינען אַלע אַריין אין הויז און דעם קאָמיטעט וואָס יודל האָט געפירט אין זיין קאַר האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט צו האָבן זייער זיצונג... די טעמע וואָס זיי האָבן אויפגענומען איז פאַר מיר געווען אַ פרעמדע, און בין גלייך איינגעשלאָפן...

אויפן באַן מיט די ניו-יאָרקער א. ר. דעלעגאַטן צו אַ קאָנווענשאָן אין באָסטאָן

איר הערט? פאָרן איז ביי מיר אַלעמאָל אַן אָפּקומעניש. עס ווענדט זיך ווי אַזוי איך פאָר. פאָר איך מיטן עראָפּלאַן, גרילצט מיר אין די אויערן ווי ביי אַ זיצונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו ווען יאַנקעלע ראָטמאַן גיט אָפּ זיין באַריכט אין יידיש.

פאָר איך מיט אַ שיף, דרייט זיך ביי מיר דער קאָפּ ווי ביי באַסקינס אַ באַריכט ווען ער דערלאַנגט אונדז אַ פאָרציע ציפערן...

פאָר איך מיט דער באַן, האָב איך אויך צרות: גייט די באַן אויף אַ גלייכע ליניע, שלאָף איך גלייך איין ווי ביי אַ באַריכט פון דען איפשין, פון דער אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע...

פאַנגט די באַן אָן קריכן באַרג אַרויף, און דער אינדזשין קרעכצט און סאָפּעט, ווער איך שוין נערוועז, ווי נאָך אַ באַריכט פון פריינט יעפּרויקין ווי עס האַלט מיט אונדזערע שולן איבערן לאַנד...

אַנדערש איז ווען איך פאָר מיט אַן אָטאָמאָביל, נאָר דאָ מוז איך זיך אָפּשטעלן, און אייך ניט מאַטערן ווייל איר וועט מיך נישט אויסהערן, ווי די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו וויל נישט אויסהערן די פּראָטאָקאָלן פון פריינט געבינערן...

אַן אמתע אָפּקומעניש איז געווען מיין יאַזדע מיט די ניו-יאָרקער דעלעגאַטן נאָך באָסטאָן. ווי נאָר איך בין אַרויף אויף דער באַן האָב איך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט און די פּאַסנדע קאָמפּאַניע מיט וועמען איך זאָל קאָנען פאַרברענגען די עטלעכע שעה, וואָס די רייזע געדויערט. אין דעם ווינקל וואו עס זענען געשטאַנען יאַנקל ראָבערטס, מ. וואָלפּערט, דזש. שאָר, ה. גראָף און דיסקוטירט דעם „אַלד איידזש האָום" איז פאַר מיר נישט געווען אינטערעסאַנט צו נעמען אַן אָנטייל אין אַן אַלטע דעבאַטע... אין אַ צווייטן ווינקל וואו לואי געלפאַר, י. רובינשטיין, מ. קליבאַרד האָבן

געוואַלט באַווייזן אַז אין „שרה־נעם" (סורינאַם)... ליגט די גאַנצע צוקונפט פון יידישן פאָלק.. איז פאַר מיר געווען נודנע... און פון מאַרים גאָלדאַווסקים גרופּע בין איך שנעל אַנטלאָפן, ווייל איך האָב מורא געהאַט אַז מען וועט מיר נאָך פאַרקויפן אַ שקל... האָב איך זיך אויסגעזוכט אַ פּלאַץ לעבן אַ פענצטער, אַרויסגעקוקט אויף גאַטס שיינע וועלט און ווי מיין טבע איז גלייך איינגעשלאָפן...

חלומט זיך מיר, איך געפין זיך אין דעם שיינעם זאַל וואו די קאָנוועַנשאָן דאַרף געעפנט ווערן. עס שווינדלט מיט מענטשן וואָס שטראָמען אין זאַל אַריין אָנגעטאָן אין די שענסטע יום טובדיקע קליידער, איך זיץ שוין ביים פרעס־טיש מיט אַ רעפּאָרטער־קאַרד פון דעם „בולעטין" גרייט צו פאַרצייכענען וואָס דאָ וועט באַלד פאָרקומען.

באַלד באַווייזן זיך די הויפּט באַאַמטע פון אַרבעטער רינג, מיט דעם פרעזידענט ישורין בראש. נאָך אים גייען באַסקין, כאַנין, געבינער און סטוירן. מיט זיי די באַאַמטע פון דער באַסטאָנער אַראַנדזשמענטס קאָמיטע. דוד אייזענבערג גייט צו צום „מאַיק" און וויל פאָרשטעלן דעם פרעזידענט צו האַלטן זיין ערעפענונגס רעדע. דאָ אָבער שטעלט זיך אויף כאַנין און רופט אויס — „איך מאַך אַ פאָרשלאַג אַז מיר זאָלן מאַכן נאָמינאַציעס פאַר אַ פאָרזיצער...

אין האָל ברעכט אויס אַ שטורם: ישורין ווערט אין כעס און שרייט — אַז לויט דער טראַדיציע און קאָנסטיטוציע דאַרף דער פרעזידענט עפענען דעם קאָנוועַנשאָן. כאַנין ברעכט אים אונטער און שרייט אַז זייט די שולן עקזיסטירן, ווערט אַ פאָרזיצער דער־ווילט פון די דעלעגאַטן. די דעלעגאַטן און דער גרויסער עולם ווערן צוטומלט און ווייסן נישט וואָס דאָ קומט פאָר. איך קריג אַ צעטעלע צום פרעס־טיש פון געבינערן, אַז כאַנין האָט דאָ געמאַכט אַ טעות און מיינט אַז די קאָנוועַנשאָן פון די אַרבעטער־רינג שולן איז נאָך נישט פאַרענדיקט... ישורין און כאַנין קוקן זיך ביידע אָן ווי אויפגערעגטע הענער און זענען גרייט זיך צו כאַפּן פאַר די טשופרינעס און אויסקעמפן דעם קאַמף אויף דער בינע.

געראַטעוועט די לאַגע האָט אונדזער סעקרעטאַר יוסף באַסקין. באַסקין איז צוגעקומען נאָענט צו ישורינען און כאַנינען און זיי

געוואָלט עפּעס ווייזן אַז זיי זאָלן באַרואיקן זייערע געמיטער און שלעפּט אַרוים פון אַ גרויסן פּאַרטפעל עפּעס וואָס די דעלעגאַטן האָבן געמיינט אַז באַסקין איז שוין גרייט צו צאָלן פּעידע... דאָס האָט ענדלעך איינגעשטילט די דעלעגאַטן און ס'איז געוואָרן רואיק... כאַנין האָט עפּעס געגעבן אַ מורמל און מיט אַ בייזן בליק אויף ישורינען אַוועק אין אַ זייט. וואָס ווייטער האָט פּאַסירט קאָן איך אייך נישט שילדערן, מחמת דעם וואָס ביי דעם מאָמענט האָט מען מיך אַ שטויס געטאָן און מיט אַ באַפעלערישן טאָן געפרעגט ביי מיר „ווער איז יור בעגעדזש?" אַ הויכער גוי מיט אַ קוקאַרדע האָט מיך אַ טרייסל געטאָן און מיר אָנגעזאָגט די בשורה אַז איך בין שוין אין באָסטאָן. אויפן באַן איז שוין קיינער נישט געווען, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערזען דורכן פענצטער אַ סך מענטשן וואָס האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט די ניו־יאָרקער געסט ווי זיי וואָלטן זיך שוין נישט געזען פילע יאָרן. און דאָ האָב איך זיך ערשט געכאַפּט, אין וואָס פאַר אַ פּלאָנטער דער בעל החלום האָט מיך פאַרפירט. אַז גאָט זאָל נאָר שומר און מציל זיין.

אַ בריוועלע צו אַ פריינט

ליבער פריינט:

איך האָב לעצטנס דערהאַלטן זייער פיל בריוו פון פריינט וואו זיי דריקן אויס אַ פאַרלאַנג, אַז איך זאָל רעאַגירן אויף פילע זאַכן וואָס האָבן לעצטנס פּאַסירט אויף דער יידישער גאַס; דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דיין בריוו, און די פראַגע וואָס דו באַרירסט וויל איך היינט באַהאַנדלען.

פון דיין בריוו איז צו זען, אַז דו ביסט געוואָרן זייער באַגייסטערט וואָס כּאַנין איז געקרוינט געוואָרן אַלס גענעראַל סעקרעטאַר פון אַרבעטער-רינג און דו גיבסט אַ סך קאָמפּלימענטן דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פאַר באַשטימען אים צו דעם דאָזיקן אַמט.

כּאַנינס דערהויבונג צו דעם דאָזיקן אַמט — שרייבסטו מיר אין דיין בריוו — האָט אויפסניי באַשטעטיקט דיין גלויבן אין אַמעריקע, אַז אונדזער לאַנד איז נאָך אַלץ דאָס געבענטשטע לאַנד פון גרויסע מעגלעכקייטן זיך אַרויפצואַרבעטן און ווערן אַ לייט...

דו דערמאָנסט אין דיין בריוו די עפּאָכע פון כּאַנינען, וואָס האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אין די סיבירער טורמעס, געקומען קיין אַמעריקע אַלס אָרים יינגל און געקראָגן אַ דזשאָב אַלס היטל-מאַכער, און פון די שכירות וואָס ער האָט געקראָגן איז ער דריי מאָל אַ טאָג געשטאָרבן פון הונגער... ער האָט זיך שפּעטער „אַרויפגעאַרבעט" און איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, און זיינע שכירות אין פאַרבאַנד זיינען נישט געווען בעסער ווי אַלס היטל-מאַכער... ער איז אויך שפּעטער געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון קעמפּ גן-עדן, וואָס האָט דאַן געמאַכט נישט קיין בעסערע געשעפטן ווי דער פאַרבאַנד...

פון דיין בריוו איז צו מערקן, אַז דו ביסט גאָר נישט געווען באַגייסטערט פון כּאַנינס פּאָזיציע אַלס בילדונגס-דירעקטאָר פון אַרבעטער-רינג — ווייל ער האָט געהאַט צו טאָן מיט מלמדים...

און אָרעמע שולן, מיט וועלכע כאַנין האָט זיך געדאַרפט מוטשען די לעצטע זעכצן יאָר, און היינט ביסטו צופרידן, וואָס ענדלעך, האָט כאַנין געקראָגן זיין פאַרדינטן פּאָסטן, וואו ער וועט זיצן אין זיין קאַבינעט און רעגירן איבער אַ גרויסער אימפּעריע און פאַר־וואַלטן אַ קאַסע וואָס איז גרעסער ווי די בודזשעטן פון פילע אייראָפּעאישע פעלקער...

דו גיבסט אויך איבער אין דיין בריוו, אַז דו האָסט געהאַט גרויס רחמנות אויף כאַנינען, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען צו באַזאָרגן די גאַנצע וועלט. ווי: דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, דעם „פאָר־ווערטס”, דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, די „ציקאָ”, די יידישע ענציקלאָפּעדיע, דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס און פילע אַנדערע יידישע קולטור־ און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. דו האָסט זיך געשראָקן פאַר דעם, וואָס כאַנין איז שוין נישט קיין „ספּרינג־טשיקען” און פאַרנעמען זיך מיט אַזוי פיל אַרבעט וועט נאָך אים חלילה שאַטן צו זיין געזונט, און היינט ביסטו צופרידן וואָס ער וועט זיין פאַרנומען מיט זיינע פליכטן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג און וועט איבערלאָזן צו אַנדערע זיך צו פאַרנעמען מיט די דאָזיקע נאַרישקייטן...

איך וואָלט נישט געוואָלט שטערן דיינע אילוזיעס וועגן כאַנינען — אַז פון היינט אָן וועט ער זיך מער נישט מישן אין אַנדערע געשעפטן און זיך בלויז אָפּגעבן מיט די פליכטן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר. ווי עס זעט אויס, קענסטו נישט כאַנינען אַזוי ווי מיר קענען אים... דו מיינסט צו זאָגן, אַז כאַנין וועט קאָנען איינזיצן ביי זיך אין אָפיס און איבערלאָזן אַלץ צו יעקב פּאַטן, אָדער צו טאַבאַטשינסקין, אַז זיי זאָלן פירן די גאַנצע גרענדע אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט? נישט ביי מאַטיען! אַנטשולדיקט, נישט ביי כאַנינען!... אַמאָל, ווען אַב. קאַהאַן איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס”, האָט זיך כאַנין ווייניק געמישט אין דער „פאָר־ווערטס”־רעדאַקציע. און ווען כאַנין האָט באַגעגנט קאַהאַנען, האָט ער אים בלויז געזאָגט „גוט מאָרגן” און זיך גלייך אָפּגעטראָגן... ראַגאָפן דערגייט כאַנין די יאָרן, ער גיט אים עצות וועלכע אַרטיקלען ער זאָל יאָ דרוקן און וועלכע נישט, און צו וועלכן שרייבער ער דאַרף

זיך מער צוהערן און וועלכע צו איגנאָרירן... איר וועט ביי כּאַנינען נישט פועלן ער זאָל אויפגעבן דעם „פאָרווערטס״.

און וואָס דענקסטו וועט ווערן פון יידישן קולטור-קאָנגרעס? ווי לאַנג וועט אונדז דער יידישער קולטור-קאָנגרעס געבן קולטור אָן כּאַנינען? כּאַנין איז נישט קיין יאָלד און איבערלאָזן צו אַזעלכע קולטור-טרעגער ווי ש. ניגער, ה. לייוויק, אַ גלאַנץ, פּנחס שוואַרץ און אַנדערע, אַז זיי זאָלן טראָגן די גאַנצע לאַסט צו פאַרזאָרגן קולטור אַלע יידן איבער דער גאַנצער וועלט — אָן כּאַנינען...

און וואָס איז מכּוח דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד? שיין וועט דער פאַרבאַנד אויסזען ווען כּאַנין וועט זיך פאַרלאָזן אויף לעווין-שאַצקעס, דזשאָו לעווענטאַל און גענאָסע עדעלסאָן... און צו זיי איבערגעבן דעם גאַנצן פאַרבאַנד... האָסטו פאַרגעסן, ליבער פריינט, דעם קעמפּ גן-עדן? געדענקסטו די צייטן ווען כּאַנין האָט געניאַנטשעט דעם קעמפּ גן-עדן און האָט אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט, געבויט די „באַנגעלאָס״ וואָס שטייען אויף אַ פעסטן פונדאַמענט... און מיט זיין שווערער פּראַצע געמופּט דעם האָדסאָן טייך נענטער צום קעמפּ, וואָס מאַכט דעם קעמפּ אויסקוקן אַזוי וואונדערלעך-שיין מיט אירע בלויע פאַרבן פאַרנאַכט ווען די זון זעצט זיך...

ניין, ליבער פריינט, דו האָסט זיך איינגערעדט אַ זאַך וואָס איז בלויז אַ חלום און אַ שיינע פאַנטאַזיע, אַז פון היינט אָן וועט כּאַנין זיך אָפּגעבן מיט זיין אַמט אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר און די אַנדערע געשעפטן וועט ער איבערלאָזן צו אַנדערע. עס איז אמת, אַז זינט ער איז דערווײלט געוואָרן גענעראַל-סעקרעטאַר, קומט ער יעדן פריימאָרגן פריער ווי די אַנדערע אָנגעשטעלטע... און אַטענדעט צו זיינע געשעפטן. דאָס איז דערפאַר, וואָס כּאַנין האָט מורא, אַז טאָמער וועט ער קומען שפּעט אין אָפיס — קאָן ער נאָך געפינען אָן אַנדערן אויף זיין פּלאַץ... און ער וויל זיין זיכער אַז קיינער וועט נישט פאַרנעמען זיין דעסק... און דערפאַר קומט ער אַלע טאָג אַזוי פרי...

גלויב מיר, ליבער פריינט, אַז איך האָב דיר נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת נפש, וואָס דו האָסט זיך אַזוי פרי געפרייט וואָס אונדזער פריינט וועט פון היינט אָן ווערן אַ לייטישער מענטש און אויף דער עלטער זיצן ביי זיך אין קאַבינעט און פאַרוואַלטן

די גרויסע מלוכה פון אַרבעטער־רינג. אַן אַנדערער אויף זיין פּלאַץ, ווי אַ שטייגער אַ פּרעזידענט פון אַמעריקע, אָדער אַ פּרעמיער־מיניסטער פון אַ גרויסע מלוכה, שטעלן אַן מיניסטאָרן און זיי פאַר־טרעטן שוין די אינטערעסן פון זייערע רעגירונגען און באַריכטן שפּעטער צו דעם הויפּט פון זייער מלוכה — און אַזוי האָט באַ־דאַרפט האַנדלען כאַנין! איז ווידער די אייגענע מעשה, אַז ווען כאַנין איז געווען דער פאַרוואַלטער פון קעמפּ גן־עדן, האָט ער אַליין צורעכטגעמאַכט די בעטן אין די באַנגעלאָוס, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף דער פרוי וואָס איז געווען אַנ־געשטעלט צו רייניקן די צימערן... און עס ווערט אויך איבער־געגעבן, אַז ער האָט אויך איין מאָל אָפּגעזאָגט דעם גוי וואָס האָט געשיילט די בולבעס, ווייל דער גוי האָט געשיילט צו דיקע שאָלן... און ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ פאַרטעך און געשיילט די בולבעס אַליין, צו קאָנען שפּאָרן דעם פאַרבאַנד געלט...

און ווען כאַנין איז געווען דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, איז ער אויך געווען גלייכצייטיק דער רעדאַקטאָר פון „וועקער", דער אָרגאַניזער, דער פּובליסיטי־מאַן, דער רייזנדער אַגענט און — דער רעדנער...

און דערפאַר האָט כאַנין געהאַט אַ סך קעגנער ווען ער האָט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג. ארקין האָט מורא געהאַט, אַז כאַנינען וועט זיך נאָך פאַרגלוסטן צו ווערן פּרעזידענט; יחיאל עבעריל האָט געציטערט, אַז כאַנין וועט נאָך ביי אים צונעמען דעם דזשאָב אַלס וויס־פּרע־זידענט; געבינער האָט זיך געשראָקן, אַז כאַנין וועט נאָך שרייבן די פּראָטאָקאָלן; ווילי סטוירן האָט אין כאַנין געזען אַ קאָנקורענט אַלס פירער פון דער ענגלישער יוגנט... און ישורין האָט זיך גע־שראָקן, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע...

יאָ, ליבער פריינט, כאַנין האָט אַ גרויסן אַפּעטיט און פון אַלץ איז ער אַ ספּעץ, און דערפאַר זיינען מיר נישט זיכער, אַז כאַנין וועט זיצן אין זיין קאַבינעט, ווי דו האָסט זיך פאַרגעשטעלט, און זיך אָפּרוען אויף דער עלטער... און ס'טוט מיר זייער לייד, וואָס איך האָב צעשטערט דיין אילוזיע...

אַן אָנשיקעניש אַזאַ

ס'האָט מיט מיר איינמאָל געטראָפן די זעלבע מעשה ווי מיט יענעם יידן, וואָס איז געקומען אין פּאַריז און האָט געוואָלט גיין אין אַ געוויסע גאַס און איז צוגעגאַנגען צו איינעם וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ייד און גיט ביי אים אַ פרעג — „פּעטער! זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי גייט מען דאָ אין עליזבערנאַרד סטריט?" דער דאָזיקער פּאַריזער איז געוועזן אַ שטאַמלער און ענטפערט אים: „אין פּאַריז זיינען פאַראַנען דריי מיליאָן מענטשן האָט איר ניט געקאָנט אויסקלייבן אַן אַנדערן, נאָר גראָד מיך?"

אין ניו־יאָרק געפינען זיך פערציק טויזנט מיטגלידער פון אַר־בעטער־רינג וואָס גייען אין די ניו־יאָרקער גאַסן אַזוי ווי איך, און גראָדע איז אויף מיר אויסגעפאַלן דער גורל, וואָס אַ באַקאַנטער אַרבעטער־רינג טוער, באַפאַלט מיך און לאָזט מיך ניט אָפּ און איך מוז פון אים אויסהערן די טענות וואָס ער האָט קעגן די איצטיקע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע און אירע באַאַמטע. פאַר אַ שעה צייט האָט מיך דער דאָזיקער מענטש געמאַטערט און פאַר מיר געשילדערט יעדן פון די זעקס און צוואַנציק מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע וואָס געפעלן אים ניט און כאָטש רוף אַ נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן און „אימפּיטש" זיי.

נאָר איידער איך גיי איבערגעבן דעם יידנס טענות, מוז איך פאַר אייך שילדערן ווער דער דאָזיקער ייד איז:

ווען אין אַרבעטער־רינג זאָל ניט זיין אַ געזעץ אַז אַ מיטגליד אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע טאָר ניט זיין לענגער ווי צוויי טערמינען, וואָלט איר דעם דאָזיקן יידן אַלעמאָל געטראָפן אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע... יעדן מאָל ווען דער דאָזיקער ייד ווערט דערוויילט אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, פרעגן אַלע, וואָס קענען אים, אין וואָס באַשטייט דעם יידנס כוח וואָס ער ווערט אַלע־מאָל טאַקע דערוויילט? אין די צוויי יאָר וואָס דער ייד מוז זיין אין

„דרויסן" ביז ער קאָן נאָכאַמאָל דערוויילט ווערן, ווערט איר פון דעם דאָזיקן יידן אויך ניט פּטור: ווי נאָר ער „פאַלט ארויס" פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, פאַלט ער גלייך אריין אין דעם סעמעטערי דעפּאַרטמענט... ווערט אים ענג אין דער סעמעטערי... טרעפט איר אים אין מעדיקל דעפּאַרטמענט, אָדער גאָר אין שטאַטישן קאָמיטעט. און אויב איר גייט אַמאָל אריין צו אַ זיצונג פון די דאָזיקע קאָמיטעס און איר טרעפט ניט דעם דאָזיקן יידן, וועט איר אים זיכער טרעפן אויף דער פּיקטשור אויף יעדער קאָמיטע... די פּיקטשור פון דעם דאָזיקן יידן וועט איר זען אין „פאָרווערטס", אָדער אין די ארבעטער-רינג אויסגאַבן, מערער מאָל ווי די פּיקטשור פון פּרעזידענט טרומאַנען אין די אַמעריקאַנער פּרעסע...

דער ייד האָט אַ מום וואָס אים פעלט דער (שין) אָדער דער (לאַמעד) ווען ער רעדט צו אייך: שולן איז ביים אים „סולן" און ישורין איז ביי אים „יסורין". אַז אים קומט אוים צו פרעגן ביי אַן ארבעטער-רינג טוער צי ער לויפט אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, אָדער אַלס דעלעגאַט צו אַ קאָנווענשאָן, גיט ער ביי אים אַ פרעג: איר יויפט? אַט די דאָזיקע אַנשיקעניש, איז מיך לעצטנס באַפאַלן און זיך פאַר מיר „אראָפּגערעדט פון הארצן" וועגן די איצטיקע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו און אירע באַאַמטע, וואָס זיי זיינען ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי, און מען דאַרף פון זיי וואָס שנעלער פּטור ווערן...

ווען איך וואָלט אייך דאָ איבערגעגעבן אַ צענט-חלק וואָס דער דאָזיקער ייד האָט מיר געזאָגט וועגן די זעקס און צוואַנציק מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, וואָלט איך באַדאַרפט אָנשרייבן אַ בוך. נאָר אַזוי ווי דער פּלאַץ איז באַשרענקט, וועל איך בלויז איבערגעבן וואָס דער דאָזיקער ייד זאָגט וועגן אונדזער פּרעזידענט לעאָן ארקין, וועגן אונדזער וויים-פּרעזידענט י. עבעריל, און זיין מיינונג וועגן דעם טשערמאַן פון אָפּיס-קאָמיטע.

„ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס מען האָט אימפּאָרטירט אַ קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון ארבעטער-רינג אַזש פון באָסטאָן? וויניק קאַנדידאַטן פאַר דעם דאָזיקן אַמט זיינען פאַראַן אין ניו-יאָרק? — עס פירט זיך ביי לייטן, אַז ווען אַ נייער פּרע-

זידענט גייט אַריין אין אמט, ברענגט ער עפּעס נייעס וואָס די פריערדיקע פּרעזידענטן האָבן ניט געהאַט. און וואָסערע נייעסן האָט אונדז געבראַכט אַרקין? גאָר ניט: האַלט ער פאַר אונדז אַ רעדע, גיט ער אונדז מסולים און תורה, אַזוי ווי דאָס וואָלט ביי אונדז געווען אַ נייעס. ווייניק תורה און פסוקים האָבן מיר זיך שוין אָנגעהערט פון באַסקינען? איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, ווען מיר איז אויסגעקומען צו ריידן פאַר אַרבעטער-רינג ברענטשעס און האָב געוואָלט נאָכזאָגן באַסקינס תורה האָב איך נאָך ווי עס איז געקאָנט נאָכזאָגן, קומט מיר אוים נאָכצוזאָגן אַרקינס פסוקים, איז דאָס פאַר מיר אַזוי שווער צו פאַרדייען ווי די עדיטאָריעלס אין „פריינד"...

— „אַ פּרעזידענט אין געווען יסורין! — אַט איז שוין אַרקין פּרעזידענט אַ האַלב יאָר און וואָס האָט ער אויפגעטאָן? ווען יסורין איז געווען פּרעזידענט אַ האַלב יאָר, איז ער שוין געווען אין ישראל, אין פּאַריז, אין אַרבעטער-רינג קעמפּ... און וואו איז שוין געווען אַרקין? ווייטער פון איסט בראָדוויי איז ער דאָך ניט געווען... איז דאָס ביי אייך אַ פּרעזידענט? ניין! אַזעלכע פּרעזידענטן האָבן מיר אין ניו-יאָרק געקאָנט געפינען „ביי די בושעלס". און מען האָט זיך ניט באַדאַרפט מטריח זיין כדי צו ברענגען אַזאַ צאַצקע אַזש פון באָסטאָן...

— „און אונדזער נייער וויים-פּרעזידענט י. עבעריל, איז אויך ניט בעסער ווי דער פּרעזידענט: זעט איר, אַ וויים-פּרעזידענט איז געווען מאַקסעלע גאָפּט! איר האָט באַדאַרפט בייוואוינען אַ זיצונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע ווען איך בין דאָרט געזעסן. ווען מען האָט איינגעלאַדן די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע צו אַ באַנקעט און יסורין האָט זיך אַרומגעקוקט וועמען צו באַשטימען, האָט מאַק-סעלע גאָפּט אַלעמאָל געגעבן אַ שטופּ יסורינען און אים דערמאָנט, אַז איך בין גרייט צו גיין... און טאַקע אַ דאַנק גאָפּטן, בין איך געווען ביי מער באַנקעטן ווי די אַנדערע מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע... אַט דאָס איז ביי מיר אַ וויים-טשער-מאַן... און ניט אַזאַ סעלפּים עבעריל, וואָס זיצט ביי די זיצונגען ווי אַ שטומער, און זאָגט קיינמאָל ניט דעם פּרעזידענט וועמען ער זאָל באַשטימען צו גיין צו באַנקעטן...

„האָט האָבן זיי איצט אַ טשערמאַן פון דער אָרגאַניזיישאָן קאָ־מיטע דזשעק צוקערמאַן, און פאַרגלייכט אים מיטן פריערדיקן טשערמאַן יעקב פישמאַן? ווען פישמאַן איז געווען דער טשערמאַן פון דער אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע, בין איך דאָך אויסגעפאָרן אַ וועלט... געווען אין באָפעלאָ, אין ראָטשעסטער, אין אָלבאַני, און וואו איר ווילט נאָר אַליין: רייד איך איצט מיט די מעמבערס פון דער איצטיקער אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע, דערציילן זיי מיר, אַז זייער טשערמאַן, צוקערמאַן, זאָגט זיי, אַז פון דער דערפאָרונג פון דער פריערדיקער קאָמיטע, צייגט זיך אַרויס, אַז וואָס מער מען האָט אַרויסגעשיקט איבערן לאַנד די מעמבערס פון דער אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע אַלץ מער מעמבערס האָבן זיך געלאָזט שטרייכן... נו, און אַז עס האָבן זיך געלאָזט שטרייכן מעמבערס, דערפאַר דאַרף מען האָבן אַן אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע אַז זיי זאָלן זיצן אין דערהיים? וואָס פון אונדזער ארבעטער־רינג איז געוואָרן? אויב ניט גיין צו באַנ־קעטן און אויך ניט מאַכן אַ יאָזדע, פון צייט צו צייט, צו וואָס, איך בעט אייך, דאַרף מען אינגאַנצן די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע?

„זעט איר, זיי האָבן איצט אַ טשערמאַן פון דער אָפיס קאָמיטע — אייזיקל הילמאַנען, דאַרף מען אים אינגאַנצן אַריינשטעלן אין אַ מוזעאום... אַזאַ פאַרשוין וואָלט איך געמאַכט פאַר אַ טשערמאַן אין אַ מושב זקנים, אין אַ חברה קדישא, אָדער גאָר פאַר אַ שמש פון אַ סול, וואָס שיקט אַרויס קאָמיטעס צו וואַטשען איבער טויטע... איר האָט אים שוין געזען פאַרנאַכט אין אָפיס ווי ער קאָמאַנדעוועט? לויפט אַרום איבערן אָפיס ווי אַ ווילדער, רעדט צו קיינעם ניט אַ וואָרט און טוט קיינמאָל ניט אויס זיין באַרימטן העט... וואו ער האָט פאַצאַפּעט אַזאַ היטעלע, ווייס איין גאָט אין דער וועלט: עס טראָגן זיך אַרום קלאַנגען, אַז ער איז נאָך מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק געווען אין אַ טערקישער באָד, און ווען ער איז אַרויפ־געקראָכן אויף דער „אויבערשטער באַנק" און דער „פאַרסטשיק" האָט אים אָנגעטאָן אַ היטעלע, האָט ער זיך אין דעם דאָזיקן היטעלע אַזוי פאַרליבט, אַז ער טראָגט עס נאָך ביזן היינטיקן טאָג...

„און איצט, פאַרגלייכט אים מיטן פריערדיקן טשערמאַן פון דער אָפיס־קאָמיטע, מיט יאַנקעלע ראָטמאַן? ראָטמאַן — ווען ער

האָט דערזען אַ באַקאַנטן — האָט ער אים באַגריסט, געגעבן אַ זעץ איבער די פּלייצע... און אין אַלגעמיין געווען אַ „נאַש-בראַט" און אַ פּאַרשוין: דער היינטיקער טשערמאַן פון דער אָפּיס קאָמיטע, איז אַ ייד אַ חלוש, ווי אַן אויסגעווייקטער הערינג... און אַז איר קוקט אויף אים, דערמאָנט איר זיך אין די בילדער פון די אויס-געהונגערטע יידן וואָס מען האָט געטראָפן נאָך דער מלחמה אין די דייטשישע קעמפּס...

„אַן אַנשיקענט זעט איר איז דער טשערמאַן פון בילדונגס-קאָמיטעט הענעך סאַבאַטקאַ. אַט דער „איפּסל" וואָס האָט שוין געדינט אַלע עבודה זרות, געווען אַ טאָמאַסיסט, אַ פאַרבאַנדיסט, אים האָט מען אויסגעקליבן צו זיין דער טשערמאַן פון דעם ביל-דונגס קאָמיטעט. אַמאָל איז דער טשערמאַן פון בילדונגס-קאָמיטעט געווען אַ שרייבער, אַ פּאָעט, אַ פילאָזאָף, און היינט איז דער טשערמאַן פון דעם בילדונגס-קאָמיטעט אַ ייד אַ שניידערוק, און דער וויצע-טשערמאַן אַ לאַטוטניק... אַזאַ יידן ווי הענעך סאַבאַטקאַ, וואָלט איך געמאַכט פאַר אַ באַהעלפער פון אַ מלמד, וואָס זאָל טראָגן די קינדער אין חדר אַריין... אָבער ניסט דעם פירער פון אונדזערע סולן און קולטור-פאַרזאָרגער.

„היינט זיינע קאָלעגן אין דעם בילדונגס-קאָמיטעט, איינער ווי איינער, וואָס טויגן אפשר פאַר כאַנינען... אָבער ניט פאַרן אַרבע-טער-רינג... און ווער, איך בעט אייך, דאַרף אינגאַנצן בילדונג אין אַרבעטער-רינג? סיידן דער בילדונגס קאָמיטעט"...

דער דאָזיקער טשיקאַווער פּאַרשוין וואָלט נאָך מיך געוועזן געמאַטערט, ווען ניט דער צופאַל, וואָס אין דער „פאָרווערטס" געביידע איז גראָדע פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַרבעטער-רינג ברענטשעס, וואו דער דאָזיקער ייד איז געווען אַ דעלעגאַט און האָט זיך געאיילט צו גיין צו דער קאָנפערענץ וואו דער „פאָרווערטס"-פאָטאָגראַפער האָט געזאָלט נעמען אַ פּיקטשור און האָט ניט געוואָלט קומען שפּעט... האָט ער מיר געזאָגט אַ שנעלן גוד-ביי און איז פאַרשוואונדן און איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט.

ווי געפעלט אייך אַזאַ אַנשיקעניש?

ווען איך בין ישורין...

עס איז פשוט נישט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ מענטש ווי ישורין, וואָס ווערט פון אַלעמען באַטראַכט אַלס אַ ייד אַ חכם און וואָס פאַרמאָגט נאָך אַזוי פיל ענערגיע און זעט אויס ווי אַ „איפּסל״ זאָל זיך אַזוי „באַנאַרישן״ און אַנאַנסירן פאַר דער וועלט, אַז ער איז שוין געוואָרן אַ 65־ער?...

לויט זיין אויסזען, וואָלט ער דאָך נאָך געקאָנט זיין דער פירער פון דער יוגנט־באַוועגונג אין אַרבעטער־רינג. וואָס איז? די איצטיקע פירער פון דער יוגנט־באַוועגונג זיינען דען יינגער? נישט אַנדערש ווי ישורין איז אַראָפּ פון זינען...

אַזאַ „באַקאַנטמאַכונג״ פּאַסט פאַר אַ יאַנקעלע ראָטמאַן, וועלכער האָט „געלאָזט וויסן דער וועלט״, אַז ער איז שוין געוואָרן אַ 70־ער. מיט וואָס אַנדערש האָט ער זיך אויסצושטעלן? אָבער ווי קומט עס צו ישורינען? פאַרוואָס האָט ער נישט גענומען אַ ביישפּיל פון כאַנינען וועלכע „באַהאַלט״ זיינען יאָרן, כדי מען זאָל אים אָנ־נעמען פאַר אַ יונגן צוציק...

ליגט עס אָבער אין דער נאַטור פון ישורינען נישט צו באַהאַלטן זאַכן און אַרויסקומען מיטן אמת... די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן אים שוין פיל מאָל געגעבן גרויזאַמע און אַ סך שונאים... פאַראַנען מענטשן וואָס טראַכטן, אַז עס איז בעסער פאַר זייערע פּאָליטישע אינטערעסן צו באַהאַלטן זאַכן און זיך נישט וואַרפן מיט זייערע מיי־נונגען... אָבער נישט ישורין. דאָס איז אַ ייד וואָס האַלט: „וואָס אויפן לונג, דאָס אויפן צונג״... און פאַר די דאָזיקע אייגנשאַפטן וואָלטן אים אַ סך מענטשן אויפגעגעסן אַ לעבעדיקן...

מילא, פאַרפאַלן. די וועלט ווייסט שוין, אַז ער איז 65 יאָר. אוודאי וואָלט איך אַזאַ נאַרישקייט נישט באַגאַנגען... ס׳איז מיר נאָר טשיקאַווע צו וויסן, ווען וועט ער שוין קליגער ווערן און זיך לערנען ביי אַנדערע, אַז ס׳איז פיל געזינטער נישט אַרויסצוקומען

מיטן אמת, נאָר בעסער זיין אַ קאַפּעטשקע מער איינגעהאַלטן און טאַקע מיטלויפן מיטן שטראָם?...

נאָר גיי מאַך... אַז דו האָסט צו טאָן מיט אַ ייד אַן עקשן, און ווי נאָר ער איז איבערצייגט אין אַ זאַך וואָס געפעלט אים, צופּויקט ער דאָס גלייך פאַר דער וועלט...

צי אַ שטייגער נעמט די צווייטע חכמה זיינע: וועלכער „געני־אַלער" נאָר האָט אים געשטופּט, אַז ער זאָל אַרויסקומען מיט אַזאַ באַגייסטערטן אויפרוף צו די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג אַז זיי זאָלן באַוואָרפן מיט פּעטיציעס די „יו־ען", אַז זיי זאָלן שטימען פאַר אַ יידישער מלוכה אין ארץ ישראל? און שפּעטער, ווען די דאָזיקע מלוכה איז עטאַבלירט געוואָרן, נאָך שיקן אין נאָמען פון אַרבעטער־רינג אַזאַ וואַרעמע באַגריסונג צו דער נייער מדינה און איר צוזאָגן צו העלפן אויפבויען דאָס לאַנד? אמת, מיט דער דאָזי־קער האַנדלונג האָט ער אויסגעדריקט די שטימונג פון די מיט־גלידער פון אַרבעטער־רינג, אָבער אין אַרבעטער־רינג זיינען דאָך נאָך געבליבן עטלעכע „דאַי־האַרטס" וואָס וואָלטן נאָך היינט געוועזן זיינע פריינט און זיינען אים געוואָרן ביטערע שונאים פאַר זיין האַנדלונג וואָס ער האָט „פאַרראַטן" זיינע פּרינציפּן...

פרעג איך אייך, טוט דאָס אַ פּראַקטישער מענטש? האַנדלט אַזוי אַ פּאָליטישן? וואָס דאַרף געווינען אַלעמען פאַר זיינע פּאָליטישע אינטערעסן וואָלט זיך דען פאַר אים נישט בעסער „געלוינט" ווען אַ שטייגער ער „נעמט" אַ שטעלונג אין דער דאָזיקער פראַגע ווי אַנדערע, לאָמיר זאָגן „פיפטי־פיפטי?" — פאַר ישראל און קעגן ישראל? אַזעלכע זיינען דאָך פאַראַן, און זיי זיינען אַ גרויסער „סוקסעס"...

נאָר גיי רייד וועגן אַ מענטשן וואָס האַלט נישט פון „סאַק־סעסן"... דוכט זיך, אַז אין זיין אמט אַלס פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג איז ער דאָך איינער פון די פּראַקטישסטע מענטשן, אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן אים פּערזענלעך, איז ער אַ מלמד... און קוילעט אַוועק זיין אייגענע צוקונפט...

און טאָמער איז אייך ווייניק — נאָט אייך נאָך אַ סטראַטעגיקע זיינע:

אין די לעצטע פיר יאָר, וואָס ישורין איז פּרעזידענט פון אַר־בעטער־רינג, האַלט ער אין איין שרייען, אַז מ׳דאַרף אין ארבעטער־רינג. אריינברענגען פרישע בלוט כדי זיי זאָלן קאָנען איבערנעמען די פירערשאַפט אויף דעם פּלאַץ פון די איצטיקע פירער, וואָס ווערן שוין אַלט... לויט די געזעצן פון אַרבעטער־רינג וואָלט ישורין, איז צוויי יאָר אַרום, ווידער געקאָנט „לויפן״ און ווידער ווערן פּרעזי־דענט... גייט ער און לאָזט וויסן די וועלט, אַז ער איז שוין געוואָרן פינף און זעכציק יאָר, וואָס מיינט, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט ער שוין אַלט זיין זיבן און זעכציק יאָר. און ווער, איך בעט אייך, וועט טאַקע אויסקלייבן אַ פּרעזידענט וואָס איז שוין קרוב צו זיבעציק?

נאָר אַזוי ווי מיר קאָנען שוין נישט פאַריכטן דעם דאָזיקן טעות, וואָס ישורין האָט געמאַכט, מוזן מיר עס אָננעמען פאַר ליב און פייערן זיין פינף און זעכציקסטן געבוירנטאָג מיט דער האָפע־נונג, אַז ער וועט זיך נאָך האַלטן יונג ווי ביז איצט... און אפשר אויף דער עלטער, וועט ער ווערן „פּראַקטישער״ און זיין אַביסעלע מער „איינגעהאַלטן״ און נישט מאַכן אַזעלכע נישט פּראַקטישע „סטעיטמענטס״ וואָס ברענגען שאָדן זיינע אייגענע אינטערעסן, אַז ער איז שוין געוואָרן אַ פינף און זעכציקער.

זאָל עס אים וואויל באַקומען! איך וואָלט אַזוי נישט געהאַנ־דעלט... נאָ, סער!...

חיים בער זוסמאַן

(צו זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג)

יידן! מיר האָבן פאַר אייך אַ גוטע בשורה, וואַרפט אַוועק אַלע אייערע זאָרגן, ווי דעם גרויסן יקרות, די ריזיקע טעקסעס וואָס איר מוזט צאָלן אייער רעגירונג, די מלחמה אין קאָרעא, די אַטאָמישע באָמבע און די מורא פאַר אַ דריטער וועלט־מלחמה, די אַלע זאַכן זיינען אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער פּאַסירונג וואָס וועט באַלד קומען. יידן וועלן טאַנצן אין די גאַסן ווי אין שמחת תורה.

אויב איר ווייסט נאָך נישט וואָס עס דערוואַרטעט אונדז, קאָנען מיר אייך אויסזאָגן דעם סוד, אַז די גאַליציאַנער יידן גרייטן זיך צו פייערן דעם יום טוב פון זייער פּרעזידענט חיים בער זוסמאַן, וועלכער איז געוואָרן אַ בן שבעים, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

איר קאָנט זיך ריכטן, אַז דאָס וועט זיין אַ פייערונג וואָס וועט איבערשטייגן די פייערונג פון אַ דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, פון אַ אייבראַהעם לינקאָלן, וועלכע זיינען טאַקע געווען גרויסע פּרעזי־דענטן, אָבער ווי קומען זיי צום פּרעזידענט פון די גאַליציאַנער יידן חיים בער זוסמאַן? ער ווערט פאַרגעטערט פון זיינע לאַנדס־לייט ווי דער אַמאָליקער קיסר פראַנץ יאָזעף, וועמענס נאָמען די גאַליציאַנער יידן קאָנען נאָך נישט פאַרגעסן ביזן היינטיקן טאָג...

איר מוזט נישט פאַרגעסן, אַז חיים בער זוסמאַן, איז נישט נאָר דער פּרעזידענט פון די גאַליציאַנער יידן אין אַמעריקע, נאָר אויך דער פּרעזידענט פון גאַליציאַנער יידן איבער דער גאַנצער וועלט. דער גאַליציאַנער פאַרבאַנד באַרימט זיך, אַזוי ווי ענגלאַנד, אַז די זון איבער אירע קאָלאָניעס גייט קיין מאָל ניט אונטער, און דער קעניג פון ענגלאַנד ווי דער פּרעזידענט פון דעם גאַליציאַנער פאַר־באַנד, זיינען די סימבאָלן פון אייניקייט וואָס האַלטן צוזאַמען די

פעלקער פון די ענגלישע קאָלאָניעס אַזוי ווי דער פּרעזידענט פון דעם גאַליציאַנער פאַרבאַנד האַלטן פאַראייניקט אַלע גאַליציאַנער יידן איבער דער גאַנצער וועלט...

און דערפאַר מעגט איר זיך ריכטן, אַז ווען די דאָזיקע פייערונג וועט פּראָקלאַמירט ווערן, וועט זיין ששון ושמחהדיק אין יעדן גאַליציאַנעם הויז וואָס וועט איבערשטייגן אַלע ימים טובים פון די יידן.

צו שרייבן וועגן אַזאַ גרויסן יום טוב און פון אַזאַ באַרימטן פּרעזי־דענט, זיינען מיר אַוועק אין דעם גאַליציאַנעם קוואַרטאַל, כדי צו זען זיך מיט עטלעכע פון פּרעזידענט חיים בער זוסמאַנס אונטער־טאַנען און פון זיי קריגן אינפאָרמאַציע וועגן זייער פּרעזידענט. זיינען מיר אַריין אין אַ רעסטאָראַן וואו עס קומען זיך צענויף גאַליציאַנער יידן. אין דעם רעסטאָראַן זיינען טאַקע געווען אַ היפּש ביסל יידן און דעם ערשטן יידן מיט וועמען איך האָב געהאַט אַ געשפּרעך, איז געווען אַ ייד מיט אַ הדרת פּנים און אַ שניי־ווייסער באָרד. ווען דער גאַליציאַנער ייד האָט דערהערט, אַז איך בין אַ רעפּאָרטער וואָס איז געקומען זיך נאָכפרעגן וועגן זוסמאַנען, האָט זיך דער ייד דערשראָקן, זיך צעוויינט פאַר שרעק, אַז עס האָט עפּעס, חלילה, פּאַסירט מיט אים, האָט ער אַ זאָג געטאָן — ברוך דיין אמת... אַ וואוילער ייד געווען...

איך האָב דעם יידן באַרואיקט און צו אים געזאָגט, אַז דער פּרעזידענט פון די גאַליציאַנער יידן פאַנגט ערשט אָן לעבן און איז שטאַרקער פון דזשאָו לואיס, געזינטער פון „שוגער רעי ראָבינסאָן", נאָר אַזוי ווי מ'גרייט זיך צו פייערן זיין זיבעציק יאָריקן געבורטס־טאָג, בין איך געקומען עפּעס אויסגעפינען וועגן זייער פּרעזידענט.

באַלד זיינען צוגעקומען נאָך עטלעכע יידן וואָס זיינען געווען נייגעריק צו וויסן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. און ווען אַ יונגערער ייד האָט דערהערט, אַז דער פּרעזידענט פון דעם גאַליציאַנער פאַר־באַנד איז שוין געוואָרן זיבעציק יאָר אַלט, רופט ער זיך אָפּ צו די אַנדערע יידן — „עטץ גלייבט, אַז אונדזער פּרעזידענט איז שוין געוואָרן זיבעציק יאָר אַלט? ער זעט דאָך נאָך אויס אַזוי יונג... עך גלייב נישט"! דער דאָזיקער ייד האָט באַלד צו מיר געהאַט אַ טענה,

אז איך מאך א טעות, און ווען איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך מאַך נישט קיין טעות, רופט זיך אָפּ דער ייד: „גייט שוין, גייט!"

ווי מיר האָבן זיך דערוואוסט, ווערן געמאַכט גרויסע פּאַר־בּאַרייטונגען נישט נאָר ביי די גאַליציאַנער יידן, נאָר אויך צווישן ליטוואַקעס, פּוילישע יידן און אויך אין מדינת ישראל צו פייערן דעם יום טוב פון דעם פּרעזידענט פון די גאַליציאַנער יידן. אַזעלכע פאַרבאַרייטונגען ווערן געמאַכט אין ברענט 4 אַרבעטער־רינג, וואו זוסמאַן איז אַ חשובער מיטגליד. אין דער קלאָדינג אינדוסטריע, וואו זוסמאַן ציט זיין חיונה זייט ער איז געקומען אין אַמעריקע, און גאָר לעבעדיק וועט זיין די פייערונג אין מדינת ישראל, פון וואַנען זוסמאַן האָט זיך ערשט אומגעקערט פון אַ רייזע וואו ער איז געשיקט געוואָרן אַלס דער פּרעזידענט פון די גאַליציאַנער יידן מיט אַ מיסיע צו פּרעזידענט וויצמאַן און פּרעמיער בן גוריון, וועגן שליסן אַ האַנדלס־אָפּמאַך מיט די גאַליציאַנער יידן...

דער פּרעזידענט פון דעם גאַליציאַנעם פאַרבאַנד איז געוואָרן באַרימט ביי זיינע אונטערטאַנען פאַר זיינע יערלעכע „מעסעדזשעס", וואָס ער לאָזט אַרויס צו זיין פאָלק ביי יעדן יידישן יום טוב, געדרוקט אין גאַליציאַנעם פאַרבאַנד „אונזער שטימע". זיינע „מעסעדזשעס" ווערן מער געלייענט פון די גאַליציאַנער יידן ווי טשוירטשילס מעמואַרן", ווי להבדיל תהילים וואָס יידן זאָגן, אָדער די תפילות וואָס יידן זאָגן יעדן טאָג ביים דאַוונען... און עס הערט זיך, אַז צום יום טוב וועט מען די דאָזיקע „מעסעדזשעס" אַרויסגעבן אין אַ בוך־פאָרם, און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן מלמדים לערנען די קליינע קינדער פון די דאָזיקע „מעסעדזשעס" און זאָלן זיי וויסן וואָס פאַר אַ גרויסן פּרעזידענט די גאַליציאַנער האָבן געהאַט און וועלן אים געדענקען ווי די גאַליציאַנער יידן געדענקען זייער קיסר פראַנץ יאָזעף...

מיר, פון אונדזער זייט, קאָנען אים נאָר ווינטשן, אַז ער זאָל האָבן אריכת ימים און דערלעבן צו זיין פּרעזידענט עד מאה ועשרים שנה...

„בערעלע״, כאַנינס יאַטל, באַגריסט זיין דעדי צו דעם זעכציקסטן בוירטדעי

מאַי דיר דעדי!

— איך בין געווען זייער דיסאַפּוינטעט וואָס מ׳האָט נישט געפונען פאַר אימפּאָרטענט מיך איינצולאַדן צו סעלעברייטן דיין זעכציקסטן בוירטדעי.

אַז מ׳גייט סעלעברייטן דיין אַניווערסאַרי האָב איך זיך דערוואוסט פון די פּעיפּערס, די פּעיפּערס האָבן אויך געשריבן אַז מ׳גייט שרייבן אַ בוך וועגן דיר און דיין אַקאָמפּלישמענטס, די עדיטאָרס האָבן געוואָלט זיך קאָנסאָלטעט מיט מענטשן וואָס ווייסן עפּעס וועגן דיר. מיך וואונדערט זייער וואָס די עדיטאָרס האָבן מיך נישט אינווייטעט אַז איך זאָל זיי עפּעס דערציילן וועגן מיין דעדי וואָס וואָלט זיכער געווען אַ סענסיישאָן.

— שוין אַ לאַנגע צייט ווי איך קלייב זיך דיר צו שרייבן אַ לעטער און דיר געבן אַן אַרגומענט פאַרוואָס דו האָסט זיך לעיטלי אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט פון מיר. איך האָב קיינמאָל ניט עמאַדזשענט אַז אַן אייגענער דעד זאָל פאַרגעסן אין זיינס אַ קינד און פאַר די לעצטע יאָרן סעלדאָם זיך דערמאָנען וועגן מיר.

— איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר, וואָס דו האָסט מיך אַריבערגעבראַכט אין אַמעריקע און מיך אַריינגעבראַכט אין דער אינוויירמענט פון די „וואָירקמענס סוירקל סקול טשילדרען״ און באַקאַנט זיך מיט די יידישע היסטאָרי. איט׳ס טרו, אַז קיין גרויסע פּלעזשור מיט די באַיטשיקלעך אין די וואָירקמענס סוירקל סקול האָב איך נישט געהאַט. זיי האָבן מיך גערופן בערעלע, שמערעלע און מערעלע, און מיך גערופן יוראָפּיען און געמאַכט שטענדיק פון מיר פאַן.

דערפאַר, ליבער דעדי, וועל איך דיר אָלוועיס דאַנקבאַר זיין

וואס דו האסט אין מיר איינגעפלאנצט א דעזאיר אז איך זאל זיך אמעריקאניזירן און איינזאפן אין מיר אלע גוטע אמעריקאנישע טענדענסים און שטענדיק האבן אין זינען אז אמעריקע האט אויך געהאט גרויסע היראס און פאטריאטן מיט וועלכע מיר דזשוס און סאשעליסטס דארפן נעמען א לעסאן און גיין אין זייערע וועגן. יעס, איך געדענק ווי דו האסט מיך געלערנט צו גערענקען אט די גרויסע אמעריקאנער ווי א וואשינגטאן, א לינקאלן, א דעבס א גאמפערס, א פרענקלין ד. רוזוועלט, און אנדערע און גיין אין זייערע וועגן און לערנען פון זיי, און ווען איך וועל אונטערוואקסן, טיטשן אנדערע זייער גרויסע לערע.

— דאס איז טאקע זייער שיין געווען פון דיין זייט, אבער אז אך און אז ווי וואלט געווען צו מיר, ווען איך כאפ זיך נישט אין צייט און אנטלויף פון דער אטמאספערע וואו דו האסט מיך אריינגעפאקט.

— ווען דו האסט מיך אריבערגעבראכט קיין אמעריקע, אנשטאט מיך איבערגעבן אין די הענט פון די ריעל אמעריקענס, האסטו מיך אוועקגעלייגט אין דער זעלבער בוק-קעים מיט אזעלכע אמעריקאנער ווי אברהם רייזען, נחום יוד, לוצקי, מענדל עלקין און אנדערע, פון וועמען איך האב געזאלט אין זיך איינזאפן דעם אמעריקאנעם גייסט און זיך באקענען מיט דער אמעריקאנער געשיכטע... ביטער וואלט מיר היינט געווען, ווען איך סניק זיך נישט ארויס פון דעם באנטש. ווער ווייסט? ווען איך פארבלייב מיט זיי, וואלט איך זיך געווען ארויפגעארבעט צו זיין א וואוירקמענס סוירקל סקול טיטשער, און דו וואלסט היינט געווען מיין באס...

— איצט, מיין ליבער דעדי, קען איר דיר לאזן וויסן, אז איך היים שוין נישט בערעלע נאר בעני, איך גיב צו אז די גרויסע אמעריקאנער, מיט וועמען דו האסט מיך געהייסן זיך חברן זיינען טאקע נאך אלץ מיינע בעסטע טיטשערס, אבער אמעריקע האט ארויסגעגעבן נאך גרויסע אמעריקאנער ביג מען וועגן וועלכע דו האסט מיר גאר נישט דערציילט וועגן זיי, נאר איך האב זיי דיס-קאווערט ערשט נישט לאנג צוריק. איך מיין דא בעיב רוטה, דזש. די-מאדזשיא, הענק גרינבערג, דזש. לואיס, דזשעק דזשאנסאן.

דזשים קאַרבעט און אַנדערע, וואָס זיינען דיר זייער פרעמד און מ׳דאַרף וועגן זיי אויך עפּעס לערנען.

— מילא, אין דעם בוך וואָס מ׳האָט אַרויסגעגעבן וועגן דיר האָב איך ניט געהאַט קיין טשענס צו שרייבן און דערציילן עפּעס וועגן דיר, נאָר דורך אַן עקסידענט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז עטלעכע פון דיינע פריינט גייען פּאַבלישן אַ פּעיפּער צו דעם היינ־טיקן אַוונט, שרייב איך זיי דעם לעטער מיט דער האָפּ אַז זיי וועלן אים פּאַבלישן.

— איך זע שוין, ליבער דעדי, אַז דו וועסט זיך שוין נישט טשענדזשען. דו וועסט שוין אַזוי אָפּלעבן דיינע יאָרן און טיטשן אַנדערע צו לערנען וועגן וואַשינגטאָן, לינקאָלן, דעבס, גאָמפּערס און רוזוועלט און חברן זיך וועסטו מיט לוצקינען און זיינס גלייכן... זיי געזונט.

דיין, בעני

איך נאָמיניר אַ קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט

(אַ נאָמינײשאָן רעדע)

„איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין מיט יעפּים ישורין אין דער פאַרוואַלטונג אין די לעצטע צוויי יאָר, און איך קאָן עדות זאָגן, אַז קיין פריערדיקער פּרעזידענט האָט אַזוי פיל ניט אויפ-געטאָן פאַרן אַרבעטער-רינג ווי ישורין.

קיין פּרעזידענט פון אַרבעטער-רינג האָט נישט געהאַט דעם דינאַמישן כוח, און דורכגעפירט אַזויפיל זאַכן לטובת דעם אַרבעטער-רינג און פאַר דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, ווי דאָס האָט באַוויזן ישורין.

אין מיין איצטיקע נאָמינאַציע רעדע פאַר אַ צווייטן טערמין, וויל איך דאָ אויסרעכענען די וויכטיקסטע זאַכן וואָס דער אַרבעטער רינג האָט דערגרייכט אין די צוויי יאָר וואָס ישורין איז אונדזער פּרעזידענט:

1. ווען ישורין איז געוואָרן פּרעזידענט, האָט ער גלייך דער-זען, אַז די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו ווערן שרעקלעך עקספּלואַטירט און אַרבעטן פאַר אַ הונגער-לוין... האָט ער געהעכערט זייערע שכירות הונדערט פּראָצענט — פון 50 סענט אַ מיטינג אויף אַ דאָלאַר...

2. עס איז געווען אַ גרויסער געפאַר אַז דער רעפערענדום פאַרן „אַלד עידזש האָום" זאָלן פון די בראַנטשעס צוריקגעוויזן ווערן, האָט ער ניט נאָר מיט זיין ווירקונג דורכגעפירט דעם רעפערענדום אין די בראַנטשעס, נאָר האָט אַפילו באַווירקט אין זיין אייגענעם בראַנטש 367, צו שטימען פאַרן רעפערענדום און געבן אַ גרויסעביישטייערונג פאַר דער דאָזיקער אינסטיטוציע...

3. אונטער ישורינס אַדמיניסטראַציע, האָט דער סאַניטאַריום געמאַכט מער געלט ווי אין דער גאַנצער געשיכטע פון זיין עקזיס-טענץ. דאָס איז צו פאַרדאַנקען אונדזער פּרעזידענט, וואָס האָט אין סאַנאַטאָריום איינגעפירט ביי די הינער דעם „סטעכאַנאָוו

סיסטעם" פון פּראָדוקציע. די גרויסע צאָל אייער וואָס די הינער האָבן געלייגט, זיינען געווען אַ מזל ברכה... די חזירים האָבן אויך באַוויזן אַז זיי זענען נישט פון די אָפּגעשטאַנענע פון דעם נייעם פּראָגרעם פון פּראָדוקציע און אָנגעפאַנגען קינדלען, אַז מ'האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען שרעקן פאַר די צו גרויסע חזירים באַפעלקערונג, און מ'טראַכט שוין איינצופירן ביי זיי „בורטה קאָנטראָל"...

4. אין ניו יאָרק זיינען געווען אין דעם שטאַטישן קאָמיטעט צוויי קעניגרייכן — אַ מענערשע און אַ ווייבערשע, וואָס האָט אָפט געפירט צו קאָנפליקטן צווישן די ביידע צדדים, איז געקומען ישורין און האָט די ביידע מלוכות פאַראייניקט אין איין גרויסע אימפּעריע...

5. ווען ס'איז לעצטן ווינטער אויסגעפאַלן אין ניו יאָרק אַ ריזיקער שניי, און די שטאַטישע אַדמיניסטראַציע איז געווען הילפלאָז אָפּצוראַמען דעם שניי צו פאַרלייכטערן דעם פאַרקער, האָט ישורין באַוויזן אַז ער קאָן בעסער די מלאכה פון פאַרוואַלטן אַזאַ שטאָט ווי דער מעיאָר מיט אַלע זיינע געהילפן... ווי נאָר ישורין האָט פאַרקאָמשעט זיינע אָרבל איז דער שניי גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן פון די ניו יאָרקער גאַסן. דער מעיאָר האָט אים דערפאַר באַלוינט וואָס ער האָט אים באַשטימט אַלס איינער פון די קאָמישאָנערס צו פייערן דעם פופציקסטן יאָריקן יובילייו פון גרעיטער ניו-יאָרק.

6. אונטער זיין אַדמיניסטראַציע איז אָפּגעברענט געוואָרן דער דאַינינג-רום אין קעמפּ; איינגעפאַלן דער דאַך פון דער אַדמיניסטראַטיווע בילדינג אין סאַניטאַריום. רוסלאַנד האָט פאַרכאַפּט טשעכאָסלאָוואַקיע; און ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער „טעפּט-האַרטלי" געזעץ.

דאָס איז בלויז אַ קליינער טייל פון די גרויסע דערגרייכונגען וואָס ישורין האָט בייגעטראָגן אין די לעצטע צוויי יאָר וואָס ער איז אונדזער פּרעזידענט. דעריבער לייג איך פאָר די קאַנדידאַטור פון יעפים ישורין פאַר נאָך אַ טערמין, און ווינטשן אים אַ סך כוח און לאַנגע יאָרן צו פירן דעם אַרבעטער-רינג אָן קראַנקן בענעפיט... אָן אַן „אָלד עידזש האָום"... אָן אַ סאַניטאַריום.. אָן רעפערענדומס און אָן אַן עקזעקוטיווע".

מיר געפעלט אַמעריקע

צוליב מיין פּרנסה קומט מיר נישט זעלטן אויס צו פאַרפירן דיסקוסיעס מיט מענטשן איבער פאַרשידענע פראַגן. מערסטנס קומט מיר אויס צו פירן דיסקוסיעס מיט נאָרמאַלע מענטשן... (מיט אַבנאָרמאַלע מענטשן חבר איך זיך נישט) דיסקוטיר איך נאָר מיט מענטשן וואָס דענקען מיט אַ גראָדן שכל, — כאָטש איר זייט מיט זיי נישט אַלעמאָל מסכים, — איז נאָך צו דערליידן, נאָר טאָמער פאַלט איר אַריין אין אַ געזעלשאַפט, וואו עס געפינען זיך עטלעכע קאָמוניסטן און עטלעכע ציוניסטן, איז שוין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע...

דאָס איז געווען אין אַ פּריוואַט הויז וואו איך בין איינגעלאַדן געוואָרן און האָב דאָרט געפונען די דאָזיקע יידן. איך האָב זיך שוין מיט די דאָזיקע מענטשן אַ לענגערע צייט נישט געזען און ווי נאָר איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל, האָבן מיר די דאָזיקע יידן זייער העפלעך און עלעגאַנט באַגריסט און גראַטולירט וואָס איך בין דערוויילט געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון אַרבעטער־רינג. גראַטולירנדיק מיר האָבן זיי באַצוועקט צו פּראָוואָצירן מיך און פאַרפירן אַ דעבאַטע וועגן דער פירערשאַפט פון אַרבעטער־רינג בפרט און וועגן אַרבעטער־רינג בכלל. כ׳האָב געוואוסט, אַז די דאָזיקע יידן זיינען נישט קיין מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג, און אַז זיי האָבן אין זינען געהאַט נישט מיין דערוויילונג אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, נאָר צו הערן וואָס איך האָב צו ענטפערן אויף זייערע טענות צום אַרבעטער־רינג.

צווישן די דאָזיקע יידן האָבן זיך געפונען עטלעכע וואָס האָבן באַלאַנגט צום יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און אויך עטלעכע וואָס זיינען מיטגלידער אין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

אין זייערע טענות צום אַרבעטער־רינג זיינען סיי די פון פאַרבאַנד און סיי די פון אָרדן געגאַנגען האַנט אין האַנט, נאָר יעדער

פון אן אנדער שטאנדפונקט, אז דער ארבעטער-רינג איז שולדיק אין אלע צרות... די פארבאנד יידן האבן געהאט טענות צום ארבעטער-רינג, אז ווען דער ארבעטער-רינג וואלט גענומען די ריכטיקע שטעלונג צו ארץ ישראל וואלט בעווין נישט געווען אזא שונא ישראל. די יידן פון ארדן האבן געזאגט, אז דאס וואס אין די יונייטעד ניישאנס מאטערט מען אזוי דעם חבר מאלאטאוו, איז עס דערפאר וואס מיר זיינען נישט געאייניקט, און די קאפיטאליסטישע לענדער, ווי אמעריקע און ענגלאנד, זיינען גרייט אנצופאלן אויפן סאוועטן פארבאנד, ווייל זיי זעען אז די ארבעטער זיינען צעטיילט... אויף מיינער א פראגע צו דעם כאוועד פון אינטערנאציאנאלן ארדן, פארוואס זיינע כאוויירים האבן געמאכט א פארזוך צו שפאלטן דעם ארבעטער-רינג און געגרינדעט זייער ארדן, האט ער זיך אביסל פארדרייט און געענטפערט, אז אמאל זיינען די קאמוניסטן געווען פאנאטיש און געשפאלטן, היינט וואלטן זיי נישט באגאנגען אזא נארישקייט...

וואס איך האב געענטפערט אויף די דאזיקע טענות איז נישט וויכטיק. זיי זיינען נישט געווען צופרידן וואס איך האב די גאנצע צייט כמעט נישט געעפנט דאס מויל. זעענדיק אז זיי קאנען מיך נישט פראוואצירן, האבן זיי אנגעפאנגען א נייע טאקטיק, געמלעך, אז זייערע ארדנס וואקסן און ס׳קומען צו יעדע וואך נייע מיטגלידער, בעת דער ארבעטער-רינג שטייט אויף אן ארט. דאס איז דערפאר, וואס ביי דעם „יידישן נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד" האבן זיי אדאפטירט ארץ-ישראל, קומען די יידן אין ארץ-ישראל דורכן „פארבאנד"... די יידן פון „אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן" זיינען אונטערגעשפרונגען און אויך געטענהט אז אין דעם „אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן" קומען אריין מאסן מיטגלידער, ווייל דער ארדן האט אדאפטירט דעם סאוועטן פארבאנד, און אזוי ווי יידן קאנען נישט אריינקומען אין סאוועטן פארבאנד קומען זיי אריין אין אונדזער ארדן...

דא האב איך שוין נישט געקאנט בלייבן שטיל און האב זיך אנגערופן: „עס וועט קומען א צייט ווען די עטלעכע יידן וואס געפינען זיך אין דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן וועלן פון

דאָרטן אַנטלויפן ווי די פּוילישע יידן לויפן איצט פון סאָוועט רוסלאַנד... דער אַרבעטער-רינג האָט אויך אַדאָפּטירט אַ לאַנד, דאָס איז אַמעריקע... די צענדליקער טויזנטער יידן וואָס וואַלגערן זיך איצט אין די קעמפּס זוכן מיט אַלע כוחות צו אַנטלויפן אָדער אין ישראל אָדער אין אַמעריקע, וועלן זיי מיט דער הילף פון די פּראָגרעסיווע כוחות און דער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע קאָנען קומען אין אַמעריקע, אין דעם לאַנד וואָס פינף מיליאָן יידן האָבן אַדאָפּטירט, וואו אויך דער אַרבעטער-רינג״...

די דאָזיקע יידן האָבן שוין מיט מיר מער נישט דיסקוטירט, זיי האָבן אַ מאַך געטאָן מיט די הענט: אַ רעאַקציאָנער בלייבט אַ רעאַקציאָנער...

אַ באַגעגעניש מיט אַ שוואַרץ-חנעוודיק ווייבל

איך בין מיט אַ צייט צוריק געקומען אין אַ הויז און געטראָפן אַ גרופּע מענטשן וואָס באַלאַנגען צו אונדזער ראַדיקאַלן קרייז צו וועלכן ישורין געהערט. די מערסטע פון די דאָזיקע מענטשן האָב איך געקאָנט פון פריער אַ חוץ — אַ שלאַנקע שוואַרץ-חנעוודיקע ווייבל מיט גרויסע, שוואַרצע אויגן — ווען מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן צום ערשטן מאָל.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין הויז האָט מיך די באַלעבאָסטע פאָרגעשטעלט פאַר דער גרופּע און אויך פאַר דער ווייבל. איך האָב אָבער איר נאָמען נישט אויפגעכאַפּט און זיך געשעמט איבער-צופרעגן נאָך אַמאָל איר נאָמען, ביז, זי האָט זיך מיט אַלעמען גע-זעגנט און אַרויס פון שטוב.

פון די אַלע גוטע זאַכן וואָס די באַלעבאָסטע האָט צוגעגרייט האָב איך גרויס הנאה געהאַט און אויך פון דעם שמועס וואָס איז געפירט געוואָרן פון דער גרופּע אין וועלכער איך האָב גענומען אַן אַנטייל. און גערעדט האָבן מיר וועגן פאַרשידענע ענינים ווי וועגן דער צוקונפט פון יידיש אין אַמעריקע, וועגן דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט, וועגן דער יידישער ליטעראַטור, יידישער קולטור, יידישע שרייבער און טאַקע אויך וועגן דעם אַרבעטער רינג.

דורך דער גאַנצער צייט וואָס דער שמועס איז אָנגעגאַנגען, איז זיך דאָס שוואַרץ-חנעוודיקע ווייבל געזעסן און נישט געעפנט איר מויל אַזוי ווי דער גאַנצער עסק איז איר נישט אָנגעגאַנגען, ביז איינער פון דער גרופּע, — וואָס האָט גערעדט וועגן די פאַר-שידענע פּרעזידענטן וואָס דער אַרבעטער רינג האָט געהאַט אין די פופציק יאָר פון זיין עקזיסטענץ — האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם היינטיקן פּרעזידענט ישורין. דאָ האָב איך באַמערקט, האָט איר פּנים אויפגעשיינט, אירע גרויסע אויגן זיינען מיט אַמאָל גרעסער געוואָרן, אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער שמייכל און געקוקט אויף דעם מענטשן וואָס האָט גערעדט וועגן ישורינען און געוואָלט הערן פון אים וואָס מער...

איך האָב בשעת מעשה נישט אָראָפּגעלאָזן מיינע אויגן פון איר פּנים און געטראַכט ביי זיך, זי מוז אַוודאי זיין ישורינס סעקרעטאַרשע וואָס איז נייגעריק צו הערן וואָס מער וועגן איר „באָס“, אָדער אפשר איז זי ישורינס אַ נאָענטע קרובה, אָדער אפשר גאָר זיין טאָכטער... ווער ווייסט?

דאָ האָב איך זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און „גענומען אַ וואָרט אין דער דעבאַטע“ און אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגן די פאַרשידענע פּרעזידענטן פון אַרבעטער־רינג. איך האָב געוואָלט צופרידנשטעלן דאָס חנעוודיקע ווייבל און גערעדט וועגן ישורינען אַ ביסעלע לענגער, און וואָס לענגער איך האָב גערעדט, אַלץ פריי־לעכער איז געוואָרן דאָס חנעוודיקע ווייבל און געקוקט מיר אין פּנים אַריין, ווי איינער זאָגט: רעדט וויטער.

איך האָב דערמאָנט דעם עולם, אַז איך האָב דערהאַלטן אַן איינלאַדונג צו אַ באַנקעט וואו מען גייט פייערן דעם פינף און זעכציק יאָריקן יובילֵיי פון ישורין וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין דער צייט פון אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן, און זיך דערביי אויס־געדריקט, אַז קיינעם וואָלט ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן אַז ישורין, וואָס זעט אויס אַזוי יונג און וואָס האָט נאָך נישט קיין גרויע האָר און אַרבעט נאָך היינט מער ווי צוויי וואָס זיינען האַלב די עלטער וואָס ער, ווערט שוין פינף און זעכציק יאָר אַלט. דאָ האָט דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע ווייבל געקוקט אויף מיר און — צום ערשטן מאָל געעפנט איר מויל און רופט זיך אָפּ צו מיר (אין ענגליש) ”טהענק יו פאָר דהי קאָמפּלימענט“.

דאָ איז שוין דער סוד פאַר מיר אַנטפּלעקט געוואָרן ווער זי איז, איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיכער ישורינס טאָכ־טער, ווער דען וואָלט אַרויסגעצייגט אַזאַ צערטלעכקייט צו אַ מענטשן וואָס האָט זיך צוגעהערט מיט אַזאַ נייגעריקייט ווען מ׳האָט אַרויסגערעדט ישורינס נאָמען, אויב נישט אַ געטרייע טאָכטער וואָס שעפּט נחת פון איר טאַטן, ווען זי הערט, אַז דער טאַטע, וואָס ווערט שוין פינף און זעכציק יאָר אַלט און מ׳רעדט וועגן אים ווי פון אַ יונגערמאַנטשיק...

ווען מיר האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן אַלע גוטע זאַכן וואָס די באַלעבאָסטע האָט געהאַט צוגעגרייט, איז זיך דער עולם אַוועק אין אַ גרעסערן צימער און זיך אַוועקגעזעצט צו כאַפּן אַ שמועס אויף דאָס-ניי. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער שוואַרץ-חנעווודיקער ווייבל מיטן צוועק צו רעדן מיט איר וועגן איר באַרימטן פאָטער... איך האָב פון איר געוואָלט אַן אינטערוויו וואָס איך האָב זיך געקליבן צו שרייבן וועגן ישורינען און איר געשטעלט עטלעכע פראַגן, און אַלץ וואָס איך האָב פון איר געוואָלט וויסן, האָט זי מיר געענטפערט אין ענגליש און איך האָב זיך געוואונדערט, ווי קומט עס צו אַ טאַטן, וואָס איז אַזאַ גרויסער יידישיסט, אַ ביבליאָ-גראַף, אַ טוער אין דער „ייוואָ" און אין אַנדערע יידישע קולטור אינסטיטוציעס זאָל דערציען אַ טאָכטער וואָס קאָן נישט קיין יידיש?

איך האָב זיך נישט געשעמט און ביי איר געפרעגט פאַרוואָס איר טאַטע האָט איר נישט געשיקט אין אַן ארבעטער רינג שולע זי זאָל קאָנען רעדן יידיש. דאָ האָט זיך דאָס שוואַרץ-חנעווודיקע ווייבל צע-לאַכט, אַז פון שטעטל פון וואַנען זי קומט, זיינען נישט פאַראַנען קיין יידישע שולן און אַוודאי נישט קיין אַרבעטער-רינג שולן, און במילא האָט איר טאַטע איר נישט געקאָנט שיקן אין קיין יידישער שול. דאָ בין איך אויף דאָס-ניי צומישט געוואָרן. הייסט עס, אַז זי איז נישט ישורינס טאָכטער און איז געווים זיין סעקרעטאַרשע, אָבער ווי קומט עס — האָט מיך געעגבערט דער מוח — אַז דער אַרבעטער-רינג זאָל באַשעפטיקן אַ מיידל וואָס קאָן נישט קיין יידיש? און אויב זי איז נישט זיין טאָכטער, און נישט זיין סעקרע-טאַרשע, פאַרוואָס איז זי אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין ישורינען?

דאָ האָב איך באַשלאָסן איר צו פרעגן ווי קומט עס וואָס אַ „פרעמדע" ווייבל איז אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין ישורינען? איידער איך האָב נאָך אויספּייעט צו עפענען מיין מויל, קומט צו אַ ווייבל צו איר און רופט זיך אָפּ: מרס. ישורין! עס איז שוין שפּעט, צייט צו גיין אַהיים...

פון דעם „שאָק" האָט מען מיך באַדאַרפט מינטערן...

דער לעיק אין דעם אַרבעטער רינג קעמפּ

די וואָס קומען אַרוים אין אַרבעטער-רינג קעמפּ קאָנען זיך נישט אָפּוואונדערן פון דעם פּרעכטיקן „לעיק", סיי בייטאָג, ווען די קינדערלעך און די דערוואַקסענע שווימען אין דעם טייך און שפּילען זיך, און סיי ביינאַכט, ווען דער פראַנט פון לעיק איז באַלויכטן מיט אַלערליי קאָלירן וואָס שטעלט פאַר אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע.

פאַראַן אַ באַקאַנטער טוער אין אַרבעטער-רינג, וואָס פאָרט שוין אין קעמפּ איבער צוואַנציק יאָר מיט זיין פאַמיליע, און איז אַ ליידנ-שאַפטלעכער פינאַקל-שפּילער. זיצט דער ייד אין דער פראָנט פון זיין באַנגעלאָו מיט פריינט און שפּילט פּינאַקל, דעם גאַנצן טאָג.

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, קומט אָן זיין פרוי און זאָגט צו איר מאַן, אַז ס'איז שוין צייט ער זאָל זיך איבערטאָן, ווייל באַלד וועט מען דאַרפן גיין אין דאַינינג-רום, עסן סאַפּער.

— פון וואַנען קומסטו? — פרעגט דער ייד ביי זיין ווייב.

— איך קום — ענטפערט אים די ווייב — פון „לעיק".

דער ייד לייגט אַוועק זיינע קאָרטן און באַטראַכט זיין ווייב מיט גרויס באַוואונדערונג און רופט זיך אָפּ: „זיי האָבן דאָ אין קעמפּ אַ לעיק"?

ווי אַזוי דער „בעזים" ווערט רעדאַגירט

(דערציילט פון אַ געוועזענעם מיטאַרבעטער)

ביז היינט ווייסט קיינער נישט, ווי אַזוי דער „בעזים" דער־שיינט, ווען אַן אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן ווערט אָפּגעהאַלטן. דער „בעזים" באַווייזט זיך אומגעריכט, ווי יענע ציג אין שטעטל וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען זי האָט זיך גענומען, ווער עס איז געווען איר טאַטע. חברה יאַטלעך האָבן אויף איר אָרומ־געריטן, און זי, די ציג, איז אַרומגעגאַנגען אין מאַרק און געמעלה־גרהט, ווי דער „בעזים" ביי די אַרבעטער־רינג־קאָנווענשאָנס.

דאָס איז אַן אָרגאַן, וואָס האָט נישט קיין רעדאַקטאָר, קיין שרייבער, קיין וויצן און קיין פּנים...

דעם גרעסטן „היט" וואָס דער „בעזים" מאַכט ביי די אַרבעטער־רינג־קאָנווענשאָנס, זיינען די קאָלעקשאָנס...

אין די ערשטע יאָרן האָט עס נאָך געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ „בעזים". לעצטנס איז עס געוואָרן אַ „ווהיסט־ברום".

דער „בעזים" איז ווי אַ „קאַפּאַטעריע" פון „סעלף־סוירוויס", ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, דער שרייבט פאַרן „בעזים". דער „בעזים" האָט מער רעדאַקטאָרן ווי לעזער.

דאָס גאַליציאַנער יידל, וואָס פּאַראַדירט אַלס דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון „בעזים" (כלומרשט אַלס רעוואָלוציאָנער קעגן די פירער פון דעם אָפיציעלן „בולעטין" פון אַרבעטער־רינג), איז גאָר אַ „פינפטער קאָלום". דאָס האָב איך אויסגעפונען, ווען איך בין נאָך געווען אַ מיטאַרבעטער אין „בעזים". הערט זיך איין ווי אַזוי איך האָב דאָס אויסגעפונען.

מיר מאַכן איינמאָל אַ קאַרטון וועגן באַסקינען. דער אַרטיסט, וואָס האָט געמאָלן דעם קאַרטון, האָט שטאַרק געלאַכט פון דעם געלונגענעם איינפאַל. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דער דאַזיקער

קאַרטון וועט מאַכן דעם גרעסטן דערפאָלג. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז קיינער טאָר נישט זען אַ קאַרטון אָדער אַ פעליעטאָן, וואָס וועט דערשיינען אין „בעזים", ביז דער „בעזים" וועט פאַנאַנדערגעטיילט ווערן.

איין מאָל זיצנדיק אין דעם רעסטאָראַן, וואו עס קומען זיך צו־זאַמען די פירער פון אַרבעטער־רינג, טרעף איך באַסקינען, כאַנינען, געבינערן, ישורינען און אַנדערע און מיר ריידן וועגן דער קומענדער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג. רופט זיך אָפּ באַסקין צו מיר — „אייער קאַרטון וועגן מיר אין „בעזים" איז זייער אַ געלונגענער". און כאַנין זאָגט: — „דעם קאַרטון וועגן מיר האָט מען געענדערט און אַביסל צוגעפּיקסט". און ישורין רעדט אַ בייזער: — „דער קאַרטון וועגן מיר וועט נישט דערשיינען, ווייל איך וועל עס נישט דערלאָזן".

באַלד איז צוגעקומען וויינבערג, און הערנדיק וועגן וואָס מען רעדט דאָ, האָט אויסגערופן מיט כעס: — „ווער האָט אייך גע־געבן די דערלויבעניש צו שרייבן וועגן מיר אַזעלכע פעליעטאָנען?" מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב אָנגעפאַנגען אַן אונטערזוכונג, ווער עס גיט אַרויס די סודות פון אונדזער רעדאַקציע. עס איז מיר נישט שווער אָנגעקומען אויסצוגעפינען, אַז דער יידל, וואָס גיט אַרויס דעם „בעזים", האָט געוואָלט נושא־חן זיין ביי די פירער פון אַרבעטער־רינג און זיי געציינט די קאַרטונס און דעם גאַנצן מאַטעריאַל, איידער עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן.

דאָס איז נאָך נישט אַלץ. עטלעכע טעג פאַר יענער קאָנווענשאָן, בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ בר־מצוה פאַרטי. דאָרטן האָט זיך אויך געפונען דער „רעדאַקטאָר" פון „בעזים" און אַ חזן, אַ לאַנדסמאַן פון דעם יידל, וואָס גיט אַרויס דעם „בעזים". ביים עסן, — ווען אַלע זיינען געווען פריילעך, — רופט זיך אָפּ דער חזן צו דעם יידן: — „יאָך האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז עץ זענט אַזאַ גיטער שראַבער?". איך האָב זיך געמאַכט תמעוואַטע און פרעג ביים חזן, פון וואַנען ער ווייסט, אַז דער דאָזיקער ייד איז אַזוי טאַלאַנט־פול? איך דערוויס זיך באַלד, אַז דער יידל האָט געגעבן דעם חזן איבערצולייענען מיינעם אַ פעליעטאָן, וואָס איך האָב אָנגעשריבן

פאַרן „בעזים״, און דער גאַליציאַנער חזן האָט עס „געפיקסט״ אויף זיין שטייגער, און אַזוי אַרום איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיין פּעליעטאָן מיט אַלע גאַליציאַנער אויסדרוקן...

איך בין אַנטלאָפן פון „בעזים״ נאָך דער קאָנווענשאָן אין באַל־טימאָר. אויף דער באַלטימאָרער קאָנווענשאָן האָב איך אָנגעפרעגט ביי וויינבערגן ווי עס געפעלט אים דער נומער. האָט ער מיך גע־ענטפערט, אַז ער האָט דאָס שוין געזען מיט פיר וואָכן צוריק. איך פרעג דאָס זעלבע ביי געבינערן, ענטפערט ער מיר, אַז ער קאָן עס שוין אויף אויסנווייניק. גוסקין ענטפערט מיר „דאָנט באָטהער״. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל כאָטש טרעפן איינעם, וואָס האָט נאָך נישט געוואוסט דעם אינהאַלט פון דעם נומער, און גיב אַ פרעג ביי ישורינען, וואָס זאָגט איר אויף דעם נומער? ענטפערט ער מיר: — „אַלע ווייבער אין העסטער סטריט האָבן עס שוין געזען, איידער די דעלעגאַטן האָבן עס באַקומען״.

פון יענעם קאָנווענשאָן אָן האָב איך איינגעפּאַקט דעם „בעזים״.
— דו יו בלעים מי?

איך בין געווען לענגער פרעזידענט ווי אַ פּרעמיער-מיניסטער אין פראַנקרייך — זאָגט עבעריל

אין דער גאַנצער געשיכטע פון אַרבעטער רינג, האָט נאָך קיין פרעזידענט נישט געהאַט אַזאַ קורצן טערמין ווי יחיאל עבעריל. זיין טערמין איז געווען אַזוי לאַנג ווי פון אסתר תענית ביז פּורים. ווי דער סעזאָן אין אַרבעטער רינג קעמפּ... ווי כאַנינס אַ רעדע...

די רעדאַקציע פון „בולעטין" האָט מיך געשיקט צו האָבן אַן אינטערוויו מיטן פרעזידענט בעפאָר ער פאָרט אָפּ נאָך אַטלאַנטיק סיטי צום קאָנווענשאָן, וואו ער וועט דאַרפן אָפּגעבן זיין באַריכט אַלס פרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע, און דעם דאָזיקן אינטערוויו איבערגעבן אין דעם „בולעטין".

ווען מיר האָבן זיך מיט אים געטראָפן, איז דער פרעזידענט געווען פאַרנומען שרייבנדיק זיין באַריכט. אויפן טיש האָב איך געזען אַ באַרג מיט פּאַפּירן, ווי די פּראָטאָקאָלן פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו, „קליפּינגס" פון „פאָרווערטס" וועגן אַרבעטער רינג, „קולטור און דערציאונג", עטלעכע נומערן „פריינט" און אַ היבש ביסל צעטלעך. פון וואַנען ער האָט געשעפּט זיין אינפאָרמאַציע פאַרן באַריכט...

— איר וועט נישט האָבן קיין שווערע אַרבעט צו שרייבן אייער באַריכט, — האָב איך אָנגעפאַנגען מיין געשפּרעך מיטן פרעזידענט, — נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, אַז אייער טערמין איז געווען קירצער ווי געבינערס באַריכט פון מדינת ישראל... ווי אַ לעקציע פון זלמן יעפרויקין וועגן יידישע דערציאונג... ווי ווילי וואלפערטס אַ באַריכט פון „סאָשל סורווים" ביי דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו... און ווי אַ באַמערקונג אין יידיש פון דען איפּשין...

דער פרעזידענט האָט אַוועקגעלייגט זיין פּען, אויסגעטאָן זיינע ברילן, און רופט זיך אָפּ צו מיר: — מיין באַריכט וועט טאַקע זיין

א קורצער, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס קאָן אַ פּרעזידענט באַריכטן אין אַזאַ קורצע צייט וואָס האָט געדויערט ווייניקער ווי אַ סעזאָן ביי קלאָוקס... דערפאַר וועט מיין באַריכט זיין אַנגעפּיקעוועט מיט אַסך גריזאָטע פון די איבערלעבונגען וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין אין דעם קורצן טערמין, און די דעלעגאַטן וועלן מיך באַוואונדערן, וואָס אויף מיינע עלטערע יאָרן האָב איך געקאָנט אויסשטיין יאַנקעלע ראַטמאַנס באַריכטן אין יידיש ביי די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו... ראובלע בלאָקס קולטור... ס. דאַוויטש באַמערקונגען.. כאַנינס ציפערן... און מאַטל גאָלדינס באַריכטן פון דער „האָום״...

— און ווי האָט אייך געטריטעט כאַנין? פרעג איך ביים פּרעזידענט וואָס איז די גאַנצער צייט פון אונדזער געשפּרעך געווען זייער פריינטלעך צו מיר.

— מיין גליק, — ענטפערט מיר דער פּרעזידענט — וואָס כאַנין האָט אין דער קורצער צייט פון מיין טערמין געמאַכט צוויי טורס פאַרן אַרבעטער רינג, — איינעם אין דער סאַוט און דעם צווייטן אין קאַליפאָרניע, — האָט ער קיין צייט נישט געהאַט מיר צו דערגיין די יאָרן... איך שטעל זיך פאָר, אַז ווען נישט די צוויי טורס, וואָלט איך פון אים געווען געהאַט געברענטע צרות...

— און ווי האָט אייך באַהאַנדלט געבינער?

— ס׳מזל אויף אים, — האָט ער זיך באַקלאָגט — ווען איך בין געוואָרן פּרעזידענט, — דערציילט מיר יחיאלקע, — האָב איך זיך ביי אים געבעטן, אַז ווען ער וועט נעמען נאָטיצן פון מיינע רעדעס, זאָל ער איבערגעבן די רעדעס אַזוי ווי עס רעדט אַ פּעינטער, אַ פּייפּער-הענגער, און צום סוף, אַז איך האָב איבערגעלייענט מיינע רעדעס — ווי אַזוי געבינער האָט זיי איבערגעגעבן, — האָב איך זיי נישט דערקענט... דאָס זיינען געווען רעדעס ווי זיי וואָלטן געהאַלטן געוואָרן פון יאַנקעלע ראַטמאַן... היי קאַפּלאַן... אָדער מאַיק פּאַלמער..

— און ווי האָבן אייך באַהאַנדלט די זעקס און צוואַנציק מינימטאָרן פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, — זאָגט מיר דער פּרעזי-

דענט, — זיי האָבן מיר נישט פאַרגונען דעם כבוד וואָס מ׳האָט מיך געמאַכט פאַר פּרעזידענט, נאָר זיי האָבן בײַ זיך געטראַכט, ווי יענער ייִד וואָס איז, נישט פאַר אונדז געדאַכט, געווען אַ ביסל אַ שטומער, אַ זאַהיקע, וואָס איז אַרויפגעקומען אין אַ שאַפּ פאַר אַ דזשאַב, האָט אים דער שאַפּ־טשערמאַן געפרעגט צו וואָסערע יוניאָן ער באַלאַנגט, און ביז דער דאָזיקער ייִד האָט געקאָנט אַרויסזאָגן דעם נאָמען פון זיין יוניאָן, איז דערווייל אַוועק דער סעזאָן... „מיין גליק״ — זאָגט צו מיר דער פּרעזידענט, — איז וואָס מיין סעזאָן איז געווען אַ קורצער, אַ ניט, וואָלטן זיי מיך אויפגעהאַנגען... זיי האָבן בײַ זיך געטראַכט, הלוואי קען מען אַזוי שנעל פּטור ווערן פון מאַלענקאָוו, פון מאָלאָטאָוו, פון מעקאַרטי, ווי שנעל מען וועט פּטור ווערן פון מיר...

— דורך דער גאַנצער צייט פון אונדזער געשפּרעך — רופט זיך אָפּ דער פּרעזידענט, — האָט איר מיך געקיבעצט וועגן מיין קורצן טערמין און איך האָב אַלץ געמוזט אַרונטערשלינגען. איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, אַז איך האָב זיך געהאַלטן אַלס פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג לענגער ווי אַ פּראַים־מיניסטער אין פראַנקרייך... לענגער ווי אַ פאַר טולער בײַ ייִדישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד... ווי קאָמוניסטן בײַ פּרינציפּן... אָדער דער סעזאָן פון דער „פאָלקס־בינע״.

ווען איך האָב זיך געזעגנט מיטן פּרעזידענט, האָב איך אים געמאַכט עטלעכע קאָמפּלימענטן אַז טראָץ דעם וואָס ער איז בײַם פאַך אַ פּייפּער־הענגער, און אים קומט אויס צו שטיין אויפן לייטער בײַ די ווענט, האָט ער באַוויזן — אין דער קורצער צייט פון זיין טערמין אַלס פּרעזידענט — אַז ער איז נישט געקראָכן אויף די גלייכע ווענט... אָדער צוזאַמענגעבראַכט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט... פאַר דעם דאָזיקן קאָמפּלימענט, האָט דער פּרעזידענט מיך איינגעלאַדט אין דער קאַפעטעריע און געטריט מיט קאַווע, און מיר אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז ווען איך וועל שרייבן מיין אינטערוויו מיט אים זאָל איך איבערגעבן זיינע ווערטער אַזוי ווי ער האָט גערעדט, און נישט טאָן צו אים ווי געבינער... און ווען די לעזער וועלן לייענען דעם אינטערוויו אין „בולעטין״, זאָל

זיי נישט זיין שווער צו פאַרשטיין, ווי איך האָב נישט פאַרשטאַנען די רעדעס פון אייזיקל הילמאַן ביי דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו... כאַנינס פינאַנציעלע באַריכטן... דען איפּשינס באַריכט ווי עס האַלט מיטן קאַמפּעין צו ווערבירן מיטגלידער פאַרן אַרבעטער רינג... און יעקב פּאַטס טעזיסן ווי עס האַלט מיט אונדזער יידישער קולטור...

איטיקאַ און יוטיקאַ

אַ מעשה פון צוויי שטעטלעך פון וועלכע מאַקס גאַפּט האָט געהאַט געברענטע צרות

נאָך מיט פיר הונדערט יאָר צוריק האָט שעקספּיר, אין זיין באַרימטע דראַמע „ראָמעאָ און דזשוליעט", געמאַכט צו גאָרנישט אַ נאָמען. ביי שעקספּירן שפּילט אַ נאָמען אַ קנאַפּער ווען, „וואָס אין אַ נעים? גאָרנישט שבגאָרנישט".

פון דעמאָלט אָן, מאַכן די מענטשן קיין ווען פון אַ נאָמען. ס'איז אַ נעכטיקער טאָג, און ס'מיינט גאָרנישט.

אָבער נישט ביי מאַקס גאַפּט: ביי אים איז איצט אַ נאָמען שוין גאָר וויכטיק. גאַפּט גייט איצט אַרום און דערציילט זיינע חברים אַז זיי זאָלן אויפּפּאַסן און נישט פאַרפּירט ווערן פון אַ נאָמען, רחמנא ליצלן, ווי ער איז פאַרפּירט געוואָרן און פאַרבלאָנ־דזשעט צוליב דעם וואָס ער האָט — ווי אַנדערע — געהאַלטן, אַז פון אַ נאָמען זאָל מען נישט מאַכן קיין צימעס.

די דאָזיקע דערפאַרונג האָט גאַפּט געהאַט צו פאַרדאַנקען איבער אַ רייזע וואָס ער האָט באַדאַרפט מאַכן אין יוטיקאַ, ניו יאָרק, וואו ער איז געשיקט געוואָרן פון אַרבעטער רינג צו אַ ברענטש און מיט זיי אויפנעמען וויכטיקע אַרבעטער רינג פּראָבלעמען.

עטלעכע טאָג איידער גאַפּט האָט באַדאַרפט אָפּפאָרן נאָך יוטיקאַ האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון ב. געבינער, געהילפס-סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג, און אים דערמאָנט וועגן דער רייזע. ער האָט אים געשריבן אַלע איינצלהייטן וואו די פאַרזאַמלונג דאַרף אָפּגעהאַלטן ווערן, ווער עס זיינען די טוער פון ברענטש, און וואָסערע פּראָב־לעמען ער דאַרף מיט זיי אויפנעמען, און נישט פאַרגעסן, אַז ער מוז למען השם, זיין פּרי ביים גרענד סענטראַל סטיישאָן, וואו עס

גייען אַפּ טרעינס נאָך יוטיקאַ יעדע שעה און די רייזע דויערט אַ היפּשע צייט.

יענעם שבת אין דער פרי, האָט גאַפּט זיך אָנגעטאָן דעם שענסטן אָנצוג, איינגעפּאַקט זיינע זאַכן, זיך צוקושט מיט דער ווייב, און אַרונטערגעפּאָרן דאַון־טאַון נעמען די טרעין און פאָרן אין יוטיקאַ.

ווען גאַפּט איז צוגעקומען צום פענצטערל קויפן דעם טיקעט נאָך יוטיקאַ, רופט ער זיך אָפּ צום אַגענט: „וואָס פאַרקויפט די טיקעטס: „אַ רעטוירן טיקעט טו איטיקאַ... פּליעז״, און פרעגט ביים אַגענט ווען עס גייט אָפּ די נעקסטע טרעין נאָך איטיקאַ.

פון גרענד סענטראַל סטיישאָן נאָך איטיקאַ גייען נישט אַפּט אַזוי פיל טרעינס ווי נאָך יוטיקאַ. זאָגט אים דער אַגענט, אַז די טרעין נאָך איטיקאַ וועט ערשט פאַרלאָזן אין דריי שעה אַרום.

גאַפּט שטייט אַ צעטומלטער און ווערט שוין אין כעס אויף געבינערן וואָס האָט אים פאַרפּירט... און אים געשריבן אַז די טרעינס גייען אָפּ אַלע שעה. וויל טעלעפאָנירן אין אַרבעטער רינג אָפּיס און ריידן מיט געבינערן, איז דער אָפּיס פאַרמאַכט. וואָס טוט מען? גייט ער אַריין אין אַ מואַווי און אין עטלעכע שעה אַרום קומט ער צוריק אין סטיישאָן, נעמט די טרעין און פאָרט קיין איטיקאַ.

אין איטיקאַ איז נישט פאַראַן קיין אַרבעטער רינג בראַנטש. דער מיטינג פאַר גאַפּטן איז גאָר צוגעגרייט געוואָרן אין יוטיקאַ... פאָרט גאַפּט אין דער טרעין און האָט בלויז איין זאָרג: ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן די פאַרזאַמלונג...

ווען גאַפּט איז אָנגעקומען אין איטיקאַ, איז שוין געווען היפּש שפּעט. ער האָט זיך שנעל געאיילט צום מיטינג און נישט געוואָלט פאַרשפּעטיקן... כאַפּט ער אַ טעקסי און רופט זיך אָפּ צום דרייווער: „סטעפּ אָן טהי געז, איי מאַסט בי טו אַ מיטינג און איט איז לעיט״, און גיט דעם טעקסי דרייווער דעם אַדרעס פון דעם האָל וואו דער מיטינג האָט באַדאַרפט פאָרקומען... דער דרייווער איז שוין געהאַט אָפּגעפאָרן עטלעכע בלאָק און זיך געפונען אין אַ פינצטערע גאַס, דרייט זיך דער טעקסי־דרייווער אויס צום פּאַסאַזשיר און רופט זיך אָפּ: „איי עם סאָרי, מיסטער, טהעיר איז נאָ סאַטש אַ סטריט אין איטיקאַ...״ פון דער דאָזיקער בשורה איז גאַפּט שיער נישט

געפאלן אין חלשות. ער בעט ביים טעקסי־דרייווער ער זאל אים צופירן אין א ליכטיקע גאס און גייט אריין אין א דראג סטאר און זוכט אין דער טעלעפאן דירעקטארי דעם נומער פון ארבעטער רינג ברענטש אין איטיקא און קאן נישט געפינען... גאפט נעמט ארויס געבינערס בריוו וואו עס זיינען דערמאנט געווארן די טוער פון ברענטש און זוכט זייערע נעמען צו טעלעפאנירן וואו ער געפינט זיך, אבער א נעכטיקער טאג... ער האט שוין גענומען די „מילך טרעין" און געפארן צוריק אין ניו יארק.

* * *

ביי דער נעקסטער זיצונג פון ארבעטער רינג, וואו גאפט האט באדארפט אפגעבן זיין באריכט פון יוטיקא, איז ער אנגעפאלן אויף געבינערן וואס האט אים פארפירט... מ'האט גאפטן אויפגעקלערט דעם גאנצן עסן אז שולדיק איז ער און נישט געבינער. פון דעמאלט אן האלט שוין גאפט נישט מער פון שעקספירן אז א נאמען מיינט גארנישט, די דערפארונג האט אים געלערנט אז א נאמען מיינט אסך און ס'איז א גרויסער אונטערשיד צווישן איטיקא און יוטיקא...

* * *

גאפט קאן זיך טרייסטן, אז ער איז נישט דער ערשטער יידישער שרייבער און לעקטאר וואס ווייסט נישט וואו צו פארן. עס ווערט דערציילט, אז א יידישער שרייבער איז איינמאל ארויסגעפארן אויף א לעקציע טור איז ער אריינגעקומען אין דער באן האט אים דער קאנדוקטאר געהייסן צייגן דעם בילעט, זוכט ער אין אלע זיינע קעשענעס און קאן דעם בילעט נישט געפינען. דער קאנדוקטאר שטייט א ווײַלע א רואיקער און דער שרייבער זוכט און קאן דעם בילעט אלץ נישט געפינען, און ווערט שוין נערוועז. רופט זיך אפ דער קאנדוקטאר: „אויב איר האט פארלארן דעם טיקעט, קאנט איר מיר געבן געלט פאר דער רייזע ביז די נעקסטע סטאנציע וואו איר דארפט ארונטערגיין".

„געלט פאר דער רייזע ביז דער נעקסטער סטאנציע", רופט זיך אפ דער שרייבער צום קאנדוקטאר, „האב איך, נאר איך ווייס נישט וואו איך דארף פארן..."

אין סאָוועט־רוסלאַנד לאַכט מען אויך

אין קיין אַנדער לאַנד אין דער וועלט איז נישט געשאַפֿן געוואָרן אַזוי פֿיל גאַלגען־הומאָר אויפֿן חשבון פֿון די רעגי־רער, ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס רוסישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן אַן אוצר פֿון בייסיקן הומאָר קעגן סטאַלינען און זיין רעגירונג.

צענדליקע ביכער זיינען שוין דערשינען אין פֿיל שפּראַכן וואו עס ווערן דערציילט פֿאַרשידענע וויצן, אַנעקדאָטן און שפּאַסיקע פּאַסירונגען פֿונעם לעבן פֿון דעם רוסישן פֿאָלק וואָס דאָס פֿאָלק האָט אַליין געשאַפֿן. אַ גרויסע צאָל פֿון די וויצן שטעלן מיט זיך פֿאָר אמתן יידישן פֿאָלקלאָר. זיי זיינען געוואָרן קלאַסיש און ווערן דערציילט ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן, און די וואָס הערן די דאָזיקע מעשהלעך, האָבן אַן אמתע הנאה.

איך האָב אַ טייל פֿון די דאָזיקע שפּאַסיקע מעשהלעך, וואָס די מערסטע פֿון זיי זיינען יידישלעך, געזאַמלט און זיי באַשריבן אין אַ סעריע וואָס איז געווען געדרוקט אין „פֿאָר־ווערטס". די מערסטע פֿון דער סעריע גייען דאָ אַריין אין דער זאַמלונג.

ווי אַזוי מ׳האָט אין סאָוועט-רוסלאַנד געפייערט פּושקינס אָנדענק

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז אַלע באַרימטע און באַליבסטע שרייבער אין סאָוועט-רוסלאַנד זיינען די שרייבער וואָס זיינען שוין לאַנג טויט... אַ לעבעדיקער און זעלבסטשטענדיקער שרייבער אין סאָוועט-רוסלאַנד איז נישט זיכער מיטן לעבן. אַלע יידישע שרייבער האָט שוין סטאַלין ליקווידירט, דערפאַר האַלט מען אין סאָוועט-רוסלאַנד שטאַרק פון פּרצן, שלום עליכמן און אַנדער יידישע שרייבער וואָס זיינען שוין לאַנג טויט.

דעם זעלבן מזל האָבן אויך אין סאָוועט-רוסלאַנד די גויאישע שרייבער, אין דעם פּרט מאַכט סטאַלין נישט קיין אונטערשייד צווישן גוי און ייד.

איז אין רוסלאַנד געווען אַ רוסישער שרייבער וואָס האָט געשריבן לויט זיין טאַלאַנט האָט אים דיקטירט, האָט אים סטאַלין אַראָפּגערוימט פון וועג, אָבער ווען עס קומט צו שרייבער וואָס זיינען שוין פון לאַנג טויט, ווי אַ טאָלסטאָי, גאָרקי, טורגעניוו, דאָסטאָיעווסקי, פּושקין און אַנדערע באַרימטע שרייבער, ווערן פאַר די דאָזיקע שרייבער געפּראַוועט ימים-טובים און מ׳שטעלט אויף פאַר זיי מאָנומענטן.

— וועגן איינעם פון די דאָזיקע שרייבער — וועגן פּושקינען ווערט דערציילט, אַז ס׳איז לעצטנס געוואָרן הונדערט און פופציק יאָר זינט דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער איז געשטאָרבן. אַזאַ דאַטע קאָן מען נישט אַזוי דורכלאָזן און נישט פייערן דעם יאָר-צייט פון אַזאַ באַרימטן שרייבער ווי פּושקין. האָט סטאַלין גערופן עטלעכע פון זיינע שרייבער-קנעכט און זיי באַפוילן אַז מען מוז פייערן פּושקינס געבורטסטאָג, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר רוס-



דאס האט באדארפט זיין פושקינס מאָנומענט

לאַנד, און אין איינע פון די שענסטע גאַסן אין מאָסקווע אויפשטעלן א פּאַסענדן מאָנומענט נאָך פּושקינען.

די קאָמיטע האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט און באַלד אַרויסגעלאָזן אַ רוף צום רוסישן פאָלק צו מאַכן אַ פאָלקס־זאַמלונג, כדי צו געבן דער קאָמיטע אַ מעגלעכקייט צו קאָנען אויפשטעלן אַ פּאַסענדן מאָנומענט. אין אַ פּאָר וואָכן האָט שוין די קאָמיטע געהאַט עטלעכע מיליאָנען רובל, וואָס זיינען אַריינגעקומען פון די ברייטע רוסישע פאָלקס־מאַסן. די קאָמיטע האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

די קאָמיטע האָט אַרויסגעלאָזן אַ רוף איבער דער גאַנצער וועלט, צו אַלע באַרימטע סקולפּטאָרן, און זיי איינגעלאַדן צו קומען אין רוסלאַנד מאַכן דעם פּושקין מאָנומענט. די סקולפּטאָרן האָבן געאַרבעט חדשים לאַנג אויף דעם ווערק און די רוסישע צייטונגען האָבן יעדן טאָג געמאָלדן אַז אַזאַ קונסט־ווערק פון אַ מאָנומענט האָט נאָך די וועלט נישט געזען. זיי האָבן געהאַלטן געשפּאַנט דאָס רוסישע פאָלק, וואָס האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן אויפן טאָג, ווען דער מאָנומענט וועט ענדליך אויפגעדעקט ווערן.

ענדלעך איז געקומען דער דערוואַרטעטער טאָג, ווען דער מאָנומענט וועט אויפגעדעקט ווערן. יענער טאָג איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ נאַציאָנאַלן יום טוב. די אַרבעטער האָבן אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין די פאַבריקן, די רויטע אַרמיי האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן רויטן סקווער מיט איר גאַנצן כלי זין, אַרום די גאַסן וואו דער מאָנומענט איז געשטאַנען זיינען געקומען אַ מיליאָן מענטשן און מיט קלאַפּענדע הערצער געוואַרט אויף דער מינוט ווען דאָס ווייסע ליילעך וואָס האָט פאַרהאַנגען דעם מאָנומענט זאָל שוין אַרונטער גענומען ווערן און מען זאָל שוין קאָנען זעען דעם באַרימטן דיכטער אַלעקסאַנדער פּושקין.

ביי דעם מאָנומענט האָט מען אויפגעשטעלט אַ ריזיקע פּלאַטפאָרמע וואָס איז געווען דעקאָרירט מיט פאָנען און די בילדער פון די רוסישע פירער, און דאָס גרעסטע בילד איז געווען פון סטאַלינען וואָס האָט געהאַנגען אין סאַמע סענטער פון דער פּלאַטפאָרמע, דער גרויסער עולם האָט געמאַכט אַ ריזיקע אוואַציע פאַר

סטאַלינען און די אַנדערע סאָוועטישע פירער וואָס האָבן זיך באַ־
וויזן אויף דער סצענע, דער אָרקעסטער שפּילט אויף דעם אינטער־
נאַציאָנאַל, פון דער ווייטנס הערט זיך דאָס קראַכן פון עטלעכע
שאָסן פון הארמאַטן פאַר דעם כבוד פון דעם גרויסן דיכטער פושקין.

פון דער בינע גייען אַרונטער אַ גרופּע סאָוועטישע שרייבער
באַגלייט פון די סקולפּטאָרן וואָס האָבן געמאַכט דעם מאָנומענט,
ווען מ׳האָט צוגעטיילט דעם כבוד אַרונטער צונעמען דאָס ווייסע
ליילעך וואָס האָט געהאַנגען איבערן מאָנומענט. איבערן סקווער
הערשט אַ טויטע שטילקייט און מיט אַ הייליקן ציטער דערוואַרט
שוין דער גרויסער עולם צו זען זייער באַליבטן דיכטער אַלעק־
סאַנדער פושקין.

דאָס ווייסע ליילעך גליטשט זיך פּאַמעלעך, דער עולם ברעכט
אויס אין אַ מעכטיקן אַפּלאָדז און פּלוצעם ווערט שטיל ווי זיי
וואָלטן פאַרשטיינערט געוואָרן. אַנשטאָט פושקין האָט דער עולם
פאַר זיך דערזען אַ ריזיקע סטאַטוע פון סטאַלינען... ווי ער זיצט
אויף אַ הויכן פּעדעסטאַל און ער האַלט אין האַנט אַ בוך, מיט די
אויסגעקריצטע ווערטער: „געזאַמלטע ווערק פון אַלעקסאַנדער
פושקין".

טעמפּאָ

די שקלאַפּישע באַדינגונגען אין דעם סאָוועטן-פּאַרבאַנד פון די אַרבעטער און פּויערים האָט נישט קיין פאַרגלייך אין דער געשיכטע פון דער וועלט. אין סטאַלינס רוסלאַנד, זיצן מענטשן טאָג און נאַכט און טראַכטן אויס פאַרשידענע מיטלען ווי אַזוי די אַרבעטער און פּויערים זאָלן פּראָדוצירן וואָס מער. דער געיעג האַלט אָן אָן אויפהער.

אין מאָסקווע איז איינמאָל אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנגרעס פון פּויערים מיטן צוועק זיי אויפצומונטערן אַז זיי זאָלן פּראָדוצירן וואָס מער אויף זייערע פאַרמס. די הערשער פון קרעמל האָבן שוין געזען, אַז דער קאָנגרעס זאָל איינגעריכטעט ווערן אַזוי, אַז ער זאָל מאַכן אויף די פּויערים-דעלעגאַטן — וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן פון גאַנץ רוסלאַנד — דעם געוואונטשטן איינדרוק, און פאַר זיי געעפנט דעם באַרימטן „זאַל מיט די שפּיגלען" פון די צאַרן וואָס איז וועלט-באַרימט.

צו דעם קאָנגרעס זיינען געקומען די גאַנצע פּני פון די סאָוועטישע פירער מיט לענינען בראש. אַלע רעדנער וואָס זיינען אויפגעטראָטן אויף דער פאַרזאַמלונג, האָבן געקנעלט מיט די פּויערים, אַז זייער חוב איז צו שאַפן אויף זייערע פאַרמס וואָס מער פּראָדוקטן פאַרן רוסישן פאָלק, און יעדער רעדנער האָט זיך באַנוצט מיטן וואָרט „טעמפּאָ".

איינער פון די פּויערים איז נאָך אַ זיצונג צוגעגאַנגען צו אַ קאָמיסאַר, און האָט ביי אים געפרעגט, וואָס מיינט דאָס וואָרט טעמפּאָ? וויפיל דער קאָמיסאַר האָט אים נישט אויפגעקלערט, האָט זיין פּויערישער קאָפּ אַלץ נישט געקאָנט פאַרנעמען, האָט דער קאָמיסאַר אָנגענומען דעם פּויער ביים האַנט, צוגעפירט צום פענצטער און געזאָגט צום פּויער: איר זעט ווי מען בויט דאָ אַ צוואַנציק-שטאָקיקע געביידע? אונטער דעם צאַרישן רעזשים האָט געדויערט אויפצובויען

אַזאַ געביידע זעקס יאָר, אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים וועט די געביידע פּאַרטיק ווערן אין זעקס חדשים.

דער פּויער האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט טעמפּאָ, און איז אַוועק אַ צופרידענער.

ווען דער דאָזיקער פּויער איז אַהיים געפאָרן אין זיין דאָרף, און האָט באַדאַרפט אָפּגעבן זיין באַריכט צו די אַנדערע פּויערים, האָט מען אַלע פּויערים צוזאַמענגערופן אויפן פעלד, און דער דעלעגאַט האָט אָפּגעגעבן זיין באַריכט, האָט ער אויך — ווי דער רעדנער ביים קאָנגרעס — דערמאָנט עטלעכע מאָל „טעמפּאָ״, און פון אַלע זייטן האָבן זיך דערהערט שטימען אַז ער זאָל זיי אויפקלערן וואָס עס מיינט „טעמפּאָ״. האָט ער פאַר זיי געוואָלט דעמאָנסטרירן מיט אַ געביידע, ווי דער קאָמיסאַר האָט עס געטאָן פאַר אים אין מאָסקווע. אָבער אין דער געגנט איז נישט געווען קיין געביידע, און דער פּויער האָט זיך פאַר עטלעכע מינוט פאַרלוירן און זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן ביז ער האָט געזען אַ סעמע־טערי, רופט ער זיך אָן צו זיינע צוהערער: איר זעט אונדזער סעמעטערי? אונטער דעם צאַרישן רעזשים האָט געדויערט גאַנצע זעקס יאָר אָנצופילן אַזאַ סעמעטערי, און ביי דעם נייעם סאָוועטישן רעזשים מאַכט מען עס אין זעקס חדשים... און די פּויערים האָבן שוין פון דאַן אָן פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט „טעמפּאָ״ אין רוסלאַנד...

זיי האָבן זיך ענדלעך מודה געווען

אין אַ רוסישע שולע איז איינמאָל געקומען אַן אינספּעקטאָר פון בילדונגס-מיניסטאָריום און גענומען אויף אַ שטרענגן פאַרהער דעם לערער און די תלמידים צו ווערט אין שולע געלערנט לויט דעם קאָמוניסטישן שולחן ערוך, און צו ווערן די קינדער דערצויגן אין דעם קאָמוניסטישן גייסט.

דער אינספּעקטאָר האָט געפרעגט די קינדער פאַרשידענע פראַגן אויף וועלכע די קינדער האָבן געגעבן אַ צופרידנשטעלנדן ענטפער. איינע פון די פראַגן איז געווען: — ווער האָט אָנגעשריבן דאָס גרויסע ווערק „קריג און פרידן"?

דער לערער און די קינדער זיינען געשטאַנען און געציטערט ווי אַ בלאַט און געקוקט איינער אויפן צווייטן און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אין דער שולע האָט געהערשט אַ טויטע שטיל-קייט ביז איין קינד האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געענטפערט: „איך נישט"...

באַלד האָבן די אַנדערע קינדער נאָכגעפאָלגט זייער חבר און האָבן אין כאָר געגעבן דעם זעלבן ענטפער: „איך נישט"...

דער לערער איז געפאַלן אויף די קני צום אינספּעקטאָר און זיך בײַ אים געבעטן אַז ער זאָל זיך צוריקהאַלטן פון שרייבן זיין באַריכט צום בילדונגס-מיניסטעריום, און געבן אים אַ געלעגנהייט אויסצופאָרשן די גאַנצע זאַך און אים פאַרזיכערט, אַז ווען ער וועט קומען אין צוויי וואָכן אַרום, וועט ער אים צושטעלן דעם גאַנצן באַריכט ווער ס'האָט געשריבן „קריג און פרידן"...

אין צוויי וואָכן איז דער אינספּעקטאָר ווידער געקומען. דער לערער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער האָט אויסגעפאָרשט די גאַנצע זאַך און אויסגעפונען, אַז אַכט פון זיינע תלמידים האָבן זיך שוין מודה געווען... נאָר צוויי קינדער זיינען נאָך איינגעשפּאַרט און ווילן נישט צוגעבן, אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַר-שווערונג קעגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד און אָנגעשריבן „קריג און פרידן"...

אַן ענגלישע קאָמיסיע ביי לענינען

באַלד פון אָנפאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען לענין איז געווען דער פרעמיער-מיניסטער, האָט די ענגלישע רעגירונג געשיקט קיין רוסלאַנד אַ האַנדלס-קאָמיסיע, מיטן צוועק צו שליסן אַ האַנדלס-אָפּמאַך מיט דער סאָוועט-רעגירונג און איינשטעלן פריינטלעכע באַציאונג צווישן די צוויי לענדער.

די קאָמיסיע איז פון דער סאָוועטישע רעגירונג אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד, און זיינען שפּעטער איינגעלאַדן געוואָרן אין דעם קרעמל, וואו זיי האָבן געהאַט אַ זיצונג מיט לענינען וועגן זייער מיסיע.

די קאָמיסיע האָט לענינען דערקלערט, אַז ענגלאַנד איז גרייט צו מאַכן רוסלאַנד אַ גרויסע הלוואה און איינשטעלן האַנדלסבאַציאונגען מיט דער סאָוועט-רעגירונג, נאָר זי וואָלט געוואָלט וויסן וואָס פאַרמאָגט די סאָוועטישע רעגירונג אַז זי זאָל קאָנען גאַראַנטירן ענגלאַנדס אינוועסטמענטס, איידער זי מאַכט די הלוואה.

לענין האָט דערקלערט דער קאָמיסיע, אַז סאָוועט-רוסלאַנד פאַרמאָגט די גרעסטע אַרמיי אין דער וועלט. איר קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט מיליאָנען מיטגלידער. דרייסיק מיליאָן אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין די טרעיד-יוניאָנס, און אַ גרויסע יוגנט-באַוועגונג.

די קאָמיסיע האָט דערקלערט לענינען, אַז פון די אַלע זאַכן ווייסט זי פריער וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט א ו י ף דער ערד, וואָס זי וויל וויסן איז, וואָס פאַרמאָגט רוסלאַנד אין נאַטירלעכע אוצרות א י ן דער ערד?

לענין האָט זיי דערקלערט, אַז רוסלאַנד האָט גרויסע רעזערוון פון גאָלד, זילבער, קופּער, קוילן אין דער ערד וואָס קיין אַנדער לאַנד האָט נישט, און ענגלאַנד וועט קאָנען דורך אירע מעכאַניקער אויסגראָבן די אַלע זאַכן. דאָס וועט זיין אַ ברכה פאַר ביידע לענדער.

אין סאָוועט־רוסלאַנד לאַכט מען אויך

דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט דער הויפּט פון דער ענגלישע דעלע־גאַציע און רופט זיך אָפּ צו לענינען: — ווען רוסלאַנד וואָלט געהאַט דאָס גאָלד און זילבער און די אַנדערע מאַטעריאַלן א ו י ף דער ערד, און די רויטע אַרמיי און דער קאָמוניסטישע פּאַרטיי א י ן דער ערד, וואָלט געווען פאַר ענגלאַנד זייער לייכט צו טאָן ביזנעס מיט דער סאָוועט־רעגירונג...

זעקס געבאָטן וואָס אַ סאָוועטישער בירגער מוז שטרענג אָפּהיטן

1. דו טאָרסט נישט דענקען.
2. אויב דו דענקסט, טאָרסט דו נישט ריידן.
3. אויב דו מוזסט ריידן, שרייב עס נישט אויף.
4. אויב דו מוזסט שרייבן, דרוק עס נישט.
5. אויב דו דרוקסט עס, שרייב זיך נישט אונטער.
6. און אויב דו שרייבסט עס אונטער, לייקן עס גלייך אָפּ...

ראַטעוועט!

די פירער פון סאָוועט־רוסלאַנד באַרימען זיך, אַז אַלע גרויסע דערפינדונגען פון דער וועלט, ווי מואווים, טעלעוויזיע, דער טעלע־פאָן, ראַדיאָ און אַפילו בעים־באַל, האָבן רוסן דערפינדן.

ווען מ'האָט אין רוסלאַנד אויפגעבויט די ערשטע ראַדיאָ־סטאַנציע, האָבן די רוסישע צייטונגען געלאָזט וויסן דעם פאָלק פון דער גרויסער דערפינדונג, אַז בלויז רוסלאַנד — אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים — האָט געקאָנט באַווייזן צו דערפינדן אַ מאַשין וואָס ווען מען רעדט אין דער דאָזיקער מאַשין, הערט מען די שטימע אין דער גאַנצער וועלט.

האָט מען אין איינע פון די גרויסע מאָסקווער גאַסן אויפגעבויט אַ ריזיקע פלאַטפאָרמע און איינגעלאַדן דאָס רוסישע פאָלק צו קומען זען דעם גרויסן וואונדער וואו איינער וועט אַריינריידן אין אַ רערל, וועט מען זיין שטימע הערן נישט נאָר אין מאָסקווע, נאָר אויך איבער דער גאַנצער וועלט.

צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען אַ גרויסער עולם זען דעם וואונדער. אויף דער פלאַטפאָרמע זיינען געזעסן די פירער פון דער סאָוועט־רעגירונג מיט סטאַלינען בראָש, אויף דער פלאַטפאָרמע האָבן זיך געפונען עטלעכע „מאַיקס" און איינער פון די פירער איז צוגעגאַנגען צו אַ „מאַיק" און רופט זיך אָפּ צום עולם: — ווען איר רעדט אַריין אין דעם דאָזיקן „מאַיק", הערט מען אין גאַנץ מאָסקווע. דער גרויסער עולם איז געוועזן באַגייסטערט. באַלד איז ער צוגעגאַנגען צו אַ צווייטן „מאַיק" און רופט אוים: — ווען איר רעדט אַריין אין דעם דאָזיקן „מאַיק", הערט מען אין גאַנץ רוס־לאַנד. דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ גרויסן אַפּלאָדז. אויף דער פלאַטפאָרמע האָט זיך געפונען אַ דריטער „מאַיק", גייט דער קאָמיסאַר צו צום „מאַיק" און רופט אוים: — ווען איר רעדט אַריין אין דעם דאָזיקן „מאַיק" הערט מען אין דער גאַנצער וועלט.

לעבן די פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען אַ ייִד וואָס איז געוואָרן גאָר באַגייסטערט פון דער דאָזיקער דערפינדונג און רופט אויס צום קאָמיסאַר: „גיט מיר אַ געלעגנהייט אַרייַנצורעדן אין דעם דאָזיקן „מאַיק" בלויז איין וואָרט". דער קאָמיסאַר איז געוואָרן צעטומלט פון דער געוואַגטקייט פון דעם בירגער וואָס האָט געהאַט די חוצפּה צו פאָדערן אַז מ'זאָל אים דערלויבן אַרייַנצורייַדן אין דעם „מאַיק", וואו מ'קאָן אים הערן איבער דער גאַנצער וועלט. באַלד האָבן זיך דערהערט שטימען פון דעם עולם און געפאָדערט אַז מ'זאָל דעם בירגער געבן די געלעגנהייט עפּעס צו זאָגן, בפרט ווען ער וויל בלויז אַרייַנרייַדן איין וואָרט. מ'האָט דעם ייִדן איינגעלאַדן אויף דער פּלאַטפאָרמע און דער גרויסער עולם איז געווען נייגעריק צו הערן וואָס קאָן אַ מענטש זאָגן אין איין וואָרט?

דער ייִד גייט צו צום „מאַיק" און רופט אויס: ר א ט ע ו ו ע ט !

דעם יידן געפעלן נישט די בילדער

אין איינע פון די מאָסקווער גאַסן שפּאַצירט זיך אַ ייד וועמען די קאָמוניסטן האָבן רואינירט און ביי אים צוגענומען אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער איז געווען אַ פאַרביסענער שונא פון דעם סאָוועטישן רעזשים. זעט דער דאָזיקער ייד ווי אַ ייִנגל גייט איבער די גאַסן און רופט אויס: „קויפט בילדער פון די פירער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד!"

דער ייד רופט צו דעם ייִנגל און הייסט זיך צייגן די בילדער. ער זעט טראָצקי, זינאָוויעוו, בוכאַרין, קאַמענעוו, סטאַלין, מאָלאָטאָוו, און אַנדערע בילדער פון דער סאָוועטן־רעגירונג, און צווישן זיי אַ בילד פון לענינען ווי ער ליגט אין „מאָזעלעאום" אַן איינגעמאַרינירטער...

מישט דער ייד די בילדער און רופט זיך אָפּ צום ייִנגל: „די אַלע בילדער וואָס דו פאַרקויפסט זיינען נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק, אַ חוץ איין בילד, — לענינס, וואָס יעדער מענטש אין רוסלאַנד וואָלט באַדאַרפט קויפן און האַלטן דאָס ווי אַן אוצר אין שטוב. ווען די אַנדערע בילדער וואָס דו פאַרקויפסט וואָלטן געלעגן אַזוי רואיק ווי לענין, וואָלט איך ביי דיר געקויפט אַלע בילדער, און דו וואָלסט געקאָנט מאַכן אַ פאַרמעגן...

עס מוז זיין אַ טעות

אַז די געהיים־פּאָליציי פון רוסלאַנד — די ען־קאַ־ווע־דע — וויל איינעם אַרעסטירן, באַפאַלט מען אים אין מיטן דער נאַכט אין בעסטן שלאָף און מען שלעפּט אים אַוועק. די פאַמיליע ווייסט נישט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

קומען צו גיין עטלעכע אַגענטן פון דער ען־קאַ־ווע־דע אין אַ הויז פאַרטאָג, קלאַפּן אָן אין טיר און עס באַווייזט זיך אַ פרוי. מען פרעגט ביי איר צו איר מאַן איז אין דערהיים. ענטפערט די פרוי אַז איר מאַן איז ערשט אַוועק פון שטוב. זי ווייסט נישט וואו ער איז געגאַנגען.

די אַגענטן זיינען שוין געווען „איבערצייגט", אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ חברה־מאַן וואָס איז זיכער פאַרבונדן מיט אַ באַנדע פאַרשווערער קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און איז אַוודאי געגאַנגען צו זיי פאַרטאָג, אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג, און ער איז דער ריכטיקער העכט וועמען זיי זוכן.

זיי האָבן גענומען די פרוי אויף אַ שטרענגן פאַרהער און זי געמאַטערט אַ לאַנגע צייט מיט פראַגן וועגן איר מאַן, און די פרוי האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז איר מאַן איז אַוועק וועגן אַ וויכטיקע שליחות פאַר דער רעגירונג און זי דערוואַרטעט אים באַלד אין דערהיים.

פּלוצעם פאַלט איין דער פרוי צו פרעגן דעם הויפּט פון די אַגענטן ווי זיין נאָמען איז. ער ענטפערט איר און גיט איר איבער דעם גאַנצן נאָמען. די פרוי האָט זיך צולאַכט און רופט זיך אָפּ: „ווען מיין מאַן איז אַוועק פון שטוב און איך האָב ביי אים געפרעגט וואו ער גייט אַזוי פרי פאַרטאָג, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער גייט אַרעסטירן איינעם וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען. איך בין זיכער אַז דאָס זייט איר".

ווען דער אַגענט האָט ביי דער פרוי געפרעגט מיט וואָס איר מאַן באַשעפטיקט זיך, האָט זי אים געענטפערט, אַז ער איז אַן אַגענט פון דער עו־קאַ־ווע־דע...

טרומאַן און סטאַלין

טרעפן זיך צוויי סאָלדאַטן — אַן אַמעריקאַנער און אַ רוסישער סאָלדאַט — און צערעדן זיך וועגן זייערע לענדער. דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט רופט זיך אָפּ צום רוסישן סאָלדאַט, אַז אַזאַ פריי לאַנד ווי אַמעריקע איז ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט. — „אָט אַ שטייגער — זאָגט דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט — שטאַם איך פון פּראָסטע פּשוטע עלטערן, און איך קאָן זיך פאָרן אין וואַשינגטאָן אָן אַ פּאַספּאָרט, אַריינגיין אין ווייסן הויז און אויסשרייען צו פּרעזידענט טרומאַן, אַז ער געפעלט מיר ניט אַלס פּרעזידענט און קיינער וועט מיך ניט אַרעסטירן אָדער דערשיסן ווי ביי אייך אין רוסלאַנד".

צעלאַכט זיך דער רוסישער סאָלדאַט — „אַזוי גאָר! איך קאָן זיך אויך אַריינכאַפּן אין מאָסקווע אין קרעמלין אָן אַ פּאַספּאָרט. אַריינגיין און אויסשרייען צו כאַווער סטאַלין, אַז איך גלייך ניט טרומאַנען אַלס פּרעזידענט..."

יידישער געדולד

שטייט אַ ייד מיט זיין פרוי לעבן אַ שפּייז־קראָם אין מאָסקווע צו קויפן אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל מילך פאַר זייערע קינדער.

דער מאַן און זיין ווייב שטייען אַזוי שעהן לאַנג מיט הונ־דערטער מענטשן און קאָנען זיך נישט דערוואַרטן אַז די קראָם זאָל זיך עפענען צו קאָנען קויפן דאָס שטיקל ברויט. דערווייל ווערט ער שרעקלעך נערוועז.

ביי דעם יידן פּלאַצט דאָס געדולד און ער רופט זיך אָפּ צו זיין פרוי: „איך קאָן עס מער נישט אַריבערטראָגן, איך לויף גלייך אַוועק צום קאָמיסאַר וואָס האָט איינגעפירט דעם „אָטשערעד" און איך וועל אים דערשיסן ווי אַ הונט.

„דו ביסט משוגע געוואָרן", שרייט די ווייב צו איר מאַן, „וואָס הייסט דו וועסט דערשיסן דעם קאָמיסאַר? איך וועל דאָך בלייבן אַן אלמנה, און די קינדער יתומים".

דער מאַן האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו זיין פרוי און מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן צו דער־שיסן דעם קאָמיסאַר, וואָס האָט איינגעפירט די ליינס, וואו מענטשן שטייען גאַנצע טעג צו קאָנען קויפן אַ שטיקל ברויט.

אין אַ שעה אַרום איז דער מאַן צוריקגעקומען און ווידער געזען זיין פרוי אין דער ליין וואָס האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ווען די פרוי האָט דערזען איר מאַן, רופט זי זיך אָפּ צו אים צי האָט ער טאַקע דורכגעפירט זיין טאַט און דערשאָסן דעם קאָמיסאַר.

דער מאַן האָט זיך פריער אַרומגעקוקט צי אימעצער הערט נישט און רופט זיך אָפּ צו זיין ווייב: „איך וואָלט אים זיכער געוועז דערשאָסן ווי אַ הונט, נאָר פאַר זיין הויז האָב איך דערזען אַ פיל גרעסערע ליין ווי דאָ. אַלע זיינען געקומען פאַרן זעלבן צוועק — צו דערשיסן דעם קאָמיסאַר, נאָר איך האָב נישט קיין געדולד צו שטיין אין ליין...

אַ ייד וואָס לעבט קוים

ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט רוסלאַנד און די קאָמו־ניסטן האָבן איינגעפירט זייערע נייע פאַראָנדקעס, זיינען געשאַפן געוואָרן טויזנטער נייע אינסטיטוציעס מיט גלות-לאַנגע נעמען וואָס איז געווען פאַרן רוסישן בירגער שווער די דאָזיקע נעמען אַרויס־צוזאָגן.

האָבן די קאָמוניסטן פאַרקירצט די נעמען פון זייערע נייע אינסטיטוציעס ווי צ. ב. ש. „יעווריעסקי קאָמיטעט" האָבן זיי גערופן „יעווקאָם". יידישער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט האָבן זיי גערופן „יידגעזקאָם", יידישער פּאָליטישער קאָמיטעט האָבן זיי גערופן „יידפּאָלקאָם". אַזוי ווי אַלע רעגירונגס אינסטיטוציעס זיינען דאַן געפירט געוואָרן פון קאָמיטעטן, האָבן אַלע נעמען פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס זיך געענדיקט מיט „קאָם".

ווערט דערציילט, אַז אַן עלטערער ייד גייט אין גאַס און טרעפט זיינעם אַ באַקאַנטן, פרעגט ער ביי אים וואָס ער מאַכט און וואָס מאַכן די ווייב און די קינדער. רופט זיך אָפּ דער ייד אַז פון זיינע קינדער האָט ער גרוים נחת, זיי שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער נייער ווירטשאַפט פון רוסלאַנד. זיין עלטערער זון איז דער הויפּט פון דעם „יידפּאָלקאָם", זיין יינגערער זון איז דער סעקרעטער פון דעם הויפּט פון „יידגעזקאָם" און זיין טאָכטער איז די הויפּט סעקרעטאַרשע פון דעם פירער פון „יעווקאָם".

„ווי איך זע", רופט זיך אָפּ זיין פריינט, „האָט איר זייער גוט פאַרזאָרגט אייערע קינדער, איינער איז מיטן „יעווקאָם", אַ צווייטער מיטן „יידפּאָלקאָם" און דאָס דריטע קינד מיטן „יידגעזקאָם". נו, און איר אַליין? — איך אַליין — ענטפערט אים דער פריינט, לעב קוים...

מאַקסים ליטווינאָווס באַזוך ביי אַ יידישן קאָלכאָז

ווען מאַקסים ליטווינאָוו איז געווען דער אויסערן מיניסטער פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָט זיך אים פאַרגלוסט אַרויסצופאָרן אין די דערפער און זען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי עס לעבן זיך די פויערים וואָס זיינען אָרגאַניזירט און קאָאָפּעראַטיוון וואָס אין רוס־לאַנד ווערן זיי אָנגערופן „קאָלכאָזן".

אין יעדן דאָרף וואו ליטווינאָוו איז אָנגעקומען, האָט מען פאַר אים געמאַכט גרויסע פּאַראַדן, די פויערים האָבן אַראַנזשירט גרויסע פאַרזאַמלונגען פאַר אים און אין איין דאָרף האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ער וועט אַליין גיין אין די הייזער און זען ווי זיי לעבן און באַטראַכטן זייער באַלעבאַטישקייט.

אין יענעם דאָרף האָט זיך געפונען איין יידישער פאַרמער וואָס איז נאַטירלעך געווען אַ מיטגליד אין דעם דאָרפישן קאָלכאָז, ווען ליטווינאָוו איז אַריין צו דעם דאָזיקן יידן אין שטוב האָט ער געזען אַ שוידערלעכע אָרעמקייט, דער פאַרמער און זיין פרוי און די קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען באָרוועסע און צוריסענע קליידער, אין שטוב איז נישט געווען וואָס צו עסן. מען האָט אַפילו נישט געהאַט אין שטוב מיט עפּעס מכבד צו זיין דעם גאַסט.

„מיט וואָס דערקלערט זיך עס" — פרעגט ליטווינאָוו דעם יידישן פאַרמער — „וואָס ביי אייך הערשט אַזאַ אָרעמקייט? אייך דאַרף דאָך זיין גוט, איר זייט דאָך אַ מיטגליד אין קאָלכאָז"?

„איך אַליין" — וואונדערט זיך דער ייד — „פאַרשטיי עס אויך נישט, לויט דעם יידישן מנהג דאַרף איך האָבן מיט מיין פאַמיליע גענוג צו עסן".

„וואָס האָט דער יידישער מנהג צו טאָן מיט אייער עקאָנאָמי־שער לאַגע?" — איז ליטווינאָוו נייגעריק צו וויסן.

„איר פאַרשטייט" — רופט זיך אָפּ דער ייד צו ליטווינאָוון, —

„איך בין טאקע א מיטגליד אין דעם דארפישן קאלכאז, און ביי יידן ווען מען זאגט כ ל איז פאראנען וואס צו עסן, א שטייגער נעמט דאס ווארט „כל דיכפין יתי ויכל", מען לאדעט אייך איין אין א הויז און איר עסט זיך אפ צו דער זאט. אדער נעמט דעם ווארט ביי יידן „כל נדרי", ביי יידן איז א מנהג אז פאר כל נדרי דארפן יידן זיך גוט אפעסן זיי זאלן קאנען פאסטן דעם גאנצן טאג יום כיפור, און דא, כאווער ליטווינאוו, איז פונקט פארקערט, איך באלאנג צו א כל-כאז און איך מיט מיין פרוי און די קינדער שטארבן פון הונגער... א פארקערטע וועלט"...

וואָס אַן אַמעריקאַנער ייד האָט געזען אין סאָוועט רוסלאַנד

ווען סאָוועט־רוסלאַנד האָט נאָך נישט געהאַט פאַרריגלט דעם אייזערנעם פאָרהאַנג און מענטשן פון אַנדערע לענדער האָבן נאָך געקאָנט אַריינקומען און סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז זיך אַן אַמעריקאַנער ייד געפאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד צו זען די וואונדער פון דעם סאָוועטישן גן־עדן.

דער ייד האָט גאַנצע טעג שפּאַצירט אין די מאָסקווער גאַסן און אַלץ געוואָלט באַטראַכטן און זען מיט זיינע אייגענע אויגן זאַכן מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעלייענט אין דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּרעסע וועגן דעם וואָס סאָוועט־רוסלאַנד טוט אַלץ אויף.

אין איינער פון די מאָסקווער גאַסן דערזעט דער אַמעריקאַנער גאַסט אַ ריזיקע פאַבריק וואו עס אַרבעטן טויזנטער מענטשן. ער איז משיקאַווע אויסצוגעפינען וואָס מען פאַבריצירט אין דער דאָזיקער פאַבריק, גייט ער צו און פרעגט ביי איינעם וואָס האָט אויך באַטראַכט די פאַבריק, אַז ער זאָל אים אויפקלערן מיט וואָס די אַרבעטער זיינען אַזוי ביזי. דערקלערט מען אים, אַז אין דער דאָזיקער פאַבריק זיינען באַשעפטיקט טויזנטער אַרבעטער וואָס אַרבעטן פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת און מאַכן קליינע סאַינס פאַר די גרויסע הייזער און פאַבריקן אַז די איינוואוינער און די אַרבעטער זאָלן אַרויפקלעטערן אויף די אויבערשטע פלאָרס, ווייל די „עלעוויטאָרס גייען נישט"...

* * *

אין אַ צווייטער גאַס שטעלט זיך אָפּ דער ייד, זעט ער וואו מען בויט אַ פערציק שטאָקיקע געביידע. פרעגט ער ווידער ביי איינעם וואָסערע געביידע דאָס וועט זיין. ענטפערט מען אים, אַז די דאָזיקע געביידע וועט זיין דער גרעסטער דעפּאַרטמענט סטאָר

אין דער וועלט און וועט באַשעפטיקן בלויז איין אַרבעטער, וואָס וועט אַטענדען צו אַלע קאָסטאָמער וואָס וועלן קומען אין דעם דעפּאַרטמענט סטאָר איינקויפן זייערע זאַכן.

דער ייד איז שוין געווען טשיקאַווע אויסצוגעפינען ווי אַזוי וועט איין אַרבעטער קאָנען זיך ספּראַווען מיט אַזוי פיל קאָסטאָמער וואָס וועלן קומען אין דעם ריזיקן דעפּאַרטמענט סטאָר פון פּערציק פלאָרס?

„גאַנץ איינפאַך" — ענטפערט מען דעם יידן — „דער אַרבעטער וועט שטיין דעם גאַנצן טאָג אין גאַס לעבן סטאָר און ווי נאָר ער וועט זען אַז עס גייט אַריין אַ קאָסטימער וועט ער אים זאָגן אַז זיין טרחה איז אומזיסט ווייל אין דעם סטאָר קאָן מען גאָר נישט קריגן"...

* * *

אין אַמעריקע האָט דער ייד זיך אַזוי פיל אָנגעלייענט אין דער קאָמוניסטישע פּרעסע וועגן דער מאָסקווער סאָבוועי, אַז ער האָט באַשלאָסן, ער מוז זען די מאָסקווער סאָבוועי, וואָס איז איינס אין דער וועלט. גייט ער אַריין אין דער סאָבוועי און זעט פּרעכטיקע „מיורעלס" אויף די ווענט. עס איז העל באַלויכטן ווי בראָדוועי אין ניו־יאָרק ביינאַכט, שיינע ווייכע בענק פאַר די פּאַסאַזשירן, נאָר ער שטייט שוין דאָ איבער אַ האַלבע שעה און קיין טרעין האָט ער נאָך נישט געזען אָנקומען. גייט ער צו איינעם און פרעגט ביי אים: גייען דאָ טרעינס אויך? פון דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך דער מאָן קענטיק באַליידיקט וואָס האָט דעם יידן דערקענט אַז ער קומט פון אַמעריקע, און רופט זיך אָפּ צו אים: „איך זע, אַז איר קומט פון אַמעריקע און אייך געפעלט נישט אונזער רוסלאַנד, נו, אַז ביי אייך אין אַמעריקע אין דער סאַוט לינטשעט מען נעגערס, איז בעסער?"

דער ייד האָט זיך פאַרשוואוירן אַז ער וועט שוין ביי קיינעם מער נישט פרעגן קיין שאלות, האָט איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און אַנטלאָפן פון רוסלאַנד ווי פון אַ מגפה...

לעאָן טראָצקיס טאַטע באַזוכט זיין זון אין קרעמלין

ווען לעאָן טראָצקי איז געווען קריגס־מיניסטער און אָנפירער פון דער רויטער אַרמיי, און לענינס רעכטע האַנט, האָבן אַלע יידן אין רוסלאַנד מקנא געווען זיין אַלטן טאַטן וואָס האָט דערלעבט צו האָבן אַ זון וואָס איז געוואָרן אַ שני למלך אין רוסלאַנד און באַרימט אין דער גאַנצער וועלט.

זיינען איינמאָל יידן צוגעשטאַנען צום אַלטן טאַטן און זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך אַריבערכאַפּן אין מאָסקווע און זיך זען מיט זיין זון, אַז ער זאָל זיין „גוט צו די יידן", אַז מ׳זאָל אָפּ־שאַפן די אַלטע רוסישע געזעצן, אַז יידן זאָל דערלויבט ווערן צו קריגן דאָס רעכט צו עפענען געשעפטן אויף זייער אייגענעם נאָמען, און נישט דאַרפן אַריינגעמען אַלס שותפים גויים, אויף וועמענס נאָמען זיי האָבן באַדאַרפט אַרויסנעמען אַ פּאַטענט.

האָט זיך דער טאַטע דורכגעשריבן מיטן זון אַז ער וויל צו אים קומען אין מאָסקווע און זען ווי זיין זון פירט די גרויסע רוסישע מלוכה וואָס די גאַנצע וועלט ציטערט פאַר אים. דער טאַטע האָט באַלד געקראָגן אַ תשובה פון זיין באַרימטן זון אַז ער קאָן קומען, און האָט ביגעלייגט אַ דאָקומענט, אַז דער טאַטע זאָל דאָס ווייזן צו די וועכטער פון קרעמל, אַז מ׳זאָל אים אַריינלאָזן אין זיין קאַבינעט.

ווען דער אַלטער טאַטע איז אָנגעקומען צום טויער פון קרעמל, און געוויזן די וועכטער דעם דאָקומענט, וואָס איז געווען אונטער־געשריבן פון דעם פירער פון דער רויטער אַרמיי, האָבן זיי זייערע אייגענע אויגן נישט געגלויבט, אַז אַ ייד מיט אַ ווייסע באָרד און פאות, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, זאָל קריגן אַן איינלאַדונג פון דעם קריגס־מיניסטער. מ׳האָט טעלעפאָנירט צו טראָצקין און ביי אים אָנגעפרעגט צו דאָס איז עפּעס נישט קיין שווינדל. טראָצקי האָט געגעבן אַ באַפעל אַז מ׳זאָל דעם אַלטן יידן גלייך אַריינלאָזן.

באַלד האָבן זיך באַוויזן עטלעכע זעלנער מיט ביקסן אויף זייערע אַקסלען, זיי האָבן גענומען דעם יידן אונטער דעם אָרים און אַריינגעפירט צום זון אין זיין קאַבינעט. דער אַלטער ייד איז געבליבן שטיין אַ צוטומלטער און נישט געוואוסט אויף וואָסערער וועלט ער געפינט זיך. יעדע מינוט זיינען אָנגעקומען נייע שטאַפעטן מיט דאָקומענטן אין זייערע הענט און שנעל פאַרלאָזן דאָס גרויסע צימער. באַלד האָט זיך באַוויזן טראָצקי אָנגעטאָן אין גענעראַלסקע קליידער, און דער טאַטע האָט געכאַפּט אַ פרישן ציטער.

דער זון האָט באַרואיקט דעם אַלטן טאַטן און אים געהייסן זיצן. דער טאַטע מיטן זון האָבן זיך צורעדט ביז ס'איז געקומען דער מאָמענט ווען דער אַלטער טאַטע האָט געבעטן ביים זון אַז מ'זאָל די יידן אין רוסלאַנד געבן דאָס רעכט צו עפענען געשעפטן אויף זייער אייגענעם נאָמען, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן צו נעמען פאַר אַ שותף אַ גוי, אויף וועמענס נאָמען דער פּאַטענט דאַרף אַרויסגענומען ווערן.

דער קאַבינעט וואו טראָצקי איז געזעסן איז געווען אַ גרויסער. אין איין זייט איז געווען דער שרייב-טיש פון טראָצקי, און ביי דער צווייטער זייט פון צימער איז געשטאַנען לענינס שרייב-טיש. יידן אין רוסלאַנד האָבן נישט גערופן די הויפּט געביידע וואו עס געפינען זיך די רעגירער פון רוסלאַנד „די קרעמלין" נאָר „דאָס קרעמל". דער אַלטער ייד האָט געהאַלטן אין איין אַרומקוקן זיך אין דעם גרויסן באַקוועמען צימער און רופט זיך אָפּ צום זון: „לייבעלע, דו האָסט זיך גאַנץ שיין אַרויפגעאַרבעט און פאַרמאָגסט אַ גרויסאַרטיק קרעמל"...

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען לענין און זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין שרייב-טיש. פרעגט דער אַלטער ייד ביים זון, ווער איז דער גוי וואָס איז ערשט אַריינגעקומען? האָט אים טראָצקי געענטפערט: „אין רוסלאַנד איז נאָך שווער פאַר אַ יידן צו עפענען אַן אייגן געשעפט אָן אַ גוי. „דאָס קרעמל", זאָגט טראָצקי צום טאַטן, „איז טאַקע מיינס, נאָר איך בין געווען געצוואונגען אַריינצונעמען דעם גוי אַלס שותף אין דעם געשעפט, און טאַקע אויף זיין נאָמען האָב איך אַרויסגענומען דעם פּאַטענט".

ווי אַזוי לענין האָט זיי באַפרייט פון די קייטן

אין מאָסקווע האָט געלעבט אַ באַלעבאַטישער ייד, ביי וועמען די באָלשעוויקעס האָבן צוגענומען אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. דער ייד האָט שלום געמאַכט מיט זיין שיקזאַל, אַז אַזוי וועט ער זיך שוין מוזן מוטשען זיין גאַנצן לעבן.

דער ייד האָט געוואוינט מיט זיין פרוי און אַ יינגל פון צוועלף יאָר אין אַ ענג, קליין שטיבל און האָט געחלומט פון די אַמאָליקע גוטע צייטן.

ווען דער דאָזיקער ייד האָט גענומען רעדן מיט זיין פרוי וועגן דער נייער סאָוועטישער ווירטשאַפט, האָט ער געזען אַז זיין יינגל זאָל זיך צו דעם געשפּרעך נישט צוהערן. ווער ווייסט? אפשר איז דאָס יינגל אַ שפּיאָן, וואו אַזעלכע זאַכן זיינען אין סאָוועט-רוסלאַנד נישט קיין זעלטנהייט.

האָט דאָס יינגל אַמאָל געבעטן ביי זיין פאָטער אַז דער טאַטע זאָל אים נעמען אויפן רויטן סקווער וואו עס געפינט זיך לענינס קבר, וואו טויזנטער מענטשן קומען יעדן טאָג אָנקוקן דעם גרינ-דער פון דער סאָוועטישער דיקטאַטור.

דער טאַטע האָט נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו גיין זען דעם, וואָס האָט אים רואינירט. נאָר דאָס יינגל האָט נישט אויפ-געהערט בעטן ביים טאַטן און דער טאַטע האָט זיך געלאָזט איינ-רעדן און איז אַוועק זען לענינס מאַזאָלעאום.

אַרום דעם מאַזאָלעאום קאָן מען אַלעמאָל טרעפן טויזנטער מענטשן, צווישן זיי אַגענטן פון דער ען-קא-ווע-דע. דאָרט זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן לענין מיינט איינשטעלן דאָס לעבן.

ווען דער טאַטע און דאָס יינגל זיינען שוין געשטאַנען נאָענט לעבן לענינען, רופט זיך אָפּ דאָס יינגל צום טאַטן: טאַטע, מיט וואָס איז דער כאַווער לענין אַזוי בארימט געוואָרן? און וואָס האָט ער אויפגעטאָן פאַרן רוסישן פאָלק?

אזוי ווי יעדעס וואָרט ווערט אויפגעכאַפּט פון דער רוסישער געהיים-פּאָליציי, האָט ער געמוזט זאָגן זיין ייִנגעלע אַזעלכעס וואָס זאָל געפעלן די געהיים-פּאָליציי. רופט ער זיך אָפּ צום ייִנגעלע: לענין איז געווען דער וואָס האָט אונדז אַלעמען באַפרייט פון די קייטן.

ווען דער טאַטע און דאָס ייִנגעלע זיינען אַהיים געקומען און דערציילט פאַר דער מאַמע וואָס זיי האָבן געזען, רופט זיך אָפּ דאָס ייִנגל צום טאַטן: דו ווייסט טאַטע, איך גלייך נישט קיין היפּאָ-קריטן און צוויי פּנימדיקן מענטשן. איך האָב זיך איינמאָל צו-געהערט צו אַ געשפּרעך וואָס דו האָסט געהאַט מיט דער מאַמע וועגן די פירער פון דער סאָוועטישער רעגירונג, האָב איך געהערט אַז דו האָסט נישט איינמאָל געשאָלטן דעם כאַווער לענין. און דאָרט, ביי זיין מאַזאָלעאום האָסטו מיר געזאָגט, אַז לענין האָט אונדז אַלעמען באַפרייט פון די קייטן.

דער פּאָטער האָט צוגערופן דאָס ייִנגעלע, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן קעפּל און געזאָגט זיין זונדל, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין היפּאָקריט און אויך ביי לענינס קבר האָט ער נישט געזאָגט קיין ליגן, אַדרבא, פרעג דיין מאַמע, וועט זי עס באַשטעטיקן אַז לענין האָט אונדז אַלעמען באַפרייט פון די קייטן, ער האָט פון אונדזער גאַנצער פאַמיליע צוגענומען אַלעמענס קיי-טלעך. דעם זיידנס זייגערל און קייטעלע, די באָבעס גאָלדענע קייט, ווי אויך די גאָלדענע קייט וואָס איך האָב געגעבן דיין מאַמע ווען זי איז געוואָרן מיין כלה. און דאָס זייגערל מיטן קייטעלע וואָס דיין מאַמע האָט מיר געשאַנקען ווען איך בין געוואָרן איר חתן... איצטער זעסטו, אַז ער האָט אונדז באַפרייט פון די קייטן?...

רוסישע וואַלוטע

צו די רוסישע הערשער אין מאָסקווע זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז אין פילע הייזער געפינען זיך אויסלענדישע געלדער וואָס קרובים שיקן צו זייערע משפחות און עס ווערט אָנגעפירט מיט די דאָזיקע געלדער אַ שוואַרצער מאַרק.

האָט סטאַלין אַרויסגעלאָזן אַ באַפעל, אַז ווען מען וועט אין אַ הויז געפינען אויסלענדישע וואַלוטע זאָל מען די מענטשן גלייך אַרעסטירן און דערשיסן.

האָט זיך די ען־קאַ־ווע־דע אַרויסגעלאָזן איבער די הייזער און אַרעסטירט טויזנטער מענטשן, פילע פון זיי אומשולדיקע, און זיי גלייך דערשאָסן.

ביי אַ עלטערן יידן אין מאָסקווע האָט זיך פאַרוואַלגערט אַן אַמעריקאַנער פינפערל וואָס דער ייד האָט געקראָגן צוגעשיקט פון זיינעם אַ זון אין אַמעריקע. האָט דער דאָזיקער ייד דערזען דורכן פענצטער ווי עס קומען אָן אַגענטן צו באַפאַלן זיין הויז, האָט דער ייד געכאַפּט דאָס פינפערל, אַריינגעשטופּט אין מויל און אַרונטערגעשלונגען.

ווען די אַגענטן זיינען אַריין צו אים אין שטוב, האָבן זיי געזען ווי דער ייד וואָרגט זיך און האַלט זיך פאַרן האַלדז. האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען אַז דער ייד האָט אוודאי אַראָפּגעשלונגען אַן אויסלענדישע פּאַפּירל, האָבן זיי אים שנעל אַרעסטירט און דעם יידן אוועקגעפירט אין דעם הויפּט קוואַרטיר פון דער געהיים־פּאָליציי, וואו מען האָט אים גענומען אויף אַ קרייץ־פאַרהער און דער ייד האָט זיך מודה געווען אַז ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַן אַמעריקאַנער פינפערל.

מען האָט דעם יידן געגעבן אַ פאַרציע ריצן־אויל, ער זאָל אַרויסגעבן די אַמעריקאַנער וואַלוטע... מען האָט דעם יידן אוועקגעפירט אין אַ באַזונדערן חדר און אים אָנגעזאָגט מיטן שאַרפן וואָרט אַז

ווען ער וועט שוין זיין גרייט אפצוגעבן די אמעריקאנער וואלוטע זאל ער לאזן וויסן וועגן דעם.

אין עטלעכע שעה ארום האט דער ייד געלאזט וויסן אז ער איז שוין גרייט אפצוגעבן די אמעריקאנער וואלוטע. מען האט צו דעם יידן אין חדר אריינגעשיקט צוויי אגענטן זיי זאלן זיין גרייט אפ־צונעמען דעם גרויסן אוצר, און דער הויפט אגענט האט זיך אוועק־געשטעלט אין דרויסן און געווארט מיט גרויס אומגעדולט צו הערן פון זיינע אגענטן די גוטע בשורה אז דער אוצר האט זיך אפ־געזוכט. זיי וועלן דאן גלייך באריכטן צו כאוואר סטאלינען אז רוסלאנד איז רייכער געווארן מיט נאך א פינפערל.

עס איז אוועק מער ווי א האלבע שעה און דער הויפט אגענט פון דער עז־קא־ווע־דע איז שוין געווארן אומרואיק. האט ער אנגע־פאנגען קלאפן אין טיר וואו זיינע צוויי אגענטן און דער ייד האבן זיך געפונען און שרייט צו זיי פארוואס עס נעמט אזוי לאנג צו קריגן די אמעריקאנער וואלוטע? ענטפערן אים די צוויי אגענטן אז זיי לאזן נישט אראפ קיין אויג פון דעם יידן און זיינען אויך נייגעריק צו קריגן די אמעריקאנער וואלוטע, נאר פארלויפיק זעען זיי נאר ווי דער ייד זשאלעוועט זיי נישט און ער גיט זיי אן אויפהער רוסישע וואלוטע...

די עלטסטע פראפעסיע אין דער וועלט

אין רוסלאנד זיינען אין א באן געפארן פיר יידן און צווישן זיך געכאפט א שמועס וועגן וועלט-פאליטיק. דער ערשטער ייד איז געווען אן אדוואקאט, דער צווייטער א דאקטאר, דער דריטער א אינזשעניר, און דער פערטער איז געווען א פראפעסיאנעלער קאמוניסטישער אגיטאטאר.

אין דעם דאזיקן געשפרעך האט זיך דער אדוואקאט אנגערופן, אז זיין פראפעסיע — די פראפעסיע פון געזעץ, איז די עלטסטע אין דער וועלט, ווייל ווען קין און הבל האבן זיך צעשלאגן, האט מען באדארפט אן אדוואקאט זיי צו פארטיידיקן אין געריכט.

דער צווייטער ייד וואס איז פון פראפעסיע געווען א דאקטאר, האט נישט מסכים געווען מיטן אדוואקאט און האט געטענהט, אז אדם און חוה זיינען אויף דער וועלט געקומען פריער פון קין און הבל, און ווען מ'האט פון אדמען באדארפט אויסשניידן א ריפ פון זיין לייב, וואס דערפון איז ארויסגעקומען חוה, האט מען געמוזט האבן א דאקטאר. דערפאר איז זיין פראפעסיע די עלטסטע.

דער אינזשעניר האט זיי באלד איבערצייגט, אז זיין פראפעסיע איז אין דער אמתן די עלטסטע פראפעסיע, ווייל ווען גאט, וואס האט באשאפן די וועלט און האט באדארפט אימיצער זאל פאר אים אויסלייגן א פלאן, האט ער געמוזט האבן אן אינזשעניר ער זאל פאר אים דעם פלאן מאכן.

דא איז אויפגעשפרונגען דער קאמוניסטישער אגיטאטאר און באוויזן, אז די ערשטע פראפעסיע אין דער וועלט איז געווען דער קאמוניזם. ווייל איידער גאט האט באוויזן צו באשאפן די וועלט, האט אין דער גאנצער וועלט געהערשט א תהו-ובהו, איז א סימן, אז נאך איידער די וועלט איז באשאפן געווארן, איז שוין געווען קאמוניזם...

וואָס אַ יידן קאָן איינפאַלן

ווען סטאַלין האָט מיט יאָרן צוריק פּראָקלאַמירט דעם פינף יאָריקן פּלאַן וועגן איבערבויען רוסלאַנד, אַז די רוסישע אינדוסטריע זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט אַנדערע לענדער, דערהויפּט מיט אַמע־ריקע, וואָס איז דאָס גרעסטע אינדוסטריעלע לאַנד אין דער וועלט, איז דער פינף יאָריקער פּלאַן אַרויס מיט אַ „סלאָגען" — „דעריאָגן און אַריבעריאָגן אַמעריקע".

האָבן זיך אין גאַנץ רוסלאַנד באַוויזן פּאָסטערס וואָס זיינען געווען אויסגעקלעפּט אויף אַלע עפנטלעכע פּלעצער, אַז רוסלאַנד גייט דעריאָגן און אַריבעריאָגן אַמעריקע, און דער עולם האָט באַ־וואונדערט די שיינע פּאָסטערס און נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן „סלאָגען".

שטייט אַ ייד ביי איינעם פון די פּאָסטערס און וויל פאַרשטיין די באַדייטונג דערפון. פּלוצעם באַווייזט זיך אויף זיין פּנים אַ פריילעכער שמייכל, אַז ענדלעך איז געקומען די צייט אויף זיין ישועה פאַר וועלכע ער האָט געבעטן גאָט די גאַנצע צייט זינט סטאַלין איז אין מאַכט.

אַ פאַרסאַפּעטער לויפט דער ייד אין דעם הויפּט אָפיס פון דעם פינף יאָריקן פּלאַן און ווענדעט זיך צום הויפּט פון דעם פּלאַן מיט באַגייסטערונג, אַז דער פּלאַן אַז רוסלאַנד גייט אַריבעריאָגן אַמע־ריקע געפעלט אים זייער שטאַרק, נאָר ער בעט אים אַ פּערזענלעכע טובה. ער האָט גאָר נישט קעגן דעם, אַז רוסלאַנד זאָל איבעריאָגן אַמעריקע, נאָר אים זאָל מען דערלויבן, אַז ווען מען וועט שוין זיין אין אַמעריקע, זאָל מען אים נישט שטערן דאָרטן זיך אַרונטער־צולאָזן...

אַ ייד וואָס האָט נישט קיין צוטרוי צו זיך

עס האָט שוין איינער אַמאָל געזאָגט, אַז גאַנץ רוסלאַנד איז איין גרויסע קאַזאַרמע. פּונקט ווי אין אַ קאַזאַרמע איז יעדער פּריזאָנער אָפּגעשלאָסן מיט זיך און האָט מורא זיך צו פאַרטרויען פאַרן צווייטן פּריזאָנער, אַזוי האָבן מורא די סאָוועטישע בירגער צו רעדן איינער מיטן צווייטן טאָמער איז דער אַנדערער אַ שפּיאָן און וועט אים פאַרמסרן פאַר דער „עך־קאַ־ווע־דע".

נישט נאָר האָבן מורא פרעמדע צו רעדן איינער מיטן אַנדערן, נאָר אויך אין דער אייגענער משפּחה וועט נישט וואָגן קיינער אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן וועגן עפּעס אַ רוסישע אָנגעלעגנהייט, טאָמער איז איינער פון זיי אַן אַגענט פון דער עך־קאַ־ווע־דע. טאַטעס האָבן מורא צו ריידן מיט די אייגענע קינדער, מאַמעס וועלן אויסמיידן צו ריידן מיט זייערע מענער אין דער אַנוועזנהייט פון זייערע קינדער וועגן זאַכן וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערן אַלס „פּאָליטישע געשפּרעכן". זיצט מען אין דערהיים ווי די שטומע און מ'עפנט נישט דאָס מויל, אַחוץ ווען מ'עסט... אויב מ'האָט וואָס צו עסן...

וואָס טוט אָבער אַ מענטש ווען ער דאַרף און מוז ריידן? רעדט ער צו זיך אַליין... גייט אַרום אין רוסלאַנד אַ ווערטל אַז אַפילו צו זיך אַליין האָבן די רוסישע בירגער מורא צו ריידן.

ווערט דערציילט, אַז אַ ייד איז איינמאָל אַריינגעקומען צו זיך אין הויז און געוואָלט עפּעס ריידן און מורא געהאַט טאָמער וועט אימעצער זיך צו אים צוהערן; האָט דער ייד פאַרמאַכט די לאָדן, פאַרשפּאַרט אַלע שפּאַרעס אַזוי, אַז קיינער זאָל חלילה ניט הערן וואָס ער האָט צו זאָגן. דער דאָזיקער ייד איז דאַן צוגעגאַנגען צום שפּיגל און אַ זאָג געטאָן: — ווען איך האָב נישט מורא אַז דו ביסט אַ שפּיאָן און איינער פון די עך־קאַ־ווע־דע, וואָלט איך מיט דיר געכאַפּט אַ שמועס וועגן אונדזער לאַגע אין דעם סאָוועטישן גן עדן...

אַ רוסישער גאַסט אין לאָנדאָן

אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, איז איינמאָל אָנגעקומען אַ רוסישע קאָמיסיע און מיט זיך מיטגעבראַכט אַ הונט וואָס האָט אויסגעקוקט פעט און שטאַרק און האָט ניט אָפּגעטראָטן פון זיינע באַלעבאַטים און געווען גרייט אויסצופאָלגן זייערע באַפעלן ווי די קאָמיסאַרן זיינען אַלעמאָל גרייט אויסצופאָלגן די באַפעלן פון סטאַלינען...

איז זיך דער הונט איינמאָל געזעסן ביי דעם האָטעל וואו די קאָמיסאַרן זיינען איינגעשטאַנען, און דערזען אַן ענגלישן הונט. לויפט צו דער רוסישער הונט צום ענגלישן הונט און פרעגט ביי אים וואָס ער מאַכט, און דערקלערט אים, אַז אין די עטלעכע טעג וואָס ער געפינט זיך אין לאָנדאָן האָט ער באַמערקט, אַז אַלע ענגלישע הינט זעען אויס בלאַס און מאָגער.

— וואָס פאַרשטייט איר נישט — ענטפערט דער ענגלישער הונט, — אין ענגלאַנד איז דאָס עסן געריישאַנט און מיר, די הינט, האָבן שוין נישט געזען קיין ביין אָדער אַביסל מילך איבער צוויי יאָר, און מיר הונגערן. דערפאַר זעען מיר אויס פאַרדאַרט און מאָגער, אָבער איר אין רוסלאַנד, הונגערט אויך, ווי קומט עס וואָס דו זעסט אויס אַזוי גוט? איז דער ענגלישער הונט געווען נייגעריק צו וויסן.

דער רוסישער הונט האָט זיך צולאַכט און רופט זיך אָפּ צו זיין נייעם פריינט: — עס איז מיר אַ וואונדער איר זאָלט פרעגן אַזאַ נאַרישע פראַגע, אַז אין רוסלאַנד פעלט אויס עסן און מיר, די הינט, זעען אויס גוט. איר וואָלט שוין באַדאַרפט וויסן, אַז די איינציקע וואָס לעבן אין רוסלאַנד אַ חזירשן טאָג זיינען די הינט...

— אויב אייך אין רוסלאַנד גייט אַזוי גוט און איר האָט גענוג עסן, פאַרוואָס זייט איר געקומען אין ענגלאַנד און דאָ הונגערן?

דאָ האָט זיך ווידער דער רוסישער הונט צולאַכט און רופט זיך אָפּ צום ענגלישן הונט: — אַזאַ נאַרישע פראַגע וואָלטן באַדאַרפט שטעלן מענטשן און נישט קיין הינט. דו דאַרפסט וויסן, אַז מיר, הינט, קאָנען נישט לעבן בלויז מיט עסן און מיר דאַרפן אַמאָל אויך בילן... און דאָס איז אין רוסלאַנד שטאַרק פאַרבאָטן. בין איך געקומען אין לאָנדאָן, וואָס איז אַ פרייע שטאָט. איך בין היינט אין דער פרי אריין אין פאַרק און זיך גוט אויסגעבילט און פיל איצט ווי אַ נייער הונט...

וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט אַלץ

אַן אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פירער וואָס האָט זיך נישט לאַנג צוריק אומגעקערט פון אַ רייזע פון סאָוועט-רוסלאַנד, איז אויפגעטראָטן ביי אַ פאַרזאַמלונג און געשילדערט וואָס פאַר אַ גן-עדן רוסלאַנד איז, וואָס אין קיין אַנדער לאַנד לעבט זיך נישט אַזוי גוט די אַרבעטער ווי אין סאָוועטן-פאַרבאַנד.

דער עולם, וואָס איז געזעסן ביי דער פאַרזאַמלונג, איז געוועזן קאַלט צום רעדנער און האָט אים קיין מאָל נישט אַפּלאָדירט און ביי דער פאַרזאַמלונג האָט געהערשט אַ שטילקייט ווי אויף אַ בית עולם.

דער רעדנער האָט באַמערקט, אַז ביי דער פאַרזאַמלונג געפינט זיך מערסטנס אַ יידישער עולם. מען דאַרף צו זיי צוקומען מיט עפּעס וואָס זאָל זיי רירן, וועלן זיי אים אַפּלאָדירן. איז אים איינ-געפאַלן אַ געדאַנק, וואָס קאָן שוין זיין בעסער ווי פאַר זיי שילדערן אַז יידן אין סאָוועט-רוסלאַנד ווערן נישט פאַרפאָלגט. רופט ער אויס מיט פּאַטאָס: — ווייסט איר אַז אין סאָוועט-רוסלאַנד איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם! דער עולם איז ווידער געוועזן קאַלט און קיין האַנט האָט זיך נישט געהויבן און דער רעדנער האָט געמאַכט אַ פּאָזע און דערוואַרט, אַז ענדלעך וועט פאַר אים געמאַכט ווערן אַ דעמאָנסטראַציע. אָבער אַ נעכטיקער טאָג...

אָבער דאָ האָט זיך פון מיטן זאָל אויפגעהויבן אַ יונגערמאַן און רופט זיך אָפּ צום רעדנער: — איר האָט פאַר אונז געשילדערט אַז אין רוסלאַנד זיינען נישט פאַראַנען פילע זאַכן וואָס מען זעט אין אַנדערע לענדער, און אַז אין סאָוועט-רוסלאַנד איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. וויל איך וויסן, וואָס האָבן זיי יאָ אין רוסלאַנד. פרייהייט האָבן זיי? ברויט האָבן זיי?

דעם פראַגן-שטעלער האָט דער עולם יאָ שטאַרק אַפּלאָדירט און דער מיטינג האָט זיך געענדיקט מיט אַפּלאָדיסמענטן...

אַ וואַזשנע קאָמיסיע ביי סטאַלינען

צום „פּאַטערל" סטאַלין איז איינמאָל געקומען אַ וואַזשנע קאָמיטע און מיט טרערן אין זייערע אויגן זיך געבעטן ביי דעם מעכטיקן הערשער פון רוסלאַנד אַז ער זאָל זיך איבער זיי דערבאַרימען און קריגן פאַר זיי מער עסן. זיי קאָנען מער נישט איבערלעבן דעם הונגער.

די וואַזשנע קאָמיטע איז באַשטאַנען פון אַ בהמה, אַ פערד און — אַ אייזל.

די בהמה איז געווען די ערשטע וואָס האָט גענומען דאָס וואָרט און האָט געשילדערט פאַר סטאַלינען אַז זי איז אַ געטרייע בהמה וואָס איז לאָיאַל צום סאָוועטן-פאַרבאַנד און גיט מילך פאַר די קינדער, וואָס ווערן שפּעטער סאָלדאַטן פאַר דער רויטער אַרמיי און פאַרטיידיקן דאָס פאָטער-לאַנד, און אויב זיי וועלן נישט קריגן מער עסן וועט ער, סטאַלין, נישט האָבן קיין אַרמיי...

— און איך, כאַווער סטאַלין, — רופט זיך אָפּ דאָס פערד, — בין דער בעסטער פערד וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט: איך האָב זיך קיינמאָל נישט געמישט אין פּאָליטיק... אין דער מלחמה האָב איך געשלעפּט אַמוניציע פאַר דער רויטער אַרמיי ביי סטאַלינגראַד, פּראָוויאַנט פאַר די באַפעלקערונג אין מאָסקווע, זיי זאָלן קאָנען מאַכן אַ ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן, און וואָס האָב איך היינט, גאָרנישט! זעט כאַווער סטאַלין אַז מיר זאָלן קריגן אַ ביסל מער עסן.

דער אייזל האָט זיך נישט אָפּגערופן און איז געזעסן שטיל, נאָר סטאַלין פרעגט ביי אים וואָס ער האָט צו זאָגן, און דער אייזל עפנט זיין מויל און רופט זיך אָפּ:

— כאַווער סטאַלין! מיר, די אייזלען זענען מער באַרעכטיקט צו עסן ווי די בהמות און פערד, איר ווייסט בעסער ווי אירגענד אַן אַנדערער אין רוסלאַנד, אַז ווען נישט מיר, די אייזלען וואָלט איר אין רוסלאַנד נישט געקאָנט זיין ביי אונדז דער פירער...

פון וואַנען אַ ייד אין רוסלאַנד מאַכט אַ לעבן

אין רוסלאַנד האָט מען אַרעסטירט אַן עלטערן יידן און אים באַשולדיקט, אַז ער איז אַ ליידיק-גייער און מאַכט אוודאי אַ לעבן פון אַ נישט-כשרע ביזנעס. מען האָט דעם יידן גענומען אויף אַ שטרענגן קרייז-פאַרהער און פון אים געפאָדערט אַן ערקלערונג פון וואַנען ער מאַכט אַ לעבן.

— מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך? — פרעגט דער קאָמיסאַר דעם יידן.

מיט גאָרנישט — האָט דער ייד געענטפערט אַ ציטערדיקער. — איך בין שוין אַ מענטש אין דער טיפער עלטער און קאָן מער נישט אַרבעטן.

— אָבער פון וואַנען מאַכסטו אַ לעבן? — האָט ווייטער גע־פרעגט דער קאָמיסאַר אין אַ שטרענגן טאָן.

— מיינע קינדער העלפן מיר אַרויס — דערקלערט דער ייד.

— וויפיל קינדער האָט איר? — וויל וויסן דער קאָמיסאַר.

— פיר קינדער, זאָלן לעבן — ענטפערט דער ייד.

— גיט אָן די נעמען פון די קינדער און וויפיל יעדער פון זיי פאַרדינט.

— מיין עלטערער זון אַלעקסאַנדער — רופט זיך אָן דער ייד — פאַרדינט 300 רובל אַ חודש, מיין ייִנגערער זון וולאַדימיר פאַרדינט 200 רובל אַ חודש און מיין טאָכטער סאָניאַ פאַרדינט 250 רובל אַ חודש.

— פון אַזעלכע קליינע פאַרדינסטן וואָס אייערע קינדער מאַכן — זאָגט דער קאָמיסאַר — קאָן מען נישט אויסהאַלטן קיין טאַטן, און צווייטנס, זענט איר אַ ליגנער. איר האָט פריער געזאָגט, אַז איר האָט פיר קינדער, און איר האָט בלויז דערמאָנט דריי.

— יאָ — האָט דער ייד זיך פאַרענטפערט — איך האָב טאַקע נאָך אַ זון, פעדיאַ איז זיין נאָמען, און ער געפינט זיך אין אַמעריקע.

— איז ער אַ קאַפּיטאַליסט? — פרעגט דער קאָמיסאַר דעם יידן.
— ניין! — ענטפערט דער ייד. — ער האָט מיך לעצטנס געשריבן, אַז ער איז דאָרט אין אַמעריקע אויף רעליף, און טאַקע פון דעם זון מאַך איך אַ לעבן...

טשוירטשיל און סאָוועט־רוסלאַנד

אין דער לעצטע וועלט מלחמה, ווען ענגלאַנד איז געווען אויף גרויסע צרות און ס'האָט אויסגעזען אַז זי וועט באַזיגט ווערן, האָט ווינסטאָן טשוירטשיל, דער פּרעמיער־מיניסטער, געהאַלטן אַ רעדע אויף דער ראַדיאָ און אַפּעלירט צו אַמעריקע פאַר שנעלע הילף. אין דער דאָזיקער רעדע האָט זיך טשוירטשיל באַרימט געמאַכט מיט אַ פראַזע וואָס איז געוואָרן באַרימט אין דער גאַנצער וועלט ווען ער האָט געזאָגט: „גיוו אָס דהי טולס ענד ווי וויל פיניש דהי דזשאָב".

אַן אַמעריקאַנער טוריסט וואָס איז געקומען פון אַ רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד, האָט דערציילט, אַז ער איז איינמאָל צוגעגאַנגען צו אַ סאָוועטישן בירגער און האָט פאַר אים איבערגעחזרט טשוירטשילס באַרימטן אַפּיל צו אַמעריקע, האָט זיך דער סאָוועטישער בירגער אָפּגערופן, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד ווערט דאָס ווערטל אַנדערש דערציילט, און נישט אַז טשוירטשיל האָט עס געזאָגט נאָר אַז אַ רוסישער גענעראַל האָט געהאַלטן אַ רעדע אויף דער ראַדיאָ און אַפּעלירט צו אירע פאַרבינדעטע צו העלפן רוסלאַנד און דער גענעראַל האָט געזאָגט: „גיוו אָס די דזשאָב ענד ווי וויל פיניש דהי טולס"...

אַ בערישע טובה

אַן אַמעריקאַנער יידישער פּעינטער איז געפאָרן צו זיין ברודער אין מאָסקווע. די צוויי ברידער האָבן זיך ניט געזען עטלעכע און דרייסיק יאָר.

ווען דער אַמעריקאַנער ייד איז אַריינגעקומען צו זיין ברודער אין שטוב און געזען וואָס פאַר אַ וואוינונג דאָס איז, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אין איין קליין צימערל האָבן גע־וואוינט פיר מענטשן — דער ברודער, זיין ווייב און צוויי קינדער. דער אַמעריקאַנער גאַסט האָט אויך באַמערקט, אַז די שטוב איז שוין אוודאי ניט געפעינט געוואָרן צוואַנציק יאָר.

דער אַמעריקאַנער האָט ביי זיך געטראַכט: „איך מוז עפּעס טאָן פאַר מיין ברודער ער זאָל מיך האָבן צו געדענקען, אַז איך בין ביי אים געוועזן צו גאַסט".

ווען דער מאָסקווער ברודער איז צומאָרגנס אוועק זעקס אַזייגער אין דערפרי צו דער אַרבעט, האָט דער אַמעריקאַנער זיך אַרויס־געלאָזן אין גאַס, געקויפט פעינט, אַ בראַש און אַנדערע זאַכן, וואָס איז נויטיק אויסצופעינטן אַ שטוב. ער האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט און אין עטלעכע שעה איז דער צימער שוין געווען פאַרטיק.

אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט, ווען דער ברודער איז געקומען אַהיים און געזען די שטוב אויסגעפעינט, איז ער געפאַלן אין חלשות. דער אַמעריקאַנער ברודער האָט ניט געוואוסט צי ער האָט גע־חלשט פון פרייד אָדער פון עפּעס אַנדערש. ווען דער ברודער איז צו זיך געקומען און האָט שוין געקאָנט רעדן, רופט ער זיך אָפּ צום אַמעריקאַנעם ברודער: „דו האָסט דאָך מיך געקוילעט אָן אַ מעסער! איצט — זאָגט ער צום ברודער — אַז די קאָמיסאַרן וועלן זען, אַז איך וואוין שוין אין אַ פריש־אויסגעפעינטער שטוב וועלן זיי מיך אַרויסוואַרפן פון מיין דירה און מיר וועלן מוזן שלאָפן אין גאַס..."

געדאַנקט גאָט

ווען די מלחמה צווישן סאָוועט רוסלאַנד און פּוילן האָט זיך אין יאָר 1921 פאַרענדיקט, האָבן ביידע רעגירונגען באַשטימט קאָמיסיעס אויסצואַרבעטן די נייע גרענעצן צווישן די צוויי לענדער.

די קאָנפערענצן צווישן ביידע קאָמיסיעס האָבן זיך געצויגן חדשים לאַנג. רוסלאַנד האָט געוואָלט געבן וואָס ווייניקער לאַנד צו פּוילן, און פּוילן האָט געוואָלט וואָס מער לאַנד פון רוסלאַנד.

די צייטונגען האָבן יעדן טאָג געשריבן וועגן דעם און געדרוקט מאַפּעס און אָנגעצייגט איבער וועלכע טעריטאָריע מ׳קריגט זיך אַרום.

אַ רוסישער ייד וואָס האָט געהאַט זיין אָרים הייזל ביים סאַמע גרענעץ צווישן פּוילן און רוסלאַנד לויפט איינמאָל אַריין אין בית־המדרש און ווייזט די יידן די צייטונג וואו עס איז געווען געדרוקט די מאַפּע און שרייט אויס: — איר זעט, יידן! די גאַנצע מלחמה צווישן רוסלאַנד און פּוילן איז דאָך אַרויסגעקומען צוליב מיר...

ווען די קאָמיסיעס האָבן זיך ענדלעך געאייניקט און באַשטימט די גרענעצן צווישן רוסלאַנד און פּוילן, האָבן די צייטונגען אויפסניי אָפּגעדרוקט די נייע מאַפּע און דאָס אָרימע הייזל פון דעם דאָזיקן יידן איז געבליבן אויף דער פּוילישער זייט.

דער ייד האָט געכאַפּט די צייטונג און מיט אַ פרייד אַריינגעלאָפן אין בית המדרש אַריין און רופט אויס: „יידן! ס׳קומט מיר אַ מזל טוב, איך בין שוין ענדלעך פּטור געוואָרן פון די רוסישע פרעסט...״

געהויבענע געסט צו אַ בר־מצוה פּאַרטי

אין גאַנץ רוסלאַנד איז שטרענג פאַרבאָטן אַז מענטשן זאָלן זיך צוזאַמענקומען און פירן אַ שמועס צווישן זיך. דאָס ווערט באַטראַכט פאַר אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונג קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס איז אַפילו אין רוסלאַנד ניט דערלויבט איינצולאַדן געסט אין אַ הויז, סיידן עס ווערט פריער צוגעשטעלט אַ צעטל מיט די נעמען פון די געסט צו דער גע־פּע־או, וועלכע שיקט אַן אַגענט צו זען וואָס אין דער הויז קומט פאָר.

האָט אַ ייד באַדאַרפט איינלאַדן זיין משפחה און פריינט צו אַ בר־מצוה פּאַרטי. ער האָט אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו די געסט. ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון דער פּאַרטי, האָט דער ייד גענומען דעם צעטל פון די געסט אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער גע־פּע־או און געבעטן צו באַשטימען זייערן אַן אַגענט, ער זאָל קומען צו דער פּאַרטי און זען אַז דאָס איז בלויז אַ פאַרזאַמלונג פון זיין משפחה און פריינט צו אַ בר־מצוה פּאַרטי און ניט אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונג.

ווען דער הויפּט פון דער גע־פּע־או האָט איבערגעלייענט די נעמען פון די געסט, וואָס דער ייד האָט אים דערלאַנגט, רופט ער זיך אָפּ צום יידן: „ס'איז ניט נויטיק איך זאָל אין אייער הויז שיקן מיינעם אַ מענטשן; פון די פערציק געסט, וואָס איר האָט איינגעלאַדן, זיינען אַכט־און־דרייסיק מיינע אַגענטן"...

דער גאָלדענער זייגער אויפן רויטן סקווער

צו סטאַלינען האָט מען געבראַכט קלאַגעס, אַז אין רוסלאַנד קומען פאָר גנבות און מען מוז עפּעס טאָן וועגן דעם. סטאַלין האָט באַפוילן, אַז מען זאָל אויפהענגען פּאָוסטערס אין אַלע גאַסן און וואַרענען, אַז ווען מען וועט אימעצן כאַפּן גנבענען וועט מען אים גלייך דערשיסן אָן אַ משפּט.

די פּאָוסטערס האָבן ניט געווירקט, עס זיינען אַלץ ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן די גנבות. האָט סטאַלין געוואָלט אויספּרובירן אַ נייעם מיטל, און באַפוילן צוויי פון זיינע אַדיוטאַנטן, זיי זאָלן נעמען אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייטל און עס אַוועקלייגן אויפן רויטן סקווער, וואו עס גייען דורך טויזנטער מענטשן און פון דערווייטנס קוקן, צי וועלן די מענטשן אויספאָלגן סטאַלינס באַפעל און נישט צוגנבענען דאָס זייגערל.

יעדער וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם סקווער האָט באַטראַכט דאָס זייגערל מיטן קייטעלע און די סלינע האָט גערונען פון זייערע מיילער, אָבער וואָס האָבן זיי זיך געקאָנט העלפן: סטאַלין זאָגט דאָך, אַז מען טאָר ניט.

איינער פון די פאַרבייגייער איז געווען אַ ייד פון פוילן, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט צו באַטראַכטן דאָס זייגערל מיטן קייטל און אויסגערופן: „או וואַ! אַ שיין זייגערל!" און הויבט עס אויף, לייגט עס צו צום אויער און רופט אויס מיט באַגייסטערונג: „ס'גייט? טאָ לאָמיר גיין צוזאַמען..."

סטאַלין און זיין זייגער

סטאַלין זיצט איין מאָל ביי אַ מיטינג מיט זיינע געהילפן און וויל אַ קוק טאָן ווי שפּעט ס׳איז. ווען ער האָט זיך געכאַפּט צו דער קעשענע פאַרן זייגערל, האָט ער אַ נערוועזער אַ זאָג־געטאָן צו זיינע משרתים: „טאָוואַריטש! מען האָט ביי מיר צוגעגנבעט מיין זייגערל!״

די אַנוועזענדע האָבן זיך אַלע מיט אַמאָל אויפגעשטעלט און באַלד האָבן זיך אין צימער באַוויזן עטלעכע פון די בעסטע „גע־פּע־אוניקעס״, וואָס האָבן דעם כאַווער סטאַלין דערקלערט, אַז זיי וועלן איבערקערן גאַנץ רוסלאַנד און וועלן ברענגען צוריק זיין זייגערל.

ווען סטאַלין האָט זיך אומגעקערט צוריק אין זיין פּריוואַט וואוינונג און האָט איבערגעטאָן אַן אַנדער אַנצוג, האָט ער אין דעם אַנצוג געפונען זיין באַליבט זייגערל. ער האָט גלייך טעלעפאָנירט צום הויפּט פון דער גע־פּע־או אַז זיינע מענטשן זאָלן זיך ניט מטריח זיין, ווייל ער האָט שוין געפונען זיין זייגערל...

— צו שפּעט — איז געקומען דער ענטפער פון דעם הויפּט פון דער גע־פּע־או — מיינע מענטשן האָבן שוין געכאַפּט פיר גנבים וועלכע האָבן זיך גלייך מודה געווען און מ׳האָט זיי ערשט הינגעריכטעט...

קאַרל ראַדעק און סטאַלין

אין קיין לאַנד האָבן די מענטשן נישט געשאַפן אַזוי פיל שאַרפע וויצן קעגן זייערע פירער ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. מ׳קאָן אָנשרייבן גאַנצע ביכער וועגן די וויצן, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט געשאַפן קעגן זיינע פירער, וואָס קאָנען געדרוקט ווערן, און ימען וויצן, וואָס מ׳קאָן נישט אָפדרוקן...

דער פאַרפאַסער פון די שטאַרקסטע וויצן איז געווען קאַרל ראַדעק, וועמען סטאַלין האָט ליקווידירט מיט עטלעכע יאָר צוריק.

דערציילט מען, אַז סטאַלין האָט איינמאָל אַריינגערופן קאַרל ראַדעקן און אים געזאָגט אין אַ שטרענגן טאָן:

— כאַווער ראַדעק! אַז דו שאַפסט וויצן קעגן אַ פּראָסטן קאָמי־סאַר, האָב איך גאָר ניט וואָס אויסצוזעצן, אָבער וויצן קעגן מיר, — דעם פירער פון הונדערט און אַכציק מיליאָן מענטשן, — דאָס וועל איך ניט דערלויבן!

— כאַווער סטאַלין — רופט זיך אָפּ ראַדעק, — אָט דעם וויץ, אַז איר זייט דער פירער פון הונדערט און אַכציק מיליאָן מענטשן, האָב איך ניט פאַרפאַסט...

וואָס אַ רוסיש-יידישער קאָמיסאַר שרייבט צו זיין קאָזין אין די בראָנקס

די סאָוועט-רעגירונג האָט איינמאָל באַשטימט אַ קאָמיסיע אַרויסצופאָרן אין עטלעכע לענדער צו שטודירן די מעטאָדן פון פאַבריקאַציע.

איינער פון דער קאָמיסיע איז געווען אַ יידישער יונגערמאַן, וואָס איז דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד. זיין נאָמען איז געווען ראַבינאָוויץ.

ווען די קאָמיסיע איז אָנגעקומען אין טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט זיך ראַבינאָוויץ דערמאָנט, אַז ער האָט אַ קאָזין אין די בראָנקס, און ער האָט אים אָנגעשריבן אַ פּאָסט-קאַרד בזה הלשון:

„ליבער קאָזין! דאָס דאָזיקע פּאָסט-קאַרטל שרייב איך דיר פון דער הויפּט-שטאָט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, פּראַג, פון דעם ענדלעך באַפרייטן פאָלק פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם. דיין קאָזין, ראַבינאָוויץ.״

דאָס צווייטע פּאָסט-קאַרד האָט דער קאָזין אין די בראָנקס דערהאַלטן פון זיין קאָזין פון דער הויפּט-שטאָט פון רומעניע, וואו ער האָט געשריבן: „דאָס דאָזיקע פּאָסט-קאַרד שרייב איך דיר פון דער הויפּט-שטאָט פון רומעניע, בוקאַרעסט, פון דער ענדלעך באַפרייטער רומעניע.״

דאָס דריטע פּאָסט-קאַרד האָט דער קאָמיסאַר געשריבן צו זיין קאָזין אין די בראָנקס פון אונגאַרן, וואו ער שרייבט אים: „איך שרייב דיר דאָס דאָזיקע פּאָסט-קאַרד פון דער הויפּט-שטאָט פון אונגאַרן, פון בודאַפּעסט, פון דעם ענדלעך באַפרייטן אונגאַרישן פאָלק.״

ווען די קאָמיסיע איז אָנגעקומען אין פּאַריז, האָט זיך דער קאָמיסאַר אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ פּאָסט-קאַרד, וואָס האָט

זיך געלייענט: „דאָס דאָזיקע פּאָסט־קאַרד שרייב איך דיר פון דער הויפּט־שטאָט פון פראַנקרייך, פּאַריז". און אונטערגעשריבן: „פון דיין באַפרייטן קאַזין ראַבינאָוויץ..."

לאָמיר דאַוונען מנחה

אין די ערשטע יאָרן פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָט דער נייער קאַבינעט באַדאַרפט אָפּהאַלטן אַ זיצונג מיט לענינען בראש, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף זעקס אַזייגער אין אָוונט.

אַלע קאַבינעט־מיניסטאָרן זיינען געקומען אין צייט צו דער זיצונג, נאָר דער הויפּט — לענין, האָט זיך פאַרשפּעטיקט.

ביי דער זיצונג האָבן זיך געפונען: טראָצקי, זינאָוויעוו, יאָפע, קאַמענעוו, ראַדעק, ליטווינאָוו, בוכאַרין, ריקאָוו, און אַנדערע. עס איז שוין באַלד זיבן אַזייגער און לענין זעט זיך אַלץ נישט, און אַלע ווערן שוין נערוועז.

קאַרל ראַדעק, וואָס איז געווען באַוואוסט אַלס גרויסער סאַטי־ריקער און אַ וויצלינג, האָט זיך אָנגערופן צו זיינע קאָלעגן: „רבותי! איידער דער גוי קומט אַריין, לאָמיר דערווייל זיך שטעלן דאַוועגען מנחה..."

ער לייענט ניט די „פּראַוודאַ"

אין איינעם פון די מאָסקווער זאַלן האָט אַ קאָמיסאַר געהאַלטן אַ לעקציע איבער די גרויסע דערגרייכונגען וואָס סאָוועט־רוסלאַנד האָט געמאַכט זינט זי איז געקומען צו דער מאַכט. מיט אילוס־טראַציעס און ציפערן האָט ער באַוויזן דעם אומגעהויערן פּראָגרעס וואָס רוסלאַנד האָט געמאַכט אין די דרייסיק יאָר וואָס די קאָמו־ניסטן שטייען ביי דער מאַכט.

אַלס איינעם פון די באַווייזן וואָס דער לעקטאָר האָט געצייגט פאַרן עולם וואָס פאַר אַ פאָרטשריט רוסלאַנד האָט געמאַכט אין די דרייסק יאָר פון איר עקזיסטענץ, האָט דער לעקטאָר גענומען אַ געווויסן פּאָרט פון אַ שטאָט און אַנגעוויזן, אַז אונטער די צאַרן איז פון יענעם פּאָרט אַרויסגעגאַנגען צען שיפן אַ יאָר, און היינט, אונטער דער פירערשאַפט פון די סאָוועטן, גייען דורך יענעם פּאָרט הונדערט שיפן אַ יאָר.

— ס'איז אַ ליגן! — רופט־אויס איינער פון די פאַרזאַמלטע. — איך גראָד קום פון יענער שטאָט און ס'איז אמת, אַז אונטער די צאַרן זיינען פון אונדזער פּאָרט אַרויסגעגאַנגען צען שיפן אַ יאָר, אָבער היינט, קאָן איך עדות זאָגן, אַז בלויז צוויי שיפן גייען אַרויס פון אונדזער פּאָרט יעדן יאָר.

דער לעקטאָר האָט זיך פאַרשעמט און איז פאַר אַ ווײַלע געוואָרן שטאַרק צעטומלט, רופט ער אויס צום פראַגן־שטעלער:

— איר זייט אַ גראָבער יונג, איר לייענט נישט די „פּראַוודאַ"...

ער האָט אַ סטעדי דזשאָב

לעבן לענינס מאַזאָלעאום אין מאָסקווע וואו טויזנטער טוריסטן קומען אָנקוקן לענינס קערפּער, שטייט אַ קאָמוניסט אַ גאַנצן טאָג מיט אַ טרובע אין האַנט און רופט אויס: „נידער מיט די קאַפּי־טאַליסטישע לענדער! זאָל באַלד פאַרקומען די קאָמוניסטישע רעוואָ־לוציע איבער דער גאַנצער וועלט!"

איינער פון די טוריסטן האָט געפרעגט דעם קאָמוניסט וויפיל ער קריגט פאַר דעם דאָזיקן דזשאָב, וואו ער שטייט אַכט שעה אַ טאָג און רייסט פון זיך אַרויס די קישקעס.

„מ'צאָלט מיר דריי הונדערט רובל אַ חודש", ענטפערט דער כאַוועַר. „און וויפיל וואָלסטו פאַרדינט ווען דו אַרבעטסט אין אַ פאַבריק?" פרעגט אים דער טוריסט. „אין דער פאַבריק וואָלט איך פאַרדינט זעקס הונדערט רובל".

„קאָנסטו דאָך בעסער גיין אין אַ פאַבריק און פאַרדינען צוויי מאָל אַזויפיל, פאַרוואָס אַרבעטסטו דאָ פאַר אַ העלפט?"

צולאַכט זיך דער כאַוועַר און רופט זיך אָפּ: „דאָ האָב איך דאָך אַ סטעדי דזשאָב"...

טראָצקי און ראָזענבוים

באַלד נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, ווען די סאָוועט־רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט אומאָפּהענגיקע פרייהייט צו אַלע אירע שכנישע פעלקער, האָבן די סאָוועט־רעגירונג און ליטע באַשטימט קאָמיסיעס צו באַשטימען די גרענעצן צווישן די צוויי לענדער.

איןביידע קאָמיסיעס האָבן זיך געפונען בלויז צוויי יידן, און די יידן האָבן דאָרט גראָד געשפּילט די הויפּט־ראָלן. לעאָן טראָצקי איז געווען דער פאָרזיצער פון דער סאָוועט־דעלעגאַציע, און ראָזענבוים — דער פאָרזיצער פון דער ליטווישער דעלעגאַציע.

די דאָזיקע קאָמיסיעס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען חדשים־לאַנג און זיך שטאַרק אַרומגעקריגט, און עס האָט אויסגעקוקט, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט קאָנען איינִיקן.

ראָזענבוים איז געווען טראָצקיס אַ אַמאָליקער חבר פון רוסלאַנד און ביידע זיינען זיי געווען פאַרטריבענע פון דער צאַרישער רעגירונג פאַר רעוואָלוציאָנערישע טעטיקייטן. ביידע האָבן שטודירט אין זעלבן אוניווערזיטעט אין בערלין, אָבער דאָ זיינען זיי געווען צוויי קעגנערישע צדדים. עס האָט אויסגעקוקט, אַז די קאָמיסיעס וועלן זיך מוזן אויפלייזן. די ליטווישע קאָמיסיע האָט געטענהט, אַז אַ געוויסע שטרעקע לאַנד דאַרף באַלאַנגען צו איר, און די רוסישע דעלעגאַציע — אַז דאָס שטיק לאַנד מוז בלייבן ביי רוסלאַנד.

ענדלעך רופט אַרויס ראָזענבוים טראָצקין און זאָגט צו אים: וואָס ווייסן די פּויערים וועגן לאַנד? איך האָב אַ פאָרשלאָג, ווי מען קאָן די גאַנצע פראַגע דערליידיקן איינס און צוויי, צי די דערפער — איבער וועלכע מ'קאָן זיך אייניקן — זאָלן באַלאַנגען צו דיר אָדער צו מיר. לאָמיר באַשטימען אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אַרויספאָרן אין די דאָזיקע דערפער און ריידן מיט די יידן. דאָרט וואו אַ ייד וועט זאָגן שבת באַלאַנגט עס צו דיך, און דאָרט וואו אַ ייד וועט זאָגן סאָבעס באַלאַנגט עס צו מיר...

אַ געשפּרעך צווישן אַן אַמעריקאַנער, ענגלישן און רוסישן סאָלדאַט

באַלד, ווי דער קריג האָט זיך געענדיקט, האָבן דריי סאָלדאַטן — אַ רוסישער, אַן אַמעריקאַנער און אַן ענגלישער — זיך באַגעגנט אין דייטשלאַנד און פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן דעם, ווער פון די דאָזיקע פעלקער האָט מער בייגעטראָגן צו באַזיגן דייטשלאַנד. צו קיין איינשטימיקן באַשלוס האָבן די דריי סאָלדאַטן נישט געקאָנט קומען. יעדער סאָלדאַט האָט געטענהט, אַז נאָר זיין לאַנד איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר היטלערס נידערלאַגע.

אין פאַרלויף פון דעם געשפּרעך האָט זיך דער ענגלישער סאָל־דאַט באַרימט, אַז די ענגלישע דאָקטוירים האָבן אין דעם איצטיקן קריג בייגעטראָגן צו ראַטעווען צענדליקער טויזנטער סאָלדאַטן וואָס וואָלטן אין אַנדערע לענדער שוין געווען טויט, און האָט געבראַכט אַ ביישפּיל אַז אַן ענגלישער סאָלדאַט וועמען מ׳האָט אַרונטערגעשאָסן אַ פוס האָבן די ענגלישע דאָקטוירים צוגעמאַכט אַ קינסטלעכן פוס און דער סאָלדאַט איז היינט איינער פון די בעסטע פוט־באָל שפּילערס אין ענגלאַנד.

— וועל — רופט זיך אָפּ דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט, — מיר אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך אויך ניט צו שעמען אין דער הינזיכט. אונדזערן אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט האָט מען אַרונטער־געשאָסן אַ האַנט, האָבן אים די דאָקטוירים צוגעמאַכט אַ קינסטלעכע האַנט, איז ער היינט איינער פון די בעסטע פידל־שפּילער אין אַמעריקע.

דאָ האָט זיך דער רוסישער סאָלדאַט צולאַכט און זיך אָפּ־גערופן:

— „צו אונדזערע רוסישע דאָקטוירים קאָן זיך קיינער נישט

פאַרגלייכן. ביי אונדזערן אַ סאָלדאַט האָט מען אין קריג דורכגע־לעכערט דעם קאָפּ, האָבן די דאָקטוירים געמאַכט אויף אים אַן אָפּעראַציע און אָנגעשטאָפּט דעם קאָפּ מיט שטרוי און ער ווערט איצט אין רוסלאַנד פאַררעכנט אַלס איינער פון אונדזערע בעסטע דיפּלאָמאַטן..."

אין רוסלאַנד טאָר קיינער ניט זאָגן יאָ

ביי אַ זיצונג פון דעם סאָוועטישן מיניסטעריום וואו ס'האָבן זיך געפונען סטאַלין און מאָלאָטאָוו, האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. מאָלאָטאָוו האָט גענומען די טרובקע אין האַנט צו ענטפערן. אַלע זיינען געבליבן שטיל און מאָלאָטאָוו האַלט אין איין ענטפערן „ניין", „ניין", „ניין" און ווידער אַמאָל „ניין"!

אַלע אין צימער האָבן געקוקט אויף סטאַלינען, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין שמייכלען.

אין מיטן פון דעם געשפּרעך איז מאָלאָטאָוון אויסגעקומען צו ענטפערן „יאָ"! סטאַלין איז געוואָרן אַ דערצאָרנטער, זיין פּנים איז געוואָרן רויט און רופט זיך אָפּ צו מאָלאָטאָוון: — ווער האָט דיר געגעבן די דערלויבעניש צו זאָגן „יאָ" איידער דו האָסט זיך ביי מיר פריער נישט אָנגעפרעגט?

אַ בלאַסער און אַן אונטערטעניקער האָט מאָלאָטאָוו געענטפערט זיין באָס: — דער כאַווער וואָס רעדט מיט מיר האָט געוואָלט וויסן צי איך הער אים גוט אויפן טעלעפאָן...

דער ענטוישטער שול-אינספּעקטאָר

אין אַ רוסישן דאָרף איז איינמאָל געקומען אַ שול-אינספּעקטאָר אויסצופאָרשן ווי אַזוי די לערער לערנען מיט די קינדער, און איבערהויפּט צי ווערן די קינדער גוט דערצויגן אַלס קאָמוניסטן.

דער אינספּעקטאָר איז געווען זייער צופרידן פונעם לערער און פון זיין מעטאָדע פון לערנען. דער אינספּעקטאָר האָט אויך פּרובירט אויסצוגעפינען ביי די קינדער צי זייערע עלטערן זיינען גוטע קאָמו־ניסטן. ער האָט צוגערופן אַ קינד, אים אַ פרעג געטאָן: „דערציייל מיר, אַלעקסעי, וואָס קומט פאָר ביי דיר אין דערהיים, זיינען דיינע עלטערן גוטע קאָמוניסטן?"

— נישט נאָר זיינען מיינע עלטערן גוטע קאָמוניסטן — ענט־פערט אַלעקסעי — נאָר נעכטן האָט אונדזער קאַץ געבוירן פינף קעצעלעך, זיינען זיי אויך גוטע קאָמוניסטן....

דער אינספּעקטאָר האָט זיך צולאַכט און איז אַוועק אַ צופרי־דענער.

אין זעקס חדשים אַרום איז דער זעלבער אינספּעקטאָר ווידער געקומען אין דער שולע און האָט ווידער אַרויסגערופן דעם זעלבן אַלעקסעי און ביי אים געפרעגט די זעלבע פראַגע, וואָס עס טוט זיך ביי זיינע עלטערן אין דער היים, דאָס קינד האָט דעם אינס־פּעקטאָר געענטפערט, אַז מיט זעקס חדשים צוריק האָט די קאַץ אין זייער הויז געהאַט פינף קעצעלעך, זיינען אַלע קעצעלעך אַנטי־קאָמוניסטן...

— לעצטן מאָל, ווען איך בין דאָ געווען — זאָגט דער אינס־פּעקטאָר — האָסטו דאָך מיר געזאָגט, אַז די קעצעלעך זיינע אַלע גוטע קאָמוניסטן? וואָס האָט פּאַסירט אין די זעקס חדשים?

— זינט דאַן — ענטפערט דאָס יינגל — האָבן די קעצעלעך שוין געעפנט זייערע אייגעלעך...

ווי אַזוי אַ רוסישער קאָמיסאַר מאַטערט אַ יידן מיט פראַגן

אין רוסלאַנד האָט מען אַרעסטירט אַן עלטערן יידן און אים געבראַכט אין דער הויפּט-קוואַרטיר פון דער געהיים-פּאָליציי, ווייל ער האָט נישט קיין פּאַספּאָרט. ער האָט געדאַרפט ענטפערן אויף פראַגעז שעהן לאַנג. וויפיל דער ייד האָט געטענהט, אַז ער איז געבוירן אין רוסלאַנד, אַז זיין טאַטע און זיידע און עלטער-עלטער-זיידעס זיינען געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, האָט אַלץ נישט געהאָלפן און מ׳האָט אים געהאַלטן אין איין מאַטערן.

— וואו זייט איר געוועז אין 1905, אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע? — פרעגט דער אינקוויזיטאָר דעם יידן.

— אין בערדיטשעוו — האָט געענטפערט דער ייד.

— און וואו זייט איר געוועז אין 1914, ווען די ערשטע וועלט-מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען? — האָט מען ווייטער דעם יידן געפרעגט.

— אין מינסק — האָט דער ייד געענטפּערט.

— און וואו זייט איר געוועז אין 1917, ווען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעפאַנגען? — האָט מען ווייטער געמאַטערט דעם יידן.

דער ייד האָט געזען, אַז עס נעמט גאָר נישט קיין ענדע צו דער מאַטערניש, האָט ער זיך אָפּגערופן צו דעם קאָמיסאַר:

— וועט איר מיר דערלויבן אייך צו שטעלן בלויז איין פראַגע?

דער קאָמיסאַר האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און געזאָגט:

— יאָ, פרעגט.

— קאָנט איר מיר זאָגן, איך בעט אייך — זאָגט דער ייד — וואו זייט איר געוועז אין 1888?

— וואָס עפּעס פרעגט איר ביי מיר וועגן 1888?

— דעמאָלט — זאָגט דער ייד — איז אין רוסלאַנד געוועז אַ גרויסע כאָלעריע...

אַלץ הייסט געלעבט

טרעפֿן זיך צוויי יידן אין איינער פֿון די מאָסקווער גאַסן און פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך וועגן זייער ביטערער לאַגע.

פֿרעגט דער ערשטער ייד ביי דעם צווייטן יידן: „וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס?" — „ערגער ווי נעכטן, און בעסער ווי מאָרגן" — ענטפֿערט דער צווייטער ייד.

— ווי אַלט זייט איר? — פֿרעגט ווייטער דער ערשטער ייד.

— ערשט געוואָרן איין־און־דרייסיק יאָר אַלט — ענטפֿערט אים דער צווייטער.

— אין מיינע אויגן — רופֿט זיך אָפּ דער ייד — זעט איר אויס מער ווי איין־און־דרייסיק יאָר, איר מאַכט דעם איינדרוק ווי איר וואָלט שוין געווען אַ זקן.

— איך בין טאַקע געבוירן געוואָרן — ענטפֿערט ווייטער דער ייד — אין 1889, אָבער די עטלעכע און דרייסיק יאָר וואָס איך וואוין ביי סטאַלינען הייסט ביי איך געלעבט?

אין רוסלאַנד וועט יעדערער פאַרמאָגן אַן עראָפּלאַן

שטייען צוויי יידן אויף אַ גאַס אין מאָסקווע און שמועסן. רופט זיך אָפּ איינער צום צווייטן:

— איר ווייסט, פעטער, רוסלאַנד פּראָדוצירט היינט מער עראָפּלאַנען ווי די גאַנצע וועלט, און יעדער סאָוועטישער בירגער וועט באַלד האָבן אַן אייגענעם עראָפּלאַן.

— אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר דער גוטער בשורה, — רופט זיך אָפּ דער צווייטער ייד, — זאָלן זיי בעסער פּראָדוצירן זייף, שוועבעלעך, אונטערוועש און אַנדערע נויטיקע אַרטיקלען אין וואָס מיר נויטיקן זיך.

— איך זע שוין, אַז איך רעד דאָ צו אַ בהמה — רופט זיך אָפּ דער ערשטער ייד, — איר פאַרשטייט ניט די וויכטיקייט פון האָבן אין רוסלאַנד אַן אייגענעם עראָפּלאַן. ווען איר, למשל, האָט היינט אַן עראָפּלאַן, פליט איר זיך אַריבער אין פּאַריז און קויפט זיך גענוג שוועבעלעך. אָדער איר גיט אַ פלי אין אַמעריקע און האַנדלט פאַר זיך איין וויפיל זייף איר ווילט נאָר... אָט זע איך, — רעדט ווייטער דער ייד, — אַז איר גייט אין צעריסענע שיך, ווען איר האָט אַן עראָפּלאַן, גיט איר זיך אַ פלי אַריבער נאָך לאָנדאָן, און איר קויפט פאַר זיך אַ פּאָר שיך... נו, זעט איר שוין די וויכטיקייט פון האָבן אַן אייגענעם עראָפּלאַן?

ווי אַזוי יידן אין ישראל וויצלען זיך

יידן האָבן אַלעמאָל אַרויסגעוויזן אַ חוש פאַר הומאָר ווען זיי זענען געווען אין אַ עת צרה. נאָך אין דעם צאַרישן רוסלאַנד, וואו זיי זיינען גערודפט געוואָרן, האָבן יידן גע־שאַפן וויצן אויף דעם חשבון פון זייערע פאַרפאָלגער, און יידן האָבן אויך אין סאָוועט־רוסלאַנד געשאַפן שאַרפע וויצן וועגן די פאַראָנדקעס, וואָס די סאָוועטן האָבן איינגעפירט. פיל פון די וויצן דערציילט מען היינט איבער דער וועלט. עס איז אויך באַוואוסט, אַז אין דער מוראַדיקסטער צייט וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט אונטער דעם היטלעריזם, האָבן זיי געשאַפן אַ סך שאַרפזיניקע וויצן. עס איז מעגליך אַז דער פרייליכער געלעכטער, וואָס יידן האָבן געשאַפן, האָט זיי געגעבן כוח איבערצולעבן אַלע זייערע צרות און שונאים.

איצט, ווען יידן קומען אָן אין ישראל פון אַלע ווייטע ווינקעלעך פון דער וועלט, און זיי לעבן דערוויילי דורך אַן עקאָנאָמישן קריזיס, — האָבן זיי שוין פונדעסטוועגן געשאַפן אַ סך וויצן וועגן דער איצטיקער לאַגע אין מדינת ישראל. די וואָס איך גיב דאָ איבער אין מיין בוך, האָב איך געקליבן פאַר אַ לאַנגע צייט. די מערסטע פון זיי זיינען געווען גע־דרוקט אין „פאָרווערטס".

וואו געפינט זיך משה רבנוס שטעקן מיט וועלכן ער האָט געשפּאָלטן דעם ים?

ווען היטלער ימח שמו האָט שוין געהאַט פאַרכאַפּט גאַנץ אייראָפּע און אַ גרויסן טייל פון רוסלאַנד, איז ער מיט זיינע מיליטערישע פירער געקומען צום שלום, אַז כל זמן ער וועט נישט פאַרכאַפּן ענגלאַנד, זיינען זיינע אַלע עראָבערונגען נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק.

אָבער ווי אַזוי פאַרכאַפּט מען ענגלאַנד? ווי קאָנען זיינע אַרמייען אַריבערגיין דעם ענגלישן קאַנאַל?

האָט אים איינער פון זיינע עצה געבער געראָטן, אַז ווען ער קאָן געפינען אַ יידן וואָס זאָל אים אויסזאָגן דעם סוד וואו עס געפינט זיך משה רבנוס שטעקן, מיט וועלכן משה האָט געשפּאָלטן דעם ים, ווען ער האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים, וואָלט ער געקאָנט מיטן דאָזיקן שטעקן שפּאַלטן דעם ענגלישן קאַנאַל, און זיינע אַרמייען וואָלטן לייכט געקאָנט איינגעמען ענגלאַנד.

היטלערן איז די עצה שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל צו אים ברענגען אַ יידן וואָס ווייסט וואו עס געפינט זיך משה רבנוס שטעקן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אין זיין קאַבינעט אַריינגעפירט אַ יידן וואָס האָט געציטערט ווי אַ בלאַט אויס מורא אַז מען גייט אים דערהרגענען פאַר אַ זינד וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן היטלערס מלוכה. דער ייד איז באַלד איבערראַשט געוואָרן ווען היטלער האָט אים אויפגענומען מיט אַ ברייטן שמייכל און געבעטן דעם יידן זיצן. ער וויל מיט אים ריידן איבער אַ זייער וויכטיקן ענין.

היטלער האָט דעם יידן פאַרזיכערט, אַז מ'וועט אים קיין שלעכטס ניט טאָן. פאַרקערט, אים וועט זיין וואויל ווי די וועלט און ער קאָן אַליין באַשטימען וואָס זיין האַרץ גלוסט, אויב ער קאָן נאָר



היטלער פרעגט ביים יידן וואו עס געפינט זיך משה רבנוס שטעקן

זאָגן דער דייטשישער מאַכט וואו עס געפינט זיך משה רבנום שטעקן, מיט וועלכן משה האָט געשפּאָלטן דעם ים ווען ער האָט באַפרייט די יידן פון פרעהן.

דער ייד איז געזעסן אין היטלערס קאַבינעט און אַרום אים היטלער מיט זיינע מלחמה־גענעראַלן. אין אָנפאַנג איז דער ייד געווען שטאַרק צוטומלט און האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. באַלד איז ער אָבער געקומען צו זיך און געעפנט זיין מויל און ער רופט זיך אָפּ, אַז ער איז גרייט צו ענטפערן וואו עס געפינט זיך דער שטעקן פון משה רבנו מיט וועלכן ער האָט געשפּאָלטן דעם ים.

היטלער מיט זיינע מלחמה־גענעראַלן זיינען אַלע געוואָרן פריילעך און געטאַנצט פאַר פרייד וואָס ענדלעך האָבן זיי דערגרייכט זייער ציל צו קאָנען באַזיגען ענגלאַנד, געווינען דעם קריג, און היטלער וועט באַהערשן די וועלט.

אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם יידן און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד צו הערן די וויכטיקע בשורה וואָס קאָן ענטשיידן די מלחמה. דער ייד מאַכט אַ וואַזשנע מינע און זאָגט זיי, אַז דער שטעקן מיט וועלכן משה האָט געשפּאָלטן דעם ים ווען ער האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים, געפינט זיך אין בריטישן מוזעאום אין לאָנדאָן. אויב זיי ווילן האָבן דעם שטעקן, וועלן זיי מוזן שיקן אַ גרויסע אַרמיי איינצונעמען ענגלאַנד און קריגן דעם שטעקן...

אַ מיידל וואָס איז געקומען צו בן גוריון נאָך אַן עצה

צו בן גוריונען, דעם פּרעמיער־מיניסטער פון ישראל, איז גע־קומען אַ מיידל און מיט טרערן אין אירע אויגן געבעטן רחמים ביי אים, ער זאָל איר אַרויסהעלפן פון אַ גרויסע צרה וואָס איז איר געשען באַפּאַלן. נאָר ער, בן גוריון אַליין, קאָן איר העלפן.

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך? — פרעגט בן גוריון. דאָס מיידל לאָזט אַראָפּ אירע אויגן אַ פאַרשעמטע און דערציילט אים, אַז אַ יונגערמאַן האָט זי פאַרפירט. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן. זי האָט אים געגלויבט. צום סוף האָט ער איר אָפּגענאַרט. איצט טראָגט זי אונטער איר האַרץ אַ קינד, און ער איז פאַרשוואונדן ווי אין וואַסער אַריין.

איז דאָס דאָזיקע מיידל געקומען צו בן גוריונען, אַז ער זאָל איר העלפן פּטור ווערן פון איר צרה, ווייל ווען זי וועט האָבן אַ קינד, איז איר גאַנץ לעבן רואינירט, און אירע עלטערן וועלן איר פאַרטרייבן פון הויז.

— וואָס זייט איר געקומען צו מיר? — פרעגט בן גוריון. — איך בין נישט קיין דאָקטאָר און קאָן זיך נישט אָפּגעבן מיט אַזעלכע זאַכן. צווייטנס, טאָר מען נישט טאָן אַזאַ זאַך וואָס איז קעגן דעם געזעץ פון ישראל, און עס איז אויך אַ פאַרבאָט לויט דעם יידישן דין צו טאָן אַזאַ זאַך.

דאָס מיידל האָט ווייטער זיך צעוויינט און בן גוריונען דער־קלערט, אַז זי איז שוין געווען ביי אַלע דאָקטוירים אין ישראל און קיינער וויל איר נישט העלפן. זי האָט אויסגעפונען, אַז נאָר „איר אַליין, חבר בן גוריון, קאָנט מיר העלפן, נישט קיין אַנדערער".

— פון וואַנען ווייסט איר אַז גראָדע איך קאָן אייך נאָר העלפן?

— איז בן גוריון געווען נייגעריק צו וויסן, — און ווי אַזוי קאָן

איך אייך העלפן, אַז איך בין נישט קיין דאָקטאָר און ווייס נישט ווי אַזוי דאָס קאָן געטאָן ווערן?

— ווען איר זאָלט אַרויפליגן אייער האַנט אויף מיין בויך — האָט זיך דאָס מיידל געבעטן ביי בן גוריונען, — בין איך אַ גע־האָלפענע.

בן גוריון האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער מיידלס בויך, דאָס מיידל איז געווען אין זיבעטן הימל פאַר פרייד, אַז זי וועט געהאָלפן ווערן און פטור ווערן פון אַ צרה וואָס קיין דאָקטאָר אין גאַנץ ישראל האָט איר נישט געוואָלט העלפן. און אַ פריילעכע וויל זי פאַרלאָזן בן גוריונס קאַבינעט.

„זאָגט נאָר, איך בעט אייך”, רופט זיך אָפּ בן גוריון צו דער מיידל, „פון וואַנען ווייסט איר, אַז דערפאַר וואָס איך האָב אַרויפ־געלייגט מיין האַנט אויף אייער בויך וועט דאָס אייך העלפן?”

דאָס מיידל, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון דער מפּ”ם פּאַרטיי, וועלכע באַקעמפט שטאַרק בן גוריונס מפּא”י פּאַרטיי, ערקלערט בן־גוריונען, אַז נעכטן אָוונט, איז זי געווען ביי אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון איר פּאַרטיי, האָט זי געהערט, ווי אַ רעדנער האָט זיך אויס־געדריקט, אַז דאָרטן וואו בן גוריון לייגט אַרויף זיין האַנט ווערט דערפון גאָר נישט... און דערפאַר איז זי געקומען צו אים אין איר ביטערער לאַגע...

דער ענגלישער גענעראַל מאָנטגאָמערי בײַם כותל מערבי

אין דער צווייטער וועלט-מלחמה, ווען די דייטשישע אַרמייען, וואָס זענען געפירט געוואָרן פון דעם „דעזערט-פאָקס" גענעראַל ראָמעל, און האָבן זיך געשפאַרט אַלס נעענטער צו די גרענעצן פון פאַלעסטינע, האָט עס אויסגעקוקט אַז דער יידישער ישוב אין ארץ ישראל שטייט אין געפאַר. דאַן האָט טשוירטשיל, דער קריגס-פירער פון ענגלאַנד, געשיקט דעם באַרימטן גענעראַל מאָנטגאָמערי קיין אַפריקע צו פאַרשטאַרקן די ענגלישע כוחות און צו פאַרטרייבן די דייטשישע אַרמייען פון נאָענטן מזרח.

ווען מאָנטגאָמערי איז אָנגעקומען אין ירושלים, איז ער מיט זיין סוויטע דורכגעגאַנגען דעם כותל-מערבי און געזען ווי יידן זיינען פאַרזאַמלט ביי דער הייליקער וואַנט און זיינען מתפלל מיט גרויס התלהבות מיט די הענט אויפגעהויבן צום הימל.

די דאָזיקע סצענע איז פאַר דעם גענעראַל געווען זייער טשי-קאַווע. ער איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די יידן און געפרעגט וואָס דאָ קומט פאָר.

„דאָס בעטן מיר ביי גאָט", ענטפערט אים דער ייד, „אַז די דייטשן זאָלן איינגעמען אַ ווייסטע מפלה, און ענגלאַנד זאָל געווינען דעם קריג."

„איך האָב זיך גאָר נישט פאַרגעשטעלט", זאָגט דער גענעראַל דעם יידן, „אַז ענגלאַנד האָט דאָ אַזעלכע גוטע פאַטריאָטן אויף וועמען מ'קאָן זיך פאַרלאָזן, און איך איל זיך באַלד אָפצורופן טשוירטשילען און אים דערציילן וועגן אייער פאַטריאָטיזם".

„אַז איר וועט ריידן מיט טשוירטשילען", עצהט אים דער ייד, „זאָלט איר למען השם ניט פאַרגעסן אים צו זאָגן, אַז אין גאַנצן זיך צו פאַרלאָזן אויף אונדז דאַרף ער נישט"...

דעם רבינס עצה

קומט אַ יידישער פּאַרמער אין ישראל צום רבין און בעט ביי אים אַן עצה וואָס ער זאָל טאָן אַז זיינע הינער זאָלן אויפהערן פּגרן.

„ווען איר וועט געבן אייערע הינער עסן", ראטה אים דער רבי, „זאָלט איר פריער אַרויפשיטן אַ ביסל זאַלץ אויפן עסן, וועט דאָס זיכער העלפן".

דער ייד איז אַוועק אַ פרייליכער אויף זיין פּאַרם און געפאָלגט דעם רבינס עצה, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. איז ער ווידער געקומען צום רבין מיט טרערן אין די אויגן, אַז ער וועט בדלות ווערן אויב די הינער וועלן נישט אויפהערן פּגרן.

„אויב זאַלץ האָט נישט געהאָלפן", זאָגט אים דער רבי, „פּרובירט אַרויפשיטן אויפן עסן אַביסל צוקער, דאָס וועט זיכער העלפן", ראָט אים וויטער דער רבי.

דער ייד איז ווידער אַהיים געגאַנגען און געפאָלגט דעם רבין, און ס'האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס...

דער פּאַרמער לויפט ווידער אַוועק צום רבין מיט אַ ביטער געוויין און דערציילט אים, אַז איצט, פּגרן די הינער נאָך מער ווי פריער...

דער רבי איז געזעסן אויף זיין שטול פאַרטיפט אין אַ ספר און געמורמלט שטיל און זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויפן פּאַרמער. עס איז אַוועק עטלעכע מינוטן און דער רבי ענטפערט ווידער נישט, הויבט זיך אויף דער פּאַרמער און וויל שוין אַוועקגיין, נאָר פריער רופט ער זיך אָפּ צום רבין: „איידער איך גיי אַוועק רבי, וואָלט איך געוואָלט וויסן צי האָט איר נאָך אַן עצה פאַר מיר?"

„עצות", רופט זיך אָפּ דער רבי „האָב איך נאָך גענוג, וואָס איך האָב געוואָלט וויסן איז — האָט איר נאָך הינער?

פון דעם בלאָף איז טאַקע געוואָרן אַן אמת

די אַמעריקאַנער ציוניסטישע באַוועגונג, האָט אין אַ משך פון פופציק יאָר אַנגעפירט אַ גרויסע באַוועגונג צווישן די אַמעריקאַנער יידן וועגן שאַפן אַ יידישע מדינה אין דעם לאַנד פון אונדזערע אבות. זי האָט אויסגעגעבן מיליאָנען דאָלערס פאַר אויפקלערונגס אַרבעט, און פאַר דעם דאָזיקן צוועק האָט זי באַדאַרפט האָבן אַ סך אַנגעשטעלטע, וואָס זיינען אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און אַגיטירט צווישן די יידן, זיי זאָלן העלפן דערגרייכן זייער חלום.

ווען מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן, איז איינער פון די ציוניסטישע רעדנער און שרייבער — וואָס האָט געדינט דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַר איבער דרייסיק יאָר, — געפאָרן קיין ישראל צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן דעם גרויסן חלום וואָס איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן, פאַר וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק געקעמפט זיין גאַנצן לעבן.

ווען ער האָט אין מדינת ישראל געזען אַ יידישע אַרמיי, אַ יידישן פרעזידענט, אַ פרעמיער־מיניסטער, אַ מיניסטאָרן קאַבינעט, טאַקע אַ מלוכה ווי ביי אַנדערע פעלקער, האָט ער זיך אַוועק־געזעצט און אַנגעשריבן אַ בריוו צו זיין ווייב אין אַמעריקע בזה הלשון:

„ליבע שרה, דו וועסט מיר זיכער נישט גלויבן, וואָס איך גיי דיר דאָ שרייבן וואָס איך האָב אַלץ איבערגעלעבט אין די עטלעכע טעג וואָס איך געפין זיך אין דער יידישער מלוכה. איך גלויב נישט מיינע אייגענע אויגן צי ס׳איז טאַקע אמת וואָס איך האָב דאָ געזען, אָדער ס׳איז בלויז אַ חלום. איך בין געקומען צום שלום, אַז דאָס וואָס איך האָב געבלאָפט אין אַמעריקע פאַר די אַמעריקאַנער יידן וועגן ציוניזם איז ווירקלעך מקוים געוואָרן...

די יידענע וואָס איז געצוואונגען צו ריידן העברעאיש

אין ישראל זיינען אָנגעקומען מאסן יידישע אימיגראַנטן פון אַלע ווינקעלעך איבער דער גאַנצער וועלט, און די דאָזיקע אימיגראַנטן רעדן נאַטירלעך די שפּראַכן פון די לענדער פון וואַנען זיי זיינען געקומען. ס'איז נישט אַזוי לייכט פאַר די דאָזיקע נייע ערשט־אַריבערגעקומענע יידן צו ריידן די לאַנד שפּראַך — העברעאיש. גייען אַרום אין ישראל פאַרשידענע וויצן ווי אַזוי די דאָזיקע יידן מאַטערן זיך נעבעך אין אַ „פרעמדן לאַנד"...

ווערט דערציילט, אַז אַן עלטערע יידישע פרוי איז געקומען קיין ישראל פון ליטע און האָט באַדאַרפט פרנסה, האָט זי זיך איינגעשאַפט אַ וועגעלע און איז געשטאַנען אין אַ גאַס אין תל־אביב און פאַרקויפט פרוכטן.

איז צוגעקומען אַ ייד עפּעס קויפן ביי דער יידענע, הערט ער ווי די יידענע רעדט צו אים העברעאיש וואָס מען האָט קוים פאַרשטאַנען, רופט ער זיך אָפּ צו דער יידענע: „מומעשע! וואָס דאַרפט איר זיך מאַטערן צו ריידן מיט אייערע קונדן העברעאיש וואָס איר קענט נישט? פאַרוואָס רעדט איר בעסער נישט אייער מוטער־שפּראַך יידיש, אַז מ'זאָל אייך קאָנען פאַרשטיין?"

דאָ האָט זיך די יידענע אַרומגעקוקט צי אימיצער הערט נישט, און רופט זיך אָפּ צום יידן: „ווי אַזוי קאָן איך צו אייך רעדן יידיש, אַז מיר יידן זיינען דאָ אין גלות..."

אַ געהויבענע מיינונג וועגן בן גוריונען

אין איינער פון די גאַסן אין תל-אביב געפינט זיך אַ סאָדע-וואַסער-סטענד, וואו דער אייגנטימער איז אַ ברודער פון בן-גוריון, דער פרעמיער פון ישראל. די מענטשן, וואָס קומען טרינקען אַ גלעזל וואַסער ביי דעם סטענד, זיינען דעם אייגנטימער שטאַרק מקנא, וואָס זיין ברודער בן גוריון איז אַזאַ וועלט-באַרימטער מענטש. דער ייד פון דעם סאָדע-וואַסער-סטענד מאַכט פון דעם ניט קיין צימעס און טראַכט ביי זיך: זאָלן מענטשן דענקען וועגן זיין ברודער וואָס זיי ווילן. נאָר ווען איינמאָל איז צו אים צוגעשטאַנען אַ ייד און האָט ביי אים געפרעגט, פאַרוואָס ער איז אַזוי גלייכגילטיק צו זיין ברודער, ווען אַלע לויבן אים אַלס איינעם פון די וועלט-באַרימטע שטאַטסלייט? האָט זיך דער ייד אָנגערופן:

— מאַלע וואָס מענטשן זאָגן. ביי אונדז אין שטעטל אין רוס-לאַנד, פון וואַנען מיר קומען, האָט מען גראָד מיך געהאַלטן פאַרן חכם פון דער פאַמיליע.

איר זייט מיט מיר ברוגז?

מדינת ישראל פאַרמאָגט היינט אַ גרויסע אַרמיי און אין איר זיינען אָנגעשלאָסן יידישע יונגע-לייט פון דער גאַנצער וועלט, און ווי אין יעדער אַרמיי הערשט אַ שטאַרקע דיסציפּלין.

האָט זיך איינמאָל שפּאַצירט אַ יידישער גענעראַל אין איינע פון די גאַסן אין תל אביב. גייט דורך אַ יידישער סאָלדאַט פאַרן גענעראַל און איגנאָרירט אים און וויל אים נישט סאַלוטירן. דער גענעראַל שטעלט אָפּ דעם סאָלדאַט און מיט אַ שטרענגן טאָן גיט

ער ביי אים אַ פרעג: „פאַרוואָס האָסטו מיך נישט סאַלוטירט?״ דער סאָלדאַט איז געוואָרן אַ דערשראָקענער און ענטפערט: „איר מוזט מיר ענטשולדיקן, איך האָב אייך גאָר נישט באַמערקט״.

„און איך האָב געמיינט״, ענטפערט אים דער גענעראַל, „אַז איר זייט מיט מיר ברוגז...״

ווען די מאַמע וואָלט געוואוסט

איידער מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן, זיינען קיין ארץ ישראל געפאָרן באַזעצן זיך יונגע יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען באַקאַנט אַלס די פּיאָנערן וואָס זיינען געקומען אויפבויען דעם לאַנד, און עלטערע רעליגיעזע יידן, וואָס האָבן געוואָלט נאָך זייער טויט ליגן אין דעם הייליקן לאַנד, וואו עס זיינען באַגראָבן זייערע אבות.

איז זיך אַן עלטערע יידישע פרוי פון אַמעריקע געפאָרן קיין ארץ ישראל צו פאַרענדיקן דאָרט אירע יאָרן. ווען זי וועט שטאַרבן, זאָל זי ליגן ביי די קברים פון שרה, רבקה, רחל און לאה.

גאָט האָט אָבער די פרוי געשענקט אַ היפּשע ביסל יאָרן. זי האָט אַריינגעלעבט אין איר טיפן עלטער און דערלעבט צו זען אין דעם הייליקן לאַנד אַ יידישע מלוכה.

איינמאָל, איז איר זון פון אַמעריקע געקומען זען דאָס נייע לאַנד, ווי אויך זיין אַלטע מאַמע. די באַגעגעניש צווישן מאַמע און זון איז געווען אַ דראַמאַטישע, ווייל זיי האָבן זיך שוין נישט געזען אַ היפּשע ביסל יאָרן. נאָך דעם ווי די מאַמע האָט זיך צוקושט מיט איר זון, פרעגט דער זון ביי דער מאַמע: „מאַמעשי, ווי גייט עס דיר דאָ?״ „איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, ליבער זון״ — ענטפערט אים די מאַמע, „ווען איך זאָל געוווּסט וויסן, אַז איך וועל אַזוי לאַנג לעבן, וואָלט איך נאָך געווען געבליבן אין אַמעריקע...״

דער ייד וואָס האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמארד

גייט זיך אַ ייד אויפן וועג פון תל אביב קיין ירושלים און זעט פון דערווייטנס, עס ליגט אַ מענטש אויסגעצויגן אויף די רעלסן פון אַן אייזנבאַן ליניע. גייט ער צו און זעט, ס'איז אַ ייד. פרעגט ער ביי אים צי קאָן ער שוין נישט געפינען אַ ווייכערן פלאַץ אויסצו־רוען זיינע ביינער ווי אויף די אייזערנע רעלסן.

דער ייד שטעלט זיך אויף און דערציילט אים, אַז ער איז דאָ נישט געקומען זיך אויסרוען, נאָר ער האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמארד און וואַרט אַז עס זאָל אָנקומען אַ באַן, וואָס זאָל אים איבערפאָרן און מאַכן אַן עק צו זיינע צרות.

„אויב איר האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד", פרעגט ביי אים דער ייד, „צו וואָס האַלט איר אַ ברויט אונטערן אָרים?"

„איך זע", רופט זיך אָפּ דער זעלבסטמערדער „אַז איר זייט דאָ אין מדינת ישראל אַ פרעמדער. איר זייט נישט באַקאַנט מיט אונד־זערע אייזנבאַן, וואָס גייט נישט אַוועק אין צייט און קומט נישט אָן אין צייט, און איר דאַרפט וואַרטן זייער לאַנג אויף אַ באַן. האָב איך באַשלאָסן, טאָמער דאַרף איך דאָ וואַרטן זייער לאַנג אויף דער באַן וואָס זאָל דאָ אָנקומען און מיך איבערפאָרן, האָב איך זיך צוגעגרייט מיט אַ ברייטל איך זאָל נישט שטאַרבן פון הונגער.

אַן אַמעריקאַנער טוריסט באַזוכט די „זו" אין תל אביב

טרעפן זיך צוויי יידישע אַמעריקאַנער טוריסטן אין תל אביב און דערציילן וואָס זיי האָבן שוין אַלץ געזען אין ישראל אויף זייער רייזע. פרעגט איינער ביים צווייטן: „דעם „זו" אין תל אביב האָסטו שוין געזען?" צעלאַכט זיך דער צווייטער ייד און ענטפערט: „איך קום פון די בראָנקס, וואָס פאַרמאָגט דעם גרעסטן „זו" אין דער וועלט, דאַרף איך גיין אין תל אביב זען דאָרט די חיות וואָס איך האָב שוין געזען אין די בראָנקס?"

„גלויבט מיר", רופט זיך אָפּ דער צווייטער ייד, „אַז עס לוינט זיך צו גיין זען דעם „זו" אין תל אביב בלויז צוליב איין פּאַפּוגיי וואָס רעדט אַסך שפּראַכן. דו וועסט זיכער הנאה האָבן".

דער ייד האָט זיך געלאָזט איינריידן און איז אַוועק אין „זו". ער גייט צו צום פּאַפּוגיי און פרעגט אין רוסיש: „פּאַנימייעטיע פּאָרוסקי?" ענטפערט דער פּאַפּוגיי: „טאַק טאָטשנאָ!"

„פּאַרלי וואו פראַנסעי?", פרעגט דער ייד דעם פּאַפּוגיי שוין אין פראַנצויזיש. און דער פּאַפּוגיי ענטפערט אין פראַנצויזיש אַז ער פאַרשטייט פראַנצויזיש. דער ייד קאָן זיך נישט אָפּוואונדערן.

איידער דער ייד גייט אַוועק, דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט געהאַט פאַרגעסן צו פרעגן ביים פּאַפּוגיי צי ער קאָן יידיש. קערט ער זיך אום צוריק און פרעגט: „נו, און יידיש קאָנסטו?"

דער פּאַפּוגיי קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן צו זען צי קיינער זעט נישט און רופט זיך אָפּ: „איך קאָן יידיש ווי אַ וואַסער נאָר איך האָב מורא צו רעדן טאָמער וועט אימיצער הערן און מ'קאָן מיך נאָך באַשטראָפן און נישט געבן עסן...

דעם כותל מערבי וואָלט מען באַדאַרפט מופן . . .

ייִדן האָבן אַ טבע צו זאָגן דעות און קריטיקירן אַז זיי געפעלן נישט זאַכן וואָס זיי זעען. זיי באַרימען זיך, אַז ווען מ'לאָזט עס צו זיי, וואָלט די זאַך געהאַט אַ שענער פּנים.

אין ישראל איז אָנגעקומען אַ ייִד פון אַמעריקע צו באַטראַכטן דאָס לאַנד מיטן צוועק צו עפענען דאָרט אַ געשעפט. ער איז אויסגעפאָרן דאָס לאַנד און אַלץ באַטראַכט און קיין זאַך איז אים נישט געפעלן.

דער דאָזיקער ייִד האָט אויך נישט פאַרפעלט צו באַזוכן דעם כותל מערבי, וועגן וועלכער ער האָט זיך אין אַמעריקע פיל אָנגעהערט. ער האָט געוואָלט זען מיט זיינע אייגענע אויגן וואָסער אַנטיקל דאָס איז דער כותל מערבי, וואָס ייִדן פון דער גאַנצער וועלט ווילט זיך זען.

ווען דער ייִד איז צוגעקומען צו דער הייליקער וואַנט און געזען צענדליקע ייִדן מתפלל זיין, האָט ער אָנגעפאַנגען טראַכטן, אַז דאָ וואָלט נישט געווען קיין שלעכטער עסק צו מאַכן געשעפטן. ער האָט זיך גענומען נאָכפרעגן וויפיל קאָסטימער עס קומען יעדן טאָג, און האָט זיך נאָכגעפרעגט וועמען מ'קאָן זען אָפּצוקויפן דאָס דאָזיקע געשעפט. דער ייִד האָט אויסגערעכנט, אַז ווען אַ גוטער ביזנעסמאַן זאָל דעם פּלאַץ איבערפיקסן עס זאָל אויסזען שענער... און זאָל דאָרט פאַרקויפן אַמעריקאַנער „האַט דאָגס", אייזקרים, כשר'ע סענדוויטשעס, וואָלט מען געקאָנט מאַכן אַ לעבן...

ווען מ'האָט דעם ייִדן געזאָגט אַז די „קאָסטימער" וואָס קומען דאָ אַהער זיינען אָרעמעלייט, און זיי קאָנען זיך נישט דערלויבן די דאָזיקע זאַכן צו קויפן, רופט ער זיך אָפּ: „איך האָב געמיינט אַז ייִדן זיינען גוטע געשעפטסלייט און ווייסן אין וועלכן „ספּאָט" צו

עפּענען אַ געשעפט. די וואָס האָבן אויסגעקליבן דעם פּלאַץ פאַרן כותל מערבי זיינען נישט געווען קיין ביזנעסלייט, ווען זיי שטעלן אַוועק אַזאַ געשעפטל אין קאָני איילאַנד, וואָלט עס אַריינגעבראַכט מער פּראָפיטן ווי „סטיפּעלטשעס”, און אַ ייד וואָלט געקאָנט מאַכן אַ שיין לעבן...

פאַרוואָס ביי דעם ייד איז יום טוב

אַן ערשט אַריבערגעקומענער ייד אין ישראל, וואָס האָט נאָך נישט געפונען קיין באַשעפטיקונג, און ווערט געשפּייזט פון דער רעגירונג, האָט איינמאָל געטראָפן דעם פּרעמיער-מיניסטער פון ישראל בן-גוריון און באַגריסט אים:

— גוט יום-טוב, חבר בן-גוריון!

— וואָס פאַר אַ יום-טוב איז ביי אייך היינט? — פרעגט בן-גוריון דעם פרעמדן יידן.

— ביי מיר איז ניט נאָר היינט יום טוב, נאָר ימים טובים יעדן טאָג, — ענטפערט דער ייד בן-גוריונען, און ער דערקלערט אים: — וואוינען וואוין איך אין אַ סוכה; מיינע קליידער זיינען פול מיט לעכער ווי אַ פּסחדיקע מצה; אויף מיין דאַך געפינט זיך שטרוי ווי אין שבועות; פון די ווענט בלאָזט ווי דער שופר אין ראש השנה; און עסן קריג איך ווי אין יום כיפור. נו, פרעגט איר ביי מיר, חבר בן-גוריון, וואָס פאַר אַ יום טוב עס איז ביי מיר היינט?

אַ גלייכער חשבון

מען דערציילט, אַז סטאַלין האָט זיך איינמאָל געטראָפן מיט בן גוריונען, פרעגט בן גוריון ביי סטאַלינען צי ס'איז אמת אַז אַלע הונדערט און אַכציק מיליאָן מענטשן פון רוסלאַנד שטיצן אים.

„צו זאָגן אַז אַלע רוסישע בירגער", זאָגט סטאַלין, „שטיצן מיך, וואָלט געווען איבערטריבן, איך רעכן, אַז אַרום אַ מיליאָן, העכסטנס אַ מיליאָן און אַ האַלבס זיינען קעגן מיר".

„איר, חבר בן גוריון", פרעגט סטאַלין, „קאָנט זיך אויך נישט באַרימען אַז אַלע בירגער פון מדינת ישראל שטיצן אייך, וויפיל אַ שטייגער זיינען קעגן אייך?"

„איך וואָלט געזאָגט", ענטפערט בן גוריון, „אַז די זעלבע צאָל וואָס זיינען קעגן אייך, — אַרום אַ מיליאָן ביז אַ מיליאָן און אַ האַלבס — זיינען אויך קעגן מיר..."

אַזאַ אומגליק

די עקאָנאָמישע לאַגע אין ישראל איז זייער אַ שלעכטע, יידן האָבן נישט וואו צו וואוינען, יידן האָבן נישט קיין באַשעפטיקונג, גיין אַרום יידן אין די גאַסן פאַרביטערטע און טראַכטן וועגן פרנסה.

שטייט אַזאַ ייד אין איינער פון די גאַסן פון תל אביב און וויינט. גייט אַדורך אַ ייד און פרעגט ביי אים פאַרוואָס ער איז אַזוי פאַרטרויערט, און זאָגט אים אַז אַ ייד אין ישראל טאָר נישט אַרומגיין מיט פאַרוויינטע אויגן, נאָך אַלעמען, זאָגט אים דער ייד, דאַרפט איר זיין פריילעך, יידן האָבן איצט אַן אייגענע מלוכה מיט אַלע פעלקער צו גלייך נאָך צוויי טויזנט יאָר יידישער גלות, און איר דאַרפט נישט וויינען.

„טאַקע דערפאַר", ענטפערט דער ייד, „וויין איך. צוויי טויזנט יאָר האָבן יידן געקעמפט צו האָבן אַן אייגענע מלוכה, האָט דער גרויסער אומגליק מיך געדאַרפט טרעפן..."

פאַרוואָס דער ייד האָט אַ שוואַכע שטימע

ווען מען האָט אין ישראל איינגעפירט רעישאַנינג און די רע־גירונג האָט געמאַכט אַ טאָלק אַז אין ישראל זאָלן זיך נישט פלאָדיען פראָפיטירער וואָס האָבן געריסן פאַסן פון פאָלק און אַרויפגעשרויפט די פרייזן יעדן טאָג, האָט אַ ייד וואָס איז געוואָרן זייער באַגייס־טערט פאַר דעם דאָזיקן איינפיר, טעלעפאָנירט צו בן גוריונען און אים גראַטולירט פאַר דער דאָזיקער אַקציע.

ווען דער ייד האָט גערעדט מיט בן גוריונען אויפן טעלעפאָן, האָט בן גוריון זיך געבעטן ביים יידן אַז ער זאָל ריידן אַביסעלע העכער ווייל ער הערט נישט קיין וואָרט.

„רעדט אַביסעלע העכער”, בעט זיך בן גוריון ביים יידן, „איך הער נישט קיין וואָרט וואָס איר זאָגט”.

דער ייד שטרענגט זיך אָפּ צו ריידן העכער און בן גוריון הערט אים אַלץ נישט.

„וואָס איז דער מער מיט אייך”, רופט אויס בן גוריון צום יידן, „פאַרוואָס קאָן איך אייך נישט הערן?”

„גאָר פשוט”, ענטפערט אים דער ייד, „זינט איר האָט איינ־געפירט רעישאַנינג, עס איך זייער ווייניק ווייל איך וויל העלפן אונדזער לאַנד, און דערפאַר האָב איך נישט קיין כח צו ריידן...”

דער ייד וואָס נויטיקט זיך אין פינף „פרידזשידעירס״

די רעגירונג פון ישראל איז זייער ליבעראַל צו אירע בירגער ווען זיי ברענגען אַריין אין לאַנד זאַכן פאַר זייער אייגענעם גע־ברויך. זיי דאַרפן דאַן נישט צאָלן קיין רעגירונגס־שטייער.

האָט זיך אַ ייד פאַרגלוסט צו ברענגען אין ישראל גאַנצע פינף „פרידזשידעירס״ פון אַמעריקע, האָט מען פון דעם יידן געפאָדערט, אַז ער זאָל פאַר די „פרידזשידעירס״ באַצאָלן דעם רעגירונגס־שטייער. דער ייד האָט געטענהט אַז ער האָט זיי געבראַכט פאַר זיין אייגענעם געברויך און דאַרף נישט, לויט דעם רעגירונגס געזעץ, צאָלן דעם שטייער.

„וואָס דאַרפט איר״, פרעגט דער אינספּעקטאָר ביים יידן, „גאַנצע פינף פרידזשידעירס?״

דער ייד קוקט אָן דעם אינספּעקטאָר מיט פאַרוואונדערונג און רופט זיך אָפּ צו אים: „איר זייט נישט קיין ייד? אַ ייד דאַרף האָבן פינף „פרידזשידעירס״, אַ מילכיקן דאַרף ער? אַ פליישיקן דאַרף ער? נו, און אַ פאַרעווען דאַרף ער? און אַ פּסחדיקן דאַרף ער?

„איר האָט אויסגערעכנט בלויז פיר״, זאָגט אים דער אינס־פּעקטאָר, „און איר האָט אַריבערגעבראַכט פינף״.

„אַמאָל״, פאַרענטפערט זיך דער ייד, „דאַרף מען האַלטן אין „פרידזשידעיר״ אַ שטיקל חזיר. איר וואָלט דאָך נישט געוואָלט אַז אַ פרומער ייד זאָל דאָס שטיקל חזיר אַריינלייגן אין די אַנדערע כשרע פרידזשידעירס...״

אין ישראל עסן הינער ציבעלעס

צוליב דעם גרויסן יקרות אין ישראל, וואו עס פעלט אמאל אויס עסן, איבערהויפט אין די גרעסערע שטעט, האבן יידן געפונען א נייע פרנסה. זיי גייען אויף די פארמס, קויפן אפ עסנווארג ביי די פארמערס און ברענגען דאס אין די שטעט און פארדינען דערביי אויף חיונה.

האט די רעגירונג אוועקגעשטעלט זעלנער אויף אלע וועגן וואס שטעלן אפ יעדן טראק, אטאמאביל, באסעס און זיי מאכן א שטרענגע אונטערזוכונג. ווען זיי פאקן אזא יידן וואס פירט עסנווארג, נעמט מען עס צו פון אים און ער ווערט נאך ארעסטירט.

האבן איינמאל די זעלנער אפגעשטעלט א באס וואס איז גע־גאנגען פון די דערפער קיין חיפה און טרעפן אונטער זיין זיץ־פלאץ, ביי א יידן, א גרויסן זאק ציבעלעס. פרעגן זיי ביים יידן: „וועמענס ציבעלעס זיינען דאס?" — „מיינע", ענטפערט דער ייד.

„צו וואס דארפט איר א גרויסן זאק ציבעלעס?", פרעגט איינער פון די זעלנער ביים יידן.

„איך דארף די ציבעלעס", ענטפערט דער ייד, „פאר מיינע הינער, איך בין א פארמער".

דער זעלנער צולאכט זיך און פרעגט ביים יידן: „זינט ווען עסן הינער ציבעלעס?"

„וועגן דעם", ענטפערט אים דער ייד, „דארף איך זיך זארגן, וואס איז דאס אייער דאגה?..."

ווי אַזוי יידן גיבן עצות בן גוריונען

זיצן זיך עטלעכע אַלטע יידן אין אַ פּאַרק אין תל אביב און דיסקוטירן די שלעכטע לאַגע אין לאַנד. יעדער ייד שלאָגט פֿאָר זיינע אייגענע פּלענער ווי מ'קאָן ראַטעווען דאָס לאַנד פֿון דעם קריזיס.

שטעלט זיך אויף איין ייד און שלאָגט פֿאָר, אַז די איינציקע רעטונג ווי אַזוי מ'קאָן ראַטעווען די לאַגע אין ישראל, איז צו דער־קלערן קריג צו אַמעריקע.

„און וואָס וועט שוין זיין", פרעגט אַ צווייטער ייד, „אַז מיר וועלן שוין דערקלערן קריג צו אַמעריקע? וועט זיך די לאַגע פֿאַר־בעסערן?"

„וואָס פֿאַרשטייסטו דו נישט", ענטפֿערט אים דער ערשטער ייד, „ווען מיר וועלן דערקלערן קריג צו אַמעריקע, וועלן אונדז די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן נעמען אין געפֿאַנגענשאַפֿט, וועלן מיר האָבן גענוג צו עסן..."

„דאָס וואָלט נישט געווען קיין שלעכטער פּלאַן", רופֿט זיך אָפּ אַ צווייטער ייד, „נאָר טאָמער חלילה, די בייזע שעה זאָל נישט זיין, מיר וועלן געווינען דעם קריג און מיר וועלן נעמען אין געפֿאַנגענ־שאַפֿט די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, וועט דאָך ישראל דאַרפֿן שפּייזן הונדערט און פֿופֿציק מיליאָן אַמעריקאַנער. ניין! מיר געפֿעלט נישט דער גאַנצער פּלאַן אייערער, עס איז אַ צו גרויסע ריזיקע..."

גערא̈טן אין זיידן

עס ווערט דערציילט, אַז בן גוריון האָט איינמאָל צוגערופן זיין פרוי און ביי איר געבעטן אַז זי זאָל צוגרייטן אַ גרויסאַרטיקן דינער פאַר אַ דעלעגאַציע וואָס קומט אין ישראל פון דער ענגלישע רעגירונג צו פאַרהאַנדלען וועגן אַ הלוואה פאַר דער ישראל רעגירונג.

פרוי בן גוריון האָט אָנגעקוקט איר מאַן ווי ער איז חסר־דעה געוואָרן און ווייסט נישט וואָס אין ישראל טוט זיך, אַז ס'איז שווער צו קריגן פלייש און אַנדערע פּראָדוקטען צו קאָנען צוגרייטן אַ גוטן מאָלצייט, און רופט זיך אָפּ צו אים: „מיט וואָס זאָל איך צוגרייטן אַ דינער? דו ווייסט דאָך, אַז פלייש און פיש זיינען גע־רעישאָנט? אויב דו ווילסט דווקא אַ דינער פאַר די ענגלישע דעלע־גאַציע, קאָן איך צוגרייטן אַ מאָלצייט פון ווענדזשעטייבלס".

„שיין וועל איך אויסקוקן ביי דער ענגלישע דיפּלאָמאַטיע", רופט זיך אָפּ בן גוריון, „ווען מיין ווייב וועט צוגרייטן אַ דינער פון וועדזשעטייבלס פאַר אַ דיפּלאָמאַטישע דעלעגאַציע, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ הלוואה פון עטלעכע מיליאָן פונטן.

„דו האָסט דאָך עפּעס אַ מיניסטאַרישן קאָפּ", רופט זיך אָפּ פרוי בן גוריון, „אַנו, טראַכט עפּעס אויס אַ פּלאַן ווי אַזוי איך קאָן קריגן פלייש אַז איך זאָל קאָנען צוגרייטן אַ גוטן באַנקעט?"

בן גוריון האָט געטראַכט פאַר אַ ווײַלע און רופט זיך אָפּ צו זיין פרוי: „נישט ווייט פון אונדזער הויז, געפינט זיך אַ דייטשישע קאָלאָניע, גיי צו צו דער קאָלאָניע, קויף אַ חזירל, בראָט עס אָפּ, און מיר וועלן האָבן אַ גוטן דינער".

„זינט ווען עסט דו חזיר?" פרעגט פרוי בן גוריון איר מאַן.

„פאַר ישראל", ענטפערט ער איר „מעג מען אַלצדינג..."

„אַז איך וועל פירן דאָס חזירל", פרעגט פרוי בן גוריון איר מאַן, „וועלן מיך אַלע שכנים, וואָס קענען מיך, באַריידן און מער דאַרף איך נישט ווי נאָר אַריינצופאַלן אין זייערע מיילער".

„װעגן דעם", ענטפֿערט איר בן גוריון, „האָב איך אויך אַן עצה: נעם אַ בעיבי קערידזש מיט אַ קאָלדרע, װען דו װעסט איינקויפֿן דאָס חזירל, לייג עס אַרײַן אין קערידזש, דעק עס צו מיט דער קאָלדרע און פֿיר עס אַהיים.

די פֿרוי האָט אײַנגעהאַנדלט דאָס חזירל בײַ די דײַטשישע קאָלאָניסטן, אַרײַנגעלייגט דאָס קװיטשערל אין בעיבי־קערידזש, צוגעדעקט עס מיט דער קאָלדרע, און פֿירט עס איבער די גאַסן צו זיך אין שטוב.

יעדער דורכגייער אין גאַס װאָס האָט געזען פֿרוי בן גוריון, האָט איר באַגריסט. נאָר איין פֿרוי איז געװען נײַגעריק צו זען װאָס זי פֿירט אין קערידזש, גייט זי צו און דעקט אויף די קאָלדרע און רופֿט זיך אָפּ צו מאַדאַם בן גוריון: „קיין עין הרע װאָס פֿאַר אַן אייניקל איר האָט, אין גאַנצן געראָטן אין זיידן..."

אַלגעמיינע מעשהלעך און וויצן

פאַרוואָס ער האָט עטלעכע מאָל געזען אַ מואווי

גייענדיק איינמאָל אין גאַס טרעף איך אַ באַקאַנטן וואָס האָט זיך קוים געשלעפּט אויף זיינע פיס, אַ מידער, אַ ניט דערשלאָפענער, די אויגן ביי אים רויט. פרעג איך ביי דעם דאָזיקן יידן פאַרוואָס ער געפינט זיך אין אַזאַ צושטאַנד. ענטפערט ער מיר, אַז שולדיק אין דעם איז די מואווי, פון וואַנען ער קומט איצט. ער האָט די דאָזיקע מואווי געזען עטלעכע מאָל.

„עס האָט געמוזט זיין זייער אַן אינטערעסאַנטע מואווי", זאָג איך צו מיין באַקאַנטן. „דווקא נישט זייער אינטערעסאַנט", ענטפערט מיר דער פאַרשלאָפענער באַקאַנטער, „נאָר צוליב איין סצענע אין דעם פילם בין איך געווען געצוואונגען צו זען די מואווי עטלעכע מאָל".

איך בין שוין געווען טשיקאַווע צו הערן פאַרוואָס ער איז געווען געצוואונגען צו זיצן אין טעאַטער און זען די מואווי עטלעכע מאָל צוליב איין סצענע. דאָ האָט זיך דער ייד אויסגעריבן זיינע אויגן און דערציילט מיר:

„אין דער מואווי האָב איך געזען אַ בילד וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן! דאָס איז געווען אַ קאָלירטע בילד און עס האָט זיך פאַר מיינע אויגן באַוויזן אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע פון גרינע בערג און הערלעך שיינעביימער, בלומען פון אַלערליי קאָלירן. אין מיטן טייך וואָס האָט שימערירט מיט זילבערנע שטראַלן וואָס איז באַגאָסן געוואָרן פון די זון און האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אמתע אידיליע פון וועלכע איר האָט געקאָנט ענטציקט ווערן.

פּלוצים האָט זיך באַוויזן אַ יונגע שיינע מיידל, וואָס איז נישט געווען עלטער ווי אַכצן יאָר. שלאַנק, גראַציעז, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר וואָס זיינען געווען צעוואָרפן איבער אירע אַקסלען און אַ פּאָר פיסלעך וואָס זיינען געווען געטאָקט ווי אַ גרויסער קינסטלער



ער וואַרט אַז די באַן זאָל זיך פאַרשפּעטיקן...

וואָלט זיי אויסגעשניצט. דאָס מיידל האָט זיך גענומען אויסטאָן צו גיין זיך באָדן און האָט ביסלעכווייס גענומען אַרונטערוואַרפן אירע קליידער און ביי מיר האָט אָנגעפאַנגען טיאָכקען דאָס האַרץ ווי ביי אַ גזלן. איך האָב נישט געקאָנט איינזיצן אויף קיין אָרט... ווען דאָס מיידל האָט שוין געהאַלטן ביים אַרונטערנעמען דאָס לעצטע קליידל, איז מיר דאָס האַרץ שיער נישט איינגעפאַלן... אָבער פּלוצים! איז אָנגעקומען אַ באַן און מיר פאַרשטעלט די גאַנצע סצענע. איך זאָג אייך, זאָגט מיר דער ייד, ווען איך כאַפּ דעם קאָנדוקטאָר פון דער באַן, וואָלט איך אים אויפן אָרט דערשאָסן ווי אַ הונט...

„צוליב דער דאָזיקער סצענע, בין איך געווען געצוואונגען צו בלייבן אין טעאַטער און זען די מוּאווי עטלעכע מאָל, טאָמער וועט זיך די באַן פאַרשפּעטיקן... אָבער אַ נעכטיקער טאָג. די זאַך האָט זיך ווידערהאָלט ביי יעדע פאָרשטעלונג און איך בין געבליבן מיט אַ נאָז. איך ווייס, — זאָגט צו מיר דער פאַרשלאָפענער ייד, — אַז באַנען פאַרשפּעטיקן זיך אַמאָל, אָבער צו מיין פינצטערער מזל איז די באַן גראַד דאָס מאָל אָנגעקומען צו דער מינוט... און דערפאַר זע איך אוים מיד וואָס די מוּאווי האָט מיך אַזוי אויסגעמאַטערט...

יידישער מיליטערישער דיסציפלין

ביי אַלע פעלקער איז די מיליטערישע דיסציפלין זייער אַ שטרענגע, דער באַפעל פון דעם אָפיצער צום פּראָסטן סאָלדאַט מוז דורכגעפירט ווערן מיט דער גרעסטער געהאָרכזאַמקייט און דער פּראָסטער סאָלדאַט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מעכאַנישער כלי.

יידן האָבן זיך אַלעמאָל אויסגעלאַכט פון דער דאָזיקער דיסציפּלין און געשאַפן פיל שפּאַסן אויפן חשבון פון די אָפיצערן וועמענס באַפעלן זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן און עטלעכע פון די דאָזיקע שפּאַסן גיב איך דאָ איבער.

אין דער אַמאָליקער צאַרישער אַרמיי האָט מען מושטירט סאָלדאַטן אויף אַ פעלד, האָט דער אָפיצער אַרויסגערופן איין סאָלדאַט און ביי אים געפרעגט: „פאַרוואָס דינסטו אין דער אַרמיי?״ „איך דין אין דער רוסישער אַרמיי״, ענטפערט דער סאָלדאַט, „ווייל מיין זיידע איז געווען אַ ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט, מיין טאַטע האָט געדינט אין דער רוסישער אַרמיי און איך, פונקט ווי מיין זיידע און פאָטער זיינען רוסישע פּאַטריאָטן, בין איך געטריי רוסלאַנד, און דערפאַר דין איך אין דער אַרמיי״.

„מאָלאָדיעץ!״ רופט אויס דער אָפיצער, און גיט דעם סאָלדאַט אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע און הייסט אים צוריק אַריינגיין אין דער רייע.

דער אָפיצער רופט אַרויס אַ צווייטן סאָלדאַט און פרעגט ביי אים די זעלבע פראַגע און דער סאָלדאַט ענטפערט אים אַז ער קומט פון אַ פאַמיליע פון צען קינדער און זיין טאַטע האָט נישט געהאַט גענוג עסן פאַר זיי און דאָ האָט ער גענוג צום עסן און טראָגט גוטע קליידער און ס'איז אים וואויל ווי די וועלט.

דעם דריטן סאָלדאַט וועמען דער אָפיצער האָט אַרויסגערופן איז געווען אַ ייד און ער פרעגט ביי אים: „פאַרוואָס דינסטו אין דער רוסישער אַרמיי?״ דער סאָלדאַט האָט זיך אַרומגעקוקט פאַר אַ מאָמענט און רופט זיך אָפּ: „איך בין אַריין אין דער אַרמיי ווייל איטשע מאיר האָט מיך געמסרט״.

דעם יידנס איינציקער פֿאַרלאַנג

אין דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן אין דער ענגלישער אַרמיי געדינט אַסך סאָלדאַטן פֿון אַנדערע פֿעלקער, וואָס האָבן גע־האָלפֿן ענגלאַנד קעגן דייטשלאַנד. מ'האָט זיי גערופֿן, די „פֿאָרעין לידזשען".

האָט אַן ענגלישער אָפֿיצער מושטירט אַ נייע אַרמיי פֿון וואָלונ־טירן און ער רופֿט אַרויס איינעם אַן איירישן יונגנמאַן און פֿרעגט ביי אים פֿאַרוואָס ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער ענגלישער אַרמיי און וואָס ער דערוואַרטעט נאָך דער מלחמה צו קריגן פֿון דער ענג־לישער רעגירונג. „איך דערוואַרט", ענטפֿערט דער איירישער יונגער־מאַן, „אַז ווען ענגלאַנד וועט געווינען דעם קריג זאָל איירלאַנד ווערן פֿריי און שאַפֿן אַן איירישע רעפּובליק".

„איירלאַנד וועט באַשטימט ווערן פֿריי אַזוי ווי דו ווינטשט זיך", דערקלערט אים דער אָפֿיצער און גיט דעם סאָלדאַט אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע.

דער צווייטער וואָלונטיר וועמען דער אָפֿיצער האָט אַרויסגערופֿן איז געווען אַ יונגער-מאַן פֿון קענעדע און ער פֿרעגט ביי אים וואָס ער קאָן דערוואַרטן פֿון ענגלאַנד ווען דייטשלאַנד וועט באַזיגט ווערן. דער קענעדער וואָלונטיר זאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט זען אַז קענעדע זאָל ווערן פֿריי פֿון ענגלאַנד און ווערן זעלבסטשטענדיק ווי אַמעריקע.

„עס איז קיין צווייפֿל", ענטפֿערט אים דער אָפֿיצער, „אַז ווען ענגלאַנד וועט געווינען דעם קריג וועט קענעדע ווערן אין גאַנצן פֿריי".

דער דריטער וואָלונטיר, וועמען דער אָפֿיצער האָט אַרויס־גערופֿן איז געווען אַ ייד, און ער פֿרעגט ביי אים: „וואָס וואָלסט דו געוואונטשן פֿון ענגלאַנד, ווען מיר וועלן געווינען דעם קריג?"

„איך וואָלט געוואָלט", ענטפֿערט דער ייד, „האָבן אַ בייגל..." דער

אָפּיצער איז געוואָרן איבערראַשט, וואָס אַ יונגערמאַן וואָס גיט אַוועק זיין לעבן פאַר ענגלאַנד זאָל פאַרלאַנגען אַ בייגל, און ער פרעגט אים: „פאַרוואָס האָסטו עפּעס אויסגעקליבן אַ בייגל?"

„איר פאַרשטייט", ענטפערט אים דער יונגער־מאַן, „די אַנדערע צוויי — דעם איירישן און דעם קענעדער וועט דאָך ענגלאַנד געבן דעם לאַך, ווייל איך כאָטש האָבן דעם בייגל".

דאַנקבאַרקייט

טרעפן זיך צוויי יידן אין אַ קליין שטעטל, רופט זיך אָפּ איין ייד צום צווייטן: „איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט מיר געבן אַן עצה. איך האָב געזינדיקט מיט אַ מיידל און עס פּלאָגן מיך די געדאַנקען און וואָלט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער דאָזיקער עבירה".

„גאַנץ פּשוט", ענטפערט אים דער פריינט, „מען גיט אַוועק עטלעכע הונדערט קערבלעך צו אַ צדקה־אַנשטאַלט און איר זייט אויסגעלייזט פון אַלע זינד".

„איר האָט מיר געזאָגט", רופט זיך אָפּ זיין באַקאַנטער, „אַז איר האָט געזינדיקט מיט אַ מיידל, ווייל איך טרעפן אַז דאָס מיידל מוז אַוודאי זיין הינדע, דעם בעל־עגלה'ס טאָכטער?"

„איך וועל אייך נישט אויסזאָגן דעם נאָמען פון דער מיידל, ווייל איך וויל נישט זיין קיין מסור".

„און מיט מרים, דעם שניידערס טאָכטער?" וויל ווייטער דער פריינט טרעפן אַ צווייטן מאָל.

„איך וועל אייך נישט אויסזאָגן דעם נאָמען פון דער מיידל וועגן איר וועט זיך שטעלן אויפן קאָפּ", ענטפערט דער זינדיקער ייד און ער צושמייכלט זיך און רופט זיך אָפּ צו זיין פריינט: „פאַר מיר איז מיין באַגעגעניש מיט אייך ווערט געווען אַ סך. איר האָט פאַר מיר ענטדעקט צוויי זינדיקע מיידלעך וועגן וועמען איך האָב פריער נישט געוואוסט... אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר דער אינפאָרמאַציע"...

כאַפּט אַ גנב!

דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען דער „פאָר־ווערטס" איז איינמאָל אַרויסגעקומען מיט אַ באַשולדיקונג קעגן די קאָמוניסטן, אַז די געלטער וואָס זיי זאַמלען פאַר פּאַרטיידיקונגס־צוועקן, ווי דער „סאַקאָ און וואַנזעטי רעליף", די „סקאָטסבאָראָ באָיס", און אַנדערע פּושקעס וואָס די קאָמוניסטן האָבן געזאַמלט, באַנוצן זיי די דאָזיקע געלטער פאַר קאָמוניסטישע צוועקן און גיבן קיינמאָל נישט אָפּ קיין חשבון — אַזוי ווי עס טוען אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס — און זיי באַשווינדלען פּשוט די אומשולדיקע מענטשן וואָס גיבן זיי געלט פאַר די דאָזיקע צוועקן.

אַנשטאָט ענטפערן דעם „פאָרווערטס" — ווי עס טוען אָנשטענ־דיקע מענטשן, האָבן די קאָמוניסטן באַשלאָסן צו רופן אַ רייע מאַסן־מיטינגען קעגן דעם „פאָרווערטס" איבער דער גאַנצער שטאָט, און זיך באַנוצט מיט דעם אַלטן שווינדלערישן מיטל פון „כאַפּט אַ גנב", און „געהאַלטן שבת" אויפן „פאָרווערטס" אויף זייער קאָמוניסטישן שטייגער און געעפנט זייער קאָמוניסטישע באַגאַזש אויפן „פאָרווערטס" מיט זידלערייען, און פאַרן עולם האָבן זיי גאָר־נישט דערמאָנט וואָס דער „פאָרווערטס" האָט וועגן זיי געשריבן און זיי באַשולדיקט אין נישט אָפּגעבן קיין חשבון פון די געלטער וואָס זיי זאַמלען.

דערציילט מיר מיינער אַ שכן, אַז ער האָט איינמאָל גענומען אַ שפּאַציר אויף אַלערטאָן עוועניו אין די בראָנקס, און דערזען פון דער ווייטנס אַ רעדל מענטשן, און פון אַ טראָק רעדט אַ רעדנער. דער מאַן האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן הערן וואָס דער רעדנער רעדט, נאָר די פרוי האָט זיך געבעטן ביים מאַן אַז ער זאָל מיט איר ווייטער שפּאַצירן, און איז נישט געווען פאַראינטערעסירט צו הערן דעם רעדנער.

— וואָס אַרט דיר — בעט זיך דער מאַן ביי זיין פרוי — אַז

מיר װעלן זיך אפשטעלן אויף א מינוט און אויסהערן װאס דער רעדנער האט צו זאגן?

די פרוי האט צוליב געטאן איר מאן און זיי זיינען צוגעגאנגען צום טראק וואו דער רעדנער איז געשטאנען, און זיי הערן: גנבים, מערדער, קינדער־מערדער, מעסער־העלדן, גענגסטער און אנדערע אזעלכע אויסדרוקן פון דעם קאמוניסטישן שולחן ערוך.

דאס איז געװען אין א פרייטיק אװנט און דער מאן האט נאך געהאט אין זיין קעשענע זיין „פעידע" װאס ער האט אפגענומען אין שאפ. גיט אים די פרוי א שלעפ ביים ארבל און זי רופט זיך אפ צום מאן:

— האסט נאך די פעידע אין קעשענע? לאמיר גלייך אנטלויפן פון דאנען. דו זעסט דאך אז דאס איז א באנדע גנבים. לאמיר גלייך זיך אפטראגן פון דאנען. איך האב דאך דיר גלייך געזאגט אז מיר זאלן זיך דא נישט אפשטעלן...

אַ ייד וואָס איז באַגייסטערט פאַר די דייטשן

אין דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען די דייטשן האָבן געהאַט פאַרנומען אַ העלפט פון רוסלאַנד, וואו יידן האָבן געוואוינט אין גרויסע מאַסן, האָבן די דייטשן אין די דאָזיקע שטעטלעך איינגעפירט עלעקטרישע באַלייכטונג, ברוקירט די גאַסן, יידן זיינען מער נישט געגאַנגען צו די ברונימער שעפּן וואַסער, ווען אַ ייד האָט באַדאַרפט האָבן וואַסער האָט ער געגעבן אַ דריי אַ קראַן איז געלאָפן וואַסער. די יידן האָבן זיך גאָר נישט געקאָנט אָפּוואונדערן ווי אַזוי די דאָזיקע זאַכן זיינען מעגלעך, נישט אַנדערש, נאָר די דייטשן זיינען עפּעס נישט קיין מענטשן... מלאכים מוזן זיי זיין.

האָבן זיך יידן צורעדט וועגן די גרויסע אויפטואונגען וואָס די דייטשן האָבן באַוויזן אין זייערע שטעט, און איין ייד רופט זיך אָפּ: „אויב די דייטשן האָבן עס געקאָנט באַווייזן אין עטלעכע וואָכן וואָס זיי האָבן באַוויזן אין אונדזער שטעטל, ווי זעט שוין אוים אַ דייטשישע שטאָט? בערלין דאַרף דאָך זיין אַ גן-עדן".

דער דאָזיקער ייד האָט געהאַט אַ פעטער אין בערלין, האָט ער באַשלאָסן, אַז ווען די מלחמה וועט פאַריבער, מוז ער פאָרן אין בערלין און זען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי אַזוי בערלין זעט אוים.

גאָט האָט געהאָלפן, און די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. דער ייד האָט צוזאַמענגענומען עטלעכע רובל, איינגעפּאַקט זיינע זאַכן, זיך געקויפט אַ באַן בילעט נאָך וואַרשע, אין וואַרשע זיך אַריינגעזעצט אין אַ באַן וואָס גייט נאָך בערלין, און ער פאָרט.

ווען די באַן איז שוין אַריבער די דייטשישע גרענעץ, האָט דער ייד געהאַלטן אין איין קוקן דורכן פענצטער און האָט באַטראַכט די פעלדער, ווי שיין זיי זיינען פאַרזייט, מיט אַ טאַלק, נישט ווי אין דער ליטע פון וואַנען ער קומט. ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינער סטאַנציע, איז עס אים זייער געפעלן און ער האָט געטראַכט, אויב דאָ איז אַזוי שיין, ווי זעט שוין

אוים די באַן-סטאַנציע אין בערלין... דער ייד איז זיך איינגעשלאָפן און געחלומט זיסע חלומות.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סטאַנציע וואָס האָט גע־הייסן בראַמבערג. די טיר פון דעם יידנס קאָמפּאַרטמענט האָט זיך געעפנט, דער קאָנדוקטאָר האָט זיך באַוויזן און אויסגערופן: „בראַמבערג! אָפּשטייגן!"

דעם יידנס נאָמען איז אויך געווען בראַמבערג. האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי דער דייטש האָט געוואוסט אַז ער געפינט אין דעם אָפּטייל צו הייסן אים אַרונטערגיין. דאַכט זיך ער האָט פאַר קיינעם נישט אָנגעגעבן זיין נאָמען און דאָך האָט זיך דער דייטש דערוואוסט אַז ער געפינט זיך אויף דער באַן... אָבער דערפאַר איז ער דאָך אַ דייטש וואָס איז אַן איבער-מענטש...

דער ייד האָט גענומען זיין פּעקל און איז אַרונטער פון דער באַן און זיך אַוועקגעזעצט אין וואַקזאַל. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן און באַטראַכט די פּרעכטיקע געביידע און אין זיינע געדאַנקען אַלץ געהאַלטן אין זינען ווי אַזוי עס זעט אוים דער בערלינער וואַקזאַל...

די באַן, אויף וועלכער דער ייד איז געפאָרן נאָך בערלין, איז שוין אַוועק, און אויף דער צווייטער זייט פון וואַקזאַל איז אָנגעקומען די באַן וואָס איז געגאַנגען פון בערלין נאָך וואַרשע. עס איז אַרויסגעקומען דער קאָנדוקטאָר און רופט אוים: „בראַמבערג! אויפשטייגן!"

דאָ איז שוין דער ייד אינגאַנצן געוואָרן צוטומלט און נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. „ווי אַזוי ווייסט דער קאָנ־דוקטאָר", טראַכט זיך דער ייד, „אַז איך געפין זיך דאָ אין וואַקזאַל און ער הייסט מיך אויפשטייגן? ווידער די אייגענע מעשה: דערפאַר זיינען זיי דאָך דייטשן, וואָס ווייסן אַלץ...

דער ייד איז אַרויף אויף דער באַן, האָט זיך אַוועקגעזעצט און ווען ער האָט דערזען אַ יידן פרעגט ער ביי אים: „וואו פאָרט אַ ייד?" „נאָך וואַרשע", איז געווען דעם יידם ענטפער. „איך זאָג אייך", רופט זיך אָפּ דער ייד, „נאָר דייטשן קאָנען באַווייזן אַזעלכע מופתים, דאַכט זיך איר פאָרט זיך נאָך וואַרשע און איך נאָך בערלין מיט דער זעלבער באַן... וואָס דייטשן קאָנען..

פעטער, איר האָט שוין ווידער געזינדיקט?

אין אַ שטעטעלע אין גאַליציע איז געווען אַ ייד וואָס האָט געצויגן זיין פרנסה פון דעם פערד און וועגעלע, מיט וועלכן ער איז געפאָרן אין די דערפער, געקויפט ביי די פויערים זאַכן, געבראַכט זיי אין שטעטל און פון דעם געצויגן זיין חיונה פאַר זיין פאַמיליע.

איינמאָל איז דער דאָזיקער ייד געפאָרן מיט זיין פערדל דורכן וואַלד, זיינען אים באַפאַלן צוויי יידישע גנבים און אים געוואָלט באַראַבעווען. ווען די גנבים זיינען צוגעקומען נאָענט צו זיין וועגעלע, האָבן זיי געטראָפן דעם יידן מיט די לייצעס אין זיינע הענט און ער איז געשמאַק געשלאָפן. דאָס וועגעלע איז געווען ליידיק און דאָס פערדל איז זיך געגאַנגען פאַמעלעך און געדרימלט ווי זיין באַלעבאָס...

די צוויי יידישע גזלנים זיינען געוואָרן זייער ענטוישט וואָס אויף דעם פורל האָט זיך גאָר נישט געפונען. רופט זיך אָפּ איין גנב צום צווייטן: „אַזוי ווי דער ייד שלאָפט געשמאַק, שפאַן דו אויס דאָס פערדל און איך וועל דערווייל פירן דאָס וועגעלע און ווען דו וועסט שוין זיין מיטן פערדל טיף אין וואַלד, וועל איך פאַרלאָזן דאָס וועגעלע, מיר וועלן דאָס פערדל שפּעטער פאַרקויפן צו אַ פויער און מיר וועלן האָבן אַ פּאָר זלאָטעס.

ווען דער ערשטער גנב איז שוין געווען אַוועק מיטן פערדל ווייט, און דער צווייטער גנב האָט נאָך געשלעפּט דאָס וועגעלע, האָט זיך דער ייד אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געמאַכט אַ געוואַלד: „וואו איז מיין פערד?” דער גנב האָט אים באַרואיקט און אים אויפגעקלערט אַז ער אַליין איז דאָס דער פערד וואָס איז פריער, איידער ער איז מגולגל געוואָרן, געווען אַ מענטש וואָס האָט אַסך געזינדיקט, האָט אים גאָט באַשטראָפט און געמאַכט פאַר אַ פערד און איצט איז אויסגעגאַנגען די צייט און ער איז צוריק געוואָרן אַ מענטש...

ווען דער ייד האָט דאָס געהערט, האָב ביי אים אויפגעשיינט זיינע אויגן און ער האָט געדאַנקט דעם רבונו של עולם וואָס אין זיין רשות געפינט זיך אַזאַ הייליקער צדיק וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרן פון זיינע זינד און גאָט האָט אים צוריק געמאַכט פאַר אַ מענטש...

רופט ער זיך אָפּ צום גנב: „זייט זיך נישט מטריח, איך וועל שוין אַליין שלעפּן דעם וואָגן ביז אין שטאָט אריין". דער גנב האָט אים געפאָלגט און איז זיך אַוועק אין וואַלד אריין צו זיין חבר.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אין שטעטל געווען אַ יריד און דער ייד האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין מאַרק צו קויפן אַ נייעם פערד. דער ייד האָט באַטראַכט אַ סך פערד ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ פערדל וואָס אים האָט זיך אויסגעדאַכט אַז דאָס דאָזיקע פערדל זעט אויס פונקט ווי זיינער וואָס איז געוואָרן אַ מענטש... דער ייד באַטראַכט דעם פערד און ער וואָלט געשוואוירן אַז דאָס איז זיין פערדל... און ווען דער ייד איז שוין געוואָרן איבערצייגט, אַז דאָס איז טאַקע זיין פערד, גייט דער ייד צו צום פערד און רוימט אים איין אין אויער אין דער שטיל: „פעטער! איר האָט שוין ווידער געזינדיקט?"

ווען צוויי בלאָפערס באַגעגנען זיך

טרעפן זיך איינמאָל צוויי בלאָפערס, איינער פון שיקאַגאָ און דער צווייטער פון ניו יאָרק. זיי כאַפּן אַ שמועס וועגן זייערע שטעט און באַרימען זיך וועגן די וואונדער פון די צוויי גרעסטע שטעט אין אַמעריקע, וואָס מ׳קאָן נישט זען אין דער גאַנצער וועלט.

רופט זיך אָפּ דער שיקאַגער, אַז אַזעלכע וואונדער וואָס מען זעט אין זיין שטאָט קאָן מען נישט טרעפן אין קיין אַנדער שטאָט, און ער דערציילט, אַז איינמאָל איז ער געגאַנגען זעקס אַזייגער אין דער פרי צו דער אַרבעט האָט ער געזען ווי ביי אַ גרויסן לאָט מעסטן אינזשעניִרן עפּעס. איז ער געווען נייגעריק צו וויסן וואָס מען גייט דאָ בויען. דערציילט מען אים, אַז אויף דעם דאָזיקן לאָט גייט מען בויען אַ צוועלף שטאָקיקע אַפּאַרטמענט הויז. דער ייד איז אַוועק צו דער אַרבעט.

פּאַרנאַכט, ווען ער איז צוריקגעגאַנגען פון דער אַרבעט, איז שוין דאָס הויז געווען פאַרטיק, און די נייע טענענטס האָבן זיך שוין אַריינגעקליבן אין זייערע דירות. נאָר אין דער שטאָט שיקאַגאָ קאָן מען באַווייזן אַזעלכע וואונדער, באַרימט זיך דער שיקאַגער בלאָפער.

דער ניו יאָרקער בלאָפער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן וואָס שיקאַגאָ קאָן איבערשטייגן זיין שטאָט. רופט ער זיך אָפּ: „מיט מיר האָט דאָך פּאַסירט דאָס זעלבע ווי מיט אייך. איך בין אויך געגאַנגען איינמאָל זעקס אַזייגער צו דער אַרבעט און געזען ווי אינזשעניִרן מעסטן עפּעס אַ לאָט און בין געווען נייגעריק צו וויסן וואָס מען גייט דאָ בויען, האָט מען מיר געענטפערט, אַז דאָ שטעלט מען זיך אויפצובויען אַ פיר-און-צוואַנציק שטאָקיקע אַפּאַרטמענט-הויז מיט אַלע בעסטע איינריכטונגען.

יענעם טאָג, ווען איך בין זעקס אַזייגער צוריקגעגאַנגען פון דער אַרבעט, איז שוין די פיר-און-צוואַנציק שטאָקיקע געביידע געווען

פארטיק, און צוועלף טענענטס האט מען שוין געהאט ארויסגע־שטעלט אין גאס פאר נישט באצאלן זייער רענט...

* * *

ווען דער שיקאגער בלאפער האט געזען אז ניו יארק קאן בא־ווייזן גרעסערע וואונדער ווי שיקאגא, האט ער געזוכט א געלעגנהייט צו דערציילן זיין ניו יארקער חבר עפעס וואס זאל אים אין גאנצן פריטשמעליען. דערציילט ער אים וועגן זיין נייעם דזשאב וואס ער האט געקראגן אין א פאבריק, וואו מען פראדוצירט די אטאמישע באמבע. ער ארבעט אין דעם וויכטיקסטן דעפארטמענט פון אור־ראניום, וואס א ברעקעלע פון דעם דאזיקן מאטעריאל קאסט אפ שווערע טויזנטער, און ווען ער גייט אהיים נאך דער ארבעט, דארף ער דורכגיין עטלעכע באאמטע וואס באזוכן אים פון קאפ ביז די פיס ער זאל נישט צוגנבענען א ברעקעלע פון דעם טייערן אוצר. „איינמאל", דערציילט דער שיקאגער בלאפער, „בין איך אהיים געגאנגען פון דער ארבעט האב איך אונטער מיין צונג באהאלטן א שטיקעלע אוראניום וואס איז געווען די גרויס ווי א פינטעלע און די באאמטע האבן מיך נישט געהייסן עפענען מיין מויל און בין זיך אזוי געגאנגען מיט דעם ברעקעלע אוראניום אונטער מיין צונג ביז איך וועל ארייגקומען אין הויז און וועל קאנען דאס שפעטער פארקויפן און מאכן שיינע עלטעכע דאלאר. האט זיך מיט מיר געטראפן א אומגליק. איך בין פארביי־געגאנגען א נייעם פרא־דזשעקט, וואו עס האבן געוואוינט עטלעכע הונדערט פאמיליעס. פלוצים האב איך אנגעהויבן ניסן און דאס פיצעלע אוראניום, פון וועלכע מען מאכט אטאמישע באמבעס, איז ארויסגעפאלן פון מיין מויל און דער גאנצער פראדזשעקט איז איינגעפאלן און פארניכ־טעט אלע הייזער...

דער ניו יארקער בלאפער האט דעם שיקאגער חבר נישט גע־וואלט שולדיק בלייבן קיין ענטפער, האט ער אים דערציילט ווי אזוי ער איז איינמאל מיט פריינט געזעסן אויף דעם 95טן שטאק פון דער „עמפייער סטעיט בילדינג" און געהאט דינער אין דעם רעס־טאראן, האט ער פון פענצטער געזען וואו עס פליט פארביי אן עראפלאן און דארט איז געזעסן זיינער א באקאנטער. האט ער

אים איינגעלאַדן צו דינער. דער באַקאַנטער איז גלייך אַרונטער־געגאַנגען פון זיין עראָפּלאַן.

ווען דער שיקאַגער חבר האָט ביי אים געפרעגט וואו זיין פריינט האָט געלאַנדעט זיין עראָפּלאַן, האָט ער אים געענטפערט: אויף דעם לאָט וואו עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די הייזער פון דעם פראַדזשעקט...

איר זון, וואָס ווייסט זיין אָפּשטאַמונג

„וואָס זאָגט איר נישט צו מיינע גליקן?" הער איך ווי אַ פרוי רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן צו אַ צווייטע פרוי. „איך האָב געמיינט, ווער ווייסט וואָסער אומגליק עס האָט איר געטראָפן, און בין שוין געווען נייגעריק צו וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט. און די פרוי רעדט ווייטער:

„ווי איר ווייסט, איז מיין מאַן געשטאָרבן נאָך זייער אַ יונגער מענטש און מיך איבערגעלאָזט אַן אלמנה מיט מיינע צוויי זין. אין מיין הויז האָט מען קיינמאָל גישט געוואוסט פון יידישקייט, און מיינע קינדער האָבן אפילו נישט געוואוסט אַז עס זיינען פאַראַן יידישע צייטונגען. זיי האָבן קיין איין וואָרט יידיש נישט געקאָנט.

„באַלד נאָך מיין מאַנס לוויה, האָבן מיינע קרובים פון מיר געפאָדערט, אַז איך זאָל שיקן מיינע צוויי זין אין שוהל אַריין זאָגן קדיש נאָכן טאַטן. און אַזוי ווי די לוויה איז געווען פרייטיק, האָב איך שבת געהייסן מיינע צוויי זין גיין אין שוהל צו זאָגן קדיש נאָכן טאַטן. די זין האָבן מיך געפאָלגט און זיינען אַוועק אין שוהל.

„דעם עלטערן זון האָט מען אויפגערופן צו אַן עליה, וואו דער רבי האָט מיט אים געזאָגט די ברכה. פאַרגלוסט זיך דעם רבין צו פרעגן מיין זון וואָס ער איז, אַ כהן, אַ לוי, אָדער אַ ישראל. שטייט מיין זון ווי אַ תם און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער רבי וויל אוודאי וויסן מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך, ענטפערט אים דער אידיאָט אַז ער איז אַ טעקסי דרייווער... וואָס זאָל איך דיר זאָגן, די שוהל לאַכט נאָך ביז איצט"...

דער מגיד אין אַ ברוקלינער שול

אין ברוקלין האָבן יידן מיט גרוים מאַטערניש אויפגעבויט אַ שול. צו זייער חנוכת הבית האָבן זיי באַשלאָסן איינצולאַדן אַ באַרימטן מגיד, וואָס זאָל האַלטן די הויפּט-רעדע לכבוד זייער יום-טוב.

צו דעם חנוכת הבית זיינען געקומען אַ סך יידן. און אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען געשטאַנען, ווייל אַלע בענק אין דער שול זיינען געווען פאַרנומען. דער פּרעזידענט פון דער שול האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג און דערציילט פאַרן עולם מיט וואָסערע מסירת נפש די שול האָט דורכגעמאַכט ביז זי האָט געקאָנט דערגרייכן איר ציל און אויפבויען די שול. דער פּרעזידענט האָט פאַרן גאַסט, דעם מגיד, דערציילט, אַז די אמתע באַלעבאַטים פון דער שול זיינען די באַנקירן וואָס האָבן אַ גרויסן „מאָרגעדזש", און אַפילו די בענק אויף וועלכע די יידן זיצן באַלאַנגען אויך צו די בענק.

ווען דער מגיד האָט זיך אויפגעשטעלט ריידן, וואָס איז ערשט געקומען פון פּוילן, האָט ער פאַר די יידן דערקלערט, אַז ווען יידישקייט האָט געבליט אין פּוילן, האָבן יידן אויך געהאַט גרויסע און שיינע שולן, נאָר אין אַמעריקע איז אַ פאַרקערטע וועלט: אין פּוילן האָבן די בענק באַלאַנגט צו די שולן, און דאָ אין אַמעריקע, באַלאַנגען גאָר די שולן צו די בענק...

אַמעריקאַנער יידישקייט

צו אונדז אין הויז קומען אָפּט יידישע יונגע מאַמעס וואָס זיינען געבוירן געוואָרן דאָ אין אַמעריקע. איך הער זיך אָפּט צו צו זייערע געשפּרעכן וועגן יידישקייט, ווי זיי פירן אַ כשר הויז, וואו זייערע מענער מוזן אָפּהיטן אַלע יידישע דינים פון כשרות, און די רעליגיעזע דערציאונג וואָס זיי גיבן זייערע קינדער.

דערציילט איין יונגע יידישע מאַמע: „ביי מיר אין הויז פיר איך זיך פּונקט ווי מיין מאַמע האָט זיך געפירט ביי איר אין הויז. מיין מאַן מוז זיך וואַשן צו יעדן עסן און מאַכן „המוציא" אַזוי ווי מיין טאַטע האָט געטאָן, ווען ער האָט זיך אָוועקגעזעצט עסן. און מיין קליינע טאָכטער, וואָס איז בלויז צען יאָר אַלט, קאָן שוין אויך אַלע יידישע מצוות און מאַכט „המוציא" אויף אַלץ וואָס זי עסט און צינדט ליכט פרייטיק צו נאַכטס".

אין הויז געפינט זיך אַן אַלטע באָבע, טאַקע די מאַמע פון דער טאָכטער וואָס באַרימט זיך מיט איר יידשקייט און ווייסט, אַז איר טאָכטער כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין אַ כינעזישן רעסטאָראַן מיט איר מאַן און באַרימט זיך פאַר אירע חברטעס וואָסערע פיינעם מאַלצייט זי האָט געגעסן אין דעם כינעזישן רעסטאָראַן, און נישט איינמאָל האָט די באָבע געזען ווי איר טאָכטער מאַכט אין הויז פאַר איר מאַן „בעיקען און עגס", ווי דאָס וואָלט געווען אַן אמתער יידישער מאכל.

פּלוצים צייגט זיך דאָס אייניקל וועגן וועלכע די טאָכטער האָט זיך באַרימט אַז יעדן פרייטיק אָוונט צינדט זי ליכט און מאַכט איבער די ליכט אַ ברכה. רופט די באָבע צו איר אייניקל און פרעגט ביי איר צי זי קאָן מאַכן אַ ברכה איבער ברויט. זאָגט דאָס אייניקל אַז איבער ברויט מאַכט מען אַ ברכה „המוציא לחם מן הארץ",

און איבער פּירות מאַכט מען א ברכה „בורא פּרי העץ”. נו, וואָסערע ברכה מאַכט מען איבער „בעיקען און עגס”? פרעגט די באָבע איר אייניקל שוין מיט גאַליגן שפּאָס. דאָס אייניקל לאָזט אַראָפּ אירע אויגן און קוקט אין פּנים אַריין צו איר מאַמען זי זאָל איר קומען צו הילף. אָבער די מאַמע זיצט אַ פאַרשעמטע און דאָס אייניקל ענטפערט: צו מאַכן אַ ברכה איבער „בעיקען און עגס”, וועט אונדז דער טיטשער לערנען אין די העכערע קלאַסן...

וואָס צוויי פּוילישע יידן האָבן געגליכן אין פּאַריז

פּאָרן זיך צוויי פּוילישע יידן אין פּאַריז און מאַכן אָפּ צווישן זיך, אויב גאָט האָט זיי שוין יאָ געהאָלפן צו פּאָרן אין דער פריי־לעכער שטאָט, זאָלן זיי זען אַלץ אין פּאַריז וועגן וואָס זיי האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעלייענט אין דער פּרעסע און נישט פאַרפעלן קיין איין זאַך צו זען, איבערהויפּט דאָס פּאַריזער נאַכט־לעבן.

ווען די צוויי יידן זיינען אָנגעקומען אין פּאַריז, האָבן זיי זיך צוערשט אַוועקגעלאָזט זען די פּאַריזער הויפּט גאַסן, ווי „שאַנזעליזע", „מאָנפּאַרנאַס" און דעם אייפעל־טורעם. אָבער די יידן זיינען נישט באַגייסטערט געוואָרן פון די דאָזיקע גאַסן, און איינער רופט זיך אָפּ צום צווייטן: „מאַרשעלקאָווסקע און די נאַלעווקעס אין וואַרשע זיינען שענער, און ס'האָט זיך נישט געלוינט צו קומען קיין פּאַריז"...

גייען שוין די צוויי יידן אַוועק זען דעם „לואַווער", צו באַ־טראַכטן די קונסט גאַלעריעס, און אויך דאָ אין דעם „לואַווער" איז נישטאָ וואָס צו זען — אַ חוץ נאַקעטע נקבות...

גייען שוין די צוויי יידן אין די נאַכט־קלובן וועגן וועלכע זיי האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעהערט אין וואַרשע. אָבער אויך די נאַכט־קלובן האָבן אויף די דאָזיקע צוויי יידן נישט געמאַכט קיין איינ־דרוק, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס איז דאָ וואָס צו זען?

באַשליסן די יידן צו גיין זען ראָטשילדס קבר און פּאָרן אַוועק צו דער סעמעטערי און זעען אַ פּרעכטיקן גאָרטן מיט בוימער און בלומען און אַ אייזערנעם פּאַרקאַן און דער „מאָזעלעאום" וואו ראָטשילד ליגט, מעג איינשטיין אין דער שענסטער גאַס אין פּאַריז.

באַטראַכטן די יידן ראָטשילדס קבר און איינער רופט זיך אָפּ צום צווייטן: „גאָדעל! דו זעסט? אָט דאָס הייסט געלעבט!..."

וואָס קאָן נעבעך דער לענדלאָרד טאָן ?

אין דער צייט ווען די קאָמוניסטן האָבן געבושעוועט און טעראָ־ריזירט אַלעמען און געשאַפן יעדן טאָג אַ נייעם רעקעט פאַר זייערע קאָמוניסטישע צוועקן, איז איינער פון זייערע רעקעטס געווען צו אָרגאַניזירן די טענענטס קעגן די לענדלאָרדס. דאָס איז פאַר די קאָמוניסטן געווען אַן אמתער קלאָנדאַיק. זיי האָבן געמאָלקן פון די טענענטס טויזנטער דאָלער, וואָס איז נאַטירלעך געגאַנגען אין דער קאָמוניסטישע פושקע.

איינמאָל האָבן די קאָמוניסטן אַרויסגערופן אַ סטרייק קעגן אַ לענדלאָרד אין די בראָנקס, און אַרויסגעשטעלט אַ רייע פאָדע־רונגען. אין דער געביידע האָבן זיך געפונען עטלעכע און זעכציק טענענטס, וואָס האָבן געפיקעט דאָס הויז מיט סאַינס מיט די באַקאַנטע קאָמוניסטישע לאָזונגען. יעדן אָוונט האָבן די קאָמוניסטן אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג מיט די טענענטס, און ווי אַלעמאָל, האָט זיך דער מיטינג ביי זיי געענדיקט מיט אַ קאָלעקשאָן פאַר דער „פריי־הייט" און „דעילי וואָורקער".

דער לענדלאָרד האָט זיי איינמאָל געלאָזט וויסן אַז ער איז גרייט צו פאַרהאַנדלען מיט די טענענטס. מ'האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטע צו פירן די פאַרהאַנדלונגען און דער פירער פון דער קאָמיטע איז געווען אַ קאָמוניסטישער קאָמיסאַר, וואָס האָט נישט געוואוינט אין דער געביידע, און מ'איז אָוועק צום לענדלאָרד.

ווען די קאָמיטע האָט דערלאַנגט דעם לענדלאָרד אַ געדרוקטן צעטל פון די פאָדערונגען וואָס די טענענטס האָבן אַרויסגעשטעלט, האָט דער לענדלאָרד פאַרזיכטיק שטודירט דעם צעטל און געענט־פערט דער קאָמיטע אויף יעדן פונקט, וואָס האָט זיך געפינען אין צעטל: „איר ווילט איך זאָל אייך פעינטן? יאָ, איך בין גרייט צו פעינטן אַלע אייערע היימען. איך פאַרפליכטע זיך צו געבן מער הייסע וואַסער. איך זאָג צו אויך צו געבן מער סטים, אָבער, אין הימלס ווילן, ווי אַזוי, זאָגט מיר, קאָן איך באַפרייען די סקאָטס־באָראָ באָיס?"...

קלאַרענס דאַראָוס בייסענדע סאַטירע

קלאַרענס דאַראָו איז געווען איינער פון די גרעסטע לאָיערס וואָס אַמעריקע האָט פאַרמאָגט, און גלייכצייטיק איינער פון די בייסנד־סטע סאַטיריקער וואָס האָט יענעם געקאָנט אַריינזאָגן וואָס האָט דערגרייכט די זיבעטע־ריפּ.

ווען עס איז אַנאָנסירט געוואָרן אַז קלאַרענס דאַראָו וועט אויפ־טרעטן ביי אַ פאַרזאַמלונג, אָדער אַ לעקציע, זיינען טויזנטער מענטשן געקומען אים הערן, ווייסנדיק, אַז זיי וועלן האָבן אַ גייסטיקן פאַרגעניגן און הערן פון אים אַ פרישן, בייסנדן וויץ.

קלאַרענס דאַראָו האָט נישט באַלאַנגט צו קיין פּאַרטיי און האָט אָפט חוזק געמאַכט פון פּאָליטישע פּאַרטייען, און זייערע פירער. דאַראָו האָט באַלאַנגט צו דעם טיפּ אַנאַרכיסטישע פילאָזאָפן, וואָס האַלטן פון אומבאַגרענעצטע פרייהייטן פון דעם יחיד, און האָט נישט געגלויבט פון דעם פּרינציפּ, אַז אַ מאַיאָריטעט דאַרף באַהערשן די מינאָריטעט. דאַראָו איז אויך געווען באַקאַנט אַלס אַטעאיסט וואָס האָט אָפט אָפּגעלאַכט פון רעליגיע.

ווען דער פּראָגרעסיווער יונייטעד סטעיטס סענאַטאָר פון וויסקאָנ־סין, ראָבערט מ. לאַפאָלעט, איז אין 1924 געלאָפן פאַר פּרעזידענט, האָט אים די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אינדאָרסירט און געאַרבעט פאַר זיין דערוויילונג. דער דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט פאַר פּרעזי־דענט איז געווען דזשאָן וו. דעיוויס. דער פירער פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי, מאָרים הילקוויט, האָט דאַן שטאַרק געאַרבעט פאַר לאַפאָלעטן. אין צייט פון קאַמפּעין איז אַראַנזשירט געוואָרן אַ דעבאַטע צווישן מאָרים הילקוויטן און סעמועל אונטערמאַיר, וואָס איז געווען איינער פון אַמעריקעס גרעסטע לאָיערס און גוטער רעד־נער. אונטערמאַיר האָט גערעדט פאַר דעיוויסן, און הילקוויט — פאַר לאַפאָלעטן. דער קאַנדידאַט פון די רעפּובליקאַנער איז געווען קאַלווין קולידזש, וואָס איז געוואָרן פּרעזידענט ווען האַרדינג איז געשטאָרבן, וועלכער איז דערווילט געוואָרן אין 1920.

די דעבאַטע איז פאָרגעקומען אין דעם אַלטן מעדיסאָן סקווער גאַרדען, און איבער צוואַנציק טויזנט מענטשן זיינען געקומען הערן די צוויי באַרימטע רעדנער. די אַראַנזשירער פון די דעבאַטע האָבן זיך געאייניקט, אַז קלאַרענס דאַראו זאָל זיין דער טשערמאַן פון די דעבאַטע. דאַראו האָט אָנגענומען און געפירט די פאַרזאַמלונג.

ווען קלאַרענס דאַראו האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג, האָט ער געהאַלטן אַ קורצע רעדע און דערקלערט פאַר די פאַרזאַמלטע פאַרוואָס מ׳האָט אים אויסגעקליבן צו זיין דער טשערמאַן, און דערקלערט: „די אורזאַך פאַרוואָס מ׳האָט מיך אויסגעקליבן צו זיין דער טשערמאַן פון דער היינטיקע דעבאַטע איז, ווייל ביידע צדדים האָבן געוואָלט האָבן אַ טשערמאַן וואָס זאָל זיין אומפּאַרטייאיש. ווייל איך דאַ דערקלערן, אַז אין די היינטיקע וואַלן פאַר פּרעזידענט, בין איך טאַקע אומפּאַרטייאיש — צווישן לאַפאָלעטן און דזשאָן וו. דעיוויס, — איי דאָנט גיוו אַ דעהם האו איז גאָינג טו ליק קולידזש״...

* * *

קלאַרענס דאַראו איז אויך געווען אַן אינטערעסאַנטער דעבוי־טאַנט וואָס האָט געצויגן אַ גרויסן עולם ווען ער האָט באַדאַרפט אויפטרעטן אין אַ דעבאַטע. ס׳איז איינמאָל פאָרגעקומען אַ דעבאַטע צווישן אים און פּראָפעסאָר סקאַט נירינג, איבער די טעמע: „איז לייף וואָירט ווייל?״ דאַראו איז געווען אַ פּעסימיסט און שטאַרק אָפּגעלאַכט פון אונדזער וועלטל. פאַרקערט, פּראָפעסאָר סקאַט נירינג האָט געהאַלטן, אַז דאָס לעבן איז אינטערעסאַנט און געשילדערט די נאַטור — די פעלדער, גערטנער, בלומען און דערפינדונגען, פון וועלכע די מענטשהייט געניסט, — און דערביי דערמאָנט, ווי דער מענטש זיצט אין זיין „ליווינג־רום״, גיט אַ דריי אַ קנעפּל, און הערט אויף דער ראַדיאָ אַ סימפאָניע אָרקעסטער.

ווען דאַראו איז געקומען צום וואָרט, דרייט ער זיך אויס צו זיין קעגנער און רופט זיך אָפּ: „די שילדערונג פון אייך וועגן די דערפינדונג פון ראַדיאָ, איז אפשר אינטערעסאַנט פאַר אייך, פאַר מיר עס איז אַן אומגליק. פאַר פערציק יאָר האָב איך אויסגעמיטן צו גיין אין טשוירטש, און זינט איך האָב זיך איינגעהאַנדלט אַ ראַדיאָ, האָט דער גלח אַריינגעמופט אין מיין הויז...

ווי אַזוי וויל ראַדזשערס האָט געמאַכט לאַכן קולידזשן

דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט קאַלווין קולידזש איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ זויער פּנים און האָט זעלטן געשמייכלט. וועגן קולידזשעס טרויעריקן פּנים זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַמעריקע אַ ים מיט וויצן. איינע פון די וויצן וואָס ווערט דערציילט איז, אַז אַן אַמעריקאַנער יונייטעד סטעיטס סענאַטאָר האָט זיך געוועט מיט דעם באַרימטן וויצלער וויל ראַדזשערס, אַז ער וועט קיינמאָל נישט מאַכן קולידזשען לאַכן.

וויל ראַדזשערס האָט אָנגענומען דעם וועט און ביידע — דער סענאַטאָר און וויל ראַדזשערס — זיינען אַוועק אין ווייסן הויז אָפּצושטאַטן אַ וויזיט קולידזשן. דער סענאַטאָר האָט געמאָלדן דעם פּרעזידענטס סעקרעטער אַז ער וויל זען דעם פּרעזידענט, און אין עטלעכע מינוטן אַרום איז אַריינגעקומען קולידזש. דער סענאַטאָר פירט צו וויל ראַדזשערסן צום פּרעזידענט און רופט זיך אָן: „איך וויל איר זאָלט זיך באַקענען מיטן פּרעזידענט פון אַמעריקע, מיסטער קאַלווין קולידזש".

וויל ראַדזשערס שטרעקט אויס זיין האַנט צום פּרעזידענט און רופט זיך אָפּ: „איר וועט מיר מוזן אַנטשולדיקן וואָס איך האָב פאַרהערט דעם נאָמען, ווי הייסט איר?"

קולידזש האָט זיך צעלאַכט, און וויל ראַדזשערס האָט געוואונען דעם וועט.

וויל ראַדזשערס אין סאָוועט־רוסלאַנד

אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן, איז דער באַרימטער וויל ראַדזשערס געפאָרן פאַר אַ לוסטרייזע אין סאָוועט־רוסלאַנד. ווען דער באַרימטער וויצלינג איז צוריקגעקומען אין אַמעריקע, האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך וועגן רוסלאַנד וואָס האָט געהייסן: „דהעיר איז׳נט אַ בעיטיהנג סוט אין סאָוועט־רוסלאַנד" (אין סאָוועט־רוסלאַנד איז נישט פאַראַנען קיין בעיטהינג־סוטס). וויל ראַדזשערס האָט דעם נאָמען גענומען פון דער דערפאַרונג, וואָס ער האָט געהאַט אין רוסלאַנד, ווען ער האָט זיך געבאָדן אין ים, און אַלע — סיי די מענער, און סיי די פרויען — זיינען געווען נאַקעט, אַזוי ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט.

געפאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז דער באַרימטער אַמעריקאַנער הומאָריסט, פון לאָנדאָן, ענגלאַנד, אין אַ געדונגענעם עראָפּלאַן פון דער רוסישער רעגירונג, מיט אַ וויזע אין קעשענע פון רוסישן אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן. דער פּיילאָט פונעם עראָפּלאַן, איז געווען אַ רוס, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען קיין ענגליש, און וויל ראַדזשערס איז געווען פרעמד די רוסישע שפּראַך, און דורך די גאַנצע רייזע זיינעןביידע געזעסן ווי שטומע, און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט איינער צום צווייטן.

אין מיטן וועג, האָט דעם פּיילאָט אויסגעפעלט גאַז פאַרן עראָפּלאַן. האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט אין לאַטוויע אָנצופילן דעם עראָפּלאַן מיט גאַז. ווען די לאַטווישע באַאַמטע האָבן געזען דעם פּאַסאַזשיר, האָבן זיי ביי אים געפרעגט וואו ער פאָרט, האָט ער זיי געענטפערט, אַז ער פאָרט אין רוסלאַנד. די באַאַמטע האָבן פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל זיי ווייזן די „טרענזיט וויזע" וואָס אַ רייזנדער מוז האָבן ווען ער שטעלט זיך אָפּ אין אַ פרעמד לאַנד, און ראַדזשערס האָט אַזאַ וויזע נישט געהאַט. האָבן זיי אים אַרעסטירט.

שרייבט וויל ראַדזשערס אין זיין בוך, אַז ווען די לאַטווישע באַאַמטע האָבן זיך דערוואוסט אַז פּאָליציי האָבן אַרעסטירט דעם באַרימטן אַמעריקאַנער, איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. די נייעס איז אָנגעקומען צום אויסערן-מיניסטער און צום פּרעזידענט. עס איז שנעל גערופן געוואָרן אַ קאַבינעט-זיצונג, צו באַראַטן זיך וואָס צו טאָן, אַז אַמעריקע זאָל זיך נישט געפינען באַליידיקט. האָבן זיי אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע צו פאָרן צום „עיר-פּאָרט" און זיך אַנטשולדיקן פאַרן באַרימטן אַמעריקאַנער הומאָריסט.

דער טשערמאַן פון דער קאָמיסיע האָט דערקלערט דעם גאַסט, אַז די לאַטווישע רעגירונג באַדויערט שטאַרק דעם אינצידענט פון זיין אַרעסט וואָס איז געווען נישט אינגאַנצן די שולד פון די פּאָליציי, וואָס האָט געטאָן איר פליכט לויטן געזעץ, אַז איינער וואָס שטעלט זיך אָפּ בלויז פאַר אַ ווייל, דאַרף האָבן אַ „טראַנזיט-וויזע", וואָס קאָסט בלויז צוויי דאָלער. זיי האָבן פון אים געפאָדערט ער זאָל איינצאָלן די צוויי דאָלער, און פאַרגעסן דעם אינצידענט.

וויל ראַדזשערס האָט אַרויסגענומען אַן אַמעריקאַנעם פינפערל און דערלאַנגט דעם הויפּט פון דער קאָמיסיע, און יענער האָט אים געגעבן רעשטע דריי דאָלער, און וויל ראַדזשערס רופט זיך אָפּ: „קיפּ דהי טשענדס, לעט יור אַרמי העוו אַ דרינק אָן מי" (האַלט דעם רעשט, זאָל אייער אַרמיי האָבן אַ טרינק אויף מיינע קאָסטן)...

איך גיי אין די הייזער בעטן אַז מ'זאָל פאַר מיר שטימען פאַר אַ פּאָליטישן אַמט

ווי אַזוי די בירגער האָבן מיך אויפגענומען

עס האָט זיך מיר איינמאָל פאַרגלוסט צו „לויפן" פאַר אַ פּאָליטישן אַמט, און די פירער פון די פּאַרטיי האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז ווען איך וועל „גיין אין די הייזער" און די בירגער וועלן אָנקוקן מיין פּנים... וועלן זיי זיכער שטימען פאַר מיר, און וועל געווים דערוויילט ווערן.

די פירער פון די פּאַרטיי — וואָס האָבן מיך נאָמינירט, — האָבן מיט מיר איינשטודירט ווי אַזוי איך דאַרף זיך אויפפירן ווען איך וועל אַריינקומען אין אַ הויז און זיך פאָרשטעלן פאַר די בירגער. טאָמער וועט מען פון מיר פאָדערן אַז איך זאָל ווערן אַ „בעיבי־סיטער", זאָל איך זיך נישט אָפּזאָגן. איך דאַרף — האָבן זיי מיר דערקלערט — ווערן מיט די בירגער פּאַני־בראַט און מיט זיי רעדן צוערשט וועגן זייער משפּחה, לויבן זייערע קינדער און ווי געראָטן זיי זיינען, און אויף לעצט, ווען איך וועל שוין האַלטן ביים פאַרלאָזן די הויז, זאָל איך אַריינוואַרפן אַ וואָרט וועגן מיין קאַנדידאַטור, קושן די קינדער, און אַוועקגיין.

האָב איך זיך געלאָזט צוריידן פון מיינע פּאָליטישע פירער און האָב זיך אַרויסגעלאָזן אין די הייזער און בין געווען גרייט צו טאָן אַלץ וואָס מען האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַבי איך זאָל דערוויילט ווערן.

עס איז געווען אין אַ זונטיק אין דער פרי ווען איך האָב זיך אַרויסגעלאָזן איבער די הייזער מיט אַ פּעקל ליטעראַטור אויף וועלכע עס האָט זיך געפונען מיין בילד. די ערשטע טיר וואָס איך האָב אָנגעקלונגען, איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ פרוי אין די מיטעלע

יאָרן וואָס האָט ביי מיר געפרעגט וואָס איך פאַרלאַנג. ווען איך האָב איר דערקלערט דעם צוועק פון מיין באַזוך, האָט זי געעפנט די טיר און מיך איינגעלאַדן אין שטוב, און מיר געבעטן איך זאָל זיך זעצן.

ווען איך האָב זיך געפרעגט אויף איר מאַן, האָט די פרוי מיר געענטפערט, אַז איר מאַן שלאָפט נאָך, ער איז אַהיים געקומען פאַרטאָג, פון אַ מיטינג פון זיין סאָסייעטי. באַלד האָט זיך באַוויזן דער מאַן וואָס האָט מיר דערקלערט, אַז ער איז דער סעקרעטער פון דער סאָסייעטי פון זיינע לאַנדסלייט, און נאָך יעדן מיטינג גייען די מעמבערס אַוועק אין אַ רעסטאָראַן און פאַרברענגען ביז פאַרטאָג.

— איר מוזט האָבן אַ שיינע סאָסייעטי — גיב איך אַ קאָמפּלי־מענט דעם באַלעבאָס.

— אַ כפרה מעגן איינגעמען די גאַנצע סאָסייעטי — רופט זיך אָפּ די פרוי — נאָך יעדן מיטינג קומט מיין מאַן אַהיים אַ שיכורער, נאָר מען האַלט אין איין טרינקען.

— וויפיל מיטגלידער האָט אייער סאָסייעטי? — פרעג איך אוים נייגעריקייט.

— וויפיל זיי האָבן — רופט זיך אָפּ די פרוי — איז אויך צופיל. די סאָסייעטי פאַרמאָגט אַ סעמעטערי, איז די סעמעטערי כמעט ליידיק...

יעדעס מאָל וואָס איך האָב געוואָלט ריידן וועגן מיין מיסיע, האָט מיך די פרוי אונטערבראָכן און מיך נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. — איר זעט אָט די צרה — אָנצייגנדיק אויף איר מאַן — קוים ער האַלט זיך אויף זיינע פיס און זעט אוים ווי אַ נעבעכל. איר מעגט אויף אים אַ קוק טאָן — רעדט ווייטער די פרוי מיט גאַל — ווען אין דער סאָסייעטי שטאַרבט אַ מעמבער, וועט איר מיין מאַן נישט דערקענען, ער ווערט גאָר אַן אַנדער מענטש, ער לויפט, ער טומלט, אַלץ וואָס מ'האָט צו טאָן מיט די לוויה, דאַרף מיין מאַן פאַרזאָרגן. און ווען די לוויה איז שוין פאַריבער, וועט ער נישט אַהיים קומען פאַר צוויי טעג, נאָר מען האַלט אין איין שיכורן, און ווען ער ווערט שוין אויסגעניכטערט, זעט ער אוים ווי אַ חלוש, ביז עס שטאַרבט נאָך אַ מעמבער...

דורך די גאַנצע צייט וואָס די פרוי האָט גערעדט, בין איך געזעסן אין געהאַקטע וואונדן און ביי זיך געטראַכט, צו זיין אַ פּאָליטישן איז נישט פאַר מיר. ווען איך האָב זיך שוין געהאַט אויפגעשטעלט צו זאָגן גוד-באַי, האָט דער מאַן עפּעס געוואָלט זאָגן צו מיר, נאָר די פרוי האָט אים באַלד פאַרמאַכט דאָס מויל. איך בין אַנטלאָפן ווי אַ אונטערגעשאָסענער, און פון דעמאָלט אָן בין איך מער נישט געלאָפן פאַר אַ פּאָליטישן אַמט.

זאָל זיין פון אַ טערק, אַבי צו לעבן

באַקלאָגט זיך אַ ייד פאַר זיינעם אַ חבר אַז ער איז אַ גוטער בעל-מלאכה און וואָלט געקאָנט קריגן באַשעפטיקונג ביי אַ גרויסע פירמע און האָבן פּרנסה, נאָר די פירמע איז אַן אַנטיסעמיטישע, און וויל נישט באַשעפטיקן קיין יידן.

— זיי נישט קיין בהמה, — רופט זיך אָן דער פריינט, — גיי אַוועק אין שאָפּ און גיב זיך אָן אַז דו ביסט אַ קריסט, אויף דיין פּנים איז נישט אויסגעקריצט אַז דו ביסט אַ ייד, און דו וועסט קריגן דעם דזשאָב.

דער ייד האָט געפאָלגט, און איז אַוועק אין דער פאַבריק נאָך דעם דזשאָב, און געצייגט דעם פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק די „רעפערענסעס" וואָס דער ייד האָט מיט זיך געטראָגן פון זיינע פריערדיקע באַלעבאַטים, אַז ער איז אַן ערשטער-קלאַס בעל-מלאכה, און ווען דער פאַרוואַלטער האָט ביי אים געפרעגט, צו ער איז אַ ייד אָדער אַ קריסט, האָט דער ייד געענטפערט, אַז ער איז אַ טערק...

דער פאַרוואַלטער האָט דעם יידן געהייסן אונטערוואַרטן און אַריינגערופן דעם טערקישן פאָרמאַן ער זאָל מיט אים ריידן טערקיש כדי אויסצוגעפינען אויב דער ייד נאַרט אים נישט אָפּ. רופט זיך אָפּ דער פאָרמאַן צום יידן אין יידיש: „זאָג דעם גוי, אַז איך האָב אים טיף אין דער ערד, און ער מעג זיין דעם יידס כפּרה..."

דער פאַרוואַלטער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס און רופט זיך אָפּ צום פאָרמאַן, אויך אין יידיש: „דו מעגסט אויך איינעמען אַ מיתה משונה!..." ער האָט דעם יידן געגעבן דעם דזשאָב און זאָגט צו אים: „איצט, אַז מיר זיינען שוין דריי יידן, וועט מען שוין נאָכן עסן קאָנען בענטשן מזומן..."

מען אַרעסטירט אַ יידן פאַר רויכערן אין סאָבווײ

גייט זיך אַ ייד אַריין אין סאָבוועי און רויכערט אַ סיגאַרעטל. לאָזט אים וויסן דער קאָנדוקטאָר, אַז אין דער סאָבוועי טאָר מען נישט רויכערן. הערט דער ייד דעם קאָנדוקטאָר, ווי דעם פּאַראַ־יאָריקן שניי, און הערט נישט אויף צו רויכערן.

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די נעקסטע סטאַנציע, האָט דער קאָנדוקטאָר צוגערופן אַ פּאָליסמאַן, און געהייסן אַרעס־טירן דעם יידן פאַר רויכערן אין דער סאָבוועי.

מען האָט דעם יידן געבראַכט אין קאָורט פאַר אַ דזשאָדזש, און דער קאָנדוקטאָר איז אויפגעטראָטן אַלס עדות קעגן דעם יידן. פרעגט דער דזשאָדזש ביים יידן, איז אמת אַז איר האָט גערויכערט אין דער סאָבוועי?

דער ייד האָט נישט געלייקנט אַז ער האָט גערויכערט אין דער סאָבוועי, און צוגעגעבן, אַז דער קאָנדוקטאָר האָט אים אָנגע־צייגט אויפן סאַין וואָס הענגט אין דער סאָבוועי „נאָ סמאָקינג", האָב איך אים געענטפערט, אַז די סאַינס זיינען אַ בלאָף, און קיינער טאָר זיי נישט נעמען ערנסט.

— פאַרוואָס זיינען די סאַינס אַ בלאָף? — פרעגט דער דזשאָדזש דעם יידן.

— יור האָנאָר! — רופט זיך אָפּ דער ייד צום דזשאָדזש, — איך פאָר שוין אין דער סאָבוועי דרייסיק יאָר און זע שטענדיק אַ סאַין „דרינק קאָקאָ־קאָלאַ", און די סאָבוועי קאָמפּאַני האָט נאָך מיר ביז איצט נישט געטריט מיט אַ באָטל קאָקאָ־קאָלאַ...

דער דזשאָדזש האָט זיך צעלאַכט און באַפרייט דעם יידן.

וואָס דער „פּרינץ אָוו וועילס" ווייסט נישט וועגן אַמעריקע

אין די צוואַנציקער יאָרן, איז אין אַמעריקע אָנגעקומען צו גאַסט דער „פּרינץ אָוו וועילס", פון ענגלאַנד, וואָס איז היינט באַקאַנט אַלס „דיוק אָוו ווינדזאָר". געקומען צו ערשט איז דער פּרינץ אין באָסטאָן, און איז איינגעשטאַנען אין איינע פון די גרויסע האָטעלן.

דער האָטעל־קיפּער האָט זיך געוואָלט אויסצייכענען פאַרן פּרינץ אַז ער זאָל זיך פילן ווי אין דער היים, האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון ענגלאַנד אַ ספּעציעלן שעף, וואָס זאָל פאַרן פּרינץ צוגרייטן די מאכלים, אַזוי ווי ער איז געוואוינט צו עסן אין קעניגלעכן הויף.

ווען דער ערשטער מאָלצייט איז סערווירט געוואָרן פאַרן פּרינץ, האָט די פאַרוואַלטונג פון האָטעל באַשלאָסן, צו מאַכן פאַרן פּרינץ אַ „סורפּרייז" — אַן אַמעריקאַנעם פּאַי פון דריי גאַרן הויך, און דריי קאָלירן — רויט, ווייס און בלוי.

ווען דער פּרינץ האָט פאַרזוכט דעם פּאַי, האָט ער צוגערופן דעם וועיטער און אים געזאָגט, אַז אַזאַ געשמאַקן פּאַי האָט ער נאָך נישט געגעסן דעם גאַנצן לעבן.

דער פּרינץ האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי מען רופט אין אַמעריקע דעם מאכל, האָט מען אים געענטפערט, אַז אין אַמעריקע רופט מען עס „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן פּאַי".

* * *

די נעקסטע שטאָט וואָס דער פּרינץ האָט באַזוכט, איז געווען ניו יאָרק, און איז איינגעשטאַנען אין דעם אַלטן אַריסטאָקראַטישן וואָלדאָרף אַסטאָריע האָטעל. ווען דער האָטעל האָט פאַרן פּרינץ צוגעגרייט דעם ערשטן מאָלצייט, האָט דער פּרינץ צוגערופן דעם וועיטער און ביי אים באַשטעלט אַ פּאָרציע „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן פּאַי". דער וועיטער האָט פון דעם דאָזיקן פּאַי קיינמאָל נישט גע־הערט. זאָגן דעם פּרינץ, אַז ער האָט נישט געהערט פון אַזאַ פּאַי,

איז קעגן די עטיקעט, איז דער וועיטער שנעל אריינגעלאָפן אין קיך און דאָס דערציילט דעם שעף וואָס האָט אויך נישט געהערט פון אזא פאַי. זיי האָבן גערופן דעם מענעדזשער פון האָטעל, און זיך שנעל בּאַראַטן מיט אים ווי אַזוי מ׳קאָן אַרויסקריכן פון אַזאַ דעליקאַטע לאַגע, און האָבן באַשלאָסן, אַז מ׳זאָל נעמען אַ גע־וויינלעכע שטיקל פאַי, באַגיסן עס מיט טשאָקאָלאַד, און עס דער־לאַנגען דעם פרינץ.

ווען דער פרינץ האָט פאַרזוכט דעם פאַי, האָט ער צוגערופן דעם וועיטער און אים דערקלערט, אַז דער פאַי איז זייער באַטעמט, נאָר עס איז נישט דער פאַי וואָס ער האָט געאָרדערט. — אין באָסטאָן — האָט דער פרינץ דערקלערט, — האָב איך געגעסן פאַי, האָט ער געהאַט דריי קאָלירן, רויט, ווייס און בּלוי, און מען רופט עס „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן פאַי”, און אייער פאַי איז אין גאַנצן שוואַרץ.

דער וועיטער האָט זיך פאַרנייגט פאַרן פרינץ, און אים דער־קלערט, אַז ער איז נישט באַהאַוונט מיט די אַמעריקאַנער אינסטי־טוציעס. אין אַמעריקע, — זאָגט אים דער וועיטער — האָבן מיר געהאַט צוויי בּאַרימטע וואַשינגטאָנס — דזשאָרדזש און בוקער ט. וואַשינגטאָן. דזשאָרדזש איז געווען אַ ווייסער, און בוקער ט. — אַ שוואַרצער, וואָס איז געווען דער גייסטיקער פירער פון די נעגערס אין אַמעריקע. און דעם פאַי וואָס מיר האָבן אייך דערלאַנגט, הייסט אויך „וואַשינגטאָן פאַי” נאָך בוקער ט. וואַשינגטאָן, און דערפאַר איז דער פאַי שוואַרץ...

וואָס די אַלמנה האָט געענטפערט דעם חזן

דרייט זיך אַרום אַ חזן אויפן בית עולם און זוכט קאָסטימער צו מאַכן אַן „אל מלא רחמים". הערט ער ווי אַ פרוי וואָס ליגט אויף אַ קבר רופט אים און בעט אים צו מאַכן אַ „מלא" נאָך איר מאַן.

דער חזן פרעגט ביי דער פרוי ווי איר מאַן האָט געהייסן, און זי זאָגט אים, אַז איר מאַן האָט מען גערופן יעקב בן צבי שאַפּיראָ.

דער חזן שטייט פאַרוואונדערט און פרעגט ביי דער יידענע: „אויף דער מצבה שטייט דאָך אָנגעשריבן מרת שרה לאה שאַפּיראָ, איר מאַכט נישט קיין טעות?" פרעגט ביי איר דער חזן, „דאָס זייט איר?"

„איך פאַרשטייט", רופט זיך אָפּ די יידענע, „איידער מיין מאַן איז געשטאָרבן, האָט ער געהאַט באַנקראָטירט, פון דעמאָלט אָן גייען אַלע אונדזערע געשעפטן אויף מיין נאָמען...

שופר בלאָזן

אין די אַלטע צייטן, ווען די פּריצים אין פּוילן און ליטע האָבן זיך געלאָזט וואויל־גיין און געצוואונגען די יידן צו טאַנצן דעם מה־יפית טאַנץ, האָבן איינמאָל פּריצים געמאַכט אַ פּאַרטי און געבראַכט אַ יידן אַז ער זאָל פאַר זיי טאַנצן און זינגען.

דער ייד איז געשטאַנען און געציטערט און זיך געבעטן ביי זיי אַז זיי זאָלן רחמנות האָבן אויף זיין עלטער וואָס ער קאָן מער נישט טאַנצן און זינגען, און זאָלן אים באַפרייען.

די פּריצים האָבן דעם ייד ווידער געמאַטערט אַז ער זאָל זיי אונטערהאַלטן. נאָך פיל מאַטערניש האָט זיי דער ייד געזאָגט, אַז דאָס איינציקע וואָס ער קען טאָן פאַר זיי איז שופר בלאָזן.

דער ייד איז אַוועק אין בית המדרש, געבראַכט דעם שופר און געבלאָזן, און די פּריצים האָבן געטאַנצט.

ווען דער אָונט איז שוין געווען פאַריבער האָט יעדער איינער, אוים רחמנות, געגעבן דעם יידן עטלעכע זלאָטעס. דער ייד איז אהיימגעגאַנגען מיט פולע קעשענעס. ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זיי פרוי געזען ווי איר מאַן ליידיקט אוים זיינע קעשענעס מיט געלט, פרעגט זי ביי אים: „וואו האָסטו גענומען אַזוי פיל געלט?״

דער ייד גייט צו צו דער ווייב און מיט אַ שמייכל אויף זיין פּנים רופט ער זיך אָפּ: „איך זאָג דיר, לאה, נאָר ביי גויים זאָל מען בלאָזן שופר...

ער פאַרלאַנגט בלויז אַ קלייניקייט

אין אַן אַמעריקאַנער שטעטל האָבן זיך די קריסטלעכע איינוואוינער פאַרזאַמלט אין דער אַלטער קירכע מיטן צוועק צו שאַפן געלט צו בויען אַ נייע קירך.

דער גלח פון די קירכע וואָס האָט געפירט די פאַרזאַמלונג, האָט אויך געמאַכט דעם אַפּיל און געלייענט הונדערטער בריוו מיט טשעקס וואָס די איינוואוינער האָבן צוגעשיקט, וואָס די העכסטע סומע איז נישט געווען מער ווי פינף-און-צוואַנציק דאָלער.

צווישן די בריוו איז אויך געווען אַ טשעק פון פינף טויזנט דאָלער, און דער טשעק איז געווען אונטערגעשריבן פון — ראַבינאָוויץ.

צווישן דעם עולם האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע באַגייסטערונג: אַ קלייניקייט! פינף טויזנט דאָלער, און נאָך דערצו פון אַ יידן.

דער גלח האָט אָנגעפרעגט ווער דער דאָזיקער ראַבינאָוויץ איז, און מ'האָט אים געענטפערט, אַז דאָס איז דער בעקער פון שטעטל.

דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאַדראַם! איבעראַל האָט מען גערעדט וועגן דעם ראַבינאָוויצ'ן וואָס האָט געגעבן אַ ריזיקע סומע פאַר אַ טשוירטש, בעת ער אַליין איז אַ ייד.

נאָך דער פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן אַ זיצונג פון דער באַארד אָוו דירעקטאָרס פון דער קירכע מיטן צוועק צו באַלוינען דעם יידן פאַר דער גרויסע מתנה. מ'האָט דעם יידן געלאָזט וויסן זייער באַשלוס און דער גלח האָט אים איינגעלאַדענט צו זיך אויסצודריקן זיין אייגענעם דאַנק, און אויך פרעגן ביי ראַבינאָוויצ'ן, וואָס פאַר אַ מתנה ער וואָלט געוואָלט האָבן.

ווען ראַבינאָוויץ איז געקומען צום גלח און דער גלח האָט ביי אים געפרעגט וואָס פאַר אַ מתנה ער וואָלט געוואָלט האָבן,

האָט אים ראַבינאָוויץ דערקלערט אַז ער וויל נישט האָבן קיין מתנות. — „איך האָב געגעבן די פינף טויזנט דאָלער צו דער קירכע אַלס אויסדרוק פון פריינטשאַפט צו מיינע קריסטלעכע שכנים, פון וועמען איך מאַך אַ לעבן, וואָס קויפן מיין געבעקס", און דאַנקט דעם גלח פאַר דעם אָנבאָט.

ווען דער גלח האָט זיך ביי אים געבעטן אַז ער זאָל אָננעמען די מתנה אַלס אויסדרוק פון אנערקענונג פון דער קאָנגרעגיישאָן, האָט זיך ראַבינאָוויץ אָנגערופן: „אויב דאָס איז דער וואונטש פון אייער קאָנגרעגיישאָן, וויל איך איין קליינינקייט: איר זאָלט בייטן איין וואָרט אין אייער טעגלעכע תפילה, וואָס קריסטן זאָגן איידער זיי גייען עסן".

„דאָס איז אוממעגלעך", ענטפערט אים דער גלח, „שוין עט-לעכע טויזנט יאָר ווי מיר זאָגן די זעלבע תפילה און מיר קענען דאָס נישט בייטן".

„די ענדערונג וואָס איך שלאָג פאָר", טענה'ט ראַבינאָוויץ, „איז אַזאַ קליינינקייט, אַז קיינער וועט עס אפילו נישט באַמערקן, און פאַר מיר וועט עס זיין אַ גרויסע זאַך, און אייער קאָנגרעגיישאָן וועט עס גאָר נישט קאָסטן.

דער גלח איז געווען טשיקאַווע צו וויסן אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט די ענדערונג פון דער תפילה וואָס קיינער וועט עס נישט באַמערקן. רופט זיך אָפּ ראַבינאָוויץ: „ווען אַ קריסט זעצט זיך עסן, הויבט ער אויף זיינע הענט צום הימל און זאָגט אַ ברכה „איך דאַנק דיר גאָט פאַר דעם טעגלעכן ברויט וואָס דו גיסט מיר", וואָלט איך געוואָלט האָבן, אַז אַשטאָט דאָס וואָרט „טעגלעכן ברויט", זאָל מען זאָגן „ראַבינאָוויצעס פּאָמפּערניקל"...

דער באַשיידענער פּאָליטישן

מיט יאָרן צוריק, ווען טעמעני האָל האָט געהערשט אין דער איסט־סייד, איז יעדער סאַלון־קיפּער געווען אַ מעמבער אין די טעמעני קלובס, און אין זייערע סאַלונען זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַלע פּאָליטישע דילס.

איז אין דער איסט־סאַיד געווען אַ יידישער סאַלון־קיפּער וואָס איז געווען פאַררעכנט אַלס דער מעכטיקסטער פּאָליטישן אין טעמעני האָל און אַלע האָבן פאַר אים געציטערט. דער דאָזיקער סאַלון־קיפּער איז געווען אַן אימיגראַנט וואָס איז געקומען אין אַמעריקע אַלס יונגער יינגל און האָט זיך דאָ שנעל אַרויפגעאַרבעט און געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פּאָליטישער וועלט.

דער דאָזיקער סאַלון־קיפּער איז שוין געווען אַן אַלדערמאַן, אַן אַסעמבלימאַן, אַ שעריף, אַ סטעיט־סענאַטאָר און אַ קאָנגרעסמאַן.

האָט מען איינמאָל געמאַכט פאַר אים אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט וואו עס זיינען איינגעלאַדענט געוואָרן די העכסטע סטעיט און שטאַטישע באַאַמטע, דזשאַדזשעס און קאָנגרעסלייט, און אַלע רעדנער האָבן אים שטאַרק געלויבט וואָס פאַר אַ גרויסער שטאַטסמאַן ער איז, און גרויסער בעל צדקה.

ווען דער טאָסטמאַסטער האָט אים פאָרגעשטעלט, רופט ער זיך אָפּ צו אים: „איר האָט שוין באַקליידט אַלע וויכטיקע פּאָליטישע אַמטן, אַ חוץ פּרעזידענט פון אַמעריקע, וואָס מיר קענען אייך נישט נאָמינירן ווייל איר זענט געבוירן געוואָרן אין אייראָפּע. אַ חוץ ווערן פּרעזידענט, וואָס וואָלט איר געוואָלט מיר זאָלן אייך מאַכן?”

„אַלס אַן אימיגראַנט האָב איך דערגרייכט דאָס העכסטע וואָס אַמעריקע האָט מיר געקענט געבן. און אַזוי ווי דער טאָוסטמאַסטער האָט אַליין ביי מיר אָנגעפרעגט וואָס איך וואָלט געוואָלט ער זאָל מיך מאַכן, וואָלט איך אים געבעטן אַז ער זאָל מיך מאַכן פאַר אַ סיטיזן”...

אַ קאָמוניסט וואָס האָט נעבעך נישט געהאַט קיין מזל

איך האָב זיך אָנומלט באַגעגנט מיט מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן וועמען איך האָב שוין נישט געזען אַ לאַנגע צייט. ווען איך האָב אים באַגריסט, האָט ער אַראָפּגעלאָזן זיינע אויגן ווי ער וואָלט זיך פאַר מיר געשעמט פאַר די זינד וואָס ער איז באַגאַנגען...

באַגעגנט זיך מיט דעם דאָזיקן מענטשן האָב איך נאָך מיט דאָן האָט ער דורכגעמאַכט אַלע גלגולים פון אַ וואַנדערער און פערציק יאָר צוריק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זינט געדינט אַלע עבודה זרות. ער איז שוין געווען אַ סטאַליניסט, אַ טראָצקיסט, אַ הייסער חסיד פון אוירל בראָודער, באַלאַנגט צו דער גרופּע לאָווסטאָניסטן, און פון איבעראַל האָט מען אים אַרויס־געוואָרפן...

אַלץ צוליב זיינע איבערצייגונגען...

ווען מיר האָבן זיך געטראָפן, בין איך געווען טשיקאַווע אויס־צוגעפינען צו וועלכע גרופּע ער באַלאַנגט איצט... פון זיין פּנים איז געווען קענטיק, אַז איך האָב דאָ אָנגערירט אַ טיפע וואונד אין זיין לעבן וועגן וועלכע ער וואָלט נישט געוואָלט ריידן, און רופט זיך אָפּ צו מיר: „איצט בין איך אַ יתום"...

וואָס לענגער מיר האָבן געשמועסט, אַלס פריינטלעכער איז מיין באַקאַנטער געוואָרן צו מיר. ער האָט זיך קענטיק געוואָלט אַראָפּריידן פון הארצן וואָס ערגערט אים די איבערלעבונגען וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אין די אַלע פּאַרטייען וואו ער האָט באַלאַנגט, און היינט איז ער עלנט ווי אַ שטיין, און האָט מיט קיינעם אַ וואָרט נישט אַרויסצוריידן, און איז געווען צופרידן וואָס ער האָט געטראָפן אַן אַלטן באַקאַנטן, און זיך קאָנען אַראָפּ־ריידן פון הארצן...

„איך בין אַלע מיינע יאָרן" רופט ער אָפּ זיך צו מיר, „געווען אַ הייסער אַנהענגער פון כאַווער סטאַלין, וואָס האָב באמת גע־גלויבט אין זיין תורה אַז ער פירט די סאָציאַלע רעוואָלוציע אויפן ריכטיקן וועג... ווען ס'איז געקומען דער „סטאַלין־היטלער אָפּמאַך", האָב איך פאַרלאָזן די פאַרטיי און זיך אַנגעשלאָסן אין די גרופּע טראָצקיסטן... שפּעטער, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און היטלער איז באַפאַלן רוסלאַנד, האָב איך זיך צוריק אַנגעשלאָסן אין דער פאַרטיי און אויסגעפאָלגט אַלע אירע באַפעלן... אַלע מיינע יונגע כאַווירים זיינען געבליבן „טראָצ־קיסטן", און איך האָב זיך נישט געטאָרט צייגן פאַר זיי, ווייל אין זייערע אויגן בין איך געווען אַ פאַררעטער"...

„מיינע יונגע כאַווירים האָבן באַלאַנגט צו אַ קלוב וואו ס'איז אַלעמאָל געווען פריילעך... איך האָב נישט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך די בחורים ווי נאָך די מיידלעך... איך האָב געחלשט צו קומען צו זיי אין קלוב און גוט פאַרברענגען... איך האָב אָבער מורא געהאַט, אַז זיי וועלן מיר אָנברעכן די ביינער... ווען איך וועל זיך פאַר זיי באַווייזן...

„איך בין געווען אויף געהאַקטע צרות", רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן מיין באַקאַנטער, „און ווי אַן איינזאַמער שפּאַצירט די גאַסן און נישט געהאַט מיט קיינעם אַ וואָרט אַרויסצוריידן. יעדן אָוונט בין איך פאַרבייגעגאַנגען דעם קלוב פון מיינע כאַווירים און מיט בענקשאַפט אַרויפגעקוקט אין די פענצטער און געזען ווי זיי פאַרברענגען, און איך בין אויסגעגאַנגען פון ווייטאָק... איך האָב איינמאָל ביי זיך געטראַכט, ווי לאַנג איז דער שיעור זיך אַזוי צו מוטשען? איך ווער דאָך עלטער פון טאָג צו טאָג? און באַשלים אַרויפצוקומען אין קלוב פון מיינע כאַווירים און זיי דערקלערן, אַז איך בין געוואָרן ענטוישט אין סטאַלינען, וואָס האָט פאַרראַטן די רעוואָלוציע, און די איינציקע האָפענונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער וועלט, איז טראָצקי, און זיך דערקלערן פאַר אַ טראָצקיסט...

„דאָס איז געווען אין אַ שבת אָוונט, ווען מיינע כאַווירים האָבן פאַרבראַכט דעם פריילעכסטן אָוונט. איך נעם זיך אָן מיט

מוט און מיט אַ פרייליכע מינע גיי איך אַרויף צום קלוב און שטודיר איין אַ רעדע וואָס איך האָב באַדאַרפט האַלטן פאַר זיי וואָס האָט מיך באַוואויגן צו ווערן אַ טראָצקיסט”...

* * *

„ווי נאָר איך האָב אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָבן מיינע אַמאָליקע כאַוויירים און כאַווערטעס מיך באַגריסט ווי אַ טייערן גאַסט, אַזוי ווי איך וואָלט זיך ערשט אומגעקערט פון אַ וויטע נסיעה. די מיידלעך זיינען מיך באַפאַלן און געקושט, די בחורים האָבן מיר צוגעטראָגן אַלערליי געטראַנקען און צובייסנס, די גדולה איז געווען זייער גרויס, ווי זיי וואָלטן געפונען אַ טייערן אוצר.

„איך האָב נישט געוואוסט אויף וואָס׳רע וועלט איך געפין זיך. איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן וואָס האָט פּאַסירט וואָס זיי זיינען צו מיר געוואָרן אַזוי פריינטלעך? איך האָב זיך אויפגעשטעלט און אָנגעפאַנגען האַלטן פאַר זיי מיין רעדע וואָס וועט זיי מאַכן נאָך פרייליכער ווען איך וועל זיי אָנזאָגן די גוטע בשורה אַז איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג אַז סטאַלין האָט פאַרראַטן די סאָציאַל־רעוואָלוציע, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד הערשט נישט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר פון אַ קליקע וואָס דינט די רעאַקציע, און בין געקומען צום שלום, אַז טראָצקי איז דער אמתער רעוואָלוציאָנער, און פון היינט אָן בין איך גע־וואָרן אַ טראָצקיסט, און דערפאַר בין איך צו זיי אַרויפגעקומען און זיך אָנשליסן אין זייער גרופּע...

„אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אין קלוב זיינען געוואָרן ווי פאַרשטיינערט, און פאַר אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ טויטע שטיל־קייט. פּלוצעם איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן און מיט־אַמאָל זיינען זיי אָנגעפאַלן אויף מיר אַז איך בין אַ פאַררעטער, און אַן אַגענט פון וואָל סטריט... עטלעכע בחורים זיינען צו מיר צוגעלאָפן און מיך גענומען פאַרן קאָלנער און אַרונטערגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ....

„איך בין אַרונטער אין גאַס אַ פאַרשעמטער און אַ באַליידיק־טער און נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָ איז פאָרגעקומען: אין אָנפאַנג האָב איך ביי זיך געטראַכט, אפשר האָב איך געמאַכט

זאכן צום לאכן

א טעות און גאָר געהאַלטן א רעדע פאַר סטאַלינען... ווען איך בין צו זיך געקומען פון דעם „שאָק" וואָס מיט מיר האָט געטראָפן אין קלוב, האָב איך זיך דערמאָנט יעדן וואָרט וואָס איך האָב געזאָגט וועגן דעם כאַווער טראָצקי: פאַרוואָס האָבן זיי מיך צוגעהרגעט און אַרונטערגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ?

„איך האָב די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און געהאַלטן אין איין טראַכטן פון דער פּאַסירונג יענעם אָוונט. ערשט אין דער פרי, האָב איך זיך דערוואוסט וואָס ס'האָט אין דער אמתן פּאַסירט: מיט א נאַכט פריער האָבן מיינע כאַוויירים אָפּגעהאַלטן א געהיימער פאַרזאַמלונג און אָנגענומען א דעקלאַראַציע, אַז טראָצקי איז א פאַררעטער צום פּראָלעטאַריאַט און זיך דערקלערט פאַר סטאַלינען.... און פאַרוואַנדלט דעם קלוב אין א ברענטש פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

„בלייבן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָב איך שוין מער נישט געקאָנט צוליב מיין רעדע אין קלוב קעגן סטאַלינען... איצט בין איך ווידער געבליבן א יתום און איינזאַם... אפשר האָט איר פאַר מיר אַן עצה?"